STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03766

YUDISHE NESHOMES

Samuel Hurwitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „פאלקסבילדונג“, ניו יארק.

א. ליטווין.

יודישע נשמות.

פערטע אויפלאגע

באנד 3

ליטא.

הויפט פערקויף ביי:
סטאר היברו בוק קא.
18 ארטשארד סטריט, ניו יארק.

Copyright 1917
by S. Hurwitz, New York

All rights reserved.

מיין פאַטער'ס און מוטער'ס אנדענקען געווידמעט.

אַריבּער די הונדערטער.

I. מרדכי „ירא שמים“.

מרדכי „ירא שמים“, דער הונדערט־אכט־יעהריגער סטאָלער, איז ביז הונדערט פיער יאָהר געשטאַנען ביי די בּודינקעס און געאַרבּייט מיט׳ן האַק. געלעבּט האָט ער אין דערזעלבּיגער אָרימער דירה, וואו ער האָט פאַרבּראַכט אַ האַלבּע מאה יאָהרען צוזאַמען מיט זיין אַלטער, וואָס איז געווען בּלויז מיט זעקס יאָהר יונגער פאַר איהם.

אָבער אויפ׳ן הונדערט פינפטען יאָהר האָט שוין די האַק ניט געוואָלט פאָלגען. באַלד דערנאָך האָבּען זיך גענומען בּונטעווען די פיס. מרדכי „ירא שמים“ איז דעריבּער געווען געצוואונגען אַריבּערצוקלייבּען זיך אין „מושב זקנים“, וואו מ׳האָט איהם צוגענומען און געהאַלטען מיט כבוד. וואָרום ער איז שוין לאַנג געווען בּעוואוסט, ניט בּלויז, אַלס עלטעסטער זקן אין ווילנא, נאָר אויך, אַלס מרדכי „ירא שמים“. די ווייבּ אָבּער האָט זיך נאָך גוט געקענט האַלטען אויף די פיס און אַרבּייטען מיט דער ווילקע אין אויווען. דעריבּער איז זי געבּליבּען אין דער היים און פלעגט אין אַ וואַרימען וועטער, צייטענווייז, קומען אין „מושב זקנים“ געוואָהר ווערען איהר אַלטען און בּרענגען איהם עפּעס אַ דער־קוויקענעס.

איך בּין בּעקאַנט געוואָרען מיט איהם איינינע מאָנאַטען פאַר

זיין טויט. בשעת ער איז געשטאָרבען, איז זיין ווייב דערביי ניט געווען.

מ׳האָט געפרעגט א שאלה ביי׳ן רב: צי זאָל מען איהר אָנזאָגען, מ׳האָט מורא געהאט, די טרויעריגע בשורה זאָל איהר ניט פטר׳ן. דער רב האָט ניט געהייסען אָנזאָגען באלד, נאָר שפּעטער אביסעל. די קינדער האָבען זיך ניט געקאָנט בעהערשען פון צער און האָבען איהר דאָך אויסגעזאָגט. און אפשר האָט זי זיך אליין אָנגעשטויסען אָן זייערע פערקלאָגטע פנים׳ער. זי האָט זיך געריסען געהן זעגענען זיך מיט איהם. מ׳האָט איהר ניט געוואָלט לאָזען.

— לאָזט מיך! האָט זי געטענה׳ט: מעהר ווי אכציג יאָהר האָב איך מיט איהם אָבגעלעבט, זאל איך ניט געהן זיך מיט איהם זעגענען?

מ׳האָט איהר געלאָזען. זי האָט זיך מיט איהם פיין צוזעגענט, קריעה געריסען, ווי דער דין, און האָט איהם צוגעזאָגט, אז אין גיכען וועלען זיי זיך זעהן.

אוועק פון בית עולם און געקומען א היים, האָט זי זיך, צוזאמען מיט די קינדער, געזעצט שבעה. אָבער ניט געוויינט און ניט גע׳טענה׳ט, ווי זיי, נאָר געווען רוהיג, געזעצט, אזוי ווי פריהער.

מרדכי „ירא שמים״ איז געווען ניט בלויז דער עלטעסטער יוד אין ליטא נאָר אויך אין פוילען.

וואו זשע און ווי אזוי האָט דער דאָזיגער יודישער ארבייטער גענר־מען זיינע קרעפטען, צו דערציהען צו אזא הויכען עלטער? און דערצווינגען ווי א „מאַלאָדיעץ״: „לא כהתה עינו ולא נס ליחו״—זיין אויג איז ניט דונקעל געוואָרען און זיין זאפט איז ניט אנטלאָפען—האָט מען אויף איהם געקאָנט זאָגען, ווי דער חומש זאָגט אויף משה׳ן.

אויפ׳ן קוק האט מען איהם מעהר ניט געקאָנט שאצען, ווי א יאָהר זיבעציג. די זיבעציג יעהריגע זקנים, וועלכע איהר טרעפט זעלטע אין דער יודישער גאס, זענען גרייז־גראָה, שוואך און געבראָכען אנט־קעגען זיי איז דער הונדערט און אכט יאהריגער סטאָלאר מרדכי שפּירא, געווען א העלד. די גראָהקייט איז ביי איהם געווען ניט קיין דורכיגע נאָר אדורכגעוואָרפענע. אין באָרד איז געווען א סך שווארצע

האָר. אין קאָפּ איז געווען מעהר שוואַרצע ווי גראהע. אפילו די לעצטע מאנאַטען פאַר זיין טויט איז ער געווען מונטער, לעבעדיג, גערעדט מיט גלייכווערטלעך. צוויי טעג פאַר זיין טויט האט ער געזאגט תהילים, געלייענט אַ צייטונג און אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק.

דער אַלטער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר „עין הרע". ער האָט אייך גלייך געזאָגט, וויפיעל ער איז אַלט, און האָט צוגעגעבען: מיין ווייב, זאָל געזונד זיין, איז אויך ווערט מעהר ווי אַ הונדערטער.

אין מושב זקנים, וואו ער האָט דערלעבט זיינע לעצטע יאָהרען, האָבען אַלע: אי די גבאים, אי די בעדינער, אי די שכנים פון זיין פּאַלאַטע, זיך פערהאַלטען צו איהם מיט גרויס רעספּעקט. מ'האָט איהם דאָ, אַזוי ווי אין שטאָדט, גערופען: מרדכי „ירא שמים". ער איז, אייגענטליך, ניט געווען קיין גרויסער פרומאַק. נאָר ער האָט צוגע־נומען אַלץ פאַר גוט. דאָס איז געווען אַ מין „נחום איש גם זו" וואָס פון איהם ווערט דערצעהלט אין דער גמרא, אַז ער האָט אויף אַלץ געזאָגט: „גם זו לטובה". נאָר אויף דעם אַליין איז דער אַלגעמיינער רעספּעקט צום זקן ניט געווען געבויט. דער עיקר האָט מען פאַר איהם געהאַט דרך ארץ צוליב זיין האַלטען זיך גוט. אַ זקן פון הונדערט און אַכט יאָהר—האָט ער זיך געהאַלטען ריין, נעט, האָט ניט געשפּייט אַרום זיך, ניט פערגאָסען, ניט געקרעכצט, ניט געלעגען צו פיעל. קורץ: דאָס איז געווען אַ מענש, פון וועלכע אַלע האָבען זיך אַ מוסר אַראָבגענומען.

— אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט—דערצעהלט מיר זיין זוהן בענציע דער סטאָלער—בין איך ביי איהם געזעסען, און האָב איהם געלעזען דעם ווילנער „טאָג־בלעטעל". דאָרט איז געווען געשריבען מכח דעם רוסישען פלאָט. „די רוסישע רעגירונג וויל פערמעהרען און פערשטאַרקען דעם פלאָט",—אַזוי איז דאָרטען געשטאַנען. איך בין געווען נישט זיכער, צו בענעהמט ער אָט דעם אויסדרוק. זאָג איך צו איהם: פּאָטער, דו ווייסט, וואָס איז דער אונטערשייד צווישען „פער־מעהרען" און „פערשטאַרקען"?—„יע"—מאַכט ער,—איך ווייס, ווי זשע! „פערמעהרען"—מיינט מען: בויען מעהר קריגס־שיפען; און

„פערשטארקען״ הייסט, אז די שיפען גופא זאלען האבען מעהר און בעסערע היל און געוועהר״...

— דעמזועלבען אווענד, — דערצעהלט מיר דער זוהן, — האב איך זיך אביסעל אבגעקעהרט פון איהם און גענומען ריידען מיט אן אלטען, א בלינדען, א שכן דעם פאטער׳ס אין פאלאטע. „רייד מיט עם ניט״! רופט זיך אב צו מיר דער פאטער. „וואס איז? פאר וואס״? — פרעג איך, פערוואונדערט. „פאר וואס ער איז א נאשער״, — מאכט דער פאטער פון זיין געלעגער, — ער נאשט ביי מיר אוועק דעם גאנצען תהילים... איך הייב אן א פסוק און ער ענדיגט, איך הויב אן און ער ענדיגט״.

מיר איז געווען אינטערעסאנט צו וויסען, וואס פאר אן ארט לעבען דער אלטער האט געפיהרט. זיין הויכען אלטער, האב איך געטראכט, האט ער געוויס געהאט צו פערדאנקען זיין בעזונדער לעבענס-פיהרונג. נאר צו מיין בעוואונדערונג האט מיר זיין ארט לעבען גארנישט געקענט ערקלערען. לויט ווי זיין זוהן זאגט, האט זיין אלטער פאטער אין זיין לעבענס-שטייגער זיך מיט קיין זאך ניט אויסגעצייכענט פון אנדערע יודישע בעלי מלאכות. ער האט געגעסען, געטרונקען אלץ — אחוץ קאלטע וואסער — געמאכט א שנעפסעל אין מיטען וואך — א גלעזעל; א יום טוב, א שמחה — צוויי דריי און — קיינמאל ניט שכור געווען. געטרונקען אמאל מיט „ברידער״ סטאלארעס א פלעשעל ביר, קוואס. טיי — ניט אפט. געגעסען דריי מאל א טאג אין די יונגערע און מיטעלע יאהרען, און צו דער עלטער נאר צוויי מאל א טאג. אויפשטעהן פלעגט ער פריה, אבדאוונען און כאפען עפעס אין מויל „פת שחרית״ אנבייסען הייסט עס. ביי נאכט, אדער פאר טאג, פלעגט ער אפט אוועק אין קלויז לערנען „משניות״ און זאגען „תהילים״ מיט „ברידער״ פון „חברה פועלים״. אט דאס איז גאר וועגען זיין פיהרונג.

ער האט נאך געקאנט, — זאגט דער זוהן — לעבען און לעבען. נאר מיינע צרות האבען איהם מקצר ימים געווען. א זוהן איז ביי מיר געשטארבען מיט אייניגע מאנאטען צוריק. א טייערער בחור, א גע־ראטענער (דערביי האט ער זיך שטארק פארנאנדערגעוויינט). דער

בחור איז ביי איהם געווען די אויג אין קאָפּ. אַלע פרייטאָג און שבת פלעגט ער צו איהם קומען, ברייגגען עפּעס, לייענען פאַר איהם א ציימונג. איז ער, דער זוהן מיינער, קראַנק געוואָרען אויף אַ טיפוס און געשטאָרבען. דער טאַטע האט נאָך איהם שטארק געבענקט. עס האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען אין קאָפּ און ער האָט זיך אוועקגעלעגט.

וועה האט איהם גאָרנישט געטאָן. „דער פערדעל עפּעס פלאָנ־טערט זיך",—האט ער געמעלדעט דעם זוהן, ווי זיין שטויגער מיט אַ גלייכווערטיל, בשעת יענער איז איהם געקומען געוואָהר ווערען, באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אוועקגעלעגט. דערנאָך האט ער זיך פערטראַכט און געזאָגט: „היינט האבען מיר חודש שבט. די באָבע „עליה השלום" איז געשטאָרבען אין שבט... מ'דאַרף זיך גרייטען אין וועג אריין"...

ער איז געלעגען אַ פּאָר וואָכען און געשטאָרבען אין שבט, דעם לעצטען טאָג פון חודש...

„אויפגעהאַלטען,—זאָגט דער זוהן,—האָט דעם טאַטען די מאַמע. זי האט איהם געהאָלפען האָרעווען דעם גאַנצען לעבען. האט געהאַנדעלט אין גאַס מיט גענז. אין שטוב—אויך געווען אַ גרויסע בריה. איהר געקעכטס איז געווען אַ מחיה צו עסען. איהר האָט געדאַרפט פערזוכען איהרע פלייש־קניידלעך, וואָס זי פלעגט איינבראָטען... אַ מאכל—זאָג איך אייך... דער טאַטע האט עס זעהר ליעב געהאַט. אין גאַס געהט זי שוין זעלטען ארויס, די מאַמע. נאָר זומער—אַז דער וועטער איז שעהן... אָבער אין שטוב זיצט זי אויך ניט אָהן אַמלאכה; כאַפּט זיך מאַכען לאָקשען... איהרע לאָקשען איז נאך איצטער אַמחיה צו עסען".

דער אַלטער איז געבארען געווארען אין ווילנא, חתונה געהאַט אין ווילנא, אבגעלעבט זיין גאַנצען לעבען אין ווילנא, געוואוינט פינף און פערציג יאהר אין איין דירה. ער איז אויפ'ן לעבען קיינמאל ניט קראַנק געווען. אין אַ משך פון איבער ניינציג יאָהר האט ער ניט אוועק־געלעגט פון האַנד זיינע געצייג: האַק, זעג און הובעל...

און אַחוץ זיינע ניינציג יאהר הארעוואַניע און ארימקייט, האט

דער סטאָלאר מרדכי „ירא שמים" דורכגעמאכט א לעבען בכלל, זעהר ניט קיין גלאטען, פערצעהן קינדער האָט איהם די ווייב געבאָרען, און פון זיי זענען געבליבען לעבען נאָר איין זוהן און איין טאָכטער. יעדעס מאָל ווען ביי איהם איז א קינד געשטאָרבען, האָט ער צוגענומען דעם שיקזאַל'ס קלאפ מוטיג: „ד' נתן וד' לקח", גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט גענומען, האָט ער, ווי איוב, געזאָגט.

נאָר זייענדיג שלום מיט גאָט, האָט ער פונדעסטוועגען ניט אָנגענומען אַלץ פאר גוט פון מענשען. גבירים האָט ער פיינד געהאט. איינער א גביר פאר וועלכען זיין זוהן, בענציע, האָט יאָהרענלאנג גע-ארבייט, האָט דעם זוהן אָנגעזעצט זיין גאַנצע האָרעוואַניע און פאָל-קאָם רואינירט. (דער זוהן האט געוויינט, ווי א קליין קינד, בשעת ער האָט דאָס דערצעהלט). דעם אַלטען האָט דאָס זעהר געקרענקט. נאָך דריי טעג פאר'ן טויט האָט ער דערמאָהנט די עולה פון דעם גרויזאמען גביר. „ער און זיינע קינדער" האָט ער בעדויערט, שוין ליגענדיג אויף זיין טויטען-בעט,—„ער און זיינע קינדער וואוינען אין זאלען, געהען אויסגעפוצט, ווי די גראפען, עסען און טרינקען פון דאָס שענסטע און פון דאָס בעסטע, און דו, מיין זוהן, דארפסט זיך מאַ-טערן אין אָרימקייט".

פרומע יודען און ווייבער פון שטאָדט פלעגען קומען צו איהם בענשען זיך. אפילו קריסטליכע פרויען. צווישען זיי אויך דעם גובער-נאַטאָר'ס ווייב. ער האָט איהר ארויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן קאָפּ און געבענשט.

אָט אַזוי איז געוועזען מרדכי דער סטאָלער, מרדכי „ירא שמים", דער עלטעסטער יוד אין ליטא און פוילען אין זיין צייט און איינער פון די מערקווירדיגסטע טיפען אין דעם רוסישען געטאָ. איך האָב געזעהען, ארום ווארשא, אַן אַלטען פוילישען פויער פון הונדערט און ניין יאָהר. ער האָט זיך נאָך געפאָרקעט מיט זיין האַק אויפ'ן הויף, ארום זיין כאַלופּקע. אָבער ער איז שוין געווען, ווי א קינד. ער האָט קוים וואָס גערעדט,—געצוויגען און מיט א זעהר שוואכער און מידיגער שטימע. מרדכי „ירא שמים" האָט בעהאַלטען זיין געזונדען פערשטאַנד

ביז דער לעצטער מינוט. עטליכע שעה פאר זיין טויט האט ער גע־בעטען דעם זוהן אנטאן איהם ריינע וועש: ערנסט, רוהיג און פייער־ליך האט ער געוואַרט אויף דער שטונדע פון זיין „איבערגעהן דעם גרעניץ". אין דעם פולען בעוואוסטזיין, אז ער האט ניט אומזיסט זיין לעבען פערלעבט. איבער נייצניג יאהר געארבײט מיט הובעל, האק און זעג.

II. ריזזע קלאַזזער.

ריזזע קלאַזער איז אלט געווען, בשעת איך האב זי געזעהן אין ווילנער „מושב זקנים", הונדערט מיט פינף יאהר. זי האט זיך אָבער זעהר גוט דערהאַלטען. אויפ'ן געזיכט האט זי אויסגעזעהן ניט מעהר, ווי א יאהר זיבעציג.

פאר איהרע יאהרען האט מען אין „מושב זקנים" גרויס דרך ארץ, און זי צוזאמען מיט מרדכי „ירא שמים" בעלאנגען צו דער אריסטאָקראַטיע פון דער „זקנים־שטעדטעל".

זי האט אפילו איהר גאנצען לעבען געהאָרעוועט, אָבער גע־האָרעוועט, אלס באלעבאַסטע. א קרעטשמערקע איז זי געווען נעבען נאָוואַלעקסאנדראָווסק, אין קאָוונער גובערניע. אכציג יאהר האט זי אָבגעהאַלטען א קרעטשים. האט געהאט גוטע פרנסה. „איך פלעג— דערצעהלט זי מיר—פאר אן אָווענד צו מאכען עטליכע פוד פיש, א חוץ קאָכען און באַקען".

חתונה געהאט האט ריזזע קלאַזער צוויי מאָל. מיט דעם ערשטען מאן האט זי אָבגעלעבט אכצעהן יאהר, מיט דעם צווייטען פערציג יאהר. ביידע מאנען זענען געווען לומדישע יודען און געהאָלפען האָרעווען, האנדלען. „איך האב—זאגט זי—ביי די מאנען חן געהאט: געווען אמאָל אי א שענע, אי א בריה".

די אַלטע האלט זיך ריינליך און סאַליד. זי רעדט שטיל,

ּמ דכי „ירא שמים"

לאנגזאם, ווי עס רעדט געוועהנליך אַ קלוגע יודישע „ווסטע באַלע־באָסטע". אַז די ארומיגע ווייבער פערקריכען אין די „ניין מאָס", שמייכעלט זי איבער זיי. „אַ יודענע — זאָגט זי — בלייבט אַ יודענע". אליין רעדט זי ניט פיעל; געהט נאָך גאַנץ פעסט; האַלט זיך זויבער. האָט ליעב צו דערצעהלען וועגען איהר אמאָליגע גדולה, וועגען איהרע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וואָס זי האָט אין אַמעריקא און וואָס זי וואָלט זיך זעהר וועלען מיט זיי זעהן, אי, ווי זי וואָלט וועלען!... זי האָט ליעב צו דערצעהלען ווי זי האָט געהאַלטען אייניקלעך ביי זיך אויף קעסט, ווי מ'האָט זי געפיהרט אין קארעטען צו די אייניקלעך'ס חופה. זי האָט געהאָרעוועט פאַר זיי, אָבער אויך כבוד געהאָט.

נאָך איהר צווייטען מאַנ'ס טויט איז שוין צוואנציג יאָהר. די קינדער זענען ביי איהר צושטאָרבען. בלויז אַ פּאָר זענען געבליבען און די זענען אָרים. אייניקלעך און אור־אייניקלעך האָט זי אַ סך, אָבער זיי זענען צו־וואָרפען איבער די גאַנצע וועלט. אין ווילנא האָט זי איין זוהן; ער איז אָרים, שוואַך און קראַנק. אפילו דער איין זוהן קען איהר ניט קומען אָפט געוואָהר ווערען. די אייניקלעך שרייבען איהר ניט, האָבען פערגעסען אָן איהר. יעדער האָט זיך זיין פּעקעל. זי איז עלענד און פערלאָזען. און דאָס קרענקט איהר מעהר ווי די פאַרעווע „קרופּניק פון מושב זקנים", ווי די „באַנאַדיעלנע" אין גאַנצען, צו וועלכער זי קען זיך ניט צוגעוואָהנען. פון איהר גאַנצער, כמעט הונדערט־יאָהריגער האָרעוואַניע און גדולה איז איהר ניט געבליבען אפילו אַ קאָפּיקע צו קויפען אַמאָל אַן עפּעל צו דערקוויקען זיך די הארץ; ניט געבליבען אַ מענש, וואָס זאָל אריינקומען און מיט אַ פריינדליך וואָרט דערקוויקען די נשמה...

יעדער מענש האָט זיינע יוגענד־חלומות. און די אַלטע לייט פון ווילנער „באַנאַדיעל" האָבען זיי אויך. איינזאַמע און פערוואָרפענע, זעהענדיג פאַר זיך טעגליך דעם טויט און האָבענדיג גאָר נישט צו ערוואַרטען פון לעבען, ווילט זיך זיי דאָך לעבען, און, ניט האָבענדיג קיין טרייסטענדע ווירקליכקייט, טרייסטען זיי זיך, ליגענדיג אויף די בעטלעך אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, מיט די חלומות פון דער יוגענד.

זיי האָבען זעהר ליעב צו דערצעהלען איינע די אַנדערע זייערע חלומות. אייניגע פון זיי האָבען זיך ניט געקענט אָבהאַלטען פון צו דערצעהלען מיר זייערע חלומות. ריווע קלאַווער האָט פון זיי געלאַכט: „אָט ס'אַרא נאַרישע יודענעס! חלומות דערצעהלען זיי איהם"...

פונדעסטוועגען האָט זי זיך אַליין ניט געקענט בעהערשען און האָט דערצעהלט מיר איהר'ן אַ חלום פון מיט עטליכע יאָהר צוריק. נע'חלום'ט האָט זיך איהר, אַז פון איהר זוהן איז אַראָבגעפאַלען די יאַרמולקע און האָט זיך צוריסען. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי געווען זעהר דערשראָקען. זי איז געווען איבערצייגט, אַז איהר זוהן וועט עפּעס טרעפען אַן אונגליק. „רבונו של עולם,—זאָג איך—(אַזוי דערצעהלט זי עס) אויב מיין זוהן איז עפּעס בעשערט שלעכט, טאָ זאָל זיין מיר! איז וואָס מיינט איהר?—ווענדעט זי זיך צו מיר מיט אַ טיף איבערצייגטער טריאומפירענדע מינע,—באַלד נאָך דעם האָב איך אָנגעהויבען צו שפּירען אַ ברעכענעס אין די הענד—דערביי ווייזט זי מיר איהרע דאַרע איינגעשרומפּענע פינגער—און זיי טוען מיר וועה ביז היינטיגען טאָג. און מיין זוהן—דאַנקען גאָט—איז געבליבען לעבען".

יהודית'ל, די פערכשופ'טע שענהייט פון אָשמינע.

(אַ טראַגעדיע פון אַ יונגען לעבען).

דאָס איז די איינציגע יונגע צווישען די אַלטע אין ווילנער „מושב זקנים״ מען רופט זי: „די פער'כשופ'טע שענהייט״. דאָס איז „איוב״ ווי דער געשטאַלט פון אַ פרויענצימער. מען האָט איהר צוגענומען אַ [illegible]ער פון מיטלייד צו דער גרויסער טראַגעדיע פון איהר לעבען. ווען איך האָב זי געזעהן, איז זי אַלט געווען אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג. זי ליגט שוין דאָ צוואַנציג יאָהר. אַ קינד פון פערצעהן יאָהר האָט מען זי אַ הער געבראַכט.

אַלע אַלטע פרויען, מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבען מיר אין איין שטים געזאָגט: „ווילט איהר זעהן „איוב'ס״ צרות, ווילט איהר זיך אַ מוסר אַראָבנעהמען, געהט אַריין אין יענער פּאַלאַטע, צו יהודית'לען, צו דער אָשמינער „פּאַרשוין״.

„יהודית'ל״ רופען זי נאָך יעצט אַלע, כאָטש זי איז שוין אַ מיידעל פון עטליכע און דרייסיג יאָהר. מען זאָגט „יהודית'ל״ מיט אַ מאָדנע ליבשאַפט. זי איז די איינציגע, צו וועלכע אַלעס אין אָט דער אַנשטאַלט איז פול מיט ליעבע און צערטליכקייט.

די אַלטע לעבען בכלל דאָ ניט גוט צווישען זיך. זיי קלאַגען זיך אַליין און קענען בעסער ניט מאַכען. מען זידעלט זיך אָפּט, מען קריגט

זיך, מען איז פול איינע צו די אנדערע מיט קנאה און שנאה.

פאַרוואָס? פאַר אַ גרעסערען שטיקעל ברויט, פאַר אַ גרעסערע בולקיג, אָדער חלה'לע ערב שבת, פאַר אַ גרעסערע, אָדער—ווי זיי דוכט זיך—בעסערע טעלעריל קרופניק, שטיקעל קוגעל. פאַר וואָס דעם ברענגען קינדער, אייניקלאך, פריינד עסען—זאכען, אַ נאַשעריי, אָדער קליינגעלד, און אנדערע ניט. דעם דוכט זיך, אַז די אויפזעהער זענען צו יענעם בעסער, אָדער דאָס איז טאקע ווירקליך אַזוי. און דעריבער איז מען איינער מיט דעם אנדערן „פייער מיט וואסער". דער אלגעמיינער עלענד פערבינדט זיי ניט. ס'איז אויך פאַראַן אַזוי ווי דאָרטען, אין דער אויסערליכער וועלט, שטאַרקערע און שוואַכערע, עלטערע און יונגערע, געזונדע און קרענקליכע, אַזעלכע וואָס בעקומען שטיצע פון דער היים און גאָר עלענדע, אָרימע און פערלאָזענע. יעדער לעבט פאַר זיך. יעדער ווייכט אויס צו העלפען דעם אנדערן אפילו מיט אַ ביסעל מיה. מען איז גלייכגילטיג צו יענעמ'ס קרעכצען, צו יענעמ'ס לייזען, אפילו ווען דאָס איז דער נאָהענטסטער שכן אין דער פּאַלאַטע. אַזוי האָט זיך מיר געקלאָגט דער פערוואַלטער. דאָס זעלבע האָבען בעשטעטיגט די אַלטע אַליין.

נאָר „יהודית'ל" איז אַנ'אויסנאַהם. צו איהר פיהלען אַלע—פון בעז'ינער ביז די עלטעסטע און שוואכסטע און סאַמע בייזע און פעו ביטערסטע זקנות—גרויס ליעבע און צערטליכקייט. „פויגעלע מיינע" זאָגט צו מיר אַנ'אַלטע—מיר האָבען דאָך אַלע עפּעס פאַרט געהוזט יוגענד, פערזוכט אַמאָל פון לעבען, געהאַט אַמאָל אַ רוהיגע, אַ פרעהליכע שעה, און זי האָט נאָך ניט געפּרובט לעבען. פון פערצעהן יאָהר' אָן אין איוב'ס יסורים...

צוואַנציג יאָהר, אַז יהודית'ל ליגט דאָ אויפ'ן בעטעל פּאַראַליזירט די הענד מיט די פיס. און—אַ צוגאָב נאָך דערצו—בלינד אויףביידע אָפענע אויגען.

— פון אַ כשוף איז דאָס איהר געקומען—ערקלערען מיר די אַלטע ווייבער. פּלוצלינג האָט דאָס איהר אָנגעכאַפּט... זי איז געזעסען און פאַרבראַכט ביי בעקאַנטע אין איהר שטעדטעל, אין אַשמינע...

מיט חבר׳טעס... א קינד פון פערצעהן איז זי דעמאָלט געווען... א פּאַרשוין איז זי געווען, א חכמה, א געראָטענע, איינע אין דער וועלט... מען פלעגט לויפען אויף איהר קוקען, ווי אויף א וואונדער... ביי די עלטערן איז זי געווען די מוזינקע, די נשמה איז זי געווען ביי זיי.

איהר וועט מיר גלויבען—זאגט צו מיר איין אַלטע—איך בין שוין דאָ ניין יאָהר, איז בשעת איך בין א הער געקומען, ניין יאָהר צוריק, און זי איז שוין געלעגען אָט אזוי אויפ׳ן בעטעל, עלף יאָהר געלעגען, אָבגענומען הענד און פיס און בלינד... איז איהר פּנים ניט געווען איינצוקוקען זיך... זי האָט געלויכטען ווי די זון, ווי דער ליכ־טיגער מאָרגענשטערן... איך זאָג אייך: אויף חדושים פלעגט מען געהן קוקען א הער... און איצטער אפילו... קומט צו נעהענטער... קוקט זיך איין...

די פרוי וועלכע האָט מיט איינינע מינוטען פריהער געקאָרמעט איהר אין מויל מיט לעפעל, האָט מיך צוגערופען צו יהודית׳לס בעטעל. עס האָט געשיינט, אז זי האָט גענומען אין איהר מעהר אנטייל, ווי אלע. האָט איהר געליבט מיט א ליעבע, געמישט פון ריין מוטערליכער צערטליכקייט און טיפען מיטפיהלען צו איהרע ליידען.

— דער הער—האָט זי זיך געווענדעט צו דער ליידענדע... דאָ איז פאַראַנען א הער, וואָס וויל מיט דיר, יהודית׳ל, עפּעס ריידען... ווילסט איהם ענטפערן?

— וואָס איז? וואָס דאַרף ער מיט מיר ריידען? האָט יהודית׳ל געענטפערט שמערצליך און כמעט בייז, קאָרטשענדיג זיך אין די ליידען, צו וועלכע זי איז, איבריגענס, געוואוינט געוואָרען.

— איך האָב איהר ערקלערט, אז איך בין געקומען אהער געוואָהר ווערען די, וואָס געפינען זיך דאָ, און וויל וויסען ווי זיי לעבען.

— אזוי, אזוי? האָט זי געענטפערט גלייך אומבייטענדיג איהר שטימונג און א קינדישער שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף איהרע ליפּען.—זעהר גערן, איך דאַנק אייך זעהר,—נו, ווי געפעלט אייך עפּעס מיין לעבען? איך האָב מיך איינגעקוקט אין איהר פּנים. אזא טיפּישען פרויען געזיכט האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן. טיף שוואַרצע

האר, קורץ געשאָרען, ווי ביי די רוסישע סטודענטקעס, האָבען בעזוימט איהר געזיכט און האָבען איהם געגעבען אַנ׳אויסזעהן ווירקליך פון אַ רוסישע קורסיסטקע. דער פּנים איז געווען רונד, קלאָר, רויט און פריש, ווי פון אַ געזונדען ענערגישען מענשען. די אויגען זענען געווען אָפען, און קוקענדיג אויף זיי עטוואָס אַן אַ זייט, האָט מען בשום אופן ניט געקענט וויסען, אַז דאָס איז אַ בלינדע. זיי גיבען אַנ׳אויסדרוק פון אינטעליגענץ דעם גאַנצען פּנים. בכלל, קוקענדיג אויף איהר איז געווען אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, אַז דאָס ליגט אַ פּאַראַליזירטע פרוי, וואָס איז צוואַנציג יאָהר צוגעשמידט צום בעטיל. אין אמת איז די גאַנצע פרישקייט און איבערפלעכליכע געזונדקייט געווען ניט מעהר, ווי אַ בעטריגעשער שיין.

„דער גאַנצער קערפּער איהרער איז צוטרוסניאָוועט״ פון ליגען, פון יסורים; די קלענסטע צוריהרונג טוט איהר וועה—האָט מיר געזאָגט די יודענע, וואָס האָט מוטערליך ארום איהר געפּאַדערט,— מען וויים ניט, ווי אַזוי האַלט זיך איין איהר די נשמה?״.

די פּאַראַליזירטע האָט ניט געוואַרט אויף מיין ענטפער און האָט מיט דעמזעלבען שמייכעל אויף די ליפּען ווייטער געזאָגט:

דער אַלמעכטיגער האָט מיר איינגעטיילט אַלע בעסטע חלקים... איהר זעהט?.. בעסער פון אַלעמען... איך האָב צו איהם גאָר נישט... צום אַלמעכטיגען... געזונד זאָל ער זיין... נאָר בעסער זאָל ער ווערען...

זי האָט עס געזאָגט מיט אַ הומאָריסטישער גוטמוטיגקייט, אָהן אַ שום ערביטערונג, אַזוי ווי מ׳רעדט וועגען זעהר אַנ׳אָנגעזעהענעם אָבער נאָהענטען מחותן, מיט וועלכען מען ערלויבט זיך צו זיין „פּאַני־בראַט״ און אַמאָל איהם אַ שטאָך טאָן, ניט חלילה מיט אַ שלעכטען מיין, נאָר פּשוט, צו ווייזען די פאַמיליאַריטעט, די חברותא מיט׳ן „געהויבענעם מחותן״. און באַלד טאַקע האָט יהודית׳ל געוויזען, אַז זי איז מיט דעם „אַלמעכטיגען״, וואָס האָט איהר איינגעטיילט די „בעסטע חלקים״ גאָר ניט קידער־ווידער, נאָר פאַרקעהרט: „אדרבה ואדרבה״...

בשעת איך האָב מיר אָבגעקעהרט ריידען מיט די איבריגע

אלטע פון דערזעלבער שכנ'ישע פּאַלאַצע, האָט זי מיט גרויס אָנ־שטרענגונג אויפגעלעגט די האַלב פּאַראַליזירטע פינגער און איהרע ליפּען האָבען עפּעס פרום און התלהבות'דיג גענומען שעפּטשען.

— דאָס זאָגט זי פּסוקים פון תהילים, פון דאַוונען, פון בענשען, פון חומש—הייליגע פּסוקים, וואָס זי הערט, מען זאָגט ארום איהר, און וואָס זי געדענקט פון קינדוויז—האָט מיר די אַלטע דערצעהלט. איהר מיינט, זי וועט עסען אָהן א ברכה? אָהן געוואַשען? אזא כשרה נשמה... אַ פּקחית, זאָג איך אייך! מיט איהר צו ריידען!.. ווי מיט'ן גרעסטען רב!..

און ניט קימערענדיג זיך מעהר וועגען דעם, וואָס טוט זיך ארום, האָט די „פּער'כשופ'טע שענהייט" מיט אַלץ אַ גרעסערע התלהבות געריבען די פינגער איינע אָן די אַנדערע, אויפגעדריקט די בלינדע אויגען, אזוי אריינקוקענדיג טיף אין זיך, ענטדעקט עפּעס זעהר אינ־טערעסאַנטעס און מערקווירדיגעס. איהרע ליפּען האָבען אימער געשעפּטשעט ווערטער, פּסוקים, עפּעס מאָדנע, אונבעגרייפליכע... איך האָב בשום אופן ניט געקענט כאַפּען אַ בעקאַנטען קלאַנג, אַ בע־קאַנטע זילבע... עס האָט אויסגעזעהן, אז זי האָט אַליין אויסגעפונען עפּעס אַ שפּראַך, טענה'ט זיך אוים מיט'ן „אַלמעכטיגען"...

„טענות" האָט זי צו איהם חלילה ניט. זי האָט איהם שוין לאַנג מוחל געווען. איהר שפּראַך איז געווען אַ מין ליבשאַפט־געשפּרעך. אַלע שטריכען פון איהר געזיכט האָבען אויסגעדריקט אַ מין ליבליכע־ענט־ציקונג, אזוי ווי זי וואָלט דערגאַנגען דעם סוד, פאַרוואָס מענשען לעבען און ליידען און דער סוד וואָלט איהר געשיינט זעהר אַ וויכטיגער און אַ שענער.

— אַ חורבן,—האָט די יודענע צוגעוואונקען קוקענדיג אויף יהודית'ן מיט אַ טיפען שמערץ, פון אַ כשוף איז דאָס איהר געקומען! אַ פאַרשוין, אַ גערעטענעס איז דאָס געווען! שונאים, זאָגט מען, האָט דער טאַטע איהרער געהאַט, האָט מען איהר אַ כשוף אריינגעטאָן... פון העלער הויט, פּלוצלינג איז דאָס איהר געקומען... וואָס איהר טאַטע און מאַמע האָבען ניט צו טאָן—עס האָט גאָר ניט געהאָלפען!

וואו איז מען ניט אויסגעוועזן? ביי טאַטערען איז מען געווען, ביי מכשפים; להבדיל, ביי גוטע יודען אויסגעוועזן, ביי די גרעסטע דאָק־טוירים... גראָזען, קמעות, רפואות געגעבען איהר—עס האָט גאָר נישט געהאָלפען. דער טאַטע און די מאַמע זענען יונגע פון דער וועלט אוועק פאַר צרות... ביידע... האָבען ניט געקענט אריבערטראָגען דעם חורבן; פון דער גאַנצער שטוב איז געוואָרען אַ תל... און זי לעבט.—אַ לעבע־דיגער חורבן...

אַדיע, אַדיע, מוטעריל.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט מאָטע הירש געשלאָסען זיין לעצטען בריף צו זיין מוטער מיט צוועלף יאָהר צוריק, און מעהר שרייבט ער ניט. מאָטע הירש וואוינט אין ניו־יאָרק. דאָרט רופט מען איהם געוויס מאַקס אָדער הערי. ער האָט דאָרט אַ „סטיישאָנערי", אָדער אַ „קענדי סטאָר". זיין מוטער איז אין ווילנא אין „מושב זקנים". זיין מוטער חאַסיע בעקער דענקט ניט אַנדערש, אַז איהר זוהן איז אויף איהר ברוגז און נעמט זיך דאָס זעהר צום הארצען.

— פאַרוואָס קען ער זיין אויף אייך ברוגז? — האָב איך געפרעגט

—איך ווייס ניט, האָט מיר די אַלטע געענטפערט. איך קלער, אז דערפאַר, וואָס איך האָב ביי איהם קיין געלד ניט געוואָלט נעהמען. ער האָט מיר געוואָלט שיקען אַלע חודש געלד, האָב איך איהם געשריבען, ער זאָל ניט שיקען. ביז דעמאָלט פלעגט ער מיר שרייבען אָפט, נאָר ווי ער האָט בעקומען מיין בריף, אז איך וויל קיין געלד ניט, האָט ער מיר געשריבען איין בריף, אַנ'ענטפער, האַלב אַליבשאַפטליכען, האַלב אַ ברוגזין „אַדיע, מוטעריל! דו וועסט שוין מעהר פון מיר קיין בריף ניט האָבען... אַדיע, אַדיע, מוטעריל!" און מעהר האָב איך פון איהם קיין בריף ניט. וואָס איך האָב ניט געשריבען צו בעקאַנטע, צו איהם אַליין—גאָר ניט, קיין שום תשובה ניט! איך ווייס גאָר ניט, וואָס מאַכט ער? וואָס מאַכט זיין ווייב זיינע קינדער? צי לעבט ער?

— פאַרוואָס האָט איהר ביי איהם קיין געלד ניט געוואָלט נעהמען? האָב איך די אַלטע געפרעגט.

— אַז איך דאַרף ניט; איך האָב, דאַנקען גאָט. איך האָב איין זוהן אין לאָדז, צוויי טעכטער אין אַרגענטינא. מיין איידעם איז דאָרט אַ דאָקטאָר. דער לאָדזער זוהן פלעגט מיר שיקען אַלע חודש, און די טאָכטער פון אַרגענטינא אויך. מיר איז גענוג. וויפיעל דאַרף איך דאָ האָבען? איין מענש... וואָס דאַרף איך נאָך ביי איהם פאַרנעמען... האָב איך איהם געשריבען: מיין זוהן, דו פערדינסט דאָך ניט קיין טויזענדער. אָט, זעה, גיב בעסער אויף זיך אויס. איך דאַרף ניט. מיר איז גענוג... איז ער, מסתמא, דערפאַר ברוגז: למאַי ביי יענע קינדער נעהם איך און ביי איהם ניט.

די לעבענס־געשיכטע פון אָט דער חאַסיע בעקער איז זעהר אַ טרויעריגע. זי האָט אַמאָל געלעבט רייך; איהר מאַן איז געווען אַ פאָדראַטשיק. ער האָט איהר געוואָרפען און איז אַוועק מיט אַנ'אַנ־דערער. ענדליך האָט זי ביי איהם גענומען גט. כל זמן זי האָט געהאַט כח, האָט זי געטאָן עפּעס: געקויפט, פערקויפט אַלטע זאַכען. דער־נאָך, אַז די קינדער זענען צופאָהרען, און זי האָט מעהר קיין כח ניט געהאַט צו האָרעווען, איז זי אָנגעקומען אין „מושב זקנים“. זי איז אין שטאַנד צו דינגען אַ צימער און וואוינען פאַר זיך. איהר האָט געטריבען אהער ניט די אָרימקייט, נאָר די איינזאַמקייט. די וואָס האָט טיף געליטען אין איהרע אינניגסטע געפיהלען אַלס ווייב און מוטער האָט זיך צוגעבונדען מיט איהר גאַנצער בעליידיגטער נשמה צו איהר אונ־גליקליכער שכנה יהודית'ל, דער פערכשופ'טער שענהייט פון אָשמינע. רק זי פאַדעט אָרום איהר, גיט איהר אין מויל אַריין, דעקט איהר צו, פעררייבט איהר דעם געלעגער. און יהודית'ל, בשעת עס געהט איהר אָב פון איהרע יסורים, פיהלט זיך, ווי אַ געפיעסטעטע קינד, ווי דאַן, בשעת, אַ מיידעלע פון דרייצעהן יאָהר, איז זי נאָך געווען ביי טאַטען און מאַמען די צערטליך געליבטע מיזינקע.

אזוי ווי דער „וואַלד־סוחר“ אין דער מאַנסבילשער פאַלאַטע איז דער איינציגער „בורזשוא“, איז חאַסיע בעקער אין דער ווייבערשער

פאַלאַטע די איינציגע „בורזשויקע". נאָר יענער האָלט זיך מעהרסטענס פאַר זיך, האַנדעלט מיט קיינעם ניט, אַחוץ זיינע צוויי נאָהנטסטע שכנים. די פּראָלעטאַריער פון די פאַלאַטעס קוקען אויף איהם דער־פאַר קרום, ווי אויף אַ פּריווילעגירטען. דאָס קימערט איהם אָבער ווייניג, ווייל ער האַלט זיך אָבגעזונדערט. ניט אַזאַ מענש איז אָבער חאַסיע בעקער. זי בעזיצט אַ סך ענערגיע; האָט ליעב צו האַוועז, שמייען, צו פערברייננען מיט די ווייבער. אויסברייזנענדיג איהרע „ניי־מאָס", האָט זי ליעב צו דערמאָנען איהר אַמאָליגע גדולה: איהרע גרויסע זילבערנע לייכטער, איהרע דימענטענע רינגען, איהר גילדער־נעם זייגער מיט דער קייט, איהרע טייערע סאַמעטענע מעבעל, און שפּיגלען ביז׳ן באַלקען... די ווייבער זענען איהר מקנא איהר פאַרגאַנ־גענהייט, באַטש זי דערצעהלט ניט פון גאוה ווענען, נאָר פשוט: אויסצורעדען די האַרץ. זיי האָבען איהר פיינד, קריגען זיך מיט איהר, מאַכען אָן פליאַטקעס און צרות. מאַטעריעל איז איהר נאָך איצט אויך בעסער, ווי אַנדערע, ווייל זי בעקומט שטיצע, מאָראַליש אָבער איז זי די אונגליקליכסטע יודענע אין „מושב זקנים". איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך האָב בעקאַנטע אין אַמעריקאַ און עס קען זיין, אַז מ׳וועט אויסגעפינען איהר זוהנ׳ס אַדרעס. די אַלטע האָט זיך געוואָלט אַוואָרף־טון מיר קושען די הענד. „אַז איך וואָלט וויסען, אַז ער לעבט"— טענה׳ט זי—וואָלט איך איהם געשריבען און איבערגעבעטען.

אַ יודענע-אַ מלמד.

לאה נעפט איז געווען אמאָל אַ פּאַרשוין. דאָס זאָגען עדות איהרע שכנות פון די ארומיגע בעטלאָך אין דער פּאַלאַטע, וואָס האָבען איהר געקענט פון אמאָל. זי אַליין געדענקט דאָס אויך, כאָטש זי איז שוין פערצעהן יאָהר בלינד. נאָך יעצט האָט זי ליעב צו דערמאָנען איהר אַמאָליגע שענקייט מיט אַ קרעכץ. געקומען איז איהר די בלינד־קייט, לויט איהר אייגענער טיעפער איבערצייגונג, פון „עין הרע“, נאָך אַ קינפּעט. קינפּעטען אין איהר לעבען האָט זי געפּראַוועט זיבען, נאָר פון זיי האָט זיך איהר גאָר נישט אָבגעשטעלט. „זיבען קינדער געהאַט — זאָגט זי — און אַ מאַד געבליבען“.

איהר מאַן איז געווען אַ האַלבער בעל מלאכה, אַ האַלבער לערנער און אין גאַנצען אַ שלימזל — האָט צו גאָר נישט געטויגט. האָט זי געמוזט פאַר איהם קנעלען און איהם מפרנס זיין. זי איז געווען אַ „וואויל געלערנטע“. איז זי געוואָרען אַ „רעבעצין“, און האָט פונפצעהן יאָהר געקנעלט, אמאַל מיט מיידלעך און אמאָל מיט יונגלעך, ביז זי איז בלינד געוואָרען. „איך האָב שוין געפּרובט אָבלערנען מיט יונגלאָך — זאָגט זי מיט שטאָלץ — אַ פּרשה חומש אויך“...

„די גליקליכסטע“.

אויב אלע איינוואוינער פון ווילנער „מושב זקנים“ זאל מען רעכענען פאר די „גליקליכע“ אין דער יודישער גאס, איז חנה נאחומאוו געווים די „גליקליכסטע“. פארוואס? דאס וועט דער לעזער באלד זעהן. אויב דער גליק וואלט בעשטעהן אין הארעווען, האט חנה שוין דערמיט אליין געקענט זיין גערעכענט פאר דער גליקליכסטער פון אלע יודישע ווייבער. ווארום איך ווייס ניט, ווער פון אלע יודישע ווייבער האט געהארעוועט אזוי פיעל ווי זי. ערשטענס האט זי געטראגען פערציג יאהר נאכאנאנד ווילנער באלעבאטים וואסער. דאס, אייגענטליך, וואלט שוין אליין געווען גענוג. אבער חנה האט זיך דערמיט ניט בעגוגענט. וואסער האט זי געטראגען ביי טאג, ביי נאכט האט זי געהאט נאך אנ׳ארבייט: זי האט געמאהלען אויף א האנד—מיהל גרויפען. א חוץ, פערשטעהט זיך, דער געוועהנליכער ארבייט —טראגען, האבען און האדעווען קינדער, וואשען גרעט און קאכען ווארמעס. חנה איז אלט געווען, בשעת איך האב זיך מיט איהר בעקענט, אכציג יאהר. אז מען זאל רעכענען, אז אויף אזוי פיעל ארבייט, וואס חנה האט צו טאן, דארף מען, וועניגסטענס, האבען דריי ווייבער, קען מען זיכער זאגען, אז חנה האט אבגעלעבט ניט אכציג, נאר צוויי הונדערט און פערציג יאהר.

אייגענטליך איז זי ניט געווען די איינציגע שפייזערין פון דער

געזינד. איהר מאַן האָט אויך געאַרבייט. ער איז געווען אַ האַלץ-זעגער. און אַזוי האָרעווענדיג ביידע, האָט זיי טאַקע „גאָט געהאָלפּען"—און זיי האָבען אויסערען שטאָדט געקויפט אַ כאַלופּקע, וועלכע זי האָט נאָך געהאַט ביז מיט דריי יאָהר צוריק. „ווען די שטיבעל, זאָגט זי, וואָלט נאָך געווען גאַנץ, וואָלט איך דאָ ניט געווען". נאָר די שטיבעל האָט אָבגעברענט און איהר איז געבליבען דער הוילער פּלאַץ. דער פּלאַץ איז ווערט אַ פּאָר הונדערט רובל, נאָר זי וויל איהם ניט פאַר־קויפען. אַנ'אייניקעל האָט זי, אַ דערוואַקסענע מיידעל, וועט דאָס זיין, זאָגט זי, פאַר איהר אויף נדן.

פון אַלע איהרע קינדער איז איהר נאָר איין טאָכטער געבליבען. געבליבען אויף צרות. וואָרום די טאָכטער האָט געהאַט אַ סך קליינע קינדער, וועלכע געהען נאַקעט און באָרוועס, בעטען עסען, און זי האָט זיי ניט וואָס צו געבען. דער מאַן איהרער איז אפילו אַנ'אַרבייטער, אַ מוליער, נאָר אַ גרויסער פוילער און אַ שכור. פערדינט ער עפּעס — פערטרינקט ער. קומט ער אַ היים—מאַכט ער נאָך איהר דעם טויט. קומט זי שבת צו דער מאַמען—קלאָגען זיך ביידע אויס אויף איהרע צרות.

איבעריגענס העלפט איהר די מאַמע ניט בלויז מיט טרערען. יעדען טאָג שפּאָרט זי אָב אַ העלפט פון איהר פּאָרציע ברויט, וואָס ווערט איהר אַרויסגעגעבען, און בעהאַלט דאָס אונטערן קישען. אַז די טאָכטער קומט, גיט זי דאָס איהר אַוועק פאַר די קינדער.

חנה נאַחומאַווו איז אַלזאָ ניט אומזיסט די „גליקליכסטע". אַלעמען, וואָס געפינען זיך אין „מושב זקנים", ברענגען קינדער, פריינד, בעקאַנטע עפּעס אונטער; און זי העלפט נאָך פון דאַנען דער טאָכטער.

איהרע שכנות, די אַלטע, האָבען מיך געבעטען איך זאָל קיינעם ניט דערצעהלען, וואָס זי גיט אַוועק דער טאָכטער אַ העלפט פון איהר ברויט. די באַלעבאַטים פון „מושב זקנים" טאָרען—זאָגען זיי—דערפון ניט וויסען, זיי וועלען שרייען... חנה האָט פאַר מיר ביטער געוויינט. געוויינט האָט זי ניט דערפאַר, וואָס די פערציג יאָהר וואַסער טראָגען

ביי טאָג און גרויפּען מאָהלען ביי נאַכט האָבען איהר ניט געראַטעוועט פון אזא סוף. נאָר דערפאַר, וואָס זי איז בלינד. בלינד געוואָרען איז זי ערשט פאַר ימים־טובים, מיט א האַלב יאָהר צוריק. פּלוצלונג איז דאָס איהר געקומען. זי ווייס ניט פון וואַנען. דער וועהטאָג איז נאָך פריש און זי קען ניט פאַרטראָגען די פינסטערנים. אז זי וואָלט ניט געווען בלינד, זאָגט זי, וואָלט זי דאָ ניט איינגעזעסען. זי וואָלט נאָך עפּעס געטאָן, אונטערצוהעלפען דער טאָכטער, צו פערגרינגער׳ן איהר ביטערן מזל.

יודישע פאלקס-קינסטלער.

דער לעצטער פורים-שפּילער.

ביי אונזערע שרייבער פונ׳ם פאָלקסלעבען, דינעזאָן און „שלום עליכם“, געפינען מיר שענע בילדער געמאָלט פון אונזערע פורים־שפּילער און זייער היימישער ספערע. זיי זענען אבער שטארק צוגעפארבט בעלעטריסטיש. איך האָב געוואָלט, אויף מיין שטייגער, בעקאנט ווערען מיט׳ן פורים־שפּילער, שאפען זיך אליין און זיין אין שטאַנד צו געבען די לעזער א בילד פון דעם דאָזיגען טאַטען פונ׳ם יודישען אקטיאָר, אויפגענומען ניט בעלעטריסטיש און ניט פאָטאָגראפיש, נאָר, אזוי צו זאָגען, קינעמאַטאָגראפיש: ווי ער שטעהט און געהט, אין זיין וואָכעדיגען לעבען און פורים׳דיגען שפּיל.

זעהר, זעהר שווער איז דאָס מיר אָנגעקומען. וואָרים לייכטער איז צו בעקומען אן אינטערוויו מיט א רוסישען מיניסטער, ווי מיט א אידישען פורים־שפּילער. וואָס און ווי אזוי א שטייגער וועט איהר איהם דערקלערען אייער פערלאנג? ווי אזוי וועט איהר קענען געווינען זיין צוטרוי, ער זאָל אונגעצוואונגען און נאַטירליך ארויסגעבען פאר אייך ניט בלויז וואָס ער קען, נאָר אויך וואָס ער איז?

איבריגענס, וואָס דער פורים־שפּילער איז וועט איהר ביי איהם קיין מאָל דירעקט ניט ארויסקריגען. פשוט דערפאַר, וואָס ער וויים אליין ניט וואָס ער איז. ער איז דאָס וואָס עס מאכט זיך. אין אלגעמיין איז ער א „גאָס־מענש“, נאָר אונטער דעם

בעגריף „גאָס־מענש" נעהמט אריין א יוד פון „נאָווגאָראָד" (ווילנער פאָרשטאָדט, וואו עס וואוינען די מענשען פון „דעק") די פערשיידענסטע טאַלאנטען און פּראָפעסיעס. אמאָל איז ער אַ טרעגער, אמאָל א הענדלער, אמאָל א נדבות־קלייבער, און, ניט זעלטען, א ספּעציאַליסט אויף „קעשענע־ביזנעס". ניט גאָר זעלטען טרעפען זיך אויך אָט די אלע טאַלאנטען פערייניגט אין איין פערזאָן. וואָס אָנבעלאנגט די פּורים־שפּילעריי, איז דאָס, אזוי צו זאָגען, א סעזאָן־פּרנסה, וואָס טרעפט איין מאָל אין יאָהר.

דער פּורים־שפּילער אליין קוקט אויף זיין „בערוף" זעהר פּראַקטיש. „היינט איז פּורים, מאָרגען איז אויס, גיט מיר אַ גראָשען און וואַרפט מיך ארויס". — דאָס איז דער שטענדיגער צושפּיל פון זיין פּורים'דיגער קאָמעדיע. א חוץ דעם גראָשען מיינט ער, פערשטעהט זיך, אויך א כוס'ע און א שטיק המן־טאַש צו פערבייסען. איך קען ניט ערוב זיין, אז ווען עס ווערט עפּעס אוועקגעלעגט שלעכט ביי איהם אונטער האנד, זאָל ער דאָס ניט אריינפּאַקען אין קעשענע. און טאַקע צוליב דער דאָזיגער „האנד־ארבייט" ווייס ער, אז ער איז ניט גאָר קיין אָנגענומענער גאַסט, און וואוהין ער קומט האָט מען שטאַרק חשק איהם ארויסצוואַרפען.

פונדעסטוועגען, אז איהר ווערט בעקאַנט נעהענטער מיט'ן פּורים־שפּילער, בעמערקט איהר, אז ניט נאָר די „גשמיות" איז ער אויסען. א פאַקט איז, אז די פּורים־שפּילעריי ליגט אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל אין איין פאַמיליע. דאָס איז א מין ירושה, וואָס געהט איבער פון דור צו דור.

אַמעריקא האָט, ווי אומעטום, אין אידישען לעבען, דאָ, אין פּורים־שפּיל, אויך אָנגעמאַכט א חורבן. ס'איז שוין יעצט זעהר שווער אויפצוקלייבען אויף דער שפּיל א פולען קאָמפּלעקט. עס זאָל ניט פעהלען אי „אחשורש", אי „מאָנדרעכאי" אי „המן", אי „ושתי'", אי דער „קאַנצלער", אי דער כאָר, וואָס מוז בעשטעהן, אין א גוטען אופן, פון צוועלף פערזאָן. יעדענפאַלס אָבער, ניט ווייניגער פון זעקס מאַן. קוים, מיט צרות, קען מען

איצט אויפקלייבעז דריי פארשויז, און מיט ד י קעז מעז שויז קיין גרויסע פארשטעלען ניט מאכען.

איך האב קוים געקריגען דעם „קאנצלער", דעם „אנטרעפרעניאר" און רעכטען העלד פון פורים־שפיל, איז דאס נאך א סך זוכענעס. און צוגעקומען בין איך צו איהם דורך מיינעם א בעקאנטענס א בעקאנטען פון נאוואראד (די זעלבסטפערשטענדליכע רעזידענץ פון דעם פורים־שפילער) צו דעם בעקאנטען פון זיין בעקאנטענס א בעקאנטען. דער אויסרייד איז געווען א גאנצער שווינדעל, וועלכער האט זיך שווער אבער דאך איינגעגעבען. מאטקע דער פורים־שפילער האט ניט בלויז מיך אויפגענומען, נאר האט מיט גרויס מיה צוזאמענגעשטעלט, פאר א מטבע, עקסטרא פאר מיר, די גאנצע קאמפאניע און דעמאנסטרירט ניט איין מאל די שפיל.

די ערשטע רעפעטיציע איז פארגעקומען טאקע ביי איהם. ביי מאטקע דעם פורים־שפילער אין שטוב. פארשטעלען אייך מאטקע דעם פורים־שפילער'ס וואוינונג, דארף דאס גופא נעמען א סך צייט. ס'איז גענוג צו זאגען, אז מאטקע וואוינט ניט פשוט אין נאווגאראד, נאר אין באנקאווסקי'ס הייזער. און באנקאווסקי'ס הייזער זענען — דער נעסט פון די ווילנער אידישע „דעק נפשות". א סוד וועל איך אייך פערטרויען, אז מיין בעקאנטשאפט מיט מאטקע דעם פורים־שפילער און זיין קאמפאניע — דאס גופא איז ביי מיר געווען מעהר א מיטעל צו בעקומען א צוטריט צום דאזיגען נעסט פונ'ם שרעקליכסטען אידישען עלענד, ווי א ציעל אליין פאר זיך. איך וויל אייך וועגען מאטקעס וואוינונג דערווייל נאר זאגען קורץ, אז זי איז מעהר עהנליך אויף א לאך פאר א הונד, ווי אויף אן ארט פאר לעבעדיגע מענשליכע ברואים. דעריבער האט מיך טאקע מאטקע ארויפגעפיהרט מיט א שטאק העכער, צו זיינעם א בעקאנטען, וועמעס דירה איז, אמת, בעשטאנען אויך, ווי אלע דירות אין באנקאווסקי'ס הייזער, בלויז פון א פערטעל קאמער, האט אבער געהאט אן אייגענע פענסטער מיט א גאנצען האלבען אויווען. א חוץ דעם האט אין דעם פערטעל קאמער געקענט

שטעהן ניט בלויז א בעט, נאר אויך א טיש מיט א בענקעל און צווישען אט די דאזיגע „מעבעל" איז געווען פלאץ פאר זעקס פארשוין, (מיט מיר אין איינעם). ס'פערשטעהט זיך, אז די אלע זעקס פארשוין האבען געמוזט ניט בלויז שטעהן, נאר אנטרעטען איינער דעם אנדערן אויף די פינגער.

ניט קוקענדיג אויף אזא מין „ביהנע" איז די „שפיל" צו־געגאנגען גאנץ לעבעדיג. די „פורים־שפיל" איז, אין גאנצען גע־נומען, אייגענטליך, די איינציגע אידישע פאלקס־אפערעטע. פורים'דיגס איז דא מעהר ניט די קאנווע. אין אמת'ן איז די גאנצע שטיק א מין פארם פונ'ם פאלקס־לעבען. די מוזיק—סא־לא און כאר, איז אמת פאלקסטימליך. ווען א וועלכע ס'איז אמאטארען־טרופע וואלט געקענט אויפנעהמען די גאנצע שטיק מיט אלע איהרע נגונים, וואלט דאס שוישפיל געמאכט א שטארקען איינדרוק. די פורים־שפיל־אפערעטע איז איינגע־טיילט סצעניש אין דריי אקטען, מיט א פארשפיל און א נאכ־שפיל.

בעזונדערס שען איז דער כאר־געזאנג אין ושתי'ס און המן'ס אלף בית־ליעד.

די לאגישע פערבינדונג פון די אקטען און געשפרעכען און די פסיכאלאגישע מאמענטען זענען זעהר טריי און לעבע־דיג פארגעשטעלט. פארשטעלענדיג אייגענטליך קאריקאטורען אויף טיפען פון איצטיגער צייט, איז דאך יעדע פערזאן טריי, אזוי צו זאגען, איהר היסטארישען כאראקטער. בעזונדערס כא־ראקטעריסטיש איז אין דער פורים־שפיל ארויס „מרדכי". אט ווי די דאזיגע מערקווירדיגע פאלקס־אפערעטע שילדערט איהם

...פיס־יוד מאנדרעכאי —
א שלעפער, א בעטלער, וואו א חתונה, וואו א ברית
דארטען האט ער ניט געפעהלט,
און א טעלער געשטעלט;
א פאטרעט — אויף איהם צו קוקען:
א הארב אויפ'ן רוקען,
אין דר'ערד טהוט ער קוקען.

נאך א סימן וועל איך אייך זאגען:
מ׳האט ניט לאנג איהם
באנקעם געשטעלט צום רוקען.

מרדכי אין דעם פורים־שפיל איז פשוט א פאקטאר ביין פריץ און א שדכן. אט ווי אזוי ער שדכנ׳ט אוים אסתר׳ן דעם קעניג אחשורוש:

המן (צום קעניג): פאטער קעניג!
ס׳איז דא א יודישער שדכן. (צו מרדכי׳ן) מרדכי! דא פאנא!

מרדכי: טשאסו ניעמא. (ניטא קיין צייט).
המן: צא ראביש? (וואס טוסטו?)
מרדכי: לאקשען קאטשאיו! (איך וועלגער לאקשען).
המן: נו, אידי! אידי! (נו געה, געה!)

(נעהמט איהם פאר׳ן הארב און גיט איהם א שטופ צו אחשורש׳ן).

אט ווי מרדכי שטעלט פאר אחשורש׳ן דעם שידוך:

איך וויל דיר געבען א מיידעלע, א פאטרעט.
באטש מיט די פיס צעטרעט...
א קולאק אנטקעגען א קולאק;
א געשוויר אייךביידען אין באק.
היינט האט זי אילע בגדים של חול,
זאל אייך, מיינע קינדערלאך, ביידען ארוים די זייל.
היינט האט זי יום טוב׳דיגע בגדים —
קדחת מיט רויטע פאדים;
שטרויענע הויזען,
מיט דראט בעצויגען,
א פלאץ אויפ׳ן וואסער,
אז ארט אויפ׳ן בית חיים,
קטשערטיאם וואשים אבאאים.

(געהט ביידע צום טייוועל).

אינטערעסאנט איז, אז צו המן׳ען בעציהט זיך דאס פורים־שפיל אהן א שום בייזקייט. דאס זעלבע צו ושתי׳ן. זייער ביי־דענס שיקזאל רוהרט שטארק דעם דיכטער פונ׳ם פורים־שפיל

און ער בעזינגט זייער מפּלה מיט אמת שענע פערזען:
המן'ס אלף־בית: 127 לענדער

האב איך עהרליך געהאלטען,
היינט מוז מען מיר מיין קאפּ
אויף צווייטען צושפּאלטען.

כ א ר: טראַ־ראַ־ראַ! און אז. וו.

ה מ ן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
מיינעם שענעם ראָק,
זאָגט זשע, איהר אלע!

כ א ר: אויפ'ן גאַלגאַן שטעקט א טשוואָק,
דאָרטען וועלען מיר הענגען
דיינעם ראָק:
געה־זשע, שענסטער,
געה־זשע בעסטער
גער אויף איהם ארויף!...

ה מ ן רעכענט אוים אלע זיינע שענע קליידער, זיינע צעהן קינדער. דערנאָך קומט ער צו זיך אליין.

ה מ ן: וואו וועט מען הענגען, הענגען
המן'ען אליין,
זאָגט זשע, איהר אלע!
כ א ר: אויפ'ן גאַלגאַן שטעהט א בוים,
דאָרטען וועט מען הענגען
המן'ען אליין.
געה־זשע און אז. וו.

דער נאַכשפּיל ענדיגט זיך מיט סאָלאָ־ און כאָר־געזאַנג.
ס א ל א: אין אונזערע אבות צייטען
דעם בורא איז מען געווען געטריי,

מיר לויבען דעם בורא
נאר אויף דאס ניי,
זינגען מיר: שושנת יעקב,
תכלת מרדכי!...

כ א ר: פארפלוכט זאל ווערין המן —
דער רשע, דער ערשטער;
געבענשט זאל ווערען מרדכי —
דער צדיק, דער גרעסטער און אז. וו.

דאס גאנצע שפיל ענדיגט זיך מיט:
איהר'ט אונז געבען עטליכע גילדען מיט א שנאפס,
וועלען מיר מאכען „לחיים!"

דאס גאנצע שפיל ווערט זעהר זעלטען געשפילט, צוליב דעם, וואס ביי איצטיגע צייטען איז שווער צונויפקלייבען א פולען קאמפלעט פורים־שפילער. אגב איז פשוט ניטא פאר וועמען צו שפילען. ניטא דער אמאליגער בהרחבה'דיגער באלעבאס, דער בעלן אויף דער פורים־שפיל. ניטא די אמאליגע סעודות. דער היינטיגער פורים־שפילער איז שטאלצער פון אמאליגען. ער זאגט ניט מיט ערנידעריגונג: „גיט מיר א גראשען און ווארפט מיך ארויס". ער פערלאנגט עטליכע גילדען און א שנאפס צו מאכען „לחיים", מעשה גוטער גאסט. די עטליכע גילדען דארף ער נויטיג האבען אויף דירה געלד, וואס פעהלט איהם, אפילו פאר דער פערטעל קאמער. אויף צאהלען אבער עטליכע גילדען איז פאראן נאך וועניגער בעלנים, ווי צו הערען און זעהן די פורים־שפיל.

מאכט דאס דער פורים־שפילער בקיצור: דער „קענצלער" זועלכער דיענט אויף פאר אחשור'ן; „המן", וואס דינט פאר „ושתי'ן" און שפעטער פאר „אסתר'ן" און „מרדכי". א זאג, א זונג, א שפרונג און — פארטיג.

נאך א יאהר צעהן, פונפצעהן און מאטקע — דער לעצטער פורים־שפילער, וועט אין גאנצען אראב פון דער סצענע. ער קלויבט זיך שוין אין אמעריקא. די פורים־שפיל־ירושה, וואס איז דורות לאנג טריי איבערגעגאנגען פון עלטער־זיידען צום זיי־

דעז: פון זיידעז צום טאטעז, און פון טאטעז צו איהם — וועט שוין ניט זיין וועמעז איבערצוגעבעז ווייטער. מאטקע׳ס זוהז, און אפשר ער אליין, וועט פיליכט עפנעז א ביליגעז מוזיק־האל אין אמעריקא, אדער וועט זיך אפשר ארויפארבייטעז אויף א מואווים־טעאטער. די פורים־שפיל וועט פארגעסעז ווערעז און מיט איהר צוזאמעז די שענע אריגינעלע ליעדער, וואס האבעז אזוי פיעל געדעדט צו דער נשמה פון אונזערע טאטעס און זיי־דעס...

א שאד...

דער לעצטער יודישער פאלקס-שרייבער.

איהר קענט איהם אפט בעגעגענען אויף די ווילנער יודי־שע גאסען. און יעדעס מאל, ווען איהר בעגעגענט איהם, מאכט ער אויף אייך א טיעפען איינדרוק מיט זיין שטארק אריגינעלען פנים, מיט זיין איינגעבויגענער פיגור, מיט זיין רוהיגען, ריט־מישען גאנג, וואס זעהט אוים שטענדיג, ווי ער וואלט געהן שפאצירען; מיט זיין א י י ן האלב־צוגעמאכטען אויגעל, וואס קוקט, דארט זיך, ווי עפעס אן זייט, און געלאסענער, שמייכעלדיגער מינע, די מינע, וואס געהט איהם קיין מאל פון די ליפען ניט אראב. און אייך דאכט זיך, אז אט דער אלטער האט זיך אינעוועניג זיין בעהאלטענע וועלט, אין וועלכער ער איז שטענדיג פארטאן, און מאכט חוזק פון אייך און פון אלע־מען, וואס האווען ארום איהם, לויפען, שרייען און קאכען זיך.

בעזונדערם קוקט איראניש זיין אויג, טאקע דאסזעלבע האלב צוגעמאכטע ווינקענדיגע אויגעל, בשעת ער רעדט מיט אייך. מיט אט דעם אויג קוקט ער אויף אייך, ד. ה. אייגענטליך ניט אויף אייך, נאר אן א זייט פון אייך (עס דאכט זיך דעמאלט, אז ער קוקט אויף אייער באק אדער אויף אייער אויער, קוקט מיט אזא מינע, ווי ער וואלט דארט עפעס דערזעהן, חדושים. וואס אייך איז דאס ניט בעקאנט, און ער אליין זעהט דאס און

וויל אייך מיט א כיוון ניט זאָגען). רעדען רעדט ער מיט איך זעהר שטיל, געלאסען, געצעהלט יעדעס וואָרט, צייטענווייז אָבּ־שטעלענדיג זיך מיט אזא מינע, וואָס זאָגט: אנו זייט א חכם און טרעפט, וואָס וועל איך ווייטער זאָגען. בע! איחר'ט ניט טרעפען... און גיט דאן אַ זאָג ווייטער א וואָרט, מיט אזא טאָן, ווי ער וואָלט אייך וועלען איבערראַשען: אהאַ, וואָס זאָגט איהר אויפ'ן ווערטעל! שוין איין מאָל א ווערטעל...

און באמת קען טאקע יהושע מזח, אזוי הייסט ער, דער לעצטער יודישער פאָלקס־שרייבער, זאָגען ווערטלאך. נאַטירליך, ניט פאר אבי וועמען פון גאס. נאָר צווישען זיינע אינטימע בעקאנטע. צו אזעלכע בעקאנטע בעלאנגען די ווילנער בוכהענד־לער מיט וועמען ער האָט צו טהון, און דער גאנצער שטאַב „מענ־שען" פון די בוך־קראָמען, בעזאָנדערס אבער די העברעאישע לי־טעראטען און העבראאיסטען בכלל. דאן עפענט זיך פאר א צוהע־רער א גאנצע ענציקלאָפּעדיע פון יודישען פאָלקס־הומאָר, ווערט־לאך, וויצען, אנעקדאָטען, מעשיות, צו קאָטשען זיך פאר געלעכ־טער, פון גאנצע דורותיודישע ליטעראטען.ווער נאָר איהר ווילט, פון ווילנער אמאָליגען און איצטיגען לעבען. זיינע וויצען און אנעקדאָטען האלטען ניט אימער אויס די שטרענגע צענזור. אָבער אימער זענען זיי זאלציג, פעפערדיג, אז איהר מוזט לאכען. דערביי בלייבט ער אליין, תמיד ביי זיין רוהיג־געלאסענער, כלומרשט־ערנסטער, מינע, ווי ער וואָלט אין דער גאנצער מעשה געווען גאָר א זייטיגער מענש און וויים ניט פון וואָס צו זאָגען.

מזח איז דער לעצטער אידישער פאָלקס־שרייבער — ניט פאָלקסטימליכער שרייבער (ד. ה. שרייבער אין א פאָלקסטימ־ליכען סטיל). נאָר פשוט: אונגעקינסטעלטער שרייבער פון פאָלק. פאר זיין לאנגען לעבען — מ'זאָגט, ער איז אלט איבער אכטציג יאהר — האָט ער אָנגעשריבען פעק, כמעט אזוי פיעל ווי „שמר".

עפענט אויף אַן אלטען „המגיד", „הצפירה", „השחר", „המליץ", „הכרם", „האסיף", „הכנסת" א „פאָלקסביבליאָטעק", און נאך, און נאך העברעאישע און אידישע צייטונגען, זשורנא־

לען פון גוטע פערציג יאהר צוריק ביז די לעצטע צעהן יאהר, ווען איהר אומעטום געפינען מזה'ן. אהן איהם איז געווען אונמעגליך זיך פארצושטעלען א וועלכע עס איז יודישע אדער העברעאישע אויסגאבע, ווי עס איז שווער זיך פארצושטעלען א שטוב אהן א קוימען, אדער א שוהל אהן אן אלטען הענגלייכטער. אומע־טום איז מזה געווען אן אייגענער מענש. כאטש קיינעם איז אפשר קיין מאל אויפ'ן זינען ניט ארויף: וואס אייגענטליך שרייבט מזה? און צו וואס דארף מען איהם דרוקען?

מזה האט אייגענטליך קיין מאל ניט געשריבען פון לע־בען, פון וועלכע עס איז פראגען. אין יענע צייטען פון דער השכלה־ און מליצה־שרייבעריי האט מען עס אויך שטארק ניט געפאדערט. פאר א שרייבער איז גערעכענט געווארען דער, וואס האט געקענט אויסצאצקען פיינע מליצות און שרייבען שענע „רעיונות" סתם אין דער וועלט אריין. מזה האט זיך אויסגע־צייכענט מיט א גלאטער פען און דאס איז געווען גענוג, אז די אמאליגע מליצה־שרייבער און אפילו שרייבער מיט טאלאנט, ווי צ. ב. פרץ סמאלענסקין, זאלען איהם אריינגעהמען ווי א גלייכען מיטגליעד אין זייער שרייבער־פאמיליע.

וואס האט געשריבען מזה? — אלץ וואס האט זיך געבע־טען מאכען דערפון א פיינעם שטיקעל „לשון". מעהרסטענס, אבער האט ער געשריבען „פתגמים" און „מכתמים", ד. ה. פער־שיידענע שפרוכען, ווערטלאך, רעטעניסען, וואס מ'דארף צו זיי צולעגען קאפ, וואס האבען אין זיך א מוסר השכל. גאנץ אפט פלעגט ער ארויסגעבען אליין זאמעלביכלאך, מיט פערשיידענע אזעלכע „פתגמים" און „מכתמים" און איבערגעניצעוועטע און נאכגעמאכטע מעשה'לאך און מוסר־זאכען פון מדרשים, אגדות און אנדערע פרומע ספרים, און גלאט ספרים.

מזה איז געווען א טיפ פון א יודישען מחבר פונ'ם אלטען שניט. האט ער געהאט אבגעדרוקט „א חיבור", פלעגט ער מיט'ן חבור אונטער ארם, צי אין קעשענע, אין א צילינדערהוט און א פעלערינע, ווי א דייטשער בעל דרשן, לאזען זיך פעדלען איי־בער די הייזער פון יודישע גבירים. קיין פולע האט מזה קיין מאל ניט געדארפט און זיינע האט ער קיין מאל ניט דערלעבט.

נאר אט זייענדיג מיט א יאהר 18 צוריק אנגעקומען די אוני־רוהיגע צייטען פון דער „בעוועגונג“. דער אמאליגער „מחבר“ איז ארויס פון דער מאדע. פאר א שרייבער איז ווינציג געווען צו שרייבען נאר „לשון“ און „פתגמים“. מ'האט געדארפט עפעס זאגען. דערצו זענען אנגעקומען נייע שרייבער, „עזות פנים'ער“ וואס האבען גרעסערע אויטאריטעטען, ווי מזח, אראבגעשליי־דערט פונ'ם בענקעל. מזח'ן איז שוין שווער געווען צוצומרעטען צו א „יוד“, צו א „פריינד“ און אפילו צו א „וועג“, „אונזער לעבען“, צו א „היינט“.

מזח איז אבער פון דער מאדע נים ארויס. ער אליין האט זיך קנאפ וואס געענדערט אין די אלע שטורמדיגע יאהרען. אלץ וואס ארום האט געדרעהט און געשטורמט האט צו איהם, צו זיין גלאטער פען, ווייניג שייכות געהאט. פונדעסטוועגען האט ער זיך געקענט אויסגעצייכענט צופאסען צו די אומשטענדען. גאר מעהר. ער איז ערשט יעצט אין מאדע אריין און פאר־נעחמט א וויכטיגען פלאץ אין דער ליטעראטור פון די פאקענ־טרעגער. איך בין זיכער, אז ווען דער היסטאריקער פון דער יודישער ליטעראטור פון דער חשכלה־צייט, וועט קענען ארוי־בערגעהן גאנץ רוהיג פארביי מזח'ן דעם העברעאישען שריי־בער, וועט ער אבער נים קענען אוועקמאכען אונטערן האנד מזח'ן דעם יודישען פאלקסשרייבער, ווען ער, דער היסטאריקער, וועט קומען נעהענטער צו אונזער צייט, צו דער יודישער ליטע־ראטור.

ווענען דער יודישער שפראך, יודישער ליטעראטור, יודי־שער מאסע ווערט פיעל ביי אונז גערעדט. אבער ווייניג ווערט געטאן צו ברענגען דאס בוך נעהענטער צום פאלק. נים ווייניג ביכער, אריגינעלע און איבערזעצטע זענען דא אויף דעם יודי־שען ביכער־מארק. אבער דאס אלעס איז אייגענטליך פאר א חייפעל אינטעליגענטען, אדער האלב־אינטעליגענטען — די פער פון דער יודישער מאסע. דאס פאלק אבער, די ברייטע מאסען זענען געצוואונגען צו נערען זיך גייסטיג פונ'ם פאקענטרע־גערס קארב. א מעשה מאר ניט קאסטען מעהר, ווי א קאפיקע.

קאַמף זי צוויי, לעזט מען איבער און מ'גיט אַב דעם פאַקענטרע־
גער צוריק פאַר א קאָפּיקע.

פאַר אַזוינע מעשיות איז שוין אָבער יעצט קיין שרייבער
ניטאָ. דער אַמאָליגער מחבר פון „תחינות", פון „באָבע־מעשה'",
פון „צענטורע־ווענטורע", פון גור אריה" פון „ר' יוסף דילאַ־
ריינע" פון דעם „בן מלך און דער בת מלכה" איז שוין לאַנג
געשטאָרבען. געשטאָרבען זענען אויך „שמר" און בלאָשטיין,
פערשוואונדען געוואָרען אין האַרטען לעבענס־קאַמפּף כמעט אַלע
זייערע נאָכמאַכער.

דער לעזער זייערער איז אָבער געבליבען. און ניט בלויז
געבליבען. די צאָהל פון זייערע לעזער איז איצט אויך גרעסער,
און גרויס איז זייער גייסטיגער דורשט.

האָט גאָט זיי א נס געטאָן, ווי א וואונדער פון אַלטע צייַ־
טען איז איבערגעבליבען פון אַמאָל יהושע מזח — א מין צופע־
ליגע חורבה פון דער אַלטער געביידע. זיינע אַמאָליגע חברים
און גבירים זענען שוין לאַנג ניטאָ. די ליטעראַטור, וואָס האָט
איהם א פּלאַץ געגעבען איז שוין לאַנג פערשוואונדען. צו דער
נייער ליטעראַטור, סיי דער אידישער, סיי דער העברעאישער
איז פאַר איהם קיין צוטריט ניטאָ. ס'זענען אָבער צוזאַמען מיט
די אַלטע לעזער, געבליבען עטליכע פון די אַלטע פערלעגער:
מץ, פונק, קאַצענעלענבויגען. ס'זענען אין ווילנא אויך שטענדיג
פאַראַן דרוקער, וואָס ס'פעהלט זיי אוים אַרבייט פאַר די זע־
צער און דער מאַשין.

אַט די פערלעגער און דרוקער האָבען אויפגעזוכט דעם אַל־
טען מזח'ן, צי ער האָט זיי אויפגעזוכט, — איך ווייס ניט אַקו־
ראַט — און די אַלטע פאַקען־טרעגער־ליטעראַטור האָט אויפגע־
לעבט גאָר אויף דאָס ניי. איין פערלעגער וויל דרוקען דוקא
„וויסענשאַפט" און מזח שרייבט „וויסענשאַפט" — דאָס לע־
בען פון חיות אויפ'ן שטייגער פון רובאַקין, לונקעוויטש, ברעם
להבדיל. אַן אַנדער פערלעגער וויל מאַכען א סענסאַציע מיט א
תחינה פון א נייער „שרה בת טובים" און מזח זעצט זיך און
מאַכט פאַר איהם דבורה - אסתר'ס תחינה. א דריטער פער־

לאנגט „ספורי נפלאות“ — וואונדער־מעשיות אויפ׳ן אלטען שטייגער און מזח ניצעוועט פאר איהם איבער דעם „שבחי בעל שם טוב“,, דעם „קהל חסידים“, די „מדרשים“, דעם „עין יעקב“. א פערטער פאדערט גלאט מעשיות אבער מיט „א מוסר השכל“ און מזח באקט פאר איהם סחורה, ניט חלילה פון קאפ אויסגעקלערט, נאר ארויסגענומען פון גוטע און פרומע ספרים. אלטע און נייע (מזח האט מיר מיט א געהיימניספולען ווינק מיט׳ן לינקען אויגעל פארטרויט, אז ער האט אזוינע ספרים און ביכער, וואס קיינער ווייס גאר פון זיי ניט). צווישען די ביכלאך פונ׳ם לעצטען מין זיינען פאראן א סך מיט טראסקע־דיגע סענסאציאנעלע נעמען. אבער קיין שונד־זאכען זענען ניטא צווישען זיי. אלע מעשיות, צי פונ׳ם אלטען, צי פונ׳ם נייעם שניט, זענען מיט א מוסר השכל. ווען ס׳איז דא א ליבע איז עס צווישען דעם „רבונו של עולם“ און זיין פאלק ישראל.

אזוינע ביכלאך האט מזח בלויז פאר די לעצטע פינף, זעקס יאהר אנגעשריבען ניט ווייניגער, ווי צוויי הונדערט. אויפ׳ן מארק קאסט א ביכעל צוויי קאפיקעס א שטיק. געוועהנליך פערקויפט מען זיי אויפ׳ן הונדערט. א בוכהענדלער אין דווינסק האט מיר געוויזען, אז איהם איז נאר וואס אנגעקומען פון ווילנא א גאנ־צער פאק מזח׳ס ליטעראטור. דער מארק־עולם, זאגט ער כאפט זיי, ווי מצה־וואסער. און דאס, האט ער מיר אנגעוויזען אויף אן אנדער פאק ביכער אויף א פאליצע, זענען די לעצטע אויס־גאבען פון שימין — אלץ ערנסטע, גוטע ביכער. אט די שיק איך אב צוריק, ווייל זיי געהען זעהר שוואך.

מזח האט מיר געמאכט א פרעזענט א צעהנדליג פון זיינע מעשיות. איך האב אין זיי אריינגעקוקט אזוי, ניט ווילענדיג. דער סטיל האט מיך אבער פאראינטערעסירט. און איבערקוקענ־דיג א דריי, פיער פון זיינע ביכלאך, האב איך זיך איבער־צייגט, אז מזח בעזיצט פאלקאם די קונסט פון א פאלקס־דער־צעהלער. זיין שפראך איז דאס ריינע אונגעקינסטעלטע „אי־דיש“. א חוץ דער לייכטקייט און פליסיגקייט פון דער שפראך בעזיצט ער די קונסט צו דערצעהלען א מעשה פון פאלקס־לע־

בען און פאר'ן פאלק. ער בעארבייט אפט זעהר געלונגען די וואונדערליכע פאלקס־מעשיות פונ'ם „בעל שם טוב" און אנדערע גוטע יודען. פאר דעם זאמלער פון דער אמת'ער פאלקס־שאפונג האבען, נאטירליך, זיינע איבערגעניצעוועטע מעשיות קיין שום בעדייטונג ניט. אין פערגלייך מיט דעם סטיל פון יענע נאאיווע פאלקס־מעשיות איז זיין, מזח'ס, סטיל צו געקינסטעלט. אבער אלס לעזע־שטאף פאר דעם פשוט'ען עלטערן לעזער זיינען זיי אויסגעצייכענט. ס'איז דעריבער גאר קיין וואונדער ניט, וואס זיי ווערען אזוי דורשטיג געלעזען.

וואס האט מזח אליין פון זיינע מעשיות?

קוים, קוים א טרוקען שטיקעל ברויט. ער ווערט אונברחמנות'דיג עקספלואטירט פון זיינע פערלעגער. קיין מזומן געלד בעקומט ער כמעט ניט. מ'גיט איהם בלויז אביסעל עקזעמפליארען פון יעדען מין. מיט די דאזיגע עקזעמפליארען מוז דער אלטער ארומגעהן און פעדלען, ביז ער ברינגט זיי אויס. ניט זעלטען שיקט ער פונאנדער זיינע „חבורים" צו זיינע אמאליגע גבירים און בעקומט צייטענווייז פון זיי עפעס צוגעשיקט. אפטער אבער קלאפט ער אב די פיס, געהענדיג אויף פאטשט, און בעקומט גאר נישט.

איך האב אמאל געוואלט בעזוכען מזח'ן אין זיין וואוינונג. ד. ה. אין זיין צימער. האט ער מיר איינגעלאדען צו קומען צו איהם ארום — דריי, פיער א זייגער נאך... האלבע נאכט. אונזערער אן אלגעמיינער בעקאנטער האט מיר הערקלערט די רעטעניש פון מזח'ס איינלאדונג: ער שעמט זיך פשוט פאר אימיצענס בעזוך, ווייל זיין צימער איז ניט אויפגעקליבען. מ'זאגט, אז מזח'ס קאמער קען דינען פאר אן אויסגעצייכענטע אילוסטראציע צו דער מעשה פון חומש וועגען דער איבערקעהרעניש פון סדום און עמורא...

מזח, זאגט מען אויך, שרייבט געוועהנליך זיינע מעשיות, זיצענדיג האלב נאקעט אין בעט. און איז, בכלל א משונה'דיגער יוד, א גרויסער אריגינאל. נאר א קבצן איז ער נאך א גרעסערער. און אום צו דערהאלטען די נשמה אין דעם אלטען גוף, מוז ער צופעדלען מיט יודישע צייטונגען.

צווישען בלינדע מוזיקאנטען.

די אידישע בלינדע מוזיקאנטען געהערען ניט צו די געבארענע, נאר צו די געווארענע, צופעליגע „רעק־מענשען“. זיי בעלאנגען צום מעהר סאלידען, אייבערשטען פאך. די וואנדערנדע אידישע בלינדע מוזיקאנטען זענען כמעט אלע געוועזענע ארבייטער. די קראנקהייט האט ביי זיי גערויבט די מעגליכקייט צו זיצען מעהר ביי דער נאדעל, אדער ביים קאפיל. די קערפערליך שוואכע פון זיי קענען ניט אריבערטראגען די פינסטערנעס. קענען ניט לעבען אהן דער זון און געהען אונטער נאך א קורצען קאמפף. די שטארקערע, פעהיגערע נעהמען זיך צו דער פידעל און געהען אוועק וואנדערן איבער דער וועלט. עקאנאמיש איז די לאגע פון אט די אונגליקליכע א סך בעסער, ווי פריהער. זיי מאכען דעם גראשען לייכטער, ווי געזונטערהייט, בשעת זיי זענען געזעסען ביי דער ארבייט. זייער „ארבייטס־טאג“ איז ניט קיין לאנגער. „צעהן א זייגער געהען מיר ארויס“ — דערצעהלט מיר איין בלינדער מוזיקאנט, און ווי עס ווערט נאר דונקעל געהען מיר א היים“.

דאס איז ווינטער־צייט, זומער בלייבט מען אין נאס לענגער. דערפאר איז די ארבייט דאן לייכטער און אנגענעהמער. פאר די זיבען־אכט שעה פאלט אריין אלענפאלס, ניט ווענינגער ווי דער בעל־מלאכה האט פריהער פערדינט, הארעווענדיג ביי דער ארבייט, דער אידישער גאס־עולם האט ליעב א לידעל

און א פידעל. קלייבט זיך אין רעדלאך ארום דעם בלינדען מוזיקאנט, האָרכט צו גערן דעם נאסען קאָנצערט, און זשאַלעוועט ניט דעם בלינדען א גראָשען, צו א קאָפּיקע. דער געהענדיגער לעבען דערצו, אימער אויף דער פרייער לופט, ווירקט, בכלל, בעסער אויפ'ן געזונד, איידער דער פריהערדיגער זיצענדיגער ארט לעבען. אין מאָראַלישער הינזיכט, איז א בלינדען מוזיקאנט אויך בעסער ווי א פשוט'ען ארימאן. ער נעהמט ניט אליין די „מטבע". זיין פיהרער בעקומט זי און גיט איהם איבער. אמת, דערביי טרעפט ניט זעלטען, אז דער פיהרער און קאסיר לאָזט בשתיקה אראָפּ עטליכע מטבעות אין קעשענע. נאָר דאָס מוז מען שוין ליידען. אָהן דעם פיהרער קען מען ניט אויסקומען. און א פיהרער, וואָס זאָל קענען ביישטעהן דעם נסיון: ניט גנב'ענען ביים בלינדען עטליכע קאָפּיקעס איז שווער צו געפינען. איבריגענס, האָט דער בלינדער זיינע סמנים צו קאָנטראָלירען זיין בעגלייטער און קאסיר. ערשטענס, מוז ער אָבגעבען די אויפגעקליבענע קאָפּיקעס טאַקע באלד נאָכ'ן „קאָנצערט" אין טויער גופא. דער בלינדער ווייס, אז פאר'ן עולם אין די אויגען וועט דער פיהרער מורא האָבען צו „לאַטכענען". צווייטענס, קאָן ער אונגעפעהר אויסרעכענען די סומע אין פערגלייך מיט דער צייט, וואָס דויערט דער קלייבען; וואָס לענגער עס דויערט, אלץ מעהר קאָפּיקעס דאַרף זיין. דריטענס — און דאָס איז דער עיקר — דער בלינדער, אומגעהענדיג מיט זיין פיהרער א ביסעל צייט, ווערט ער שוין א שטיקעל „בקי" אין זיין פסיכאָלאָגיע. ער ווייס אויך וואָס דער בחור איז פעהיג, אָדער אונפעהיג. דער פיהרער דינט ביים בלינדען אויף אלץ פרייע. און דערצו פון דרייסיג ביז זעכציג אָדער זיבעציג קאָפּיקעס א וואָך מזומנים. מיט גע'גנב'עטע האָט דער בחור צוזאמען — א רובעל, אָדער אנדערהאלבען א וואָך. דער בעגלייטער איז זעהר זעלטען אן אייגען קינד. ווען דער בלינדער האָט אפילו אייגענע קינדער, זשאַלעוועט ער זיי צו שלעפּען מיט זיך. קליינערהייט גיט ער זיי אין חדר צו אין תלמוד תורה. גרעסערע גיט ער אוועק צו אן ארבייט. די קינדער אליין ווילען אויך ניט געהן מיט'ן טאַטען. עס שטעהט זיי ניט אָן. נעמט מען א פרעמדען.

דער פרעמדער בעגלייטער איז פון דעם טיפ האלב קעשעניק־האלב־אידיאט. נאר צייטענווייז פארדינגט זיך ביים בלינדען אן ארבייטסלאזער ארבייטער, אדער גלאט א בחור פון די סאמע טעמפע. ווארים דער אונגליקליכסטער בחור, וואס האט נאר א קאפ אמביציע, וועט זיך ניט שלעפען מיט א בלינדען. זעלטן זעלטען טרעפט א „שותפות" פון א בלינדען מיט א קאלי־קען אלס פיהרער. ניט ווייל עס איז זעלטען בנמצא אזא פאר, נאר ווייל דער „געשעפט" לוינט זיך ניט. דער קאליקער, חווי־קער, שלאק, וואס גאט האט איהם געלייטזעליגט מיט א מום, וועט זיך ניט טיילען מיט'ן בלינדען, בשעת ער קען מאכען „ביזנעס" פאר זיך.

דעם בלינדענס ליעדעל איז אויף פערשידענע טהעמאס. כאטש דער ניגון איז כמעט אימער דער זעלבער, נאר אויף וואס פאר א טהעמא דער בלינדער זאל ניט זינגען, אדער שפיעלען— זיין ליעדעל איז אימער פעסימיסטיש.

דער מענש וויים ניט קיין צאהל פון זיינע יאהרען:
ער לעבט, און טרוימט אויף דער פאלשער וועלט:
מיט נארישקייט פיהרט ער זיך פון זיין געבארען,
ביז מ'לעגט איהם אריין אין זיין וויסטען געצעלט —

פילאזאפירט איין לידעל און פיהרט אוים צום סוף, אז

רחמנות צו האבען אויף געמיינע לייט —
דערצו דארף זיך דער מענש געוואוינען:
איבער הונדערט יאהר, אז ס'וועט קומען פון שטארבען
די צייט,
וועט דאס אייך אלעם בעלוינען.

א צווייט ליעדעל זינגט וועגען אדעסער פאגראם:

ווער עס האט די בלאט געלעזען
פון דער בעריהמטער שטאדט אדעס,
וואס פאר אן אומגליק דארט איז געוועזען,
אין איינע צוויי דריי מעת לעת.

דעם בלינדען'ס ליעדל, בכלל, איז ניט עהנליך צו א מאלאס־

ליעדל. עס האט אין זיך וועניג פאעזיע. דאס זענען, צופעליגס, פראזאאישע שורות אין גראמען, אמאל מעהר, אמאל ווענינער געלונגענע. די שרעקליכע סצענעס, וואס זיי שילדערן מאכען אויף דעם צוהערער ניט דעם איינדרוק, וואס ס'האט געקענט פונ'ם ליעדל ערווארטען.

צו א אידען זענען די מערדער צוגעפלויגען,
וואס זיי האבען איהם גראדע ניט געקענט;
זיי האבען איהם געשלאגען טשוועקעס אין די אויגען
און מ'האט איהם אבגעשניטעןביידע הענט. —

זינגט דאס זעלבע ליעדל ווייטער און אויף אייך מאכט דאס קיין איינדרוק ניט. ווארים עס שמעקט מיט צייטונג. דאך וואס דער בלינדער זאל ניט זינגען, קעהרט ער זיך אפט אום צו זיין אייגען ליעדל — דאס ליעדל פון בלינדען:

אוי ביטער, ביטער, צו זיין א בלינדער.
אז וואס קען שוין ערגער זיין;
אז ס'זעהט ניט אן אייגענע ווייב און קינדער,
און ניט פאר זיך די ליכטיגע שיין.

די ווערטער זענען געוועהנליכע, אבער דאך מאכען אט די פשוט'ע פערזען אויף אייך א שטארקען איינדרוק, קוים מאכט איהר נאר צו די אויגען אויף א סעקונדע און שטעלט אייך פאר אין דער לאגע פון בלינדען, דאס ליעדל איז ניט „פערפאסט" ווי אנדערע, נאר דורכגעליטען.

ווער מאכט אייך די ליעדלאך? האב איך געפרעגט ביי איין בלינדען, ביי וועלכען איך האב איבערגעשריבען דאס ליעדל פון פאגראם.

— דאס ליעדל וואס איך זאג אייך — ענטפערט דער בלינדער — האב איך אליין געמאכט, איך מאך אלע מיינע ליע־דער אליין, איך האב זיי פעק....

— ווי אזוי מאכט איהר די ליעדער?

— אז ס'מאכט זיך עפעס א פאגראם, צו אן אנדערע שרעק־ליכע געשעהעניש, קויף איך אויף פון יענע טעג אלע אידישע בלעטער: מ'לייענט מיר זיי איבער, און דערנאך מאך איך נאך

זיי א ליעדל. גראמען קען איך מאכען גרינג. ווארים איך האב ביי מיר פעק מיט געדרוקטע ליעדער פון אלע פערפאסער.

דער ראזיגער בלינדער איז נאך א יונגערמאן. געווען איז ער א שוסטער. די בלינדקייט איז איהם געקומען פון באדען זיך. ארויס פון טייך און — געווארען בלינד. א צווייטער האט מיר דערצעהלט, אז איהם איז דאס געקומען פון א ווינט. א דריטען — פון א טיפוס. דאס ערשטע ליעדל האט מיר דיקטירט א בלינדע ווייבעל, וואס שפילט ניט, נאר זי זינגט איבער די הויפען. זי איז געווען א נייטעריןן. איהר איז געקומען די בלינד־קייט נאך א קינפעט. אז זי איז בלינד געווארען, איז פון איתר דער מאן אנטלאפען. זי איז געבליבען מיט א מיידעלע און א קראנקער אלטער מאמען. און זי האלט זיי אויס ביידען. דאק־טוירים האבען איהר געזאגט, אז זי קען ווערען צוריק זעהענדיג. מ'דארף האבען אן אפעראציע. ווי איך פערשטעה, איילט זי זיך ניט מאכען קיין אפעראציע, ווייל בלינדערהייט מאכט זי א לע־בען א סך לייכטער.

ביי איין בלינדען בין איך געווען אין הויז. ער וואוינט ניט ערגער פון אז ארימען ארבייטער. דער דאזיגער בלינדער איז אויך א געוועזענער שוסטער. איצט געהט ער ניט אליין אין גאס. ער זיצט אין שטוב. און זיינע צוויי מיידלאך, וואס פלעגען איהם פריהער בעגלייטען אויף זיינע וואנדערונגען, פאהרען אליין. אהן איהם, אויף דער באהן, שפילען פאר די פאסאזשירען און דערנעהרען אויף אזא נ'אופן דאס געזינד. דאס איז דער איינ־ציגער פאל, וואס איך האב בעגעגענט, אז אידישע מיידלאך זאלען פאהרען אליין אויף דער באהן און שפילען אין די וואַ־גאנעס. איבעריגענס, איז די לעצטע צייט די רעכטע שפייזערקע נאר איינע, די קלענערע, א מיידעלע פון עלף יאהר. די עלטערע, וואס איז אלט פערצעהן יאהר, האט זיך אנגעהויבען שעמען. און איז אוועק ארבייטען — שטריקען זאקען. די איינגערע יהודית'קע, פאהרט אליין און מאכט ניט שלעכט. זי זעהט גאר ניט אויס ווי א אידיש קינד: ווייסע פלאקסענע האר און ברע־מען — אז עכטע שיקסעל. א חוץ די קאנדוקטארען, ווייסען מאקי קיינער ניט, אז דאס איז א אידישע מגידעל. קריסטען

גיבען איהר גערן א מטבע, מיינענדיג, אז זיי גיבען עס א קריסטליבע מיידעל. יהודית'קע האט אין וואגאָן ביי אלעמען חן. זי שפּילט שען, האט א צארט סימפּאטיש פּנים'ל, האלט זיך שטאלץ, מעשה ארטיסטין. אז זי שפּילט אָב, געהט זי קיין מאל ניט צו די פּאסאזשירען בעטען; שטרעקט קיין מאל ניט אויס די הענטעל. זי געהט דורך לאנגזאם דעם וואגאָן, קוים וואר־פענדיג א קרומען בליק אין די זייטען. נאר יעדערער איילט זיך איהר עפּעס אריינרוקען אין הענטעל. אז זי נעמט צו די מטבע, בעדאנקט זי ניט; גיט אפילו ניט א שאקעל מיט'ן קאפּ. זי נעהמט צו מיט אזא מינע, פּונקט ווי זי וואלט איך דערמיט אנגעטאָן אן עהרע, און געהט ווייטער, ניט בעווירדיגענדיג אייך מיט א בליק. דערפאר, איז שטוב ביי זיך, איז יהודית'קע גאר אן אנדערע. זי איז א היבש ביסעל צעבאלעוועט און האלט זיך ווי א בת־יחיד'קע.

„זי האט א טייערע קעפּעל — קלאגט זיך מיר אויף איהר די מאמע — נאר וואס טוט מען? לערנען וויל דאס גאר ניט; שפּילען אויך ניט! די פּידעל נעמט דאס ניט אין האנד".

יהודית'קען שטעהט ניט אָן, וואס די מאמע רעקאמענדירט איהר אזוי ניט פיין. זי פּערוואָרפטביידע הענטלאך אויף דער מאמעס מויל און צעשרייט זיך:

„סווייג, סווייג! זאג איך דיר! א דאגה עס איז, צי איך ספּיל, צי איך ספּיל ניט... אלץ דארף סי דערצעהלען".

צום אנהויב האט יהודית'קע גאר ניט געוואלט מיט מיר ריידען. האט פּארדרעהט שעמעוודיג דאס קעפּיל אהן א זייט און געשוויגען, פּארבייסענדיג ביטרע מיט די ליפּלאך. אבער שפּעטער אביסעל איז זי היימישער געווארען און צוזאמען מיט דער עלטערער שוועסטער האט זי געשפּילט פאר מיר אויף דער פידעל. דערנאך האט זי מיר געוויזען די קארטעס פון איה־רע פיער ברידער, וואס זענען אין אמעריקא און נאך א קארטע פון איינעם'ס א כלה.

— שיקען אייך די קינדער געלד? — האב איך געפרעגט רעם בלינדען און זיין ווייב.

— אויף ימים טובים שיקט מען צוביסלעך. זיי זענען נאך

אליין ניט אין אָרדנונג. אַ פּאָר זענען ניט לאַנג אַוועק. נאָר קינדער זענען זיי גוטע. אז מ׳וועט דאַרפען מעהר, וועלען זיי שיקען. נאָך ד ע ם ווינטער וועט יהודית׳קע אויפ׳ן באהן פאָהרען. מעהר וועט זי שוין ניט פאָהרען. זי וועט זיך אויך זעצען שטריקען זאָקען. וואו וועט מען דעמאָלט נעהמען אויף דער הוצאה? וועלען זיי, די קינדער פון אמעריקא, מוזען שי־קען.

דער זעלבער בלינדער האָט מיר דערצעהלט, אז דער רעכ־טער מאכער פון די ליעדער, וואָס די בלינדע מוזיקאנטען זינגען, איז א בלינדער פידעל־שפּילער אין אָדעס. אָהאָ! — האָט ער בעמערקט — יענער געהט ניט אזוי ווי מיר, און לעבט אביסעל בעסער פון אונז. ער געהט ארוים אין א ציליג־דער־הוט מיט א גאָלדענעם זייגער. איהם גיט מען ניט קיין גראָשען און ניט קיין קאָפּיקע".

אז דער אָדעסער דיכטער זינגט אוים זיינע ליעדלעך, גיט ער זיי אַוועק דערנאָך אין סקארב — פאר אַלע בלינדע, ניט אומזיסט, נאָר פאר א מטבע.

פאַראַן בלינדע, וואָס לאָזען זיך אַוועק אליין אזש אין אָדעס און לאָזען זיך קאָסטען א סך געלד ביז זיי קריגען דעם אָדעסער בלינדען דיכטער׳ס ליעדער. דאָס געלד קערט מען אום דערנאָך מיט פּראָצענט, ווען מ׳קומט אהיים. יעדעס ליעדעל פונ׳ם אָדעסער ווערט פארצוקערט. ס׳איז פאַראַן ליעדער, וואָס מ׳נעהמט פאר זיי ניט וועניגער, ווי דריי רובל א שטיק.

דער לעצטער יודישער בדחן.

איך האב זיך מיט איהם בעגעגענט און געשלאפען בע־
קאנטשאפט אין א געשעפט פון א בעקאנטען בוכהענדלער. ער
האט געקויפט לוחות, ציצית, אביסעל קאפיקענע מעשיות. דער־
פים פערעלט ער איבער די שטעדטלעך און דערפער, וואו עס
וואוינען יודען. נאר דאס איז זיין בייפרנסה. דער עיקר בע־
שעפטיגונג זיינע איז א גאנץ אנדערע, און פון יענער אנדער
הויפט־פרנסה מאכט ער זיין לעבען און איז מפרנס ווייב און
קינדער. זיין נאמען האט ער מיר בשום אופן ניט געוואלט זא־
גען. „מיין נאמען" זאגט ער — „איז ניט המן נאר עטליכע
קאפיקעס בעקאמען". „מיין גאנג איז נאר מיט א געזאנג"; „איך
געה מיט תחנונים, מיט גוטינקע נגונים".

דערפון זעהט איהר, אז מיין נייער בעקאנטער איז א יודי־
שער מינעזענגער". פשוט גערעדט — א בדחן. נאר א בדחן
פון א בעזונדער סארט. אויף חתונות געהט ער ניט. ער איז אן
אלטעגליכער פאלקס־פאעט. האט זיך זיינע קונדען און זיין
יעהרליכען מארשרוט. וואוינט אליין מיט זיין פאמיליע אין
קאפוליע צו אין הלוסק, ערגעץ אין א שטעדטעל אין מינסקער
גובערניע. געהט צו פוס דורך אלע שטעדט און שטעדטלאך,
וואס ליגען אויפ'ן וועג ביז ווילנא. דא איז דער ענד־ציעל פון
זיין וועג. פון דאנען געהט ער צוריק מיט אן אנדער מארשרוט
און קומט ווידער א היים. זיין וואנדער־קרייז מאכט ער דורך

צוויי מאָל א יאָהר. געהט ארויס נאָך פסח, און קומט אהיים אויף סכות. פערברענגט אין דער היים איבער יום טוב, און לאָזט זיך ווייטער אין וועג ביז פסח. און אזוי געהט ער תמיד. דער דאָזיגער סדר, צו זיין אין דער היים צוויי מאָל א יאָהר, איז ביי איהם שוין אן אלטער מנהג, נאָך פון אמאָל, פון דער צייט. וואס ער איז געווען א מלמד, און פלעגט קומען א היים בלויז סוף חזמן. נאָך די מלמדות האָט ער געהאט נאָך א פרנסה: האָט געהאַלטען א פאקט מיט בהמות. נאָרביידע פרנסות זענען פאר איהם געוואָרען צו וואַכעדיג. זיין נשמה האָט זיך געצויגען „אהין" אין דער ווייט. און ער איז אוועק וואנדרעווען אין דער וועלט אריין. וואָלט ער געהאט א גרויסען „טאַלאנט", ווען ער וואָלט, א חוץ די גראמען זאָגען, נאָך קענען גוט זינגען און צושפּילען אויף א פידעל, וואָלט ער זיך געלאָזט געווים גאָר ווייט, העט אין די „מרחקים". זיין „טאַלאנט" איז אבער נים א גרויסער, און דעריבער דערוועגט ער זיך ניט צו ווייט אוועק פון דער היים, דעריבער איז זיין מארשרוט נאָר פון קאפוליע ביז ווילנא און צוריק. דערפאר איז איהם אָבער זיין מארשרוט גוט בעקאנט. ער האָט שוין אומעדום, אויפ'ן וועג, זיינע סטאַנ־ציעס, זיינע בעקאנטע, וועלבע נעהמען איהם צו פאר א גוטען גאסט. אין די קליינע שטעדטלאך דערצעהלט ער נייעס פון די גרויסע מקומות. אין די גרויסע שטעדט — פון די קלענערע ישובים. און אלץ מיט'ן גראם. קיין תורה זאָגט ער ניט. ער איז א וועלטליכער מענש און זאָגט וועלטליכע זאכען, אז ער האָט בעמערקט, ווי רעדענדיג מיט איהם, פארשרייב איך אן דער זייט עפּעס אין א ביכעלע, האָט ער זיך אנגעשטויסען, אז עפּעס איז ניט גלאַט. ער האָט זיך געמאכט, אז ער איילט זיך ערגעץ און האָט מיר פשוט געמעלדעט: „מיט אייער שרייבען זאָלט איהר מיר ניט פארטרייבען, וואָרים איך דארף נאָך די קאַפּי־קעס קלייבען". איך האָב איהם פערזיכערט, אז איך מיין חלילה קיין שלעכטס. איך בין פשוט א איד, וואָס איז טשיקאווע צו וויסען, ווי אזוי יודען לעבען אויף דער ווייסער וועלט, און האָב איהם געשטעלט אייניגע פראגען וועגען זיין ווייב און קינדער. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיין ווייב האנדעלט אויף צו

מיט קעז. ער האָט מיט איהר צוויי אינגלעך, וועלכע געהען אין חדר; צוויי מיידלאך — די אינגערע, 12 יאָהר, געהט אין שולע: די עלטערע 14 יאָהר איז אין דער היים. א זוהן איז אין אמע־ ריקא. ער „פעדילט" דאָרט; ער איז נעבאך ניט געזונד. בכלל איז ער פון די קינדער ניט צופרידען. „איך האָב פון זיי קיין נחת — האָט ער זיך מיר בעקלאָגט — זיי טוען מיר צו להכעיס און גיבען מיר קדחת". מיט זיין איצטיגער געמישער פרנסה איז ער, א פנים, צופרידען. די הוצאה איז וועג, קאָסט איהם גאָר ניט. יעדער גיט אָבעסען און מַעהר דארף ער ניט. די צוויי, דריי רובעל א וואך, וואָס ער מאכט, שיקט ער אב א היים. אמאָל מאכט זיך אין א שטעדטעל א חתונה, האָט ער שוין א מטבע. איבעריגענס לאָזט מען איהם אויף א געהויבענע חתונה ניט צו. אין מינסק איז ער אמאָל געקומען אויף א חתונה „זאָגען" האָט מען איהם ניט געלאָזען. „איך בין געקומען אין זאאל" — קלאָגט ער זיך — „האָב איך געכאפט די גאַל, ניט געפונען קיין אָרט, און האָב ניט געקאנט זאָגען קיין וואָרט. עס איז געוואָרען אזוי פול, אז איך בין געוואָרען דול און ניט געקאָנט קריגען קיין שטוהל".

מיר איז געווען אינטערעסאנט צו וויסען, ווי אזוי קוקט אזאַ מענש אויף די געשעהעניסען פון די לעצטע יאָהרען. עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז ער האָט א בעגריעף פון דער רעוואָ־ לוציע. „די כאראקטערן" — זאָגט ער — „זענען ווייכער גע־ וואָרען קעגען אמאָל, מען זעהט, אז מענשען לאָזען זיך טוידטען. הויבט מען אָן צו קלערען: פאר וואָס און פאר ווען?".

דעם גאנצען געשפרעך, וואָס מיר האָבען געפיהרט איז געווען פון זיין זייט מיט גראמען. דער גראָם איז ניט אלע מאָל אויסגעקומען גלאט, אָבער קלערען אויף איהם לאנג האָט ער ניט געדארפט. ענדליך איז איהם גאָר אין גאנצען קלאָר געוואָרען דער ענין פון מיין שמועסען מיט איהם. „אַי איהר ווילט מיר מסתמא בעשרייבען!" — האָט ער זיך א קלאָפּ געטאָן אין שטערן — „איך בין ניט פון די „פתאים", בין אליין פון די „רמאים" און אביסעל פון די משוגעים"...

און איז אוועק.

אַט דאָס איז דער גאַנצער אידישער בדחן. ווי איהר זעהט, איז ער ניט זעהר קיין געהויבענע פּערזאָן. דאָס איז נאָר א שאָטען פון אמאָליגען בדחן. זיינע פּסולת, א געמיש פון א טרעמפּ, וואַנדעראָווּשטשיק און נאַטור־מענש. אבער דאָך האָט ער אין דער נשמה עפּעס א פונק, וואָס מאַכט איהם פרעמדעם וואָכעדיגען הו־הא פון אנדערע מענשען אין דער רוישיגער שטאָדט, און ער לעבט זיך, ווי גאָט'ס פויגעלע, אָהן גרויסע זאָרגען און ניט קלערענדיג וועגען מאָרגענדיגען טאָג.

דער יוד מיטדער „קוק-קעסטעלע"

פאראן א גרויסער, זעהר א גרויסער טייל פון דער יודי־שער מאסע, וואס פאר איהר איז די גאנצע וועלט פון עסטעטיק, פון שענקייט, פון קונסט פארבארגען. פון איין זייט איז די דאזיגע וועלט צו הויך פאר איהר ענטוויקלונג. דער טעאטער, די ליטעראטור, די קונסט האבען ניט אין זינען די דאזיגע טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער פון דער מאסע. דער קינעמאטאגראף־טעאטער, (מאוווינג־פיקטשורס) האט אפילו א מעלה: ער רעדט אויף „שטום־לשון", און אויף שטום־לשון איז די מאסע שוין יא א מבינ'טע. ס'איז אבער א חסרון: עס קאסט אויך געלד. ווי ביליג — דארף מען בעצאהלען 15—20 קאפיקעס. און אין בעסטען פאל קענען אזוינע בעלנים אויף קונסט אבשפארען פון זייערע נויטיגסטע בעדערפענעסען א קאפיקע, אדער צוויי, ניט מעהר.

קומט זיי צו הילף דער יודישער פאלקס־קינסטלער. נאך יעצט, אזוי ווי אמאל, בעפרידיגט די עסטעטישע בעדערפעני־סען פון דער ארימסטער בעפעלקערונג דער יוד מיט דער „קוק־קעסטעלע". די „קוק־קעסטעלע" איז, צו דערזעלבער צייט, אי א טעאטער, אי א מוזעאום. שטעהענדיג אויף איין ארט מאכט דערצושויער פון דער „קוק־קעסטעלע" רייזען איבער'ן ים און דער יבשה, איבער בערג און איבער טאלען; געפינט זיך אין קייזערליכע פאלאצען, קוקט אריין אין חעלישען טיגעל פון

פייער־שפייענדיגע בערג און בלייבט ניט געשעדיגט; פאָהרט מיט דער „טיטאַניק“ אויפ׳ן ים, זעהט צו איהר חורבן און אליין געהט ער ארויס פריש, געזונד און — טרוקען. די „קוק־קעסטעלע“ לערנט אויך היסטאָריע, לערנט געאָגראַפיע און אנ־דערע גוטע זאכען. א דרעה פאַר׳ן דרעטיל — און דער קוקער גיט א שפּרונג מיט א פּאָר טויזענד יאָהר צוריק און פאַלט אריין, פון גיטקע־טויבעס זאַוואוליק, גלייך אין ירושלים, אין שלמה המלך׳ס פּאַלאַץ, אין גאַנצען אַ שפּאַן ווייט פון שלמה המלך׳ס גילדערנעם שטוהל מיט די לייבען וואָס שטעהען ביי זיין שוועל. אין א מינוט ארום איז ער אין שפּאַניען און קוקט צו די שרעקליכע אינקוויזיציע. אַ שפּרונג — און ער איז שוין אויף א פּאַראַד פון נאַפּאַליאָנס חיל אין פּאַריז. נאָך א שפּרונג— און ער איז אין פּאָרט־אַרטור, אויפ׳ן פּלאַץ פונ׳ם רוסיש־יאַ־פּאַנישען קריג. די קוק־קעסטעלע דינט אויך פאר א צייטונג.— אין איהר בעקומט איהר בילדער פון די סאמע לעצטע געשעה־ניסען פון טאָג. דער יוד פון דער קוק־קעסטעלע איז, ווי עס ווייזט אוים, א ספּעציאַליסט אין זיינע ביזנעס. ער שטעהט שטענדיג אין קורס פון לעבען: לעבט מיט זיין צייט, ווייס „וואו“ און „ווען“. ער ווייס אויך וועמען וואָס פאר א סחורה צו ווייזען. קינדער האָבען ליעב פּאַראַדען, סאָלדאַטען, מלחמות און, בכלל, בילדער מיט קיסרים, גענעראַלען, רייטער מיט פערד און קאַרעטען. אַן אלטע אידענע וויל גערן א קוק טאָן אויף ירושלים און זעהן די אינקוויזיציע. א פּויער האָט ליעב צו זעהן גרויסע שטערט מיט זייערע גרויסאַרטיגע פּאַלאַצען, מיט די רוישענדע גאַסען, מיט די גרויסע שויבען און אויסגע־פּוצטע „פּאַניענקעס“.

א חוץ דעם, איז די קוק־קעסטעלע ניט קיין שטומע פּאַנאָ־ראַמע. אין א פּרט איז זי אפילו אינטערעסאַנטער פון די „מוּאַ־ווינג־פּיקטשורס“ מיט זייערע „שטומע ליאַליעס“. ביי יעדען בילד און סצענע אין דער „קוק־קעסטעלע“ שטעהט דערביי איהר טאַלמעטשער, דער באַלעבאָס פון דער פּאַנאָראַמע. ער פּאַרטייטשט און דערקלערט, און ניט ווי א פשוטער טאַלמע־

טשער, נאָר מעשה ארטיסט. עס ווענדט זיך נאָכ׳ן אינהאלט פון דעם בילד און נאָכ׳ן עולם נאָך. איז די פערטייטשונג דאָ איז גויאיש, דאָ אין יודיש, און שטענדיג מיט אַ גראַם.

אַט גיט ער אַ פּאָרקע די דרעטיל פון דרויסען, און אין קעסטעלע פאר׳ן אויג פונ׳ם קוקער, בעווייזט זיך אַ שטאָדט מיט פּאַלאַצען, מיט שיפלאַך, וואַסער פון אלע זייטען. דאָס איז דאָס שענסטע, וואָס די קוק־קעסטעלע פארמאָגט, און דע־ריבער איז די ערקלערונג אַ לענגערע.

— גאָראָד ווענעציא! — שרייט אוים דער קעסטעלע־יוד מיט גרוים התפּעלות:

קרוגאָם גאָראָדאַ!
אַ וו סערעדיניע רעקאַ!
ריבו לאָוויאַט נאַ זאַווטראַ —
יעווריעאָם נאַ שאַבעס
נאַ פּראַוואַי סטאָראָניע חאָראָשיע דערעוויאַ סטאַיאַט
אַו העטאָם דערעווע יעסט סוטשקי,
ו טאָם גאָראָדיע פּאָליצייסקע קרויטשקי.
כטאַ פּאָזשאַלויעט — פּאָדכאָדי!
פּיאַט קאָפּייעק — פּאָזשאַלויטע סודי!*)

„פּיאַט קאָפּייעק” ד. ה. פינף קאָפּיקעס — רעדט זיך נאָר אזוי: אין אמת׳ן איז דער פּרייז פון דער קעסטעלע־פאָרשטעלונג אַ סך ביליגער. — דאָס האָט איהם פּשוט „ווע־נעציע”, די „פּער” פון זיין פּאַנאָראמע, אויף אַן אויגענבליק גרוים געמאכט ביי זיך. מיינען מיינט ער, אז פאר אזאַ בילד אָנצוקוקען איז אפילו אַ צעהנער ניט איבערגעצאָהלט.

און ווירקליך. אַט בעווייזט זיך דער „קרעמל” אין מאָס־

*) ארום זענען שטעדט, אין מיטען אַ טייך, פיש כאַפּט מען אויף מאָרגען, פאר יודען אויף שבת; רעכטס — שענע בוימער שטעהען; אויף די בוימער — צווייגען־ווידלאך און אין שטאָדט פּאָליצייאישע דריידלאך; ווער עס האָט חשק — קום אַהער. אַ צעהנער אַ קוק — אַ גראָשען ניט מעהר.

קווע. דא האט דער קוק־קעסטעלע־יוד ניט קיין בעגייסטערונג. זיין ערקלערונג איז דעריבער קורץ און דעם מקח לאזט ער אויך ארונטער.

נאסטאיאשטשיע גאראדא! — שרייט אוים
דער טאלמעטשער —
ווי גיזון פאדפיסאנא!
כטא אימייעט דענגי, טרי קאפייקי —
פאזשאלויטע סודי!
א כטא ניע אימעיעט — אוכאדי!
ראזניע גאראדא סמאטרי
א קארמאני בערעגי!*)

די לעצטע ווארנונג: „קארמאני בערעגי", — ד. ה. גיב אכטונג אויף די קעשענעס, איז ניט איבריג. ווארום צווישען דער רעדעל, וואס קלייבט זיך ארום דער קוק־קעסטעלע, רייבען זיך שוין ווירקליך יענע „חברה־לייט", מיט לויפעדיגע אויגען און „קלעפיגע" פינגער...

א פארק אין דרעטעל און — ווייטער:
גאסודארסקי פראיעזד וו מאסקווע!
גאסודאר נא קאניע יעדיעט!
גאסודאריניא שעסטעריקאם!
קרוגאם גוסארי, אולאני, קאזאקי!
ווסיע נא גוליאניע פרישלי....**)

---

*) אמת'ע שטעדט! אונטען איז אנגעשריבען (ווי זיי הייסען). ווער ס'האט געלד — דריי קאפיקעס, קומט אהער! און ווער ס'האט ניט, טראג זיך ווייטער! פארשיידענע שטעדט קוק אן און אויף די קעשענעס גיב אכטונג...

**) דער קייזערליכער צוג אין מאסקווע! דער קייזער פאהרט רייטענדיג אויף א פערד, די קייזערינע אויף זעקס פערד אין שפאן. ארום זיי רייטען הוזארען, אולאנעס און קאזאקען, אלע זענען זיי געקומען אויף דעם פאראד....

— פראנצוסקי דוואָרעץ וו פּאַריזשע! — הערט איהר פלוצלינג ווייטער א לעבעדיגען אויסגעשריי:

גאָספּאַדא גוליאַיוט,
מעניא ניע פּרינימאַיוט.
באַרין ס' באַרישניעי אידיאָט
א מאַלענקיו זאַ רוטשקע ווערדיאָט****)

סוואַטאַי גאָראַד ירושלים! — ווערט אייך מיט נאָך מעהר התלהבות, אבער נאָך אַלץ אויף רוסיש געמעלדעט:

יעווריישקאיא סטאָליצאַ!
ווי סערעדיניע יעווריישקאַיא שקאָלא סטאַיאַט:
א טאַם באָגו מאָליאַטסאַ:
מאָליאַטסאַ זאַ מעניא; א ניע זאַ וואַס.
שטאַב יא מנאָגאָ דענעך זאַראַבאַטאַל****)

די קוקער פון דער „קעסטעלע" זענען דאָס רוב א גוי'איד־אישער עולם. דעריבער איז די ערקלערונג, צומעהרסט, אויף גוי'איש. אבער דער איד פון דער „פּאַנאָראַמע" איז, ווי איהר זעהט ווייטער, א מייסטער אויך אויף יודיש.

א"פּאַרק אין דרעזדען. עס פאלט אראב „סטאַקהאָלם". און דער אַרטיסט פון דער קוק־קעסטעלע שרייט אויס:

שטאָקהאָלם אין שווידען!
אין מיטען גאָס שטעהען צוויי מיידען,
מיין באָבע מיט אייער זיידען!

***) פראנצויזישער פּאַלאַץ אין פּאַריז! רייכע חערען געהען שפּאַצירען, מיך נעהמען זיי אין קאָמפּאַניע ניט אריין. א „באַרין" מיט א „באַרישניע" געהען שפּאַצירען און א קליינע מייד־דעלע טוען זיי פאַר'ן הענטעל פיהרען.

****) די הייליגע שטאָדט ירושלים! יודישע הויפּטשטאָדט! אין מיטען שטעהט דער בית המקדש, און דאָרטען שטעהען אידען און טוען גאָט בעטען, בעטען גאָט פאר מיר און ניט פאר אייך, אז איך זאָל א סך געלד פאַרדינען.

וועל איך זיי חתונה מאכען ביידען...

די קוק־קעסטעלע איז, אייגענטליך, א מין שטיבעלע מיט א דעכעלע, אונגעפעהר דריי פוס די לענג און צוויי פוס די ברייט, געפארבט אויף גרין, מיט געמאָלטע פענסטערלאך און דריי ספּאקטיוועס פון פאָרענט. די גלעזער זענען ניט קיין פּראָסטע און גיבען איבער גאנץ דייטליך און היבש פארגרעסערט די בילדער. מיט דער שטיבעלע וואנדערט אום איהר באַלעבאָס וואו רוסלאנד האט אן עק. אין די גרויסע שטעדט איז ער זעלטען. דאָרט איז שוין דער עולם צובאַלעוועט פון די טעאטערס מיט די מואווינג־פּיקטשורס, מיט אלע שטאָדטיגע פארגניגענס. דערפאר איז מען גערן דעם יודען מיט דער „קוק־קעסטעלע" אין דער קליין שטעדטעל. נאָר דער טייערסטער גאסט איז ער ביים פויער אין דאָרף. דאָרטען צאָהלט מען אמת, ניט מיט מזומן, נאָר מיט דער נאטור: אביסעל קארטאָפּעל, א פאָר אייער, א הייפעל חזיר־האר. אין שטעדטעל ווערט דאס ביי דעם יודען פערוואנדעלט אין געלד.

מיך האט אינטערעסירט צו וויסען: ווי אזוי קומט דער יוד צו דער קוק־קעסטעלע? און ווי לאנג, אז ער געהט ארום מיט איהר?

אויף דער לעצטער פראגע האט ער מיר באלד געענטפערט: דרייסיג יאהר. אויף דער ערשטער אבער, ווייזט זיך ארויס, איז איהם ענטפערן ניט געווען אזוי לייכט. געווען איז ער אין די יונגע יאהרען א בלעכער. איז איהם ביין שמעלצען אין טשאד פון די קויהלען שוואך געוואָרען די הארץ. האט ער געמוזט זר כען עפּעס אַן אנדער פּרנסה. אגב —, זאגט ער — האט ער ביי דער ארבייט תמיד ליעב געהאט צו טראכטען, אויסטראכטען עפּעס. ביי דער בלעכעריי איז דאס שווער געגאנגען. די קוק־קעסטעלע אבער לאזט פריי די פאנטאזיע. די ביזנעס איז ניט אזוי פּשוט, ווי איהר קענט זיך פארשטעלען. מ'דאַרף האבען א טאַפּ מיט אן אויג. מ'דאַרף שטענדיג זיין אין קורס פונ'ם לעבען: „וויסען וואס אויף דער וועלט טוט זיך. מ'מוז אפּט ביימען די בילדער נאָך די געשעהעניסען פונ'ם טאָג, נאָכ'ן

נוסט פון די פארשיידענע אריינקוקער. מ׳דארף וויסען וואו און ווי צו קריגען די בילדער.

היינט די קעסטעלע אליין — מיינט איהר, אז דאס איז גלאט א קעסטעלע? דאס איז א גאנצע שטיקעל קונציגע ארכי־טעקטור. און דאס האט ער טאקע אליין געמאכט. ווייטער איז די שווערסטע אויפגאבע — די בעלייכטונג. ווייל די הויפט־פארשטעלונגען קומען פאר ביי נאכט — אין די הייזער פון די קוקער. א פשוט׳ער לאמפ קען רויכערן, קען זיך לייכט איבער־קעהרען און אנמאכען א פייער. „זעהט איהר אט דעם לאמפ,— ווייזט ער מיר מיט׳ן פינגער אויף דעם בלעכענעם לעמפעל אין קוק־קעסטעלע, — דרייט איהם, קעהרט איהם ווי איהר ווילט. ער וועט זיך ניט פערלעשען, ניט אויסגיסען. דאס האב איך אליין אויסגעטראכט פון קאפ.

די קאנסטרוקציע פונ׳ם לעמפעל איז ווירקליך געווען גאר א מאדנע, א מערקווירדיגע. איך בין זיכער, אז זינט לאמפען און לעמפלאך עקסיסטירען אויף דער וועלט, איז נאך אזא משונה׳דיגע „בריאה" ניט געווען. און כאטש די קוק־קעסטעלע־ביזנעס דויערט שוין, ווי ער האט מיר דערצעהלט, דרייסיג יאהר, — אבער די אמת׳ע היסטאריע איהרע הויבט זיך אן פונ׳ם לעמפעל. ד. ה. זינט דער לעמפעל איז ערפונדען געווארען.

דער יוד פון דער קוק־קעסטעלע האט ערגעץ אין סלוצק, צי אין פינסק, א ווייב און קינדער. האט אויך א פאר קינדער אין אמעריקע, וועלכע שיקען איהם גאר נישט. א היים קומט ער צוויי מאל אין יאהר: אויף פסח און אויף סכות. רוהט זיך אויס, דערנאך — די קעסטעלע אויף די פלייצעס און ווייטער אין וועג.

אט אזוי געהט דאס שוין דרייסיג יאהר. אליין איז דער קעסטעלע־יוד נאהענט פון זעכציג. זעהט זיך נאך אן א שטיי־פער יודעל. שטארקער פון איהם אבער איז נאך די קוק־קעס־טעלע. און מיר דאכט זיך, אז זי וועט איהם איבערלעבען און בלייבען אן אייביגע יתומה. ווארים אזוי ווי מאטיל דער פורים־שפילער איז דער לעצטער אין זיין פאך, איז דער יוד פון דער קוק־קעסטעלע, אהן א ספק, אויך דער לעצטער פון דעם מין וואנדערנדע פאלקס־קינסטלער־טרעמפס.

דער פופען-„ראקטאר".

אין ווילנא, אויף דער ווילנער גאס, בעמערקט איהר אין איינער פון די שוי־פענסטער ארויסגעשטעלט פערשיידענע ליאלקעס. הויבט איהר אויף דעם קאפ און בעטראכט דעם שילד, בעמערקט איהר גלייך, אז דאס איז ניט קיין פשוט'ע קראם פון קינדערשע שפילזאכען, נאר א פופען־שפיטאל. אזוי שטעהט טאקע אנגעשריבען אויפ'ן שילד: „קליניקא קוקאל" ד. ה. א קליניק וואו מען היילט ליאלקעס.

אייער אינטערעס ווערט נאך שטארקער ווען איהר קומט אריין אינעווייניג. דאס איז אן עכטע קליניק און אפעראציאנס־פאלאטע. לינקס פאלט אייער אויג אויף א ריכטיגען שפיטאל. אויף הילצערנע בעטלאך ליגען די פאציענטען, קראנקע פופען, בלאסע, פערטרויערטע פנים'ער, די האר צעוואָרפען, אין איינע העמדער. א טייל ליגען מיט'ן פנים ארויף; א טייל — אויף א זייט, צוגעדעקט יעדע מיט א דעקע ניט זעהר זויבער. דערפאר אבער ווארם. איבער יעדער קראנקער איז איבערגע־בויגען א בארמהערציגע שוועסטער, וואס קוקט אויף איהר צערטליך, פערריכט איהר דעם געלעגער, אדער גיט איהר עפעס אין מויל. ביי אן אנדערער שטעהט א דאקטאר, האלט אין איין האנד דעם זייגער, מיט דער צווייטער טאפט ער דעם פולס ביי דער קראנקער ליאלקע. ביי אן עק זיצט אין א שטוהל, אנגעבוי־גען אויף א זייט און דרעמלענדיג, דער אויפזעהער מיט איין האלבער וואנץ א גאנצער און די צווייטע — אן אויסגעפליקטע.

די באָרד אָבער נעט פארקאמט און געשאָרען אָלאָ בולאַנזשע.

דערביי אין א קאסטען מיט גלעזערנע שויבען, זענען צו־זעצט און צושטעלט אנדערע פּאַציענטען, ניט אזוי ערנסט קראַנק, ווי יענע, אין דער פּאַלאַטע. אבער פון די אונגעלומפּער־טע מלבושים, שטאַרע בליקען, צעפּודעלטע האָר און בלאַסע פּנים'ער איז קענטיג אז זיי נויטיגען זיך אויך אין א דאָק־טאָר...

און אָט טאַקע דערביי איז דער דאָקטאָר אליין: אן על־טערער אידעל מיט א שיטערער גראָהליכער בערדיל, א דראַב־נעם אויסגעמאַטערטען פּנים, נאָר גוטמוטיגע קליינע אויגען. ער האלט צארט אונטער די אָרעמס א ליאַלקע, א ברייטע, א גע־וויקסיגע, מיט א שלאַנקער טאַליע, מיט שפּורען פון אַמאָליגער שענהייט. דער פּנים פון איין זייט נאָך איצט אויך מאָדנע חנ'עוודיג, פּול, רויט, קאָקעטיש זאָגאר. נאָר, פון דער אנדער זייט — גאָט מיינער! צעבראָכען א שטיק שאַרבען אין צוויי ער־טער ביז צום קינבאַק צו!...

— יעצט, זאָגט מיר דער „דאָקטאָר", איז שוין דאָ א האָפנונג. איהר האָט אָבער דעם „נפש" געדאַרפט זעהן מיט א פּאָר שטונדען פריהער!"

איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער „אָפּעראַציע". ס'איז ווירקליך א קונציגע און שווערע שטיקעל ארבייט געווען. אבער יעצט איז שוין עהנליך אויף א מענשען. אויפ'ן אָפּעראַציאָנס־טיש זענען געשטאַנען פאר דעם כירורג עטליכע פּיצעמאָנציגע טעלערלאַך מיט פערשיידענע סאָרטען קליי און פארבען. ער האָט קונציג, מיט א זעהר דינעם פּענזעליקעל געגעבען א שמיר, א גלעט, א פארב, און די „נעט" האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז פאר־שווינדען. די ליאַלקע האָט זיך, אפּנים, אָנגעהויבען פיהלען א סך בעסער, וואָרים אויף איהרע ליפּען האָט זיך בעוויזען א שמייכעל, כאָטש דער שמייכעל האָט נאָך געהאַט א שמערצליכען אויסדרוק.

דער „דאָקטאָר" האָט זעהר פאָרזיכטיג ווידער גענומען די ליאַלקע מיט צוויי פינגער אונטער די אָרימס און האָט זי אוועק־

געלעגט אין א גרויסער שאכטעל „אביסעל אברוהען". און אום מיך צו אמוזירען האט ער צוגעצויגען צו זיך דעם אלטען פאר־שנייטען „קריסמעס־זיידע", וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל אויף זיין אפעראציאנס־טיש און האט איהם, ווי מיר האט זיך געדאכט, עפעס א שושקע געטאן אין אויער און א פארקע געטאן מיט'ן פינגער פון הינטען. דער קריסמעס־זיידע האט גענומען דרייען מיט'ן קאפ, דראהען מיט'ן שטעקען, וואס האט גע־שטעקט ביי איהם אין איין האנד, און מאכען מיט דער אנדער האנד, וואס איז געווען בעפוצט מיט א גאנצען קראנץ פאטשער־קעס און פלימערלאך און נאך אזוינע זיבען זאכען, מיט וועל־כע מ'בעהענגט געוועהנליך דעם קריסמעס־זיידען. פלוצלונג האט דער פופען־דאקטאר אראבגעריסען די דאזיגע „צוצשעפענעס", האט א פארקע געטאן די קוצמע פון פאטילניצע צום שטערן ארויף, און פון קריסמעס־זיידען איז געווארען א „גוטער איד". וואס שאקעלט זיך און דבק'עט זיך שטארק אין דאווענען.

בשעת דער דאזיגער „אלטער איד" האט זיך געהאלטען אין דבק'ען און גלאצען מיט די אויגען, בעגלייט פון די קוראנ־טען, וואס האבען אונטער איהם, פון א בעהאלטענער קעסטעלע ארויסגעשפילט, האט מיר דער פופען־דאקטאר דערצעהלט זיין (ד. ה. ניט זיין אייגענע, נאר דעם „גוטען אידענס") ביאָ־גראפיע. אמאל, מיט יאהרען צוריק, איז ער געווען ניט קיין „גוטער יוד" און ניט קיין „קריסמעס־זיידע", נאר — א שיקסע. א גרויסע קאקעטין דערצו. זי האט ביי איהם מיט עפעס פאר־זינדיגט, האט ער פון איהר אראבגענומען די אטלעסענע שיכע־לאך מיט די זיידענע בענדלאך, מיט דער, אויף דער ברוסט אוים־געשניטענער העמד, מיט די פיינע גאלדענע לאקען: האט איהר אנגעטשעפעט א שווערע קוצמע, א גראהע, ברייטע און לאנגע, צעפלאנטערטע בארד, ארייננגערוקט א שטעקען אין האנד און געזאגט: געה, וואנדער! פארזוך דעם טעם צו זיין א יוד... נאר איין מאל אין יאהר, ווי עס קומט צו קריסמעס, שמד'ט ער, דער פופען־דאקטאר, אב דעם גוטען יודען: גיט איהם א פארק אין קוצמע, רוקט זי אראב צוריק אויף דער פאטילניצע, טשעפעט איהם אן אויף דער צווייטער האנד יאלקע־פלימערלאך

און — ס'ווערט פון איהם א קריסמעס־זיידע.

דער פופען־דאָקטאָר האָט נאָך ניט געענדיגט די אינטע־רעסאנטע ביאגראפיע, האָט ער עוסק'ענדיג זיך מיט איין האנד ארום א ליאלקע, מיט דער צווייטער א כאפּ געטאָן א בלייענע פויגעלע, וואס איז געהאנגען אויף א דינעם פאָדים, אנגעטשע־פּעט אויף א דרעטעל, איבער אונזערע קעפּ, א פּארקע געטאָן דער פויגעלע אונטער'ן עק, און די פויגעלע האָט אנגעהויבען צו פליהען ארום אונז, שוועבען אין רונדע גרויסע קרייזען.

— וואס איז דאָס ? — האָב איך געפרעגט.

— עט, זאָגט דער פופען־דאָקטאָר מיט א שמייכעל, — גאָר נישט ! דאָס איז געווען א פּראָסטע פויגעלע, ווי אלע די. וואס מ'פערקויפט פאר א פּאָר קאָפּיקעס א שטיק אין די אל־מערלאך. האָט זיך ביי מיר געוואלגערט עפּעס א שרייפעל פון א צעבראָכענעם יאָוועלע, א קונצען־מאכער, האָב איך זי אריינ־געטאָן אין דער פויגעלע...

מיך האָט, פערשטעהט זיך, מעהר פון אלץ אינטערעסירט זיין אייגענע, דעם פופען־דאָקטאָר'ס ביאָגראפיע.

— ווי קומט איהר דערצו ? — האָב איך געפרעגט, — ווער האָט אייך געלערנט די ליאלקע־דאָקטאָריי, און ווי לאנג. אז איהר האלט די פופען־קליניק, ווי מיר שיינט, די איינציגע אין אלע שטעדט ארום און ארום.

— איך בין — זאָגט ער — פריהער געווען א זעמסער. איך האָב שטענדיג געהאט א נאטור צו טראכטען, אויסצוטראכ־טען עפּעס אין דער ארבייט. האָב איך זיך ניט בענוגענט דוקא מיט די הענטשקעס, פלעג איך וועלען מאכען א גאנצע האנד. א פוס...

— וואס הייסט, — פרעג איך, — א האנד, א פוס ?

— פערשטעהט איהר מיך, — דערקלערט מיר דער פו־פען־דאָקטאָר. — אט מ'געהט אין גאס, בעגעגענט מען דאָ א קאליקען אָהן א האנד, דאָ א הינקעדיגען מיט א האלבער פוס, אָדער גאָר אָהן א פוס. קען איך דאָס ניט צוזעהן. פלעג איך אלץ קלערען, ווי צו מאכען דאָס גאנץ. אמאָל קומט צו מיר א דאָק־טאָר...

דער פּלאַץ ערלויבט מיר לײדער ניט איבערצוגעבן דעם פּופּען־דאָקטאָר׳ס ביאָגראַפיע מיט זײנע אײגענע װערטער. דאָס װעט פערנעהמען צו לאַנג. איך װעל זי דעריבער דערצעהלען װײטער בקיצור אויף מײן שטײגער.

די פּראַקטיק פון א זעמסער האָט איהם געבראַכט אזעלכע קונדען, װאָס האָבען זיך װירקליך גענויטיגט, דער אין א האַנד, דער אין א פוס — קאַליקעס, אָרימע לײט, װאָס האָבען ניט געקענט פאָהרען קײן אויסלאַנד, אָדער אין די גרױסע רוסישע שטעדט און דאָרט לאָזען זיך צומאַכען גלידער. אזעלכע קונדען זענען פאַר׳ן צוקונפטיגען פּופּען־דאָקטאָר געװען װי געװאונשען. זײ האָבען איהם געשאַפט ד י אַרבײט, װאו זײן שאַפענדער גײסט האָט געקענט געפינען א בעפרידיגונג. מעהר האָט ער ניט פערלאַנגט. װעגען געלד האָט ער זיך ניט געקימערט. א דאָקטאָרס א אינגעל האָט ער אמאָל צוגעמאַכט א האַנד, װאָס האָט געקענט אָננעהמען יעדע פּאָזיציע פון א לעבעדיגע אמת׳ע מענשישע האַנד. מ׳האָט זי געקענט אראָבלאָזען, אויפהויבען, אײנבויגען, האַלטען אין איהר א שטעקעל, א היטעל, אויפבויגען און פאַרנאַנדערלאָזען די פינגער. דאָס האָט ער אלץ געמאַכט פון פּשוטע לײװענט, אָהן בעזונדערע קונצען. דער דאָקטאָר איז ערשטױנט געװאָרען, װען דער זעמסער האָט פאַר דער גאַנצער אַרבײט פאַרלאַנגט ניט מעהר װי צװײ רובל מיט קאָפּיקעס. ער האָט איהם אלײן דערלעגט נאָך אמאָל אזױ פיעל און האָט איהם רעקאָמענדירט אנדערע קונדען.

א פּופּען־דאָקטאָר איז ער געװאָרען צופעליג. אמאָל — דערצעהלט ער — איז געקומען צו איהם א פריצטע מיט א קינד. דאָס קינד איז געװען א פערװײנטע, א פערקלאָגטע. שטעלט זיך פאָר איהר הארצװעהטאָג: מיט עטליכע טעג צוריק האָט מען איהר געקױפט צום נאָמענס־טאָג א פּופּע, א רײצענדע פאַרשױן, פון סאמע פּאַריז. בעצאָהלט צעהן רובל. איז זי, די פּופּע, נעבאך אראָבגעפאַלען און צעבראָכען דעם קאָפּ. דער זעמסער (דעמאָלט איז ער נאָך קײן פּופּען־דאָקטאָר ניט געװען) האָט אלײן אזש שיער ניט געװײנט, צוזעהענדיג דעם צער

פון דעם קינד. און דערהויפּט טאַקע דעם חורבן פון דער פּופּע. ער האָט זיך גענומען צו איהר, געפּאַרקעט זיך אַרום דער אָפּע־ראַציע א טאָג מיט א נאַכט. אויף מאָרגען איז געקומען די פּריצטע און איז ערשטוינט געוואָרען: זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט דערקענען, וואו איז געווען די וואונד. די פּופּע האָט געשיינט, ווי א נייע, ווי ערשט פון קראָם. דאָס קינד האָט איהם שיער ניט געכאַפּט קושען פון פרייד.

דאָס האָט בעשלאָסען זיין שיקזאל. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען דער פּופּען־דאָקטאָר. אין א פּאָר יאָהר אַרום האָט ער געעפענט די פּופּען־קליניק, וועלכע עקזיסטירט שוין, ווי געזאָגט, א יאָהר 15. אויף א קינדער־אויסשטעלונג אין ווילנא, ד. ה. אן אויסשטעלונג פון זאכען, וואָס באַלאַנגען צום לעבען און ערציהונג פון א קינד, האָט דער פּופּען־דאָקטאָר פאר זיין פּו־פּען־קליניק בעקומען אן אויסצייכנונגס־דיפּלאָם.

איבריגענס, יאָגט זיך דער פּופּען־דאָקטאָר ניט נאָך כבוד און נאָך געלד. וואָלט געווען אזא מענש אין א אייראָפּעאישער שטאָדט, וואָלט ער געווים געוואָרען א גרויסער ערפינדער אין זיין געביט, וואָלט געהאט א פאבריק פון פּופּען, צו פון קינסט־ליכע מענשליכע גלידער, וואָלט געווען בעשאָטען מיט מעדאַ־ליען, וואָלט געווען רייך, אויב ניט קיין מיליאָנער. דער פּופּען־דאָקטאָר אָבער ליגט ניט אין די זאכען. ווען איהר קומט אריין אין זיין פּופּען־קליניק זעהט איהר נאָר טויטע ליאַלקעס, דערצו נאָך העסליכע קאַליקעס, אָבגעריסענע הענט, פיס, צעשפּאָלטע־נע קעפּ. פאר איהם, דעם פּופּען־דאָקטאָר איז דאָס א וועלט פון לעבעדיגע, נאָר קראַנקע נפשות, וועמען ער איז בערופען געזונד צו מאכען: בלינדע געבען אויגען, קאַליקעס — פיס און הענד, פליעבעוואַטע געבען די שענסטע לאָקען: נאַקעטע בעקליידען, אַלטע מאכען יונג, מאוסע מאכען שען...

דער אַלטער האָט קיין הארץ ניט צו נעהמען טייער פאר זיין קונסט־ארבייט. און טאַקע דוקא דערפאר וואָס ער איז איי־נער. „אז ס'וואָלטען געווען — זאָגט ער — נאָך אנדערע ווי איך, איז עפּעס אנדערש, וואָלט איך גענומען טייערער. אָבער

ווייל יענער מ ו ז אנקומען צו מיר, קען איך איהם ניט באריימען.

די לאגיק איז זיכער ניט פון א קרעמער...

איין זארג האט דער אלטער פופען־דאקטאר: ער האט ניט וועמען איבערצוגעבען די „ירושה". ער האט, אמת, צוויי טעכטער, יונגע מיידלאך, וואס העלפען דעם טאטען אין דער קליניק. די עלטערע מיידעל, — זאגט ער — האט, אמת, אויך אביסעל געפיהל צו דער ארבייט, אבער ס'איז ניט דאס.

בשעת ער האט מיט מיר גערעדט, איז דער אלטער פופען־דאקטאר ניט געשטאנען לעדיג. זיינע דינע פינגער האבען דא ארומגעטאנצט ארום א פופע, דא ארום פארשיידענע טעלערלאך און פאפירעלאך. אמאל געלאזען די ליאלקע צו רוה, און באלד ווידער גענומען זי אין די הענד.

— איהר זעהט, זאגט ער צו מיר, אוועקשטעלענדיג די ליאלקע, כמעט ניט צו דערקענען, אז ס'איז געווען אמאל א צעבראכענער שארבען.

און ווירקליך: די פופע איז געשטאנען א יונגס, א לעבעדיגס, און מיר האט זיך געדוכט, אז זי ווינקט מיט די אויגען, לאכט צו מיר.

— ס'פעהלט נאך — זאגט ער — אביסעל פארב אין די בעקלאך. גייט, רוה זיך אוים! מארגען וועט זי זיין פאלקאם געזונד.

דער בלינדער פאעט פון דער „טיטאניק"

אין איינינע טעג ארום נאך דער שרעקליכער קאטאס־טראפע פון דער גרויסער אמעריקאנער שיף „טיטאניק", איז געשטאנען אין א טויער פון גיטקע טויבעס זאוואליק אין ווילנא א בלינדער און האט, צושפילענדיג מיט זיין פידעל גע־זונגען אויף איהר זיין קינה:

געוויס האט איהר אין די בלעטער געלעזען,
וואס אויפ'ן ים האט ניט לאנג געשעהן:
פון דער קאטאסטראף, וואס עס איז געוועזען
מיט דער שיף „טיטאניק", וואס עס איז געוועזן.
פון לאנדאן קיין אמעריקא איז די שיף ארויסגעגאנגען
מוזיק האט בעגלייט, דער וועטער איז געוועזן גאנץ שען:
פלוצלינג האט דער קאפיטאן א טעלעגראם געטאן
דערלאנגען,
אז זיי זענען אין געפאהר, די שיף טוט אונטערגעהן.

די „פאעזיע", ווי איהר זעהט, איז ניט קיין „אי־אי". דאס איז פשוט א שטיקעל צייטונגס־קארעספאנדענץ צוגעשטוקע־וועט מיט גראמען. דער נגון איז אויך ניט געוועזן שטארק ארי־גינעל און פאלקסטימליך. דאס איז געוועזן א „וואריאציע" פון

אנדערע נגונים, וואָס די בלינדע בעטלער שפּילען און זינגען אין די טויערן.

נאָר דעמאָלט האָט דער טעקסט מיט'ן נגון געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק אויפ'ן עולם, און דער בלינדער מוזיקאַנט האָט געהאַט עטליכע גוטע טעג. אויך מיר האָט די סצענע גע־מאַכט אַזאַ רושם, אַז איך האָב אָבגעוואַרט ביז די גאַנצע ליע־דעל איז אויסגעזונגען געוואָרען און דער עולם איז זיך צו־גאַנגען, און האָב דעם אינגעל, וואָס פיהרט דעם בלינדען, אריינגערוימט אין אויער, ער זאָל געהן נאָך מיר. איך האָב ארויפגעפיהרט דעם בלינדען „טיטאַניק ־ בעקלאַגער" אין א בע־קאַנטע אידישע בוכהאַנדלונג און האָב איהם געבעטען פאַר־זאָגען מיר זיין ליעדעל און איך וועל זי פאַרשרייבען.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז איך און דער בלינדער אידעל זענען מיר איינער דעם אנדערן ניט גאָר אונבעקאַנט. מיר האָט דערצעהלט מאַטקע דער פּורים־שפּיעלער, אַז ער האָט א בעקאַנטען בלינדען פידעל־שפּילער, וואָס האָט אַליין געמאַכט גאַנצע 40 ליעדלאַך. איהם ווידער האָט מיין בעקאַנ־טער פּורים־שפּילער איבערגעגעבען, אַז ס'איז דאָ עפּעס א „משוגענער" איד, וואָס קויפט אויף אַלטע ליעדלאַך און צאָהלט פאַר זיי גאָר נישט קשה'דיג. (דער פּורים־שפּגלער האָט גע־כאַפּט פאַר „זיין" פאַרשטעל מיט'ן דיקטירען די פּורים־שפּיל— עטליכע קערבלאַך). דער „טיטאַניק־זינגער" האָט די ידיעה פערשטאַנען אויף זיין שטייגער און האָט געלאַכט פון מאַט־קען:

— א משוגענער, זאָגסט דו? ער איז שוין גאָר קיין משוגענער ניט! היינט, ברודער, איז אַזאַ סחורה, ווי ליעד־לאַך—קוראַנט! עובר לסוחר! דאָס איז גוט צו וויסען. מ'דאַרף מיט איהם א שמועס טאָן.

„עהע, איך האָב אייך טאַקע געפּאַקט, — האָט ער זיך אָנגערופען צו מיר מיט א נאַאיוו־כיטרע מינע, אוועקשטעלענ־דיג די פידעל אויפ'ן טיש און אָבווישענדיג די וואָנצען פון שנייי. מ'האָט מיר געזאָגט וועגען אייך".

—דאָס זייט איהר יענער? מאַטקע דעם פּורים־שפּילערס...

— יע, יע!... האט ער מיך איבערגעשלאגן. און האט מיר בעשטעטיגט דעם פאקט, אז ער האט פערציג ליעדער איי־גענע.

איך האב איהם געבעטען איבערזינגען מיר דאס ליעד פון „טיטאניק" און דיקטירען די ווערטער, וועלכע איך האב פערשריבען. ער האט פון מיר און אנדערע צוהערער בעקומען א שענע פאר קאפיקעס. ער האט מיר געגעבען זיין אדרעס און איך האב מיט איהם אבגערעדט קומען צו איהם א קוק טאן זיינע ליעדער און אויב זיי וועלען מיר געפעלען, וועל איך זיי איבערשרייבען, ס'פערשטעהט זיך, ניט אומזיסט.

איך דארף דא צוגעבען, אז מיין נייער בעקאנטער, דער טיטאניק־פאעט, האט, אוועקגעהענדיג מיט דעם האלבען רובל, וואס ער האט געמאכט אין דער בוכהאנדלונג, גערעכענט, אז איך האב איהם אבגענארט. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז איך בין אן אגענט פון פערלאג „צענטראל", וועל דאס אבדרוקען און מאכען שטיקער געלד. דעריבער האט ער זיך אליין צוגע־איילט, אבגעדרוקט באלד נאכדעם זיין „טיטאניק" אין א קליין ביכעל און, זינגענדיג דאס ליעד וועגען דער „קאטאסטראף" אין די ווילנער הויפען, בשעת מעשה פארקויפט דאס געדרוקט ביכעל צו פינף קאפיקעס א שטיק. דאס איז געווען א פראק־טיש־אויסגערעכענט שטיקעל ביזנעס. מ'זאגט, אז ער האט געשמאק געלייזט און פערדינט עטליכע רובל.

מיט איינינע וואכען שפעטער, נאך מיין ערשטע בעי קאנטשאפט מיט'ן פאעט פון דער „טיטאניק" בין איך געווען אויף נאווגאראד און האב בעזוכט דעם בלינדען מוזיקאנט, מיין נייעם בעקאנטען.

דער אינגעלע, וואס האט איהם דעמאלט געפיהרט, האט עפענענדיג די טיר, מיר גלייך דערקענט און א געשריי געטאן אין שטוב אריין:

„טאטע, אט געהט ער!"

דערפון האב איך פערשטאנען, אז מ'האט אויף מיר שטארק געווארט און אפט וועגען מיר גערעדט.

דער בלינדער און זיין ווייב האבן גלייך גענומען ריין מאכן א בענקעל און מיך געבעטן זיצן. עטליכע יונגע לייט, וואס זענען געזעסן ארום טיש און געשפילט אין קארטן, האבן זיך אויפגעהויבן דרך ארץ׳דיג און פארלאזן די שטוב.

דער בלינדער האט מיר פריינדליך אויסגעשטרעקט די האנט.

— נו, הייסט דאס, איהר זייט געקומען זעהן מיינע סחורה? ברכה׳קע, זוך אויף, דארטן, אין קעסטעל אונטער בעט דארף ליגן די „טעטראדקע״! (העפט) — האט ער זיך געווענדעט צו דער מאכטער, א מיידעל פון א יאהר זעכצעהן.

די מיידעל איז אוועק זוכן און איך האב דערווייל בעטראכט די שטוב מיט די באלעבאטישקייט.

די שטוב איז בעשטאנען פון איין קאמער, א גאנץ גערוימער. א גרויסע רוסישע אויווען מיט א „ווענטעל״ פון ציגעל צוגעצויגען צו דעם אויווען, עס זאל בעסער ווארעמען די שטוב. אין מיטען צימער און ביי די זייטען זענען געשטאנען אין אונארדנונג: בענקלאך — אויף זיי און אונטער זיי פארשיידענע שטוביגע כלים און קינדערשע בגדים און שיכלאך. ביי דער וואנט — א בעט מיט צוויי קינדערלאך אויף איהר, הארט צוגעטוליעט איינער צום אנדערן.

אויך טישען זענען געווען צוויי, ווי מיר האט אויסגעוויזען: איינער א געוועהנליכער מיט א שמוציגען טישטוך פערדעקט; דער צווייטער — א משונה׳דיג־לאנגער, פון איין זייט ברייט און פון צווייטען שמאל — אויך איבערגעדעקט מיט עפעס א מין סערוועטע.

— עפעס א מאדנער טיש — האב איך בעמערקט דעם בלינדען באלעבאס. — אויף וואס דארפט איהר צוויי טישען?

דער בלינדער האט א שטאלצען שמייכעל געטאן:

— דאס איז ניט קיין טיש, דאס איז א פארטעפיאן.

—א פארטעפיאן? — האב איך זיך פערוואונדערט; ווער שפילט ביי אייך?...

— מיינע צוויי מיידלאך. זיי שפילען פידעל אויך. איינע

פון זיי איז גלייך מיט מיר אריין אין שטוב. אין א קורצע צייט ארום — א צווייטע. יונגע קינדער פון זעכצעהן ביז אכטצעהן יאהר).

— זיי שפילען אין קינעמאטאגראף, — האט ער זיי מיט שטאלץ מיר פארגעשטעלט, און פערדינעןביידע זיבעציג רובל א חודש.

אי מיט'ן געהאלט, אי מיט דער פראפעסיע פון זיינע מיידלאך האט זיך דער בלינדער שטארק געגרויסט. נאך פריער, בשעת ער האט אין בוכהאנדלונג מיר געגעבען זיין אדרעס, האט ער מיט גאוה צוגעגעבען: איהר וועט פרעגען דערביי אין קרעמיל: דער בלינדער, וואס זיינע מיידלאך שפילען אין קינעמאטאגראף.

אויף מיר האט די ידיעה ניט געמאכט קיין גוטען איינדרוק. איך ווייס, אז די קינעמאטאגראפען אין רוסלאנד, ווי אין אמעריקא, זענען זעהר אפט נעסטען פונ'ם פרויענהאנדעל. די אייגענטימער פון זיי ברויכען ניט זעלטען אלס מוזיקער קינדער פון ארימע לייט, וואס בעזיצען טאלאנט צו שפילען, איבערהויפט יונגע מיידלאך, אלס צוציהונגס־שטאף פאר זייערע שענדליכע ביזנעס. אזוינע ארימע יודישע מיידלאך־מוזיקאנטען קענט איהר אפט טרעפען כמעט אין אלע גרעסערע שענקען און רעסטאראנען, וואו די מוזיק איז די לעצטע יאהרען געווארען א שטענדיגער צוציהונגס־מיטעל פאר די טרינקער. די דאזיגע שענקען, אזוי ווי די טעאטערס פון די „מואווינג־פיקטשורס" זענען אויך אפט צענטרעס פאר פרויען־האנדעל. ס'איז זיך דעריבער לייכט פארצושטעלען, ווי פערדערבליך זיי ווירקען אויף דער זיטליכקייט פון די אידישע מיידלאך.

אין אט דעם פאל בין איך אבער באלד געווארען בערוהיגט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דעם בלינדענס טעכטער האבען שוין חתנים — עהרליכע בחורים, טאקע שכנים דא דערביי. איינער איז א פאבריקמאכער, דער צווייטער — א שטעפער. זיי נעהמען די מיידלאך ווי זיי שטעהען און געהען.

און אז באלד נאך דער חתונה וועלען זיי, זיינע טעכטער, אויפ־
געבען אין גאנצען די מוזיק־ביזנעס.

א חוץ די צוויי מיידלאך האט דער בלינדער נאך פיער
קינדער: צוויי קלענערע אינגלאך האבען געשלאפען אויפ'ן
בעט. א פערצעהן־יעהריגער אינגעל איז שוין אויך א מוזיקער.
ער שפיעלט אין מיליטערישען ארקעסטער און פערדינט אויך
פינף און צוואנציג רובל א מאנאט. די מיידלאך דארפען אפילו
האבען פאר זיך דעם פערדינסט. פונדעסטוועגען — זאגט דער
בלינדער — אז ס'פעהלט עפעס, אדער מ'דארף האבען דירה־
געלד, גיבען זיי. א ברירה האבען זיי...

— אזוי וואלט זיך געלעבט נישט קשה, — דערקלערט
מיר דער בלינדער — נאר עס פעהלט כח. ער איז שוין שוואך
אין געזונד. ביי נאכט שלאפט זיך ניט. אפילו דאס גופא, וואס
ער שלאפט ווייניג ביי נאכט האט איהם פאר א „ליעדער פער־
פאסער" געמאכט. אלע פערציג ליעדער (די מיידעל האט דער־
ווייל געפונען דאס ליעדער־העפטעל און מיר דערלאנגט) האט
ער פארפאסט ביי נאכט, ליגענדיג אין בעט. די טעמע האט ער
גענומען, מעהרסטענס, פון די טאג־געשעהעניסען, וואס ער האט
זיך עפעס פערלאפען אין שטאדט — אויף מארגען איז שוין
געווען ביי איהם פארטיג א לידעל. פון דעסטוועגען איז דא
צווישען די ליעדער אויך ניט מאמענט־זאכען, נאר אויף אלגע־
מיינע טעמעס. א שטויגער: דער „מלוה", דאס „געלד", דער
„גנב", די „שלעכטע מערכה", „דער טויט", די „מצבה" און
אנדערע. די שפראך הויבט זיך ערטערווייז אויף צום נאאיווען
סטיל פון א פאלקס־דיכטער. נאר מעהרסטענטיילס איז דאס
ליעד צופיעל צוצויגען (דאס פאדערט די ביזנעס: ער זאל קענען
זינגען א לענגערע צייט). און שטארק נאכגעמאכט די ברחנישע
ליעדער.

דער בלינדער „טיטאניק־פאעט" האט געווארט ביז איך האב
איבערגעקוקט דאס העפטעל און האט מיר מיט ביזנעס־וויכטיג־
קייט און ערנסט געמעלדעט:

— נו, וואס זאגט איהר? גוטע סחורה? איהר וועט „אם

ירצה חשם" פארדינען. זאל אייך גאט העלפען! איך פארגין אייך. אבער אזוי ביליג, ווי די „טיטאניק" וועט דאס ניט גערן. איהר וועט געבען א רעכטען מקח, וועלען מיר מאכען געשעפט.

מיט גרוים מיח האט זיך מיר איינגעגעבען, ווי עס איז, צו ענטטוישען דעם בלינדען אין זיין פארשטעלונג וועגען מיר, אלס דרוקער און פערלעגער. פון יוצא זיין וועגען האב איך ביי איהם געקויפט א געדרוקטען עקזעמפלאר „טיטאניק" און איבערגעשריבען עטליכע „פערזען" (סטראפען) פון זיין „חעפטעל", בעצאהלענדיג איהם צו 15 קאפיקעס א „פערז", און דאסזעלבע פאר'ן „טיטאניק".

ביין געזעגענען זיך האט ער מיך אפילו געבעטען ארײנקומען נאך אמאל, אז איך וועל זיין אין נאווגאראד. אבער, ווי עס האט געשיינט, האט ער נאך אלץ ניט געקענט ביי זיך פועל'ן, אז איך בין ניט קיין אגענט פון „צענטראל", נאר גלאט א איד. וואס האט ליעב אלטע לידלאך.

פערשידענעס.

„צוויי כל נדרי׳ס"

אין יאָהר 1905.

איך שרייב דאָ ניט קיין בעלעטריסטישע סקיצע. איך שיל־דער אזוי ווי עס האָט פּאַסירט אין דער ווירקליכקייט.

דאָס איז געווען אין „יענע טעג" ערב דער גרויסער רוסי־שער רעוואָלוציע, מיט אַ פּאָר וואָכען אונגעפעהר פריהער פאַר דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט רעוואָלוציע. נאָך קיין מאָל האָט דער נאָמען „ימים נוראים", „פורכטבארע טעג" ניט געפּאַסט אזוי צו די צעהן טעג צווישען „ראָש השנה" און „יום כפור", און דער נאָמען „סטראַשנאַיאַ נאָטש" „שרעקליכע נאַכט", וואָס די גוים רופען אין רוסלאַנד די נאַכט פון „יום כפור", האָט נאָך קיינמאָל אזוי ניט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט ווי אין יענער נאַכט צו „כל נדרי" פון יאָהר 1905. די גאַסען זענען געווען מענשען־לעער. די לעער־קייט איז אבער געווען ניט קיין אונהיימליכע. אין איהר איז געלעגען אַ געהיימע שטומע פייערליכקייט. איינצעלנע גוים, וואָס פלעגען צופעליג אריינפאַלען אין דער אידישער גאַס, פלעגען, ווי מורא האָבענדיג פאַר זייערע אייגענע טריט, זיך איילען אויף גיך אריבער צו לויפען, דאָס מאָל שרעקענדיג זיך ניט פאַר דעם יודישען „כאַפּון" פון דער קריסטליכער „יום־כפור"־לעגענדע. נאָר פיהלענדיג זיך, ניט ווילענדיג, דורכגעדרונגען פון דעם רע־

וואָלוציאָנערן גייסט, וועלכער האָט געשוועבט אַרום יעדער יודי־שער וואוינונג. לעער איז אויך געווען אויף סניפּישאָק. צווישען גרינעם בריק, וואָס הענגט דאָ איבער דער טייך „ווילייע", און סניפּישאָקער שוהל, איז מעהר ניט אומגעגאַנגען ווי איין גוי— דער גאָראָדאָוואָי פון יענעם צירקעל; איז אומגעגאַנגען אויף דער שטרעקע פון זיין ראיאָן (דיסטריקט), צוקומענדיג אַלע צעהן, פופצעהן מינוט נאָהענט צו דער שוהל, און דאָך מורא האָבענדיג צוצוקוקען זיך גאַנץ נאָהענט און אריינקוקען אין די פענסטער.

אין שוהל גופא האָט זיך דער עולם געגרייט צו דער גרויסער „עבודה", צו „כל נדרי". דערווייל האָט מען אויף די בענק און איבער די סטענדערס שטיל געבליפּעט איבער דער „תפילה זכה", ניט וואַגענדיג אויפהויבען דעם קול און אפילו דעם קאָפּ. דאָס זענען געווען בלויז רעפּעטיציעס פון די גרויסע טענות, וואָס יודען האָבען געהאַט צום „רבונו של עולם", פאַר דעם גרויסען פּראָצעס, וואָס האָט זיך געזאָלט באַלד אָנהויבען.

פּלוצלונג האָט זיך האַסטיג געעפענט די טיר פון שוהל. די לופט האָט געגעבען אַ ציטער. די וועקסענע ליכט האָבען מיט שרעק אויפגעהויבען די פלאַמען און אַ קער געטאָן זיך צום אָרון קודש, ווי זיי וואָלטען וועלען אַנטלויפען. אַ שאַרפער גערויש און אַ קלאַפּעריי פון שווערע שטאַרקע טריט האָט זיך דערהערט. יודען זענען אויפגעשפּרונגען פון די תפלה זכה'ס און תהילים'ס, און אַלעמענס אויגען האָבען מיט שטוינען זיך געווענדט צו דער טיר. דאָרט זענען געשטאַנען ביי אַ צעהן געזונטע יונגען, דער גרעסטער טייל פון זיי מיט גראָבע שטעקענס אין די הענד פון אייגענער אַרבייט, וואָרום דאָס זענען געווען מעהרסטענטיילס, סטאָליאַרעס. ביי עטליכע האָבען געבליצט רעוואָלווערס אין די געזונדע פויסטען.

נאָר וואָס ווייטער האָט פּאַסירט וועל איך אייך איבערגעבען מיט די ווערטער פון מיינעם אַ בעקאַנטען, וועלכער איז אויך דעמאָלט געווען, צוזאַמען מיט דער „חברה", צו „כל נדרי" אין דער סניפּישאָקער שוהל.

„איך בין ארויף מיט דעם רעדנער אויפ'ן בימה — דערצעהלט מיר מיין בעקאנטער — ארומגערינגעלט מיט א קיים פון עטליכע געזונטע „יאטען" מיט ברויניננס אין די קעשענעס — ביין טיר איז געבליבען אן אנדער וואך, אויך מיט שטעקענס און רעוואלווערס אין די הענד. ארויס האט מען קיינעם ניט געלאזט. אריין האט מען געלאזען, אבער נור פשוט'ע יודען. פארשוינען, וואס האבען געהאט א פערדעכטיגען פנים, האט מען פערהאלטען אין פאליש. דארטען, ביי דער טיר פון אינעוויניג איז געשטאנען א בעזונדער אבטיילונג פון דער וואך מיט דיזעלבע כלי זיין. די גאנצע גאס, פון שוהל ביז'ן בריק, איז געווען בעוואכט פון אונזערע פאטרולען. איך וועל קיין מאל ניט פארגעסען די סצענע, וואס האט זיך דאן אבגעשפילט אין שוהל. דער עולם האט זיך צום אנהויב מורא'דיג איבערגעשראקען. מ'האט געמיינט, אז ס'איז א פאגראם, און מ'האט זיך א שאט געטאן צו דער טיר. נאר די וואך, מיט די ברויניננס אין די הענד, האט געמעלדעט, אז קיינער זאל זיך ניט ריהרען פון ארט.

— מיר וועלען גאר נישט טאן, — האבען מיר געמעלדעט.
— נאר אונזערער א רעדנער וויל זאגען פאר'ן עולם א פאר ווערטער.

„דער פראלעטארישער עולם ביין טיר, אויף די הינטערשטע בענק, איז געבליבען פערגליווערט אויפ'ן ארט. דערנאך איז מען ביסלעכווייז געקומען צו זיך און מ'האט אויפגעהויבען נייגעריג די קעפ צו דער בימה. פון מזרח־וואנד אבער האבען א פאר באלעבאטים געוואלט אויפרייסען די פענסטער און ארויסשפרינגען, אדער מאכען א געוואלד. אונזער „אכראנע" האט דאס אבער באלד בעמערקט; מ'האט אויפגעהויבען העכער די ברויניננס און געהייסען קיינעם זיך ניט ריהרען פון ארט.

— מיר וועלען אייך ניט שטערען — האט אימיצער אויף דער בימה, פון אונזערע, דעם עולם ערקלערט. — מיר וועלען אייך נאר זאגען עטליכע ווערטער און וועלען אוועקגעהן. א שטילער געמורמעל האט זיך געהערט ארום אונז. די מזרח־לייט האבען געשוויגען מיט פערביסענע ליפען און פערהאלטענעם צארן.

נאָר נעהענטער צו דער טיר, פּשוטע, אָרימע יודען, וועלכע האָבען ניט וואָס אָנצואָווערען, האָבען ניט געקענט איינהאַלטען זייער כעס. איך האָב אַראָבגעקוקט צו זיי פון דער בימה. איך האָב געוואָלט זיך איינהערען, וואָס זיי רעדען. נאָר אין דעם געמורמעל האָב איך נאָר פערנומען צוויי ווערטער: „שטעקענס"... „יום כפור"...

„איך האָב בעמערקט, אַז דאָס האָבען זיי אונזערע שטעקענס מורא'דיג אויפגעבראַכט.

איהר פערשטעהט! נאָר די שטעקענס, די ברוינינגס ניט. אין יענעם שרעקליכען מאָמענט, ווען אַלע יודישע שטעדט זענען געלעגען אין שרעק, ערוואַרטענדיג יעדע מינוט פּאָגראָמען, האָבען יודען צום ברוינינג געפיהלט אפילו דרך ארץ, און מ'האָט פערשטאַנען, אַז מיט'ן ברוינינג טאָר מען זיך ניט שיידען, אפילו אום יום כפור. אָבער די שטעקענס... מיט שטעקענס אין א מקום קדוש... יום כפור...

אונזער רעדנער האָט אָבגעזאָגט זיינס. די טעמא איז געווען ניט קיין נייע. מ'האָט זי אָפט געברויכט, אין יענעם מאָמענט, אין די שולען. בעזונדערס — „תשעה באב" און יום כפור.

א שטייגער:

„טויזענדער יאָהרען, ווי איהר זיצט אויף דער ערד, זאָגט תהילים און קנות, רייסט די הימלען מיט אייערע תפילות, האָט דאָס אייך געהאָלפען? וואַרפט אוועק אייערע נאַרישקייט, פערפּאַקט אייערע קנות מיט די תפילות אין אַרכיוו, פעראייניגט אייך, וועט איהר זיין א מאַכט. איצט איז געקומען די צייט ניט צו קלאָגען און זיך שלאָגען „על חטא", נאָר ארויסצוגעהן אין קאַמף מיט ביקס און שווערד — געגען דעם פיינד".

קיין סך בעגייסטערונג פאר אָט דער דרשה האָט מען ניט געדאַרפט. יעדער רעדנער האָט דעם נוסח געקענט אויף אויסווענינ. קיינער פון עולם האָט גאָר נישט געענטפערט. טוידטשטיל איז געווען אין שוהל. אונטען, אויף ד ע ר זייט בימה, וואָס צום טיר זענען געזעסען אָרימע לייט, וואָס פערמאָ-

נען ניט צו צאהלען פאר א שטאדט, מעהר ווי עטליכע גילדען. זיי האבען מיר געמיינט... צו ז י י האבען מיר גערעדט. נאר זיי האבען זיך גאר ניט געקעהרט צו אונזערע רייד. עס שיינט, אז זיי האבען גאר ניט געהערט. נאר זייערע טיף בעליידיגטע שטומע בליקען האבען זיי איינגעשפארט אין די שטעקענס. מיט איין פאר אט פון די אויגען האב איך זיך בעגעגענט. דאס איז געווען א דערשלאגענער איד, א טאג־ארבייטער, צי א מוליער. פון די וואס געהען זייער גאנצען לעבען געבויגען: וואס קענען ניט זיין אין כעס, ווייל זיי האלטען אין איין ציטערן, טאמער איז יענער אין כעס, און אט די פאר אויגען האבען געבליצט מיט צארן, מיט האס געגען מיר. איך האב מיך געפיהלט זעהר שלעכט. דעמאלט האב איך מיר ניט געקענט אבגעבען קיין רעכ־נונג, וואס עס האט פאסירט אין מיין נשמה און אין דער נשמה פון יענעם אלטען. נאר איך האב מיך געשפירט ווי איינער, וואס האט נאר וואס בעגאנגען א שווערען פארברעך.

נאך היינט שטעהען מיר יענעם'ס בעליידיגטע בליקען פאר די אויגען און — די שטעקענס... די שטעקענס וועל איך מיר קיין מאל ניט מוחל זיין.

איך וויים ניט מיט וואס די סצענע וואלט זיך געענדיגט. נאר פלוצלינג האט אונזער א פאטרול, געגעבען א סיגנאל, אז פאליציי געהט. מיר האבען זיך געלאזט לויפען אין אונארדנונג, ווער דורכ'ן טיר, ווער דורכ'ן פענסטער, און אין איין מינוט איז אונזער חברה מיט'ן רעדנער, צעלאפען געווארען. דאס איז גע־ווען מעשה טרוסען. מיר האבען אלענפאלס געדארפט אבטרע־טען מיט שטאלץ, מיט א סדר, ניט ווי גאסען־איינגלאך. עס האט זיך אויסגעלאזען, אז פאליציי איז גאר ניט געגאנגען, נאר דער איין איינציגער, גאראדאוואי איז, מאכענדיג זיין מארשרוט, היין און צוריק, איבער זיין פאסטען, צוגעגאנגען מעכאניש א פאר טריט נעהענטער צום שוהל, און באלד גענומען זיין וועג צוריק. אין שוהל, ווי מ'האט מיר איבערגעגעבען, האט דער שמש באלד נאך אונזער אוועקגעהן א פאטש געטון, און דער עולם האט ווי אראבגעווארפען פון זיך א שווערע מרה שחורה, זיך געגוסען

ביסלעכווייז איבער א נייעס צו די שטילע וויינענדיגע תפילות, ביז וואַנען עס האָט ניט א קרעכץ געטון דער אימה'דיגער „כל נדרי". צו דערזעלבער צייט האָט זיך אַבגעשפּילט דיזעלבע סצע־נע אויפ'ן שוהל־הויף, אין דער קבראַנישער שוהל (אין דער גרויסער שוהל דערביי האָט מען מורא געהאט), און אויף נאַוואַראַד אין ביידע ערטער האָט גאָר נישט פּאַסירט. אויף נאַוואַראַד האָט זיך דער שמש א וואָרף געטאָן צום טיר מיט געשרייען „גאַראַדאָוואָי". נאָר איינער פון די דאָוונער־באַלעבאַטים, א יוד פון די אַלטע משכילים האָט איינגעהאַלטען דעם שמש און איינגעשטילט דעם עולם. קיין ווירקונג אין דעם זינען, ווי מיר האָבען געוואָלט, האָט אַלענפאַלס ניט דאָ, ניט דאָרטען אונזער רעדנער ניט געהאַט. דער רעדנער פון סניפּישאַקער שוהל — א סטודענט, האָט שפּעטער געמאַכט מיט זיין רעדנער־טאַלאַנט א גוטע קאַריערע. אין איהם האָט זיך איינגעליבט א גביר'שע מיידעל און ער האָט איהר גענומען צוזאַמען מיט... צוואַנציג טויזענד רובל נדן.

2.

אין יאָהר 1910

דאָס איז אויך געווען צו „כל נדרי" אין דערזעלבער שוהל, אויף סניפּישאַק. מיט א שעה פריהער, אונגעפעהר, איז גע־זעסען מיין בעקאַנטער אינטעליגענט מיט זיינעם א חבר ביי יענעם אין צימער. זיי זענען געזעסען און דעבאַטירט וועגען א אידישער פאָלקס־שוהלע, וועגען אידיש, בכלל, און איהר צו־קונפט — א טעמא, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק אין דער מאָ־דע. אין שטוב איז קיינער ניט געווען. די באַלעבאַטים מיט זייע־רע קינדער זענען שוין לאַנג אוועקגעגאַנגען צו „כל נדרי", אין צימער איז געווען אימה'דיג; אן אומעט איז געלעגען אונטען, אין גאַס. מיין בעקאַנטענס חבר — א געוועזענער טעטיגער בונדיסט — האָט זיך די דעבאַטע צוגעגעסען, ער האָט א גענעץ געטאָן, א הויב געטאָן זיך, און געזאָגט צום חבר:

— „קום"!...

— וואוהין? — האט איהם מיין בעקאנטער געפרעגט.

— אין שוהל צו „כל נדרי“.

רעדען איז ניט געווען וואס. אלע טעמעס פון טאג האט מען שוין איבערגעדראשען. די איינזאמקייט און דער אומעט האבען געדריקט די נשמה. עס האט זיך געוואלט זיין ערגעץ אין טומעל, רייבען זיך צווישען עולם.

דער חבר האט איינגעשטימט. מ'איז אוועק אין שוהל. נאר דא וועל איך ווידער איבערגעבען מיט די ווערטער פון מיין בעקאנטען.

„מיר זענען געקומען אין שוהל — דערצעהלט ער — האט מיר עפעס א מאדנער שוידער געטאן. איהר וועט גלויבען?... מיר האט פלוצלינג א בליץ געטאן יענער אויגענבליק, יענע סצענע, אין יאהר 1905. פון דעמאלט אן בין איך אין שוהל ניט געווען, בין, בכלל, אין א שוהל ניט געווען. מיר האט א בליץ געטאן און אין מיר איז עפעס פארגעקומען א מאדנע זאך. די פינף יאהר זענען אזוי ווי אויסגעלאשען געווארען אין מיין זכרון. מיר האט זיך אין פלוג פארגעשטעלט, אז דאס איז א פארטזעצונג פון יענעם מאמענט, אין יאהר 1905; דא איז ווירקליך גאר נישט געענדערט געווארען: די זעלבע דערשלאגענע, בלאסע פנים'ער, אבער דער בליק איז דאך געווען, ווי אין יענעם מאמענט, פול מיט הייליגער בעגייסטערונג און גלויבען: א נשמה־ווארימקייט. די ווארימקייט וואס קומט פון איינ־ניגקייט אין גלויבען, איינינגקייט אין האפען, איז געווען אויסגעגאסען איבער דער גאנצער שוהל. מיר זענען געקומען, איצט אזוי ווי דעמאלט, אייניגע מינוט פאר „כל נדרי“. דער עולם איז געווען פארטיפט, ווער אין „תפלה־זכה“ פון די הונדערטער לאנגע און גראבע וועקסענע און סטעארין־ליכט, און פון דער ענג צונויפגעדריקטער מענשען־מענגע איז די לופט געווארען געדיכט און היים. אין שוהל איז געווען א דערשטיקענעס. נור די שטילע, פרומע שטימונג, האט מיך אויך דורכגענומען מיט איהר ווארעמקייט. איך בין געשטאנען ביי א זייט פון בימה, געקוקט אויפ'ן עולם, און מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז איך

האב זיך בעגעגענט מיט די פּאָר אויגעז פון יענעם אַלטען מו־ליער. איך בין אין דעם אויגענבליק געווען איבערצייגט, אז דאָס איז ער, געוויס, און ניט קיין אנדערער. ער האָט אויף מיר א קוק געטאָן, און מיר האט זיך אויסגעדאַכט, אז ער האָט מיך דערקענט; אז ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן יענעם מאָמענט. מיר האָט זיך געדאַכט, אז ער האָט אויף מיר א זייטיגען, א בע־האַלטענעם קוק געטאָן, און פון דעם קוק האָט זיך מיר דאָ אויס־געדאַכט, אז ער זעהט אָן מיר נקמה, און דאָ האָט מיר אויסגע־וויזען, אז ער האָט אויף מיר רחמנות. זיין בליק איז געווען פערטרויערט און דערשלאָגען, אָבער מיינער — אויך ניט בע־סער. ער האָט צוגערוקט אין מיין זייט זיין גרויסען תהילים, מיט די אַלטע גרוי־געלע בלעטער, וועלכע זענען אויסגעווייקט גע־ווען פון טרערען, וואָס ער אליין און גאַנצע דורות פאַר איהם, האָבען אויף זיי, אויף די בלעטער, געגאָסען. ער האָט עפּעס געמורמעלט איינגעוויקלענדיג זיך איבער די אויגען אין זיין טלית און באַלד נאָכדעם, ווידער אויפגעהויבען דעם טלית, וואַרפענ־דיג בליקען, דאָ אויף מיר, דאָ אויפ׳ן תהילים, דאָ אויפ׳ן בעל תפילה, וואָס איז שוין געשטאַנען אין טלית און קיטעל ביים עמוד, און האָט זיך מכין געווען צו דער „עבודה“ מיט שטילע איינגעהאַלטענע בכיות.

אין מיין שכן׳ס מורמלען זענען קיין ווערטער ניט געווען, נאָר אין מיין אויער האָבען דאַכט זיך געקלונגען דייטליך די ווערטער: „נו זעהסט... ביזט געקומען צוריק... אהער... צו אונז... דיין רעוואָלווער האָט דיר געהאָלפען ניט מעהר, ווי אונז די תפילות... ביזט שוואַך און דערשלאָגען, אזוי ווי מיר... טאַ, קום אהער... ביזט שוואַך און דערשלאָגען... אזוי ווי מיר... טאַ לאָמיר כאָטש זיין אין איינעם... „עמו אנכי בצרה“, צוזאַמען אין נויט און אין פּיין...

איך האָב זיך אזוי ווי אויפגעצוכעט. דער חזן האָט שוין געהאַט אָבגעזאָגט „כל נדרי“ און האָט שוין געהאַלטען „יעלה“. מיין שכן, דער מוליער, האָט צוגערוקט צו מיר א ברעג פון זיין מחזור, וואָס איז אויך געווען אזוי גרויס, און זיינע בלעטער

איך אזוי גרין און געל און אויסגעפלעקט מיט שפורען פון אויסגעטריקענטע טרערען, ווי דער תהילים. איך האב זיך צוגערוקט אינסטינקטיוו נעהענטער צו מיין שכן. נאר אין מחזור האב איך ניט געקוקט. איך האב געזוכט מיט די אויגען מיין חבר, ער איז געשטאנען אן א זייט, נעבען א שילער פון גימנאזיום, איבער א מחזור: האט געזאגט הויך און בעגייסטערט מיט'ן גאנצען עולם די „יעלות". איך האב פון מיין חבר די אויגען ניט אראבגענומען. ער האט געזאגט מיט'ן עולם גלייך די אלע איבריגע תפילות, געשלאגען זיך אין הארצען „על חטא". נאכ'ן דאווענען זענען מיר ארויסגעגאנגען בעזונדער, הינגעריסען יעדער פון א בעזונדער שטראם אידען. ערשט אויפ'ן גאס זענען מיר זיך ווידער צונויפגעקומען און געלאזט זיך געהן אהיים. די נאכט איז געווען אן אויסגעשטערנטע, א ליכטיגע. אין דער לופט האט געהערשט א ערבסטיגע פרישקייט און א פייערליכע שטילקייט. מיר זענען געגאנגען איינער נעבען דעם אנדערן, שווייגענדיג. מיר האבען געוואוסט, אז יעדער ווייס, וואס ביי דעם אנדערן אין דער נשמה טוט זיך. מיר האבען מורא געהאט צו שטערען דעם שטילען צויבער פון דער נאכט און די טיפע און זיסע קלעמענעס פון אונזער נשמה.

אזוי זענען מיר געגאנגען ביז איבער דעם סניפישאקער בריק. דא האבען מיר זיך אבגעשטעלט. מיר האבען, שווייגענדיג, זיך געגעבען די הענד, צו שיידען זיך. נאר פאר מיין אוועקגעהן פון איהם, האב איך, נאך האלטענדיג זיין האנד, איהם א ווארף געטאן:

— הער!... מילא „כל נדרי", די „יעלות"... דאס אלץ פערשטעה איך נאך... סוף כל סוף איז דאך ניט דער עיקר דער בוכשטעבליכער זין פון די ווערטער, נאר די געהויבענע, וואַרימע, אונענדליך זיסע און אונענדליך שמערצליכע שטימונג, וואס א פאלק פון מארטירער האט אין זיי ארייגעלעגט פאר די טויזענדער יאהרען פון זיין מארטירערטום. אבער „על חטא"... פאר וואס האסטו זיך געשלאגען?

מיין חבר האט ארויסגענומען זיין האנד פון מיינע און

האט זיך געלאזט געהן, ניט ענטפערנדיג קיין ווארט. נאר מאַ־
כענדיג א פאר טריט, האט ער זיך פלוצלינג אבגעשטעלט, אויפ־
געהויבען אויף מיר זיינע געדיכטע שווארצע ברעמען, אונ־
טער וועלכע, עם האט פאר דעם שיין פון דער לבנה, א בליץ
געטאן א דורכנעהמענדיגער, ליידענדער בליק... און האט שטיל
א זאג געטאן:

— פאר די שטעקענס...

קאַנטאָניסטען.

קאַנטאָניסט נומ. 1

אין דער עלטערער יודישער מאַסע איז דאָ א טיפּ, וואָס שטאַרבט אויס און וואָס וועט זיך שוין גענויס מעהר ניט אומקעהרען. דער טיפּ דערמאָהנט אונז אָן די שרעקליכסטע מאָמענטען, וואָס יודען האָבען איבערגעלעבט אין רוסלאַנד אין די צייטען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען. דאָס זענען די יודישע קאַנטאָניסטען—די יודישע סאָלדאַטען, וואָס מ'האָט זיי געכאַפּט און אָבגעגעבען, בשעת זיי זענען געווען קליינע קינדער. דער עלענד פון די מאַרטירער איז נאָך ניט אויסגעפאָרשט, ניט דערצעהלט געוואָרען אין גאַנצען. אז איהר לייענט וועגען די „פּאָימאַניקעס״ וועגען די „כאַפּער״, דאַכט זיך אייך, אז איהר לייענט פון גזרות, וואָס האָבען פּאַסירט מיט א סך הונדערטער יאָהרען צוריק. און דאָך איז פאַראַן מענשען, נאָך ניט זעהר קיין אַלטע, וואָס געדענקען דאָס, וואָס האָבען דאָס געזעהן מיט די אויגען. עס זענען ענדליך פאַראַן נאָך א סך פון די קאַנטאָניסטען־יודען, וואָס לעבען פאַר אונזערע אויגען, בלאָנדזשען אַרום אין די יודישע גאַסען, ווי א לעבעדיגע מצבה, וואָס דערמאָהנט אונז אָן דער ניט לאַנגיגער שרעקליכער פערגאַנגענהייט, אָן איינעם פון די דונקעלסטע בלעטער אין אונזער יודישער געשיכטע.

איך וויל דאָ שילדערן מיין בעקאַנטשאַפט מיט אַ פּאָר פון זיי.

דאָס איז אַ קורצער יודעל מיט אַ ברייטער ברוסט, אויף וועלבע עס הענגען אימער צוויי מעשענע מעדאַלען, וואָס ער האָט בעקומען אין קאַמפּף מיט׳ן „אויסערליכען״ און „אינערליכען״ שונא—אין קרימער קריג און אין פּוילישען אויפשטאַנד. ער געהט אימער מיט געמאָסטענע טריט, אַזוי ווי ער וואָלט מאַרשירען אונטער דעם פעלדפעבעלס קאָ־מאַנדע. בשעת ער געהט, שטרעקט ער אויס אַ פריהער די ברוסט מיט די צוויי מעדאַלען, מיט וועלבע ער שטאָלצירט שטאַרק.

געדינט האָט ער עהרליך—אָבגעדינט צוויי דינסטען: איין מאָל פינף און צוואַנציג יאָהר ניקאָלאַי דעם ערשטען און נאָך אַמאָל פינף און צוואַנציג יאָהר האָט ער ווילנער באַלעבאַטים וואַסער געטראָגען. אַז ער האָט אַ קוק געטאָן, אַז פון ביידע סלוזשבעס איז איהם נור געבליבען—אַ רעוומאַטיזם אין די פיס און אַ גרייז־גראָהע באָרד, האָט ער געזאָגט: האָדזשע! מעהר וויל ער ניט דינען.

ער האָט אויסגעזוכט זיינע צוויי מעדאַלען, האָט זיי פיין אויס־געפּוצט און אויפגעהאַנגען אויף געלע בענדעלעך אויף דער ברוסט. דאַן האָט ער גענומען אין קעשענע אַ פּעקעל שוועבעלאַך—קליינע קעסטע־לאַך, זיי זאָלען ניט פערנעהמען קיין גרויסען פּלאַץ, און האָט זיך געלאָזען—איבער די הייזער.

איך בעגעגען איהם אָפט ביי מיינעם אַ בעקאַנטען אין ווילנאַ. ער קומט אַריין ניט ווי אַן אַנדער אָרימאַן. שטאָלץ געהט ער צו און שטרעקט אויס, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, דאָס קליינע פּושקעלע שוועבעלאַך, און בעקומט דערפאַר אַ קאָפּיקע, אַמאָל צוויי, אַנטזאָגען אַנטזאָגט מען איהם זעלטען. אַז מ׳בעט איהם זעצען זיך, עסען אַ טע־לעריל זופּ, מהיכא תיתא, זאָגט ער זיך דערפון אויך ניט אָב. בעקומען די נדבה, גיט ער זיך פּלוצלינג אַ שטעל אַוועק, אויסגעצויגען גלייך ווי אַ סטרונע, די פיס הארט איינער צו דעם אַנדערן, פּונקט ווי אַ סאָל־דאַט, בשעת ער בעגעגענט אַ גענעראַל; שטעהט אַזוי אַ פּאָר סעקונדען, און פּלוצלונג גיט ער זיך ווידער, אויפ׳ן מיליטערישען שטייגער, אַ דריי „פון לינקס אויף רעכטס״ און געהט אַוועק מיט שנעלע געמאָסטענע

טריט.

ער האָט מיר געזאָגט, אז ער איז איינגעשריבען אין צוויי חברות: „חברה תהילים" און „חברה חיי אדם". ער צאָהלט פּינקטליך און געהט אַקוראַט אלך פארטאג ביינאכט לערנען אין דער סאָלדאטסקער שוהל. ער האָט צוויי קינדער: א זוהן מיט א טאָכטער און אן איידים אין אמעריקא; די טאָכטער איז ביי איהם דערווייל אויף קעסט. ער קלייבט איהר אויף הוצאות, וואָס עס פעהלט צו דער שיפס-קאַרטע, וועלכע דער מאַן האָט איהר געשיקט, זי זאָל פאָהרען אין אמעריקא.

א טייל פון זיינע בעקאַנטע, צו וועמען ער געהט אריין מיט א קעסטעלע שוועבעלאך, האָבען איהם ניט האָלד. זיי זאָגען, אז ער האָט ליעב א ביסעל בראַנפען. נאָר ער האָט מיר געשוואוירען: „קאַק באָך סוויאַט", ווי גאָט איז הייליג, אז ער נעהמט א כוסה נאָר דאַן, ווען מ'איז איהם מכבד. קיין געלד גיט ער קיינמאָל ניט אויס. מ'קען איהם גלויבען. שכור איז ער קיינמאָל ניט. עס איז אויך ניט קיין גרויסע זינד: א מענש האָט אָבגעדינט צוויי „סלוזשבעס", עהרליך, צו פינף און צוואנציג יאָהר—מעג ער נעהמען א ביסעל „משקה".

קאַנטאָניסט נומ. 2.

דאָס איז געוועזן ביינאכט אויף שאָפּענער גאַס אין ווילנא. פון א קראָם האָט זיך פּלוצלונג געלאָזט הערען מורא'דיגע קינדערשע געשרייען און געוואַלדען. דאָרט האָט א טאטע אונ'ברחמנות'דיג געשלאָגען א יונגעל. די גוואַלדען האָבען צוגעצויגען אלע פאַרבייגעהער. יעדער פון זיי איז צוגעגאַנגען צו דער אָפענער קראָם, פון וואַנען עס האָבען זיך געריסען די האַרצרייסענדע געשרייען, און איז געבליבען שטעהן, קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס. די קולות האָבען באַלד אויפגעהערט,

וואָרום מ׳האָט אפּנים אויפגעהערט צו שלאָגען. דער גרויזאמער פּאָטער האט זיך דערשראָקען פאר׳ן דעם עולם, וואָס איז אלץ מעהר און מעהר געוואקסען ארום זיין קראָם.

אז עס איז געוואָרען שטיל, איז דער עולם ביסלעכווייז צוגאנגען. נאָר איינער איז געבליבען: אן אלטער איינגעבויגענער יוד מיט א גרויסער גראָב-בייכיגער באנדורע, גרעסער פון איהם. ער איז געבליבען ווי צוגעשמידט צום אָרט, איינגעבויגען דעם קאָפּ, אזוי ווי עפּעס נאָכ־דענקענדיג. דערנאָך האט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אריינגעקוקט מיט טריבע אויגען אין קראָם אריין און געשעפּטשעט אזוי ווי פאר זיך:

איי־איי־איי־איי... איי־א... אזוי שמייסען!... אונז האָט מען אויך געשמיסען, אי האָט מען געשמיסען... אָבער ניט אזוי... אי גזלנים... גזלנים... איי־איי־איי...

איך בין צוגעגאנגען צום אלטען און האָב געפרעגט:

— זיידע, ווען איז דאָס געווען?

— ווען? האָט ער געענטפערט—פאר ניקאָלאיען! סלאווא באָהו, פּראָסלווזשיל דוואד־צאט פּיא־ט ליעט! אָבגעדינט פינף און צוואנציג יאָהר! ווסיאקאָיע ביוואלאָ! אלץ איז געווען! אזוי שמייסען! איי־איי־איי!...

דער אלטער איז געווען שכורלעך. דאָס איז א זעלטענע ערשיי־נונג אין דער יודישער גאס. נאָך וועניגער זעהט מען א יודען א גאסעך מוזיקאנט, ניט קיין בלינדען. מיר איז געווען אינטערעסאנט צו וויסען, ווי אזוי קומט ער דערצו. ביי איהם האָט זיך שטארק געפּלאָנטערט דער צונג, אלע ווײלע האָט ער, א טרייסעל טאָנדיג מיט דער באנ־דורע, אריינגעשטעלט דעם פינגער אין הימעל אריין מיט די ווערטער: יעסט באָך נא סוויעטיע! יעסט! ס׳איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט! ס׳איז דאָ! דאָס האט ער געזאָגט מיט א טיפער איבערציינונג און התלהבות, באָטש ווי עס שיינט, האט ער גאָר נישט געקענט ברייננען אלס א בעוויז, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט. פון זיך געוויס ניט...

נאָר פּלאָנטערנדיג מיט דער צונג, האָט ער מיר דאָך איבער־

געגעבען אײנ׳ציגע זאכען פון זײן לעבען. ער איז געװען א בן יחיד. א יונ־געל—האבען א׳הם די כאפער צוגענומען און אבגעגעבען פאר א רײכען קרוב. מ׳האט איהם גענױט זיך שמד׳ען, עסען חזיר. א „דיאדקע״ האט ער געהאט א װילדען, א צורר. האט מען געשמיסען. ער האט די שמיץ פערטראגען און זיך נישט אונטערגעגעבען. נאך אין דינסט האט ער א געפיהל געהאט צו שפילען. בעקומענדיג די „אטסטאװקע״, האט ער געקראגען א באנדורע, געלאזט זיך מיט איהר איבער די שענקען און געהט אזױ אום ביז היינטיגען טאג.

קײן מעדאלען האט ער נישט. די מיליטערישע גאנגען האט ער שױן פערגעסען. זײן אײנציגע קונסט איז שפילען אויף דער באנדורע. ער געהט איבער די שענקען. אפט קריגט ער עפעס צוגעװארפען, במעט אימער פון קריסטען. איבערהויפט, אז עס טרעפט זיך אין א געהויבע־נעם שענק א קאמפאניע אפיצירען. נאר אז מ׳גיט איהם אין האנד, מוז ער טרינקען. קײן געלד גיט ער ניט אויס. ער האט מיר אויך געשװאוי־רען, ער זאל אזױ זעהן זײן װײב און קינדער, װי ער ברענגט א היים דאס געלד, װאס עס מאכט איהם. נאר טרינקען מוז ער. מ׳צװינגט איהם. און אז ער נעהמט א פאר גלעזלאך—הויבט ער אן װײנען. שפילט און טרינקט... טרינקט און װײנט...

און דאס אמוזירט זעהר די פרײליכע קאמפאניע.

דער צוריקגעקומענער.

דער „שמד" האט די לעצטע יאָהרען אָנגענומען אין רוסישען געטאָ אַן עפּידעמישען כאַראַקטער. עס געהען אוועק פון אונז הונדערטער יונגע לייט צוליב אַ קאַריערע. דערפאַר קומען אָבער צוריק אַנדערע, וואָס זענען שוין געווען „אויף יענער זייט" און האבען דאָרט קיין רוה ניט געפונען. און די געשיכטע פון אָט די צוריקגעקומענע איז זעהר ריהרענד.

אָט איז איינער פון זיי.

זעקס יאָהר איז ער אלט געווען, בשעת קאַטערינשטשיקעס האָבען איהם גע׳גנב׳עט, דורכפאָרענדיג אַ יודישע קאָלאָניע. אַ פּראָסניקע—הייסט זי, די קאָלאָניע. מיט בייזען און מיט גוטען האָבען זיי איהם געצוואונגען צו ווערען אַ קונצען-מאַכער. ער האָט שוין געקענט גוט „ברעכען זיך", איז געוואָרען אַ נויטיגע „האַנד". קומענדיג מיט זיין קאָמפּאַניע אין מאָסקווע, האט ער זיך אָבער פער׳גנב׳עט אין אַ הויף און האָט זיך אויף אַזאַ נ׳ארט פון זיי אָבגעגנב׳עט. ער האט געוואָלט געהן זוכען עפּעס אַ יודען און בעטען מ׳זאָל איהם אָבשיקען אַ היים צו זיין טאַטען און מאַמען. האט זיך דאָ געטראָפען אַ צופאַל, וואָס האָט געגעבען אַן אַנדער ווענדונג זיין ווייטערדיגען שיקזאַל.

דער באַלעבאָס פון הויף, אַ פּאַניע האָט איהם בעמערקט, צוגענוממן צו זיך און אָבגעשמדט. ער האָט איהם אויסגעהאָדעוועט,

געטאָן מיט איהם אַ פיינעם שדוך מיט אַ רייכען פּאָניעס טאָכטער. ער האט נעעפענט אַ קראָם, און אָנגעקליבען אַ קאַפּיטאַל ביז פערציג טויזענד רובל און געשפּילט אַ ראָלע אין די מאָסקעווער ריאַדעס. טאַטע־מאַמען און זיין אַמאָליגע יודישקייט האט ער שוין לאַנג פערגעסען. אָט אַזוי זענען אַוועק אַ מאַסע יאָהרען. פון אַ יונגען מאַן איז ער געוואָרען אַן אַלטער מאַן. קיין קינדער האט ער ניט געהאַט. פּלוצלונג, מיט דריי יאָהר צוריק, האט זיך איהם אָנגעהויבען ווייזען זיין טאַטע אין חלום, מיט טענות: פאַרוואָס האט ער אַזאַ לאַנגע צייט פון זיך גאָר נישט געלאָזט וויסען. מ׳האָט דאָך נאָך איהם שטאַרק געבענקט. איבערהויפּט די מאַמע. ער האט זיך, נאָכ׳ן אויפכאַפּען, געפּרובט פערהוקען, פערגעסען. אָבער דער טאַטע, איין מאָל געפונען דעם וועג צום זוהן (נאָך אַ לאַנגע זוכענעס אַ פּנים), האט ער איהם שוין גענומען אָפּט מאַכען וויזיטען. אַן עקשן — אַ יוד אַ פּנים געווען. און אפשר האט די מאַמע געטריבען?...

הקיצור: דריי נעכט נאָכאַנאַנד האט זיך דער טאַטע בעוויזען מיט דיזעלבע טענות. ניט חלילה מיט בייזען, נאָר מיט גוטען: קום אַ היים, זוהנעלע! געגנוג אין דער פרעמד געוואַלגערט זיך... די מאַמע האט צער... קוקט אויף דיר אויס די אויגען...

אַ גרייז־גראָהער יוד דער טאַטע געוואָרען. דעם פּנים געל, פול מיט קנייצען, איינגעבויגען. אָבער דערזעלביגער... ער האט איהם באַלד דערקענט. ער קען גאָר נישט ריידען צום טאַטען. אָבער די האַרץ ציהט אַזוי צו איהם, געהט אויס פאַר בענקשאַפט...

נאָך דער דריטער נאַכט האט ער איינגעפּאַקט זיין רייזע־זאַק, געזאָגט עפּעס דער וויב, דער פּאָנציכע, אַ תירוץ, און געלאָזען זיך זוכען זיין אַלטע היים, די ווינעלע פון זיינע קינדער־יאָהרען. קוים געפונען זי. — ער האט שוין אָבער דאָרט קיינעם ניט געטראָפען. טאַטע־מאַמע שוין לאַנג אויף דער אמת׳ער וועלט. שוועסטער און ברידער — צופאָהרען זיך איבער דער וועלט.

ניטאָ קיין היים. אָנגעוואָרען זי... אי די אַלטע, אי די נייע. וואוהין זאָל ער פאָהרען — ווייס ער ניט. איז ער אַוועק צום ליבאַוויטשער

רבי׳ן פרעגען אן עצה: וואס זאל ער טאן?

האט איהם דער רבי געהייסען זיך בעזעצען אין א יודישע שטאדט. פון זיין פערמעגען זאל ער קיין הנאה ניט האבען. א פרוטה ניט נעהמען.

האט ער אזוי געטאן. בעזעצט זיך אין דובראוונע. און—דער־פאר, וואס ער האט אזוי פיעל יאהרען אויף דער תורה עובר געווען, האט ער זיך גענומען א תשובה: ער זאל די איבריגע יאהרען פאר־ברענגען אין שרייבען ספר תורה׳עס.

און פונקט דעם טאג, וואס איך בין אנגעקומען אין דובראוונע איז געווען דער „סיום-התורה" פון דעם ערשטען ספר, וואס אט דער „צוריקגעקומענער" האט געלאזט שרייבען. ער האט איהם געשריבען פון נדבות, וואס ער קלייבט פון שטעדטעלדיגע יודען. יעדער ווארפט נערן אין זיין פושקע. פון די קאפיקעס, וואס ער קלייבט אויף, נעהמט ער פאר זיך אלע טאג אב עטליכע אויף דער הוצאה—ער עסט נאר ברויט מיט קרופניק. נעכטיגען—נעכטיגט ער אין „בית המדרש".

אויף דעם „סיום התורה" האט זיך אויפגעקליבען גאנץ שטעד־טעל. מ׳האט געהוליעט די גאנצע נאכט, מיט כלי זמר, מיט טענץ. אויף מארגען פריה האט מען איבערגעחזרט די הוליאנקע. מ׳האט אריינ־געבראכט מיט גרויס פאראד די „ספר תורה" אין „ארון קודש" פון דער אלטער דובראוונער שול, איינע פון די מערקווירדיגסטע שולען אין יודישען תחום. איבערהויפט—דער געשניצטער ארון קודש, פאר וועלכען מ׳באט דער שול צעהן טויזענד רובל.

אריינגעבראכט די ספר-תורה, האט זיך גענומען דער „גר" (אזוי רופט מען איהם אין שטעדטעל) גלייך שרייבען א נייע [פאר אן אנדער שול. ער געהט ווייטער פון שטוב צו שטוב און דער עולם ווארפט ווייטער קאפיקעס אין זיין פושקע.

קיידאַנער יחסנים.

ס׳איז פאַראַן שטעדטלאך אין יודישען תחום, וואָס זאָגען גאָר נישט פאַר דער געגענוואַרט. דערפאַר אָבער קענט איהר זעהר פיעל דאָרט לערנען פון דער יודישער פערגאַנגענהייט אין רוסלאַנד. איינע פון אַזוינע שטעדטלאָך איז נעסוויזש. אַ סך אָריגינעלער פון נעסוויזש אָבער איז קיידאַני אין קאָוונער גובערניע. ווען איהר שטעלט זיך אויפ׳ן אַלטפרענקישען בריק דאָרט, וואָס איז אריבערגעוואָרפען איבער דעם טייך ניעווזאשי, איבער וועלכער עס זענען אַמאָל געגאַנגען שיפען, און קוקט אַנטקעגענאיבער אייך אויפ׳ן מאַלערישען שטייליגען באַרג מיט דעם אַלטען קלויסטער, וואָס איז מיט פינף הונדערט יאָהר צוריק געווען אַ טעמפּעל פון די ליטווינען־געצענדינער, דוכט זיך אייך, אַז איהר זייט אַריבערגעטראָגען אין יענער גרויער צייט פונ׳ם מיטעל־אַלטער מיט זיין פּאָעזיע, ווילדהייט און שרעקען.

אַזוי ווי נעסוויזש, האָט אַמאָל, גאָר אַמאָל, אויך קיידאַני בע־לאַנגט צו די פּער פונ׳ם ליטווישען אַדעל—צו די ראַדזיווילס. דער גרינדער פון קיידאַני איז געווען קריסטאָפאַר ראַדזיוויל—אַקאַלוויניסט*). קיידאַני איז פאַר איהם געווען אַן „עיר מקלט״ פאַר די פערפאָלגטע פּראָטעסטאַנטען אין אייראָפּאַ. אַ סך פון זיי האָבען געפונען אונטער זיין פליגעל אַ שוץ פון די פערפאָלגונגען אין אייראָפּאַ. בעזונדערס האָבען זיך אַ חער געצויגען רעפאָרמאַטאָרען פון שאָטלאַנד. צוזאַמען

*) קאַלוויניסטען הייסען אָנהענגער פון דעם בעריהמטען שווייצער רעליגיעזען רעפאָרמאַטאָר קאַלווין.

מיט זיי זענען אָנגעקומען פון שאָטלאַנד די ערשטע יודישע איינוואַנדערער אין אָט דער שטאָדט. ראַדזיוויל האָט אָט די יודישע פערפאָלגטע אַזוי פריינדליך צוגענומען, ווי די קריסטליכע סעקטאַנטען; האָט זיי געגעבען פערשידענע פּריווילעגיעס, ערלויבט זיי צו האַנדלען, צו בעשעפטיגען זיך מיט אַרבייט. און די יודישע מייסטערס זענען טאַקע נאָך פון אַמאָל אָן דאָ געווען בעריהמט מיט זייער ספּעציעלער קענטנים, מיט זייער קינסטלערישקייט אין דער אַרבייט.

ביסלעכווייז איז אין קיידאַני געוואָרען אַ היבשע יודישע געמיינדע. דער פריידענקער ראַדזיוויל האָט אָבער ניט אַריינגעלאָזען צו זיך אַבי וועמען. יעדער איינוואַנדערער איז אָנגענומען געוואָרען לויט אַ שטרענגען אויסוואַהל. דערפאַר האָבען זיך אָבער ערגעץ די שטאָדטיגע בירגער ניט געפיהלט אַזוי פריי ווי דאָ. קיידאַני איז געווען אַ מין אונאָבהענגיגע רעפּובליק מיט איהרע אייגענע געזעצען און פּריווילעגיעס, און די היגע בעפעלקערונג האָט זיך גערעכענט איינע פון די רייכסטע און שטאָלצעסטע אין גאַנץ ליטאַ. ווי ווייט דער פריי־גייסט האָט דאָ געהערשט, בעווייזט דער פאַקט, אַז אַ קאַטוילישען קלויסטער איז דאָ געווען פערבאָטען צו בויען.

אַ ביסעל שפּעטער, ווען די יעזואיטען האָבען זיך אַריינגעקליבען אין לאַנד, האָבען זיי ביסלעכווייז פערשפּרייט אויך דאָ זייערע שוואַרצע פליגלען. אַ ברודער פון קריסטאָפאָר ראַדזיוויל, יאַניש, איז גע׳הרגעט געוואָרען דורך אַ מערדער, אָנגעדונגען פון די יעזואיטען. פון די ראַדזיווילס איז קיידאַני איבערגעגאַנגען צו די גראַפען טשאַפּסקי. נאָך איינעם פון די פּוילישע אויפשטאַנדען, איז קיידאַני מיט איהרע אַרומיגע גיטער קאָנפיסקירט געוואָרען פון דער רוסישער רעגירונג און אָבגעגעבען אַ מתנה דעם גראַף טאָטלעבען, צו וועמעס יורשים עס בעלאַנגען איצט די אַרומיגע גיטער. קיידאַני אַליין איז אָבער איצט אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך. די היגע יודישע און קריסטליכע בעפעלקערונג האָבען זיך אויסגעסטאַרעט ביי דער רעגירונג—אויף דעם גרונד פון אַלטע פּריווילעגיעס—דאָס רעכט פון אַ זעלבסטשטענדיג שטעדטעל, ד. ה. די איינוואוינער זענען פולע באַלעבאַטים אויף זייער ערד.

אין דער צייט פון דער פויליש-קאטוילישער הערשאפט האט נאטירליך, מעהר פון אלעמען די יודישע בעפעלקערונג געליטען, און צווישען דער מאראלישער און גייסטיגער לאגע פון די היגע יודען און די יודען פון אנדערע ערטער אין ליטא און פוילען איז, בכלל, קיין אונטערשייד נים געוועו. דאך אבער האבען קיידאנער יודען זיך שטענ־דיג געהאלטען פאר גרויסע יחסנים מחמת זייער שאטלענדישער אב־שטאמונג. אין דער ווירקליכקייט איז טאסע קיידאני א לאנגע צייט געוועו דער צענטער פונ'ם יודישען גייסטיגען לעבען אין דעם גאנצען געבים פון איצטיגער קאוונער גובערניע און אנדערע דערבייאיגע שטעט.

איצט איז אבער קיידאני געפאלען, ווי א סך אנדערע שטעדלאך פון איהר גלייכען. די שכנ׳שע שטעדטלאך לאכען פון קיידאנער יחוס. „קיידאנער מיט דעם איינגעבויגענעם פינגער״ לאכט מען פון א קייי־דאנער יודען אין אנדערע שטעדט. ד. ה. אז א קיידאנער יוד נעהמט צעהלען זיינע יחוס׳ען, מיט וועלבע ער שטאלצירט קעגען אנדערע יודען, בויגט ער איין איין פינגער און זאגט: ערשטענס בין איך א קיידאנער... ביי דעם איינגעבויגענעם פינגער בלייבט ער. ווארום מעהר האט ער נים וואס צו רעכענען. אנדערע ווארפען די קיידאנער אויף נאך שארפער: „קיידאנער הארבעס״. דאס איז אייגענטליך א צווייטער „נוסח״ פונ׳ם „איינגעבויגענעם פינגער״. שטאלצירענדיג מיט זייער קיידאנער יחוס, האלטען די קיידאנער יודען אין איין קלאפען מיט פויסט אין הארעצן. ווערט פון איין זייט א גרוב און פון הינטען שפרינגט ארויס א הארב... א ווייבעל, מיט וועלבער איך בין געפאהרען צוזאמען אין וואגאן פון קיידאני, האט מיר דערצעהלט, אז אמאל זענען עקסטרא געקומען ווייטע יודען אנקוקען די „חדושים״, ווי אזוי א גאנצע שטאדט יודען זענען „הארבעס״, און זענען געוועו שטארק איבערראשט, ווען זיי האבען, דורכגעהענדיג גאנץ שטעדטעל, קיין איין הארב נים בעגעגענט.

פון קיידאנער יחוס איז איצט איבערגעבליבען: די אפטייק, וואס איז אלט 250 יאהר, האט פריווילעגיעס פון אמאליגע ליטווישע קעניגען און בעלאנגט איצט צו א יודען; דער קאלוויניסטישער קלויסטער, וואו עס ליגט בעגראבען דער גרינדער פון קיידאני—איהר

אַמאָליגער באַלעבאָס, דער פּריי־נייסט—קריסטאָפאָר ראַדזיוויל; דער אויבען דערמאָהנטער קאָסטיאָל אויף יענער זייט טייך, אויפ׳ן באַרג; אַן אַלטער מויער, וואו עס איז מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק געווען אַ גימנאַזיע. און איצט איז עס אַ רוסישע קאַזארמע. די אַלט פּרענקישע יודישע שוהל מיט איהר נאָך גוט קענטיגער זעהר שענער קינסטלערישער געמעלעכטס אויף די ווענט און באַלקען פון פערשידענע חיות און געוועקס. די גרעסטע מערקווירדיגקייט איז אָבער דאָ דער זעהר קינסטלעריש געשניצטער ארון קודש מיט דעם אייביגען בעוועגליכען לוח. צו זעהן די שוהל און איבערהויפּט דעם ארון קודש קומען אַ הער גאַנץ אָפּט ליבהאבער פון אַלטערטימליכער קונסט. קיידאַני האָט אויך אַ פּראַכטפאָלען פּארק—דעם גראף טאָטלעבענס, וואָס איז איינער פון די שענסטע אין רוסלאַנד. ליידער לאָזט מען יודען דאָ ניט געהן שפּאצירען אָן דער וואָכען. נאָר אין אַ קרוינישען אָדער אַלגעמיין קריסטליכען יום טוב עפענען זיך די טויערן זיינע פאר שטעדטעל־לייט.

אין זכרון פון קיידאַנער יודען האָט געלאָזען אַ שטאַרקען רושם דער לעצטער פּוילישער אויפשטאַנד. אין דער גרויסער שוהל, איבערן ארון קודש, ווייזט מען אייך אַ לאָך, וואָס ס׳האָט געמאַכט אַ קויל פון דעם פּוילישען אויפשטאַנדס־מיליטער. די קויל איז דורכגעפלויגען די גאַנצע לענג פון דער שוהל, איבער די קעפּ פון הונדערטער יודען, בשעת זיי האָבען געדאַוונט; איז געבליבען שטעקען אין דער וואַנד אַנטקעגענאיבער און האָט קיינעם ניט געשאָדט. נאָך איצט לעבען אייניגע אַלטע לייט, וואָס געדענקען דאָס. יודען האַלטען דאָס פאַר אַ נס און פערמויערן ניט דעם אָרט, וואָס די קויל האָט דורכגעבראָכען. מ׳דערצעהלט אויך, אַז בשעת דאָס פּוילישע מיליטער איז אריין אין שטאָדט האָבען זיך יודען בעהאַלטען אין די קעלערס און אויף די בוידימער. צוויי יודען האָבען פון נייגיריגקייט ארויסגעקוקט דורך אַ בוידים־פענסטער און זענען מאָמענטאַל דערשאָסען געוואָרען, ווייל מ׳האָט זיי פערדעכטיגט, אַז זיי זענען שפּיאָנען. בכלל האָט זיך דאָ אי די יודישע, אי די ליטווישע בעפעלקערונג געהאַלטען נייטראַל בעת׳ן אויפשטאַנד. די פּאָליאַקען האָבען זעהר ווייניג געטאָן צו געווינען די ליעבע פוןביידע

פעלקער און צו האָבען אין זיי פריינד.

קיידאַני איז אַן עכט יודיש שטעדטעל. יודען זענען דאָ ניין צעהנטעל פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג. קיין שום בעזונדערע אַרטיגע פּרנסות זענען דאָ ניטאָ. עטליכע באַלעבאַטים, וואָס רייבען זיך אַרום דעם פּריץ, דעם גראַף,—לעבען נישט קשה. ווייטער—בעלי מלאכות און קליינע הענדלער, וואָס מאַטערן זיך, ווי אין אַלע שטעדט־לאַך. דאָך איז פאַראַן דאָ, אַזוי ווי אין סוועראזשנע, און נעסוויזש אַ גאַנץ היבש־צאָהל יודען, וואָס לעבען פון גערטנערייי און סעדערייי.

אַ ביסעל האָט מען איינגענע ערד, אַ ביסעל דינגט מען פון די אַרומיגע פריצים. די היגע און אַרומיגע סעדער האָבען אַ נאָמען מיט זייערע פּרוכטען. און די יודישע גערטנער און סעדערניקעס לעבען זיך ווי עס איז דורך מיט שווערער מיה.

קיידאַני האָט נאָך אַ פּרנסה, אַ סעזאָן־פּרנסה. קיידאַנער מצה, אַזוי ווי קרעסלאַווקער, איז בעריהמט אין גאַנצען יודישען תחום. קומט נאָך פּורים, נעהרען זיך דערפון עטליכע צעהנדליג יודישע פאַמיליעס. בכלל איז פון דעם גאַנצען קיידאַנער אַמאָליגען יחוס קיין שפור ניט געבליבען. דער גרעסטער טייל פון דער היגער בעפעלקערונג לעבט אין אָרימקייט. די ערציהונג איז אַזוי שלעכט, ווי אומעטום אין די קליין שטעדטלאַך. יודישע מיידלאַך יאָגען זיך שטאַרק נאָך שקצים, און זענען זעהר ניט צופרידען ווען אַ שייגעץ דערמאָהנט זייער יודישען יחוס. „איך בין גאָר ניט קיין יודישע"—מעלדעט איין קיידאַנער מיידעל,—אַ בעקאַנטען שייגעץ אויף אַן אָוונד לכבוד און לטובת די פייערלעשער. אַן אַנדערע איז מודה איהר יודישען יחוס נאָר אויף די העלפט: „איך בין אַ האַלבע אַ יודישע, אַ האַלבע אַ קריסטליכע" זאָגט זי האַלב שטאָלץ, האַלב ערנידריגט צו איהר טאַנץ־שייגעץ.

אין קיידאַני איז מיר אויסגעקומען צו בעקומען איינינע אינטע־רעסאַנטע ידיעות וועגען סטאָליפּינ'ס לעצטע טעג, איידער ער איז נעה'הרג'עט געוואָרען. אייניגע וואָכען פאַר זיין טויט איז ער

דאָ געווען אין שטעדטעל, פֿאָהרענדיג אין און פֿון זיין גוט, וואָס ליגט ניט ווייט פֿון שטעדטעל. דאַן האָט דאָ פּאַסירט דער אַנעקדאָט מיט דעם יודישען קאָנטראַבאַנדיסט „זאַוערוכע״, וועלכע סטאָליפּין האָט געפֿרעגט:

— וואָס, זאַווערוכע, דו בעשעפֿטיגסט דיך נאָך אַלץ מיט קאָנטראַבאַנדע?

— טאַק טאָטשנאָ! וואשע ווּיסאָקאָפּרעוואסכאָדיטעלסטוואָ! האָט דער יודישער פֿוהרמאַן-קאַנטראַבאַנדיסט תמימות׳דיג, אויפֿ׳ן מיליטערישען שטייגער, געענטפֿערט.

סטאָליפּין האָט זיך בעליידיגט:

— אַזוי ענטפֿערט מען ניט קיין מיניסטער,—האָט ער בייז געמעלדעט.

נאָר דער ענטפֿער איז גאַנץ שטעדטעל גראָד געפֿעלען געווען, אפֿילו קריסטען אויך. אינטערעסאַנט איז, אַז אָט דער המן, וואָס האָט אַזוי ענג פֿערצויגען די שטריק אויף דאָס יודישע האַלז, איז אין פֿריי־וואַטען פֿערקעהר מיט יודען גאָר ניט געווען קיין שלעכטער. אַזוי ווי דער פֿריהערדיגער צורר איגנאַטעוו, האָט ער זיך געניויטינט אין יודען, אַנפֿערטרויט זיי זיינע געשעפֿטען, און ניט ווייניג יודען האָבען אַרום איהם געלעבט. אין אַלגעמיין, זאָגט מען דאָ, איז דער „ביסמאַרק״ פֿון דער רוסישער רעאַקציע געווען אַ גאַנץ קליינליכע פּערזענליכקייט, אַ בעריהמער און אַ גרויסער ליגנער דערצו.

היימישע געשטאלטען.

אינהאלטס־פערצייכעניס.

ווילנער אנטיקען.

1) מלכה די רעבעצין.
2) א דראמע אין ראמאילעס געסעל.
3) די שלעכטע שוויגער.
4) די גוטע שוויגער.
5) צווישען תלמוד תורה יונגלעך.
6) לעבעדיגע וואס לעבען פון טויטע.
7) „בית עולם" טראגעדיעס.
8) צווישען יודישע קריסטען.
9) ניט דאס האט ער געמיינט.

מינסקער אנטיקען.

1) זעכציג יאהר געדיענט.
2) דער סוף פון א רעדאקטאר.
3) ר' גרשון תנחום און ראטשילד.
4) די טראגעדיע פון א העברעאישען „מארק טווין".
5) שמחה דער שוסטער.
6) דער „ראבין" פון אוטשאסטאק.

קליין שטעדטעלדיגע בילדער.

1) דער „בעל עגלה".
2) דעם קרעטשמערס דראמע.
3) „ראבטשיק" און „בורילע".
4) פיישע דער שניידער אלס „דזשעק דער בויך־שניידער".
5) דער לעצטער יודישער פאלקס־זינגער.
6) דעם סופר'ס דראמע.
7) דער פילאזאף און דער שמש.

ביים קוואל פון דער יודישער פאלקס-מעשה.

1) סאניע די חכמה און איהרע מעשה׳לאך.
2) א מעשה מיט אברהם׳ן און מיט נמרוד׳ן.
3) א מעשה ווי אזוי א קלוגער ארימאן האט ארויסגעכיטרעט ביי א קארגען גביר 2,000 רובל.
4) א מעשה מיט צוויי שותפים מיט׳ן גן־עדן און גיהנום.
5) א מעשה מיט א קויטיגע בולקע.
6) א מעשה מיט א מלמד און מיט דריי חכמות.
7) א מעשה מיט׳ן „בעל שם" און מיט׳ן „דבוק".

צווישען מוסר׳ניקעס.

1) וועגען מוסר׳ניקעס בכלל.
2) ר׳ ישראל סאלאנטער, דער ערשטער בעשאפער פון דער מוסר־בעוועגונג.
3) סאלאנטער׳ס תלמידים.
4) נאוואגרודקער מוסר׳ניקעס.
5) אין וואס בעשטעהט נאוואגרודקער מוסר?
6) ר׳ יוזעל דער מאן פון די לעבער.
7) סלאבאדקער ישיבה.

אין די געצעלטען פון תורה.

1) ר׳ איצעלע וואלאזשינער און ר׳ הערש ליב.
2) די מירער ישיבה.
3) די חסידישע אקאדעמיע אין ליבאוויטש.
4) די לידער ישיבה.

אין דער קאראאימישער מלוכה.

1) צו גאסט ביי די קאראאימער פון טראק.
2) דער אונטערגאנג פון די קאראאימען.

ווילנער אנטיקעס.

מלכה די רעבעצין.

אויף א שמאלען ווינקעל־באנק, פונקט אנטקעגען מיר, אין וואגאן, איז געזעסען א פריצטע. געזעסען אויפ'ן שפיץ בענקעל. „דריי פערטיל פלאץ פון איהר בענקעל האט זי מוטערליך, צערטליך, אבגעגעבען איהר צוויי קאמפאניאנען, צוויי הינט, אפנים — א מוטער מיט א קינד. דעם גאנצען וועג איז די פריצטע געווען פערנומען מיט איהרע צוויי הינט. האט זיי געגעבען עסען, טרינקען; האט מיט זיי פערבראכט, געקניפען זיי פאר די אויערן, דערצעהלט פאר די פאסאזשירען די חכמות, די געראטענקייט פון דעם יונגען הונט און דעם יחוס און בריה־שאפט פון דער אלטער צויג. אויפגעגעסען איין געריכט, האט זי זיי דערלאנגט אין א שיסעלע — א צווייטע. פריהער איינעם דערנאך דעם אנדערן. אבגעגעסען, אויסדערצעהלט זייערע שבחים, האט זי געפיהרט פריהער איינעם, דערנאך דעם אנדערן אביסעל אויף דער פרייער לופט, דערנאך זיי אויסגעבעט און איינגעלעגט שלאפען, טאקע ממש ווי א מוטער איהרע קינדער. געלעגט זיי שלאפען, האט זי פון זיי די אויגען ניט ארא־בגענומען. נאכגעקוקט יעדע מינע פון די שלאפערדיגע, בעוועגט זיך זעהר פארזיכטיג, זי זאל זיי „חס ושלום" ניט אויפוועקען. פערדעקט זיי מיט א וואלענעם שאל, עס זאל זיי, חלילה, קיין ווינטעל ניט באפען.

קורץ: וואו מ'האט זיך א קער געטאן איז — געווען חונט. דאס אויער האט געהערט, דאס אויג האט געזעהען, דער מויל

האט געאטעמט, די גאנצע אטמאספערע ארום אין וואגאן איז געווען אנגעזאפט מיט הונט.

און פלוצלונג איז געווארען אין וואגאן א ליארם, א טומעל. עס האט זיך ארייגעריסען עפעס א יודענע און האט אנגעהויבען צו אמפערן זיך מיט א יודען, פארוואס יענער האט פארנומען איהר פלאץ. דאס איז געווען אביסעל ווייטער מיט א פאר בענק. א טומעל אין וואגאן, איז קיין נייעס נים. נאר דער עולם, אפילו דער קריסטליכער, וועמעס אויפמערקזאמקייט איז מיט א מינוט פריהער, געווען איינגאנצען, נים ווילענדיג, איינגעשלונגען מיט דער פריצטע אין איהרע צוויי הינט, איז גערן געווען אבצוקעהרען זיך אהער פאר א צעשטרייאונג. אבער אין א מינוט ארום איז שוין דא געווארען רוהיג. די יודענע האט אבגעשטופט ווייטער דעם יודען און איז שוין געווארען דער צענטר פון א לעבהאפטען געשפרעך ארום איהר. די רעכטע בעל דבר'נטע איז זי געווען טאקע אליין. עס האבען זיך געשאטען פסוקים, גמרא־ווערטלאך און גלאט יודישע וויצען און ווערטלאך, זאלציגע, פעפערדיגע. זי האט פארגעבען רעטעניסען און האט זי אליין קונציג פארענטפערט מיט א מעשה, מיט א פסוק, אדער א גמרא ווערטעל. האט זיך אבגעשטעלט דער צוג ביי א סטאנציע, איז זי שוין געווען אויף דער פלאטפארם. ארויס פון וואגאן, זיך געוויצעלט מיט'ן קאנדוקטאר, געשפאסט מיט'ן אבער־קאנדוקטאר. קורץ: עס האט אויסגעזעהן, אז זי איז דא א היימישער מענש און אלע קענען איהר. אבגעפאהרען נאך א סטאנציע האט זיך ארויסגעוויזען, אז איהר פעהלט אויס א בילעט. איז זי גאנץ דרייסט צוגעגאנגען צו איינעם פון די פאסאזשירען, האט ביי איהם אויסגעבעטען עטליכע קאפיקעס אויף א בילעט.

צוואנציג, דרייסיג קאפיקעס נאר ביי איינעם! א צו גרויסע נדבה! — האבען די שכנישע יודען צווישען זיך גערעדט. נאר זי האט זיך נים אבגעטשעפעט: דוקא ביי איינעם, און דוקא לייהען. נאר אויף איין סטאנציע. באלד וועט געווים ארויפקומען א בעקאנטער, אזוינער וואס קען איהר, וועט זי קריגען לייהען א גרעסערע מטבע, וועט זי בעצאהלען. ביי איהר איז דאס

קיין נייעס ניט. אזוי פאהרט זי, ברוך השם, ניט דעם ערשטען טאג.

וואס איז דאס פאר א בריה — א יודענע? האבען די פאר סאזשירען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געפרעגט איינער דעם אנדערן. א שנארערקע, א בעטלערין, א צודרעהטע?

מיר זענען אבגעפאהרען נאך אביסעל. די יודענע האט רעכט געהאט. אין גיכען איז ארויפגעקומען א פּאסאזשיר, טאקע אן אלטער בעקאנטער איהרער, זי איז צו איהם צוגעגאנגען, אראבגענומען פון פינגער א גאלדענעם רינג און געבעטען לייהען איהר דערויף א רובל. ביז סווענציאן וועט זיין גענוג. מארגען וועט זי אויסקויפען.

דער יונגערמאן האט זיך גענעבען א כאפּ:

— גאט איז מיט אייך, מלכה! וואס רעדט איהר? א משכון? נאט אייך וויפעל איהר דארפט: דריי, פינף, צעהן רובל! און הונדערט און דריי הונדערט און מעהר וועל איך אייך ניט טרויען. וואס דארף איך אייער פינגערל?

זי איז אבער צוגעשטאנען: דוקא א משכון און מעהר ניט לייהען, ווי א רובל און מארגען גיט זי אב.

עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז דאס איז ניט קיין פּשוטע באהן־שנארערין; אז דאס איז בכלל א יודענע ניט קיין פּשוט׳ע; מיט אייןווארט אז דאס איז מ ל כ ה ד י ר ב צ י ן, און אז זי ריכט אב גלות...

מלכה די רביצין קען קינד און קייט אין ווילנא. זי איז געווען די חבר׳טע און מיטהעלפערין פון דער בעריהמטער דבורה אסתר ביי יענער׳ס לעבען; זי איז געווארען די יורש׳טע פון דבורה אסתר׳ס מצוות נאך איהר טויט. נאר מלכה די רביצין איז ניט א פּשוט׳ע יודענע, ווי ס׳איז געווען דבורה אסתר. זי איז א וואוילגעלערנטע, זי איז א רביצין. ד. ה. א ווייב פון א ווילנער רב. געגאנגען איז זי מיט איהר אייגענעם וועג און אויף אט דעם וועג האט זי זיך בעגעגענט מיט דבורה אסתר׳ן.

מלכה די רביצין איז געווען אמאל רייך. ד. ה. ניט קיין גביר׳טע, נאר א גרויסע בעל פּרנסה׳טע. דער מאן איז געווען א רב און זי האט געהאלטען אן אכסניא. צו איהר פלעגען פער־

פאהרען סוחרים, גבירים און איבערהויפט — רבנים, לומדים און גלאט שענע יודען. אין טאקע צוליב זיי, צוליב די רבנים און שע־נע יודען האט זי געהאלטען די אכסניא. כדי זי זאל זיי קענען בעדינען. ביי זיי האט זי קיינמאל קיין געלד ניט גענומען. קומט א רב אין ווילנא, דרוקען א חבור, קומט א מגיד, א בעל דרש'ער, אדער גלאט אן ארימער למדן — ביי מלכה די רביצין, איז פאר איהם געווען גרייט א בעט מיט קלארע בעטגעוואנד: זיך וויפיעל דיין הארץ גלוסט! עסען און טרינ־קען פון דאס שענסטע און דאס בעסטע. שבת א טיש, ווי ביי דעם גרעסטען נגיד. גלאט ביטערע הערצער פלע־גען אויך פערפאהרען צו איהר: קומט א קלויזניק אין א ישיבה; א קליינשטעדטעלדיגע יודענע מיט א חולה צום שטאדטיגען דאקטאר; א קרעמערקע וואס איז ניט אין שטאנד צו צאהלען פאר א נומער אין א גאסט־הויז — אלע אזוינע קונדען האבען געוואוסט איין וועג: צו מלכה די רביצין.

מיינט איהר, אז מלכה די רביצין האט חלילה איהרע צור־געלענט? זי איז געגאנגען מיט דעם וועג פון דעם רבונו של עולם: פון דעם גענומען און דעם גע־געבען! איך האב איך שוין געזאגט, אז זי האט אויך געהאט רייכע אורחים: וואלד־סוחרים און גרויסע קרעמער, וואס האבען שוין געדעקט די הוצאות פון די קבצנים. טאמער האט געפעהלט, האט מלכה געהאט קאנטא און געהאט עטליכע גבירטעס, וואס האבען איהר שוין ארויסגעהאלפען.

אזוי איז אוועק יאהרען, און מלכה די רביצין האט געהאט א שם. זי איז ניט בלויז א וואוילגעלערנטע, נאר אויך א קלוגע יודענע. א פאסאזשירקע אין וואגאן — איינע פון איהרע אמא־ליגע קונדען — האט מיר דערצעהלט, אז זי האט גע'שם'ט פאר א חכמה. א ווארט איז ביי איהר געווען — א רענדעל.

נאר אט איז געשטארבען איהר מאן. די קינדער זענען זיך צופאהרען, ווער אין אמעריקא, ווער אין אנדערע שטעדט. מלכה איז געבליבען אליין, צי די עלטער, צי דער טויט פון איהר מאן האט אויף איהר געווירקט, צי דאס וואס זי האט שוין ניט געקענט אויסהאלטען די אכסניא מיט די פעק ארימע לומדים;

די איינזאמקייט און פערלאזענקייט פון די קינדער — נאר מלכה האט זיך אראבגערוקט, האט פארלארען איהר פריהערדיגען שטאלץ און געזעצקייט. פריהער איז ביי איהר געווען יעדעם ווארט געמאסטען און געוואויגען. איצט איז זי געווארען א בעל דברנ'טע. נאר רעדענדיג א סך פאלט זי קיינמאל ניט אריין: קיינמאל רעדט זי זיך ניט אוים קיין נארישקייט. זי איז — אן ענציקלאפעדיע פון פאלקס־ווערטלאך, פון אמת'ן אריגינעלען זאלציגען יודישען הומאר.

מאטעריעל פעהלט מלכה'ן איצט גאר נישט. איהרע קינדער אין אמעריקא שיקען איהר געלד, נאך מעהר וויפיעל זי דארף. אין רוסלאנד האט זי אויך פערמעגענדע קינדער, וואס שטיצען איהר. די אמעריקאנער קינדער שרייבען, אז זי זאל קומען צו זיי. וויל זי ניט פערטראגען איהר קאפ אין דער „גויאישקער" אמעריקא.

פאר וועמעס „זינד" זי האט זיך גענומען אבריכטען גלות — ווייס איך ניט. נאר איצט ריכט זי אב גלות. אויף א יאהר צייט האט זי זיך גענומען זיין „נע ונד". נאכאנאנד אין וואגאן: א סטאנציע ארויף, א סטאנציע אראב. וואו געטאגט, דארט ניט גענעכטיגט. און עס איז ניטא דער טאג, וואס מיט איהר מאכט זיך ניט אזעלכע פלאנטערם מיט בילעטען, כאטש דאס איז איהר גאר קיין נויט ניט.

שוין א חדשים ניין, אז מלכה פאהרט אזוי ארום. אין וואגאן זיצט זי חלילה ניט לעדיג. זי קלייבט פון דעם עולם פאר סאזשירען נדבות. איך האב זיך פערגעסען אייך צו זאגען, אז נאך פריהער, אין די גוטע יאהרען, האט מלכה געהאט איין מצוה, וואס איז געווען איהר ליבער פון אנדערע. דאס איז, אזוי צו זאגען, געווען איהר מאנאפאל. אט די מאנאפאל־מצוה איז געווען חתונה צו מאכען ארימע מיידלאך. דער דאזיגער מצוה האט זי איצט אבגעגעבען די גאנצע „פרנסה" פון איהר אבריכטען־גלות. אכט פערזעסענע מיידלאך האט זי שוין — זאגט מען — היי יאהר געפיהרט צו דער חופה. זי וויל אבער צום יאהר מגדל זיין דוקא ביז א צעהנדליג. און זי ארבייט מיט אלע

פרעסטען, זאגט זיך אב אין דאס נויטיגסטע, און וועט דאס איהריגע אויספיהרען.

מלכה די רביצין שטאלצירט מיט איהר טיטעל „רעבעצין". יעצט פיהלט זי זיך אביסעל אונבעקוועם מיט'ן נאמען, ווייל א יודענע זאל זיין — א „רביצין" מוז זי דאך האבען א לעבעדיגען רב פאר א מאן. נאר זי האט מיר פערטרויט, אז גאר אין גיכען וועט זי טראגען דעם טיטעל „כשר". ד. ה. זי וועט חתונה האבען א צווייטען מאל מיט א רב. ערגעץ פון זשעטעל צי איישישאק — איך געדענק ניט אקוראט. דער שידוך איז שוין אבגערעדט. דער „חתן" מוז ווארטען ביז זי וועט ענדיגען איהר טערמין פון גלות־אבריכטען. דאן וועט זיין מיט מזל חופה. ער וויים — זאגט זי — דערפון, וואס זי ריכט אב גלות, און ביי איהם איז רעכט. א גרויסער עהרליכער יוד, זאגט זי, גאר יענער דער ערשטער, עליו השלום איהם צו לאנגע יאהר. ער איז אויך איהרער אן אלטער בעקאנטער, פון איהרע אמאליגע אורחים.

מלכה איז א יודענע אין די זעכציגער, פול מיט טעמפעראמענט — א שטיק פייער. אמאל האט זי געמוזט זיין א שענהייט. נאך יעצט איז איהר פנים פריש, איהר פיגורברייט און הויך—דעמבען שטארק. איינע פון די אריגינעלסטע יודישע פרויען־טיפען אין תחום. איהר פערזענליכער לעבען איז איבערגעריסען געווארען אינמיטען, בשעת אין איהר איז נאך פערבליבען א לעבעדיגער שטראם פון ענערגיע. דער מאן איהרער — געשטארבען. די קינדער צופאהרען, געלאזען זי עלענד, אליין. ניט ווילענדיג האט אימיצער פון די פאסאזשירען געמאכט א פערגלייך מיט יענער פריצטע, מיין שכנה, פון דער אנטקעגענדיגער באנק. דאס איז אויך, אהן א ספק, א בעליידיגטע. אדער א געבראכענע נשמה, וואס האט דורכגעמאכט א לעבענס־טראגעדיע. זי האט זיך, ווי עס טרעפט אפט, ענטטוישט אין די מענשען און איהר גאנצע ליעבע, צערטליכקייט און ענערגיע איבערגעגעבען די הינט. מלכה'ס נשמה איז ברייטער און טיעפער. ווי קען — זאגט מיין שכן דער פאסאזשיר — א מענש אבגעבען זיין ליעבע אין גאנצען א חיה, ווען עס זענען דא אזוי פיעל מענשען עלענד'ע און פארוואגעלטע, וואס נויטיגען זיך אין דיין הילף?...

א דראמע אין ראמאילעס געסיל.

איך בין געוועזן אין א סך יודישע שטעדט און האב ערגעץ ניט געפונען אזוינע טיפישע געטא־געסלאך ווי אין ווילנע. און אט די געטא־געסלעך מאכען אויף איך נאך א שווערען איינדרוק צוליב דעם קאנטראסט צווישען זיי און די דערבייאיגע ברייטע שענע גאסען. ווילנא איז איינע פון די שענסטע שטעדט אין רוסלאנד, לויט ווי די נאטור האט זי געבויט. קיין שטאדט אין ליטע האט ניט אזוינע פרייע און שענע, בערגיגע און וואלדיגע פארשטעדט ווי ווילנא. די לופט איז דא ריין, געזונט און געשמאק. גרינס בעקומט איהר וויפיעל איהר ווילט, וואו איהר גיט זיך נאר א קעהר. נאר עטליכע טריט פונ׳ם יודישען צענטר.

און אין אט דער שענער, פרייער שטאדט מיט איהר פרעהליכער טייך „ווילייע", מיט איהרע בערג און טאלען, מיט איהרע ארומיגע דופטענדע סאסנע־וועלדער שיינט דאס ענגע שמארציגע יודישע געטא עפעס ווי א מין טורמע, וואס מ׳האט מיט הונדערטער יאהרען צוריק מיט א ביזן אויסגעבויט אום צו פערשטיקען דעם פרייען גייסט פון דעם יודישען פאלק. עס שיינט עפעס ווי א העלישער טייוולישער שפאס...

און ווען איהר זייט נאר ניט איינער, וואס איז דא געבארען, מעגט איהר דורכגעהן די געסלעך צעהן מאל א טאג, קאנט איהר זיי ניט איבערגעהען גלייכגילטיג. עס גיט אייך א צופ ביי דער נשמה. אייך איז שווער זיך פארצושטעלען: ווי קאנען די מענ־

שען דאָ לעבען ? ווי קענען זיי דאָ זיצען טאָג איין טאָג אויס? ווי קאָנען זיי דאָ שלאָפען ? אָטעמען ?

דערפאר האָט קיין יודישע גאַס אין ליטע ניט אזוי פיעל „היסטאָריעס" און דראַמאַטישע היסטאָריעס, ווי די שמוציגע צום דערשטיקען ענגע און פינסטערע יודישע געסלעך. נאָך א יאָהר צוויי, דריי, פינף, וועלען זיי וואהרשיינליך פערשוווינ־דען, אויב ניט מיט אמאָל, איז ביסלעכווייז, מאַכענדיג פלאַץ פאַר דעם עלעקטרישען טראַמוויי. ווענינער פון אַלעמען וועלען יודען בעדויערן זייער פערשווינדען. נאָר א שאָד וועט זיין, אויב די „היסטאָריעס" פון דעם אונמעגליכען לעבען אין אָט די געס־לעך, וועלען פערשווינדען צוזאַמען מיט זיי, ניט ווערענדיג פערצייכענט אין דעם פּנקס פון יודישען געטאָ.

איך וויל ראַטעווען פון פערגעסענקייט כאָטש איין געסיל. איך וויל נעהמען דאָס סאַמע טיפּישע פון זיי אלע — דאָס קווינט־עסענץ פונ'ם יודישען געטאָ. און דער לעזער, וואָס איז אליין א ווילנער, וואָס איז געבאָרען געוואָרען, און זיין יוגענד פערלעבט אין ווילנער געטאָ, וועט זיך פיליינט אָנשטויסען, אז איך מיין דאָס „ראַמאַילעס געסיל" אָדער, ווי מען רופט עס „ראַמאַילעס הויף". און פון דעם געסיל וועל איך נעהמען איין „היסטאָריע", ניט פון אַמאָל, נאָר טאַקע פון היינט; א פריש צאַפּלדיגע „היסטאָריע", וואָס האָט פּאַסירט מיט עטליכע טעג צוריק, איידער זי איז פון מיר פאַרשריבען. און ווען די היס־טאָריע וואָלט געווען אן אונגעוועהנליכע, א זעלטענע, אזא וואָס טרעפט ניט אָפט אין „ראַמאַילעס" געסיל, וואָלט איך זי ניט פאַרשריבען. ווייל די דראַמע אבער איז ענג פערבונדען מיט „ראַמאַילעס" געסיל; ווייל עס שיינט, אז נאָר אין „ראַמאַילעס" געסיל קאָן זי פאַרקומען און כאַראַקטעריזירט עס אויפ'ן שאַרפסטען אופן—בעשרייב איך זי. נאָר פריהער מוז איך שיל־דערן די פיזיאָנאָמיע פון ראַמאַילעס געסיל. אָנהויי־בען הויבט זיך אָן אפילו דאָס געסיל אביסעל ברייטלאַך. עס הויבט זיך אָן פון דער יודישער גאַס, פון סאַמע שול־הויף. נאָר

איז׳ האט נאך קיין צייט ניט צו מאכען עטליכע טריט, ווערט זי שוין ענג, אזוי ענג ווי קיין געסיל אין ווילנער געטא. איינגאנצען זעהט דאס אויס, ווי א משונה׳דיגע בריאה, וואס בעשטעהט פון א ברייטען קאפ און א דינעם עקעל. מאכט איהר צוואנציג טריט, זייט איהר פארטיג מיט׳ן געסיל.

אבער ניט אכטענדיג דערויף, וואס אין צוויי מינוט שפאנט איהר עם דורך, איז דא פאראן אין געסיל וואס צו בעטראכטען, ווען איהר האט נאר אן אויג. שוין דער נאמען „ראמאילעס" שיינט צו זיין ניט קיין געוועהנליכער. „ראמאילעס געסיל" נעהמט זיך פון „ראמאילעס שול", „ראמאילעס ישיבה", וואס שטעהט דא אין ראג הונדערטער יאהרען.

וואו „ראמאילעס שול" איז, וויים אין ווילנא קינד און קייט. אבער אומזיסט וועט איהר ביי אימיצען פרעגען: ווער איז געווען ראמאילע? קיינער וויים ניט. און נאר אין אלטען ווילנער פנקס ווערט דערמאנט אלס אמאליגער באלעבאס פון אט דעם הויף רבי מיילא. עס איז דא אבער א לעגענדע, וואהרשיינליך נאך אן עלטערע, אין ווילנער יודישער גאס, אז ראמאילע איז געווען ניט קיין יוד, נאר א גוי, וואס האט אבגעגעבען יודען זיין הויז ספעציעל פאר א שול, און דערום האט ער זוכה געווען, אז די שול און די ישיבה, און דאס גאנצע געסיל, זאלען זיך רופען ביי יודען דורך הונדערטער יאהרען אויף זיין, דעם גוי׳ס נאמען. ווען איך זאל וועלען, ראמאילעס געסיל פערגלייכען מיט עפעס א ניו יארקער גאס, וואלט איך עס פערגליכען מיט דער פערצענטער סטריט אין ניו יארק. אין דער פערצענטער סטריט, אין א דעפארטמענט סטאר, ווי יעדער ניו יארקער יוד וויים, קענט איהר אריין הונגעריג און נאקעט, און ארויס זאט און בעקליידט פון קאפ ביז די פיס, ווי אן אמת׳ער פראנט. אין ראמאילעס געסיל איז פונקט דאסזעלבע. דער אונטערשיעד איז נאר, וואס דא ברויכט איהר צו האבען אין קעשענע א סך ווינציגער, ווי אין דער פערצענטער סטריט. פאר איינע 5—6 קאפיקעס, צום ביישפיעל, קריגט איהר דא, טאקע אין געסיל גופא, א טעלעריל געפרעגעלטע באבעס, ארבעס, קארטאפעל און דערצו נאך פערבייסען מיט א בליגצע און

א גאנצע קוואַרט פּרוכט, וואָסערע איהר ווילט: עפּעל, באַרנעס, פלוימען, קאַרשען. די גרעסטע מטבע איז דאָ א קאָפּיקע. העכס־טענס א פּייאָס, ד. ה. אנדערהאַלבען קאָפּיקעס, וואָס מ׳רופט אין מינסק א דרייער. די עפּעל, בארנעס, פלוימען, קאַרשען, אוגערקעס זענען אין ראַמאַילעס געסיל גאָר פון א בעזונדערן סאָרט. אַזעלכע קריגט איהר זעלטען אין אן אנדער גאַס. זיי זענען מאָדנע קליין, ווערען פערקויפט אויפ׳ן קוואַרט. אין איין קווערטיל קריכען זיי אריין צעהנדליגע. זיי האָבען דאָ אויך גאָר אנדערע נעמען. די יודענע, וואָס זיצט דאָ ביים מולטעריל, שרייט ניט, צום ביישפּיעל: א קאָפּיקע א קוואַרט עפּעלעך! נאָר א קאָפּיקע אַ קוואַרט „ראַזינקעס“. בארנעס זענען „צוקער־קעס“; פלוימען — האָניג; באָב — מאַנדלען און אַז. וו. טאָמער טרעפט איהר דאָ אין א מולטעריל אויף א קעסטיל גרויסע עפּעל, בארנעס, פלוימען און ד. גל. זאָלט איהר וויסען, אז דאָס זענען אויך ניט קיין געוועהנליכע. עפּעס איז אין זיי ניט גלאַט. און וואָס שענער זיי זענען, אַלץ פערדעכטיגער זענען זיי. און ווירק־ליך: נעמט א פּרי אין האנד, וועט איהר גלייך בעמערקען, אז זי איז אַן איינזייטיגע. ד. ה. זי ליגט צום עולם מיט א כיון מיט איין זייט. די אנדערע זייט, וואָס אונטען צום מולטעריל, איז „לא עליכם“ — בעסער קוקט ניט...

און די מענשען אין ראַמאַילעס געסיל זענען אויך ניט קיין געוועהנליכע. זיי זענען, דוכט זיך, קיינמאָל ניט יונג און ווערען קיינמאָל ניט אלט. איך בין דאָ אין געסיל געווען מיט צעהן יאָהר צוריק, און בין געווען דאָ ניט לאַנג מיט עטליכע טעג צוריק*) וואָלט איך, דוכט זיך, קאָנען שווערען, אז ניט נאָר די מולטער־לעך און קעסטלעך זענען דיזעלבע, נאָר אויך די, וואָס זיצען דערביי. אפילו דאָס קעציל, וואָס ליגט דאָ צווישען די מולטער־לעך און קוויטשעט גוסס׳דיג, ווייל יעדערער האלט פּאָר א חוב, (ניט חלילה מיט א כיון) צו טרעטען אויף איהר, איז דאכט זיך אויך דאָס זעלבע. און איך וואָלט שווערען, אז די באָב מיט די אַרבעס, מיט די עפּעל און בארנעס און פלוימען און קאַר־

---

*) געשריבען אין יאָהר 1909.

שען אין די קעסטלאך און מולטערלאך זענען אויך די זעלבע. אזוי ווי אליהו הנביא׳ס צוביטענער רענדיל — שיינען זיי ניט געמינערט און ניט געמעהרט דערפון. וואס מען נעהמט פון זיי...

דאס איז אלץ אין קאפ פון געסיל, אין דעם ברייטען קאפ, וואס ליגט אנגעשפארט אן שול-הויף. דער קאפ פון ראמאילעס געסיל איז דער שפייזער ניט בלויז פון געסיל, נאר פון גאנצען שול-הויף. פון אלע געסלעך ארום און פון צופעליגע דורכגע־הער. ווילט איהר אבער בעקליידען זיך, אדער האנדלען באלע־באטישקייט, מוזט איהר אנקומען צום „עק" און דא דארפט איחר אויך א סך ווניגער ווי אין א ניו־יארקער דעפארטמענט סטאר. מיט א דריי, פיער רובל קליידט איהר זיך אויס פון אויבען ביז אראב אין מלבושים, נאטירליך ניט קיין נייע, זא־גאר זעהר ווייט פון נייע, דערפאר אבער גאנצע, דאס הייסט ניט קיין צעריסענע. פאר לאטעס ביז איך ניט ערב...

די קראמען דא אין עק זענען אויך ניט קיין געוועהנליכע. זיי זעהען אויס ווי אלמערס, וואס ווערען געמאכט אין די ווענד פון די ניו יארקער יודישע טענעמענט־הייזער. די קרעמערקע קען ניט זיצען, פארשטעהט זיך, אינעווניג, זיצט זי אויף א קעסטיל דערביי. און אז אימיצער געהט צו עפעס האנדלען, ווערט שוין פון די צוויי מענשען, וואס שטעהען אין דער ברייט ענג, אז א דריטער, ווען, ער וויל דורכגעהן „ראמאילעס" געסיל, מוז ער זיך דורכשפארען.

א גאנצע וואך „שוויבעלט און גריבעלט" דא פון פריה־מארגען, ביז שפעט ביי נאכט. הער קאמפף איז א מורא׳די־גער. נאר קיין קולות הערט איהר ניט, ווי אין אנדערע פרייע געסלעך. די קולות קלאפען זיך אב אן די אלטע האלב חרוב׳ע מויערן, וואס הויבען זיך כמעט אויף איינער אויף דעם אנ־דערען און פערשלינגען אין זיך די שטימען. די קללות, צאנקע־ריי, רייסעניש, קאנקורענץ, וואס דא קומט פאר, בעמערקט איהר אלזא מעהר אין דער מימיק, ווי אין קולות. אזוי געהט דא פאר דאס לעבען און וועבען טאג איין טאג אויס. וואס דא זאל ניט

פאַסירען — עס ענדערט ניט די אויסערליכע פיזיאָגאָמיע פון ראַמאַילעס געסיל.

אַזוי האָט אויסגעזעהן ראַמאַילעס געסיל אויף דעם פרייטאָג ווען דאָס, וואָס איך וויל בעשרייבען האָט פאַ־פירט. אין דעם אַלגעמיינעם פראָנט פון געסיל איז בלויז קענטיג געוועזן איין קראָם פון אַלטע מלבושים. דערביי איז געזעסען אַן אַלטער יוד, אויף אַ קעסטיל — דער באַלעבאָס פון'ם קראָם, כמעט נעבען איהם איז געזעסען אַן אַלטע יודענע און געשאָלטען. פון די קללות און אַנדערע ביי־ווערטער, שטויסט איהר זיך אָן, אַז ביי זיי איז געוועזן עפּעס אַ מין שותפות. מ'האָט זיך פונאַנדערגעטיילט און זי האָט טענות אויף דער חלוקה. דער קרעמער קוקט אין אַ ספר און פון צייט צו צייט גיט ער איהר אויסגאָב. דאָס איז אַלץ קיין נייעס ניט אין ראַמאַילעס געסיל, און קיינעם קימערט עס ניט. די סצענע ווערט אימער הייסער, נאָר קיינער קוקט זיך ניט אום. דאָס איז אַזוי וואָכעדיג, אַלטעגליך פאַר ראַמאַילעס געסיל. די יודענע איז „מכבד" זודיג; דער אַלטער ענטפערט איהר לעבליך, געלאַסען, ניט אָברייסענדיג זיך אין גאַנצען פון ספר. דאָס ברענגט איהר אַרויס פון זיך. זי גיט זיך פלוצלונג אַ לאָז צום יונגעלע, וואָס שטעהט ביים קראָם, נעבען דעם אַלטען, לעגט איהם אַרויף ביידע הענד אויפ'ן קעפּיל און „בענשט": „דיין מאַמע זאָל אויפ'ן נייעם יאָהר טאַנצען מיט דיר די זעלבע חתונה, וואָס זי האָט געטאַנצט מיט דיין ברודערל פאַר נייַן יאָהרען."

ביי דעם אַלטען פאַלט אַרויס דער ספר פון האַנד. ער כאַפּט זיך מיט ביידע הענד פאַר'ן האַרצען און שרייט מיט ווילדע קולות, אַרויסשטעלענדיג אַנטקעגען איהר די ברוסט:

— נאַ, שיס מיך!... מיך... מיך... שלאָג מיך... שילט מיך, מיך אַליין... מיך... אָבער איהם טשעפּע ניט... דאָס קינד... הערסט!... הערסט!...

דער אַלטער פאַלט אַנידער אויפ'ן קעסטיל. פון קעסטיל אויף דער ערד. פאַלט און שטאַרבט...

קיינער גלויבט ניט. דאָס איז אַזוי אומנאַטירליך פאַר ראַמאַילעס געסיל, אַז פון אַ צאַנקעריי זאָל אייגער פאַלען און

שטארבען. די בעל דבר'נטע גלויבט אויך ניט. זי זעהט נאר אז ענדליך האבען איהרע קללות דורכגענומען. דער אלטער צאַ־פּעלט זיך, כארכעלט און מאכט משונה'דיגע תנועות. דאס טוט איהר הנאה. זי שרייט: אהא! טאנצוי! טאנצוי!...

ענדליך ווערט פאר אלעמען קלאר: דער אלטער איז גע־שטארבען. ביי איהם האט געפלאצט דאס הארץ.

ראמאילעם געסיל ווערט אויף א מינוט אזוי ווי פערגלי־ווערט. די בעל דבר'נטע איז פארשוואונדען.

אבער דער דאזיגער צושטאנד דויערט נאר איינינע מינוט. דאן קומט ראמאילעם געסיל צו זיך. עס פערשטעהט, וואס דא האט פּאסירט. מען ווארפט זיך איבער פון איין קעסטיל און מולטערעל צו דער אנדערער מיט עטליכע ווערטער פון דעם אל־טענס ביאגראפיע. דאן הערט זיך ווידער אין ראמאילעם געסיל: אהער... זייט אזוי גוט, וואס דארפט איהר? א פּאר קאמאשען? א היטעל? א סורדוט? א פּאר מייטקעס? א קליידעל, א יאקעל? אהער יודען! ווייבער! א פּיאים א קווארט ראזינקעס!...

נאר די פּאסירונג געהט איבער ווי א בליץ אין די איברי־גע גאסען, און אין שטאדט נעהמט דער צופאל אן א גאנץ אנ־דער כאראקטער. עס ווערט א טיפע טראגעדיע.

נאר איך וועל אייך איבערגעבען די געשיכטע קורץ און פּשוט, ווי מ'האט מיר זי דערצעהלט אין ראמאילעם געסיל:

דער אלטער איז געווען א זקן פון א יאהר זיבעציג. דאס יונגעל איז זיינער א זוהן, אן איין איינציג קינד, וואס איז איהם איבערגעבליבען פון עלף, צי צוועלף קינדער. ניין, צי צעהן האט ער געהאט מיט דער ערשטער ווייב. זיי זענען אלע צושטארבען. פארוואס זיי זענען צושטארבען, דארף קיין וואונדער ניט זיין. פיעל מעהר וואונדער איז, ווי אזוי עס האלטען זיך און עס האדעווען זיך אוים קינדער אין ראמאילעם געסיל. דער טאטע פון די צושטארבענע קינדער האט, ביז דעם נייגטען קרבן, אפילו ניט פּראטעסטירט. „ד' נתן וד' לקח" האט ער געזאגט גלייך מיט איוב'ן, ביי יעדען קרבן. נאר אז עס איז געקומען צום נייגטען, האט ער ניט אויסגעהאלטען, ער איז דעמאלט געווען נאהענט צו פופציג. דער נעדאנק, אז ער וועט בלייבען

אהן א קדיש איז איהם געווען שרעקליך. און ער האט גענומען רערען ווענען א גט. האבענדיג אבגעלעבט מיט דער ווייב א יאהר עטליכע און צוואנציג. גערעדט האט ער שטארק און ענטשלאָ־סען .די ווייב האט זיך געמוזט אונטערגעבען. נאר אזוי ווי זי האט שוין מעהר קיין האפנונג ניט געהאט צו האבען קינדער, האט זי באפרייט דעם מאן אויף אן אנדער וועג. זי האט זיך נים דערוואַרט אויף א גט און איז פון הארצוועהטאג געשטאר־בען. מיט דער צווייטער ווייב, מיט דער איצטיגער, האט ער בעקומען א יונגעל, וועלכער האט דערלעבט ביז דעם נייגטען יאהר, און איז אויך געשטארבען.

דאן איז דעם זעכציג יאהריגען אלטען גאר געווארען קשה. עס איז אוועק א פאר יאהר, און די צווייטע ווייב האט איהם געבארען א יונגעל. אט פאר דעם יונגעל, האט זיך יעצט דער אלטער אנגעטשעפעט מיט הענד און פיס, מיט'ן גוף און מיט דער נשמה. ער איז אוועק צו גוטע יודען און געפרעגט עצות: מיט וואס קען ער איהם ראטעווען — דעם לעצטען קדיש. א גוטער יוד האט איהם געהייסען קליידען, דעם יונגעל, בלויז אין לייוועגט. פאר די לייוועגט זאל ער בעצאהלען פיעל מען וועט בעטען; ער זאל זיך נים דינגען. אזוי האט ער געטאן. א חוץ דעם האט ער בכלל גענעהן צו האלטען זיך גוט מיט גאט און מיט לייט. האט אפט געהאלטען א ספר, גענעסען אין שול, גע־טיילט צדקה, געהאלפען אלמנות, יתומים, אויסגעהאלטען און חתונה געמאכט ארימע קרובות — מיידלאך. האט געהאט א שם אין ראמאילעם געסיל און ארום פאר אן ערליכען יודען און א בעל צדקה. מיט דער קראם האט מערסטענס געהאט צו טאן די ווייב. אליין איז ער געווען אין א ביער־ברויז אויף א שטעלע עטליכע און צוואנציג יאהר. דאס יונגעל איז געוואקסען און גראד א גערעטענים. האט א גוט קעפעל, זאגען די ווייבער ארום — ער לערנט זיך גוט אי ביי'ן רבי'ן אי ביי'ן לעהרער. איך האב דאס יונגעל געזעהן, ארייגקומענדיג צו זיין מוטער, בשעת זי איז געזעסען שבעה נאך זיין טאטען. א סימפאטיש קינד פון א יאהר נייז — צעהן. געהט נאך יעצט אין לייוועגט, מיט לאנגע ציצית און קלוגע לעבעדיגע אויגען. מען בעהאלט זיך נים פון

איהם. ער ווייס די טראגעדיע פון זיין טאטען, פון אלע זיינע פריהערדיגע ברידערלעך. נאר א קינד איז א קינד. ער קוקט אויף דער וועלט מיט לוסטיג־לעבעדיגע אויגלעך, און דער סוד פון טויט, פון ראמאילעס געסיל קימערט איהם דערווייל ווייניג.

די יודענע, וואס האט דעם יונגעל ארויפגעלעגט די הענד אויפ׳ן קאפ, און איז געווען די סבה פון דער דראמע — האט גע־וואלט געהן אויף דער לויה און מחילה בעטען דעם טויטען. נאר די שכנים האבען איהר אבגעשלאגען. מ׳האט געזאגט, אז אויב זי וועט געהן, וועט זי מיט גאנצע ביינער ניט ארויס.

די דאזיגע טראגעדיע האט אין ווילנע געמאכט א טיפען רושם. נאר אין ראמאילעס געסיל — בלויז אויף איינינגע מינוט. די היגע לייט ווערען פון קיין געשעהעניש ניט נתפעל. ווארים יעדערענם לעבען דא, איז אייגענטליך פון וויגעל ביז צום קבר א שטילע טראגעדיע, אין וועלכער זיי שאפען די צוזעהער און זיי אליין שאפען אויף די העלדען...

די שלעכטע שוויגער.

די שלעכטע שוויגער קען איך ניט, מ'האט מיר נאר פון איהר דערצעהלט, ביי דער שנור אין הויז, אויף נאוואראר. די מאמע געהט איבער די הייזער, דער טאטע שוין לאנג טויט.

די קינדער: איינע אין אמעריקא, איינער ביי א שניידער, נאך איינער א יונגעל, געהט אין תלמוד תורה. פאר דער שטיבעל צאהלט מען אכצעהן רובעל. א בעזונדערע, אהן שכנים. די שטיבעל, א שפאן אין דער ברייט, און צוויי די לענג, כמעט אין גאנצען פארנומען מיט דער ליימענער אויוועלע און די „נארעס“. די אויוועלע איז א קליינע, א שמאלע. אין ליטא רופט מען דאס א „ווענטעל“. כל זמן מען הייצט עס איז עס ווארים. אין א שעה ארום ווערט קאלט. אן עלטערע טאכטער האט מיט א פאר מאנאטען צוריק חתונה געהאט, גענומען א סטאליער. אליין איז זי א זאקענמאכערין. די מאמע האט געהייסען דעם יונגעל ארונטערקריכען אונטער'ן באלקע און ארויסנעהמען דער ווייבעלס פאטאגראפיע, וואס איז געווען דארטען פערשטעקט.

— א פיינע ווייבעל, הא! וואס זאגט איהר? אן עהרליך קינד, ווי גאלד, הלואי זאלען מיינע אייניקלעך זיין ניט ערגער — ווענדעט זיך צו מיר א שכנה — נעהמט זי, די מכשפה, און מאכט אן א בייז לעבען צווישען דער פאר פאלק.

ווי איך האב פערשטאנען פון דער מאמעס און דער שכנה'ס רייד, איז דער שידוך געווען א פערליבענעם. ז י י ן מאמע האט ניט געוואלט: א בחור, א סטאליער, היינטיגע צייטען,

פארדינט זעקס־זיבען רובעל די וואך, קען ער נעהמען א בעל־הבתיש מיידעל, מיט צוויי הונדערט קארבען נדן. און אפשר נאך א יאהר קעסט. דא איז קיין קעסט ניט געווען. הלואי האט מען אליין וואס צו עסען. דערפאר האט די מאמע אבגעגעבען דער פאר פאלק די נארעס, און אליין מיט די איבעריגע קינדער גע־בעט זיך אויף א לאנגען בענקעל, וואס מען פלעגט לייהען ביי נאכט ביי דער באלעבאסטע. דעם בעל הבית'ל האט דאס פון אנהויב ניט געקימערט: איז א גוט לעבען — כאטש אויף א שטיין... ער איז אפילו ברוגז געווען אויף דער אייגענער מאמען, למאי זי האט געשטערט דעם שידוך. פלעגט צו איהר ניט ווע־לען געהן. נאר די מאמע האט איהם שוין געקראגען וואו צו זעהן און איינגערעדט איהם, אז ער קען נעהמען א באלעבאטיש קינד, און ניט פון די שלעפער, וואס געהען איבער די הייזער. דעם בעל הבית'ל איז ענדליך הארט געווארען שלאפען אויף די נארעס. ער איז אוועק און מעהר ניט געקומען. איצט איז אפילו נארעס געווארען גראמער. די מאמע קען אויך שלאפען אויף די נארעס און דארף זיך ניט ברעכען אויף א בענקיל. אבער אין שטוב איז אומעטיגער און דער מאמען קרענקט די הארץ אויף דער ווייבעל. די שכנה זאגט, אז ס'איז דא א האפנונג, אז דער בעל הבית'ל וועט נאך קומען צוריק. אבער איך בין שטארק מסופק.

די גוטע שוויגער.

ערגעץ האָב איך ניט געהאט אזא גוטען „קבלת פנים“ ווי ביי איהר, ביי דער „גוטער שוויגער“. זי האָט מיך צוגענומען, ווי אַן אלטען בעקאנטען, עפּעס אזוי ווי זי האָט אויף מיר לאַנג געוואַרט. „זעצט זיך, זייט אזוי גוט“, האָט זי מיך איינגעלאַדען, „דער באַלעבאָס קומט גלייך אריין.“ די אלטע איז געזעסען אויפ'ן בעטעל, דאָ האלב ליגענדיג, דאָ אין א זיצענדיגער פּאָזע, מיט אויפגעקארטשעטע קניע, איינשפּארענדיג אין די קניע די איילענבויגענס, און אנשפּארענדיג אין די איילענבויגענס דעם קאָפּ. אין אזא פּאָזע האָט זי זיך נאָכאַנאַנד געשאָקעלט, פערגעהענדיג זיך פון וועהטאָג.

— וואָס איז אייך, באָבינקע? — האָב איך איהר געפרעגט, צודרוקענדיג זיך נעהענטער. דער גאַנצער קאָפּ איז ביי איהר געווען געשוואָלען, ווי א בערוועגע פון איין זייט, פון די ליפּען ביז צום אויער. דער פּנים איז געווען דערפון פערהעסליכט, צערימט און דאָך זענען אין איהם געבליבען קענטיגע שטריכען פון א גוואַלדיגער ענערגיע, פון א „אידענע א קאָזאַק.“

אָט אזוי ווי איהר זעהט, האָט זי מיט קרעכצען, משונה'דיג ארויסגערעדט, — אַז איך האָב מיך מעהר אָנגעשטויסען, ווי פערשטאַנען איהרע ווערטער — עס לאָזט ניט אָב... אוי, אוי, אוי... ניט טאָג... ניט נאַכט... אוי, אוי, אוי... איך וואָלט וועלען אגדרימעלט ווערען אויף א מינוט... אוי, אוי... לאָזט זיך ניט... בערעלע! גיעב א קאָפּ וואַסער, זוהנעלע!

דער קליינער תלמוד תורה יונגעלע, איהר אייניקעל, האט איהר אונטערגעטראגען אין א קענדעלע אביסעל וואסער. זי האט דאס קענדעלע צוגעטראגען צו די ליפען, אריינגעגאסען אהין עטוואס וואסער און האט קוים אראבגעשלונגען.

— מעהר ווי וואסער קען איך ניט אראבשלינגען, — האט זי זיך געקלאגט, — שוין דריי יאהר, ברוך השם... קיין קאפ קרופניק ניט, קיין ברעקעל ברויט ניט...

וואס איז דאס ביי אייך באבינקע? פון וואנען איז דאס אייך געקומען? — האב איך איהר געפרעגט.

— פון א שרעק איז דאס מיר געקומען, צי „עין הרע“. איך וויים! אויף מיין לעבען בין איך ניט קראנק געווען.

— דאס איז א ראק, האבען דאקטוירים דערקענט — בויגט זיך צו מיר א שכנה און שושקעט מיר אריין אין אויער, אז די אלטע זאל ניט הערען. — מען קען דאס ניט אויסהיילען.

— שוין געווען ביי אלע דאקטוירים, — דערצעהלט מיר קוים, אויף איהר שטויגער, די אלטע, מען קאן גארנישט טאן. זאגען זיי, עס דארף אליין איבערגעהן, אין שפיטאל האב איך זיך געבעטען, וויל מען מיט אזא קרענק ניט צונעהמען.

אין מיטען איז אנגעקומען דער באלעבאס, איהר איידעם, א גרויליכער, איינגעהויקעטער יוד. זעהט אויס, פון א יאחר זעכציג. איז אבער אין אמת נאר עטליכע און פערציג. ער איז א בלינדער, א „גאסיגער מענש“, דאס הייסט, געהט אום בע־טען נדבות. די אלטע איז געווארען עפעס רוהיגער. זי חאט גענומען דערצעהלען איהר וועהטאג, ניט איהר פיזישען וועה־טאג, נאר דעם מאראלישען — דעם פערלוסט פון איהר טאכטער. איהר וואלט געזעהן א ווייבעל — א פארשוין, א העלדינע! געלעבט א לעבען אויף אלע יודישע קינדער געזאגט געווארען.. ווי א פאר טויבען. אזוי שטיל געוועזן אין שטוב. איהר האט קיין מאל ניט געהערט, אז זי זאל אויף איהם זאגען: „נאר“ צי ער זאל איהר זאגען א גראב ווארט. ער פלעגט פערדינען און אב־געבען איהר ביז א גראשען: טו, וואס דו ווילסט!... און ווי זי האט איהם אבגעהיט...

געזאגט האט זי דאס שאמקענדיג, מיט שמערצען, קוים

ארויסריידענדיג און ציהענדיג די ווערטער, אבער מיט א גוואלדיגער ענערגיע און קלאפענדיג מיט איין קולאק אן דעם אנדערעם פעסט, היציג.

דער אלטער, דעם איידעם חייםט דאס, איז געזעסען און האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

—נאך דעם ווייבס טויט איז פון איהם אויך געווארען א בארג אש — אזוי דערצעהלט די אלטע שבחים אויפ'ן איידים, פאר איהם אין די אויגען — נאר איך האב צו איהם גאר נישט. קומט אהיים, איז וויפיעל ער ברייננט: א צוויי גילדענע, א פערציגער — נאט אייך, שוויגער! מיר א וועקגעגעבען אין גאנצען, איך זאל פיהרען די הוצאה. דער אלטער איז געווען א סטאליער, בשעת ער איז געווען זעהענדיג, אז ער האט פערלארען די אויגען, איז געקומען צו ווערען א „גאסיגער“, שטעהן אין גאס און בעטען נדבות. די ווייב איז געווען א שטוביגע. די שוויגער — א טענדלערקע. געלעבט צוזאמען מיט דער טאכטער, און וואס זי פלעגט פערדינען — אוועקגעבען אין שטוב. אז די טאכטער איז געשטארבען, האט זי, די מאמע, שוין געמוזט ווערען א שטוביגע, אכטונג געבען אויף די קליינע קינדער, האדעווען זיי. פון דעסטוועגען האט זי געהאט איהר שטיקעל פרנסה, אפילו זייענדיג אין שטוב. און א זייטיגע פרנסה האט מען געמוזט צוברויכען, ווארים דעם איידימס „גאסיגער“ פערדינסט — א צוויי גילדען א טאג — איז געווען ווינציג אויף א געזינד פון 7—8 נפשות. איהר פרנסה איז געווען: קאכען באב פאר די בעבערקעס. די רויטליכע האלב געקאכטע, האלב געבראטענע באב, וואס אהן דעם פראוועט מען אין נאוואגראד ניט קיין „שלום זכר“, ניט קיין „מזל טוב“, ניט קיין „ברית“, און שבת נאכ'ן שלאף, דיענט עס אנשטאט א גלעזעלע ווארעמס. די אלטע איז געווען א מייסטערקע אויף קאכען אזעלכע באב, און א האלבע טוץ בעבערקעס פון גאס פלעגען ברייננען צו איהר זייערע טעפ, אז זי זאל דאס איינבראטען. דערפון פלעגט זי האבען איהרע 15 קאפיקעס א טאג. און דאס איז געווען א שטארקע דריטעל אין דער געזינדס בודזשעט.

פערביינעהענדיג, א באמערקונג וועגן דעם עצם האנדעל פון באב אין ווילנא.

דער דאזיגער מסחר ליגט אין די הענד פון א „טראסט“. דאס איז דערווייל דער איינציגער „טראסט“ אין ווילנא. עס איז מעגליך, אז אט דער טראסט איז דא געווען געגרינדעט בעת אמעריקא האט נאך קיין שכל ניט געהאט צו דערקלעהרען זיך צו אזא ענין. די מעשה איז אזוי: עס זענען דא עטליכע באב־הענדלער, וועלכע קויפען באב אין די צעהנדלינגע פודען. די בעבערקעס קענען און טארען ביי קיין אנדערע ניט קויפען קיין באב, חוץ ביי זיי. זונטאג קומט די בעבערקע צום „באב טראסט“ און נעהמט איהר פארציע באב אויף א גאנצע וואך. זי נעהסט עס אויף קרעדיט, ביז דעם קומענדיגען זונטאג. דער „טראסט“ גיט אויף קרעדיט אלע בעבערקעס, ניט מאכענדיג קיין שום אויספארשונג וועגען דער'ס אדער יענער'ס קרעדיט־פעהיגקייט. זונטאג, ווען די בעבערקע קומט נאך א נייער פארציע, מוז ווערען אריינגעטראגען פאר דער אלטער, אז ניט — איז אויס קרעדיט.

אט דער וואכיגער קרעדיט מאכט, אז די בעבערקע מוז אנקומען צום „טראסט“ און קען ניט נעהמען אין אן אנדער ארט.

אז די אלטע שוויגער איז קראנק געווארען, איז געווארען אין שטוב אן אמת'ער חורבן. ערגער ווי נאכ'ן טויט פון איהר מאכטער. נאר די אלטע איז א „קאזאק“. זי איז יעצט אלט נייני־ציג יאהר, לויט איהר אייגענעם חשבון. נאר די שכנה, וואס האט מיר פריהער איינגערוימט אין אויער וועגען איהר אמת'ע קראנקהייט, האט מיר יעצט אין דעמזעלבען אויער שטילערהייד אריינגעשושקעט, אז זי האלט שוין געווים ביי א הונדערטער.

ווארום זי טענה'ט שוין א יאהר צעהן די זעלבע טענה, אז זי איז אלט נייני־ציג יאהר.

ווען איהר האט געטראפען דער אונגליק, מיט דריי יאהר צוריק, האט זי זיך בשום אופן ניט געוואלט אונטערגעבען, די יסורים האבען איהר ניט געלאזט, ניט עסען, ניט שלאפען, זי איז צוגעשמידט צו איהר שמוציגער בעטעל ביי טאג און ביי נאכט, און האלט זיך אין איין שאקלען און אוי־קען, פערסווע־

טשעפנדיג דעם וועהטאג אין די קולאקעס און עלענבויגענס. נאר עס פרעפט מינוטען, ווען עס געהט איהר אב. דאן קריכט זי אראב פון איהר בעטעל, קאכט אב, און טוט אב אלע מלאכות, און לעגט זיך ווייטער אין בעטעל. אין אט די מינוטען קאכט זי אויף אפ די גרויסע טעפ באב פאר די בעבערקעס. דאס איז א זעהר שווערע ארבייט — שלעפען און רוקען די טעפ. אבער זי מוז האבען די פרנסה, ווארים זי מוז מאכען דעם דריטען גילדען א טאג אויף דער הוצאה.

אט דאס האט מיר אלץ די אלטע דערצעהלט. צווישען איין „אוי" און דעם אנדערען, קוים ארויסברייננגענדיג איהרע ווערטער פון דעם געשוואלענעם צוקרימטען מויל. זי האט א קעהר געטאן דעם קאפ צום טישעל, וואס איז געשטאנען נעבען איהר בעטעל. אויפ'ן ברעג טישעל איז געלעגען א שטיקעל חלה. דאס איז, אפנים געבליבען פון שבת. דער אלטער האט דאס אין „גאס" בעקומען, אדער אפשר געקויפט ספעציעל פאר דער שוויגער. די חלה האט זיך, אויף שטום לשון, שטארק צושמועסט מיט דער אלטערס „יצר הרע". איהם האט זיך פערגלוסט מיט דער חלה געהענטער בעקאנט ווערען.

— בערעלע, — האט דער „יצר הרע" מיט דער אלטער'ס געשוואלענע ליפען, קוים ארויסגעשטאמעלט צום אייניקעל, דעם קליינעם תלמוד־תורה אינגעל: גיעב, מיין זוהנעלע, מיר דאס שטיקעל חלה; עס ציהט מיר עפעס אין הארצען.

בערעלע האט איהר צוגעטראגען דאס שטיקעל חלה. די אל־טע האט אבגעבראכען א שטיקעל, געפרופט צו לעגען צום מויל, געדרעהט עס, אויסגעמארקירט עס מיט דעם זייט, מיט יענעם זייט — עס קריכט ניט, ווענען אבבייסען א שטיקעל איז דאך קיין רייד ניט, אז מ'קען מיט קיין ליפ ניט א ריהר טאן. א פאר מינוטען האט זי זיך אזוי געראנגעלט מיט דעם שטיקעל חלה און האט עס ניט געעקנט בייקומען.

— נא, בערעלע, לעג עס אוועק... איך קאן ניט... — האט זי אין פערצווייפלונג אבגעגעבען דעם יונגעל דאס שטיקעל חלה צוזאמען מיט דעם אבגעבראכענעם ברעקיל.

דער יונגעל האט עס אוועקגעלייגט צוריק אויפ'ן זעלבען

ארט, אויפ'ן ברעג טישעל, כדי די באבע זאל קענען אליין נעהמען, ווען איהר וועט הונגער'ן ביי נאכט.

די אלטע האט א זעץ געטאן ענערגיש מיט דעם רעכטען קולאק אין דער לינקער דאלענע און געמיהט זיך עפעס זאגען, נאר אין מיטען זענען ארייגעלאפען עטליכע ווייבער, אזוי ווי אנגעטראגען מיט שטורם, מיט טענות, מיט א ליארם:

— אז זי קען ניט, דארף מען ניט! וואס! מיר גייטען חלילה? מיר'על'ן קריגען דערווייל אימיצען, זאל אונז קאכען די באב.

די אלטע האט זיך פאר'אוי'קעט און זיך גענומען שטארקער שאקלען פון וועהטאג.

איך האב געפרעגט ביי דער שכנה, וואס איז געשטאנען נעבען מיר: וואס איז דער מעהר? זי האט מיר דערצעהלט, אז ביי דער אלטער עפענט זיך פון צייט צו צייט, דער געשוואלענער קאפ און עס געהט ארויס, ערגעץ פון א וואונד, א שטראם מיט בלוט און פלאגמע. נעכטען האט עס איהר געטראפען. גראד איז קיינער אין שטוב ניט געוועז. די אלטע איז, אין מיטען עסק'ען זיך ארום די טעפ מיט די באב געפאלען אויף דער ערד, בעגאסען מיט בלוט. זי האט זיך ווי עס איז אויפגעקאראפקעט אויף די פים, האט געקראגען אן אניצע, ארומגעווישט זיך, און קוים פארקראכען אין איהר בעטעל, פון וועלכע זי האט ביז יעצט קיין כח ניט ארויסצוגעהן. עמיצער האט, ווי עס זעהט אויס, די ווייבער אנגעזאגט, אז עס איז געקומען א דאקטאר, צי אימיצער פון די שטאדטישע סאניטארען צו דער אלטער, און מען פרעגט זיך שטארק פאנאנדער וועגען די באב. פיהלענדיג, אז, ביי אזוינע אומשטענדען, איז די ריינליכקייט פון די באב עפעס ניט אזוי מוסטערהאפט, האבען די ווייבער זיך דערשראקען און געקומען צו לויפען: הערען און זעהען — וואס דא איז.

איך האב זיי בערוהיגט און געגעבען אן עצה. זיי זאלען דערווייל לאזען דער אלטער צורוה און זוכען זיך אן אנדער אויווען צו קאכען די באב. איך האב זיי געגעבען צו פערשטעהן, אז בכלל איז שוין צייט דער אלטער אויסצורוהען זיך, און אויב אן ארימאן טאר

זיך ניט אויסרוהען, איז דאך איהר שוין געגוג פון איהרע וועהטאָ־
גען. איך האָב זיי געגעבען די עצה, נאָר ביי זיך האָב איך געפיהלט
און אין זייערע פנים'ער האָב איך דערקענט, אז זיי וועלען פאָל־
גען מיין עצה ביז... מאָרגען. ווארום וואָס טוט מען אין נאָוואַ־
ראָד, אז עס פעהלט פאָרט א דריטער גילדען א טאָג צום בור־
דזשעט, און דערצו איז אין גאַנץ נאָוואָראָד ניטאָ אזא ספּעציאַ־
ליסטין אויף בראָטען שבת'דיגע באָב ווי די „גוטע שוויגער"?...

צווישען תלמוד תורה יונגלעך.

אין נאוואגראדער תלמוד־תורה לערנען ביז 200 קינדער. דאס זענען קינדער פון דער ארימסטער יודישער בעפעלקערונג. א גרויסער טייל פון זיי זענען יתומים; דער אהן א פאטער, דער אהן א מוטער. איינער איז א ממזר, איינער א קעשעניק, וואס פראקטיקירט זיין „פראפעסיע" אין די טעג, האלבע טעג און שטונדען, וואס ער גנב'עט אוועק פון תלמוד־תורה. אינטערע־סאנט איז, אז די מלמדים, יודען מיט א פארצייטיגען קוק אויפ'ן לעבען, קוקען אויף אט די יונגלעך נית מיט פעראכטונג, נאר מיט מיטלייד, און זיי דערלאזען נית די איבעריגע קינדער זיי צו בעליידיגען.

פון די אלע קינדער געהען א דריטעל אהן העמדער, דריי פיערטעל אין צוריסענע שטיוועל, כמעט אלע אין צוריסענע קאפאטקעלעך און נאר איניגע האבען פון אויבען א ווינטער־דיגען וואטאווען מאנטעלע. גאנצע קאפאטקעלעך האבען נאר געהאט די, וואס פלעגען געהען זינגען צו מתים.

איך בין געווען אין תלמוד־תורה, נית איין מאל, און האב גוט בעטראכט די קינדער. זיי אונטערשיידען זיך מיט גארנישט פון באלעבאטישע קינדער. א חוץ איין אידיאטישען יונגעל, זע־נען אלע קינדער נארמאלע — אי פיזיש, אי גייסטיג, אי מא־ראליש. „צווישען גביר'שע קינדער — האט מיר דער מלמד ער־קלערט מיט שמאלץ — זענען פאראן מעהר אידיאטען, ווי צווישען ארימע." און ער האט מיר געבראכט בעווייזען פון גע־

הויבענע חדרים, וואו די קינדער זענען א סך טעמפער און פער־
ווילדעטער, ווי אין תלמוד־תורה.

ביי דעם אידיאטישען יונגעל בין איך געוועזן אין דער־
היים. דער יונגעל איז אלט א יאהר זעקס, זיעבען.

— ווי אלט ביסטו? — פרעגט מען איהם.

— פיער יאהר.

— און דיין טאטע?

— צוויי.

— די מאמע?

— דריי.

— ווי רופט מען דיך?

— איך ווייס נישט.

פון אויסען אבער מאכט אפילו אט דאס טעמפע קינד גיט קיין איינדרוק פון א פסיכיש־אוננארמאלען.

„ער לערנט אין תלמוד־תורה שוין דריי זמנים און קען קיין עברי ניט", — קלאגט זיך אויף איהם דער רבי — כאטש האקט איהם אין קאפ"....

זיין טאטע איז געוועזן א שוסטער. געשטארבען יונגער־הייט און געלאזען א ווייב מיט פיער קליינע קינדער. „ער איז פון איהם — ווייזט מיר די מוטער אויפ'ן יונגעל, מיט א שטילען זיפץ, — פון איהם איז ער קראנק געווארען און פון דער וועלט אוועק. נאך פאר'ן טויט האט ער גרויס הארצוועהטאג געהאט, וואס דער יונגעל — זיין איינציגער זוהן — וועט נאך איהם קיין קדיש ניט קענען זאגען. און ווירקליך: געזאגט קדיש נאך איהם האט א מיידעלע".

אידיאטיזם איז ביי יודען א אונגעוועהנליכע זאך. א פסי־חיש־אוננארמאלעס קינד איז ביי אלע יודישע טאטעס און מא־מעס דער גרעסטער אונגליק. דערפאר איז אונבעשרייבליך די פרייד ביי יודישע עלטערען, בעזונדערס ביי דער מאסע, ווען א קינד איז געראטען און לערנט גוט.

מיך האט אינטערעסירט די ביאגראפיע פון דעם קליינעם קעשעניקעל. „פארוואס קומסטו שפעט און ניט אלע טאג אין חדר?" האט איהם דער מלמד געפרעגט.

דער יונגעל האט איינגעשפארט זיין בליק אין וואנר, גע־זעסען שטום און ניט געענטפערט.

ווען מען האט איין יונגעל עפעס געפרעגט, האבען די אי־בעריגע קינדער גערן אנטייל גענומען אין געשפרעך, געהאלפען דערצעהלען דעם חבר'ס ביאגראפיע. נאר דאס מאל האבען אלע געשוויגען. דער עולם האט געוואוסט פון דעם געפרעגטען אינ־געל'ס „מלאכה", נאר קיינער האט איהם ניט געוואלט פער־שעמען. דערפאר האבען זיי געהאלפען ערקלערען אנדערע איינ־צעלהייטען פון זיין ביאגראפיע.

אט איז זי אין קורצען:

דעם יונגעל רופט מען יודקע: זיין טאטע איז א גאס־מענש, געהט מיט א קעסטעל צוקערקעס. פערקויפט זיי ניט, נאר שפילט זיי פארנאנדער דורך נומערירטע מזל־קלעצעלעך. פער־דיענט דערפון א פאר גילדען א טאג. זיין מאמע איז געשטאר־בען מיט א פאר יאהר צוריק. דאס הייסט — ניט געשטארבען, נאר מען האט איהר צוגע'הרג'עט. ווארים זי איז געווען א בע־ריהמטע גנב'טע. זי פלעגט געהן כלומר'שט בעטען נדבות און פלעגט וואס צונעהמען פון קיך. האט זיך ניט געפוילט, זאגט מען, ארויבנעהמען א גאנז ביי א גוי פון א וואגען און אפילו ביינאכט ברעכען א שלאס.

בייטאג געהט דער טאטע אוועק אין גאס און די צוויי עלטערע שוועסטער — ארבייטען. בלייבט דער יונגעל אליין אין קאמער, אהן אויפזיכט און אהן עסען. א הונגעריגער געהן אין חדר ווילט זיך ניט. געהט ער אוועק איבער די קרעמלעך, איבער די מולטערלעך, בעטעלט אוים א שטיקעל ברויט, צו א קוכען, אדער נעהמט פשוט צו, עסט אב און דאן געהט ער ערשט אין חדר. עס טרעפט, אז דער „עסק" איז א שווערער: מען מוז אר־בייטען עטליכע שעה ביז מען קריגט אנ'אנבייסען. עס ווערט שוין שפעט. דאן פאסט ניט צו געהן אין חדר און מען בלייבט אין גאס מיט חברים פון דער זעלבער „מלאכה".

נאר אויסער אנ'עס־זאך — האט מיר פערזיכערט דער רבי — גנב'עט ער גארנישט. איך האב געהאט — זאגט ער — צרות מיט די „ראמען", די פאפעטשיטעלניצעס, איבער אט

דעם יונגעל. זיי האבען איהם געוואלט ארויסטרייבען. ער וועט פערדארבען — זאגען זיי — די איבעריגע קינדער... פע, האלטען א קעשעניק אין תלמוד־תורה!... אבער איך האב זיך שוין איינגעשטעלט און אבגעשריען איהם. גיט איהם עסען — זאג איך — וועט ער ניט גנב'ענען. אפשר וואלטען נאך גביר'ישע קינדער געווען ערגער פון איהם, אז זיי וואלטען געווען אין זיין לאגע.

נאך א יונגעל א קעשעניק איז דא אין תלמוד־תורה. ניט א איצטיגער, נאר א געוועזענער. א יתום. האט ניט קיין טאטען און ניט קיין מאמען. „אין תלמוד־תורה איז ניטא נאך אזא עהרליך קינד, ווי ער איז איצט" — ערקלערט מיר דער מלמד — ריהרט קיינעמס ניט אן, און מען הערט פון איהם קיין הויך ווארט נישט. אין תלמוד־תורה גיט מען בייטאג א טעלערעל קרופניק מיט א שטיקעל ברויט — ליידט ער ניט אזוי קיין הונגער, און ביי נאכט האט מען איהם געקראגען וואו צו נעכטיגען, איז ער געווארען אן עהרליך קינד.

מערקווירדיג איז די ביאגראפיע פון דעם ממזר. זיין מאַמע — אן ארים מיידעל האט ניט געהאט קיין האפנונג חתונה צו האבען. אבער דאס מוטערליכע געפיהל האט שטארק געפאָדערט זיינס. האט זי זיך געלאזט פערפיהרען פון א צופעליגער בעגעגעניס. דעם יונגעלס טאטע איז אין אמעריקא; האט דארט חתונה געהאט און קימערט זיך א האר נישט וועגען זיין קינד. די מאמע — שיינט ניט צו האבען קיין גרויסען פערדרוס אויף איהר קינד'ס טאטען. זי דיענט אין דער פרעמד, דערפאר גיט מען איהר עסען און מען ערלויבט איהר צו האלטען ביי זיך איהר קינד. אלץ, וואס זי פערדיענט, גיט זי אויס אויף איהר קינד — איהר אייגציגער טרייסט אין לעבען. דערפאר זעהט דער „ממזר" בעסער אויס און איז גאנצער געקליידט פון א סך אנדערע תלמוד־תורה־קינדער.

אינטערעסאנט איז די בעציהונג צו דעם ממזר און צו זיין מוטער פון די שכנים. קיינער ווארפט איהם ניט אויף. קיינער בעליידיגט ניט דאס קינד. דארט, אויפ'ן „דעק" פונ'ם יודישעי יתום קוקט מען אויף דעם ניט ווי אין די אויבערשטע

קלאסען. דארט, אין נאוואגראד, איז דאס ניט קיין זעלטענע ערשיינונג. מען געפינט עס פאר נאטירליך און מען האט צו דער פרוי מיטלייד. ניט בלויז די יונגערע, נאר אפילו די עלטערע יודען און ווייבער.

די ביאגראפיעס פון אנדערע יונגלעך זענען ניט ווייניגער אינטערעסאנט. אט האט איחר א האלבע טוץ פון זיי. איך נעהם ווי עס געחט, כסדר, ניט געקליבען.

אט איז ניאמקע — א יונגעל פון 10 יאהר; האט זיין אייגענס א שטיעף־טאטען מיט א שטיעף־מאמען ביי א לעבעדיגען טאטען און מאמען, וועלכע האבען זיך געג'גט. „אז איך קום צום טאטען — קלאגט זיך דער יונגעל — טרייבט מיך די „מומע"; קום איך צו דער מאמען שלאגט מיך דער „פעטער". האלט איהם דער פעטער — אן אמת'ער פעטער, דער מלמד פון תלמוד־תורה.

ווייטער געהט יודקע, 11 יאהר אלט. דער טאטע איז געשטארבען. געוועזן א פוהרמאן. די מאמע מאכט פאפיראסען; ציהט דערפון די חיונה, פאר זיך און דאס געזינד. זי איז יעצט קראנק, צייט א האלב יאהר. א פעטער איז דא, גיט ער אמאל אויף דער הוצאה, אמאל ניט. יודקע האט נאך גאר א קליין ברודערל און א קליין שוועסטערל. די שוועסטעריל האט א מכה אויפ'ן קאפ. אין דערהיים קאכט מען קיינמאל ניט. אז עס געהט אוועק א פאר טעג ניט געגעסען, האט אמאל א שכנה רחמנות און טראגט אריין א פונט ברויט אויף פיער נפשות. שבת שיקט מען אריין א פאר פישלעך.

נאך איינער — איצקע; זיין טאטע איז א שניידער. פינף יאהר אין אמעריקא, אין ניו־יארק געוועזן. האט נאך א קליין ברודער'ל, וואס א מומע האט איהם צוגענומען האדעוועןוען. דער טאטע פלעגט אמאל שרייבען בריעף און שיקען געלד. דערנאך איז ער זיך מיישב און שיקט דער מאמען אנשטאט א בריעף — א גט, און אליין האט ער שוין פריהער חתונה געהאט מיט אן אנדערער. די מאמע האט דעם גט ניט געוואלט נעהמען און האט איהם אבגעשיקט צוריק. זי קען מאכען זאקען, נאר זי האט ניט קיין משכון: פינף רובעל אויף באַ־

וועל — ארבייט זי נִיט. העלפט ביסלעכווייז אונטער אין א טשיינע — גיט מען איהר עפּעס דערפאַר.

וועגען דעם דריטען, טעוועקען, דערצעהלען מיר זיינע חברים, אויף זייער שטויגער, א גאנצע געשיכטע, עהנליך צו „חד גדיא": זיין מאמע, (דער טאַטע איז געשטאָרבען), א יודע־נע, וואס געהט מיט'ן קאָשיק, האָט איהם אָבגעגאָסען מיט א שיסעל וואסער. דאָס האָט זיין מיטעלען ברודער אזוי בענומען, אז ער האָט געכאַפּט א מעסער און געוואָלט שטעכען דער מאמען; איז געקומען שפּעטער דער עלטערער ברודער (ביידע זענען שוסטער), און געשלאָגען דעם מיטעלען. א חוץ דעם האָט דער מיטעלער ברודער נאָך עפּעס אבגעטאָן, צו וואָס אין נאָוואָגראָד איז מען נאָר ניט געוואוינט. נאָר וואָס געענדיגט זיין טערמין ביים שוסטער און גענומען פערדינען דריי „קאַרבאָנצעס" א וואָך, האָט ער געכאַפּט און חתונה געהאָט מיט א קליין מיידעל. „די חופּה איז געווען צווישען אויווען" — בעמערקט א יונגעל פון דער זייט און חברה ארום לאַכט. חתן־כלה זענען צוזאמען אלט געווען, בשעת דער חתונה דרייסיג יאָהר. די מאמע האָט ניט געוואָלט געהן צו דער חופּה, פאר חרפּה.

דער פיערטער — מענדקע, א פּיזשיק פון 6 יאָהר האָט זיך געכאַפּט מיט א שטיין צו זיין טאַטען: אַלטער שט...קער, גיסט עסען, צי ניט?!... שכנים האָבען אָנגעלערענט, אַדער אפשר די שטיעף־מאמע, וועלכע טיטעלט אָפּט אזוי דעם מאַן.

דער יונגעל הערט די געשיכטע און שווערט, אז ס'איז א ליגען. די איבעריגע שווערען: „ווי איך בין א יוד!", אז עס איז אַן אמת. מענדקע בעהאלט תמימות'דיג און פערשעמט זיין קעפּעל אונטער אַן עלטערען חבר'ס ארבעל. יענער צערטעלט איהם, גלעט איהם איבער'ן שטערען. דער גאנצער עולם פּער־האַלט זיך צום עצם „פאַקט" קריטיש. אבער דאָך בלייבט מענד־קע א חבר. „מאַלע וואָס עס טרעפט אין נאָוואָגראָד?..."

ביי דעם עלף־יאָהריגען גדליה'קען איז אויך דער טאַטע (א מאַלער) אין אמעריקא. שוין צעהן יאָהר, אז ער האָט זיך מיט דער מאמען געג'גט. די מאמע דיענט ביי פרעמדע. סומט — קלאָגט זיך דער יונגעל—פון זיי פינף רובעל, בעצאָהלט מען ניט.

אז מען וואלט בעצאהלט, וואלט די מאמע איהם געקויפט גאנצע שטיוועלעך. די מאמע פערדיענט א גילדען א טאג. דירה־געלד צאהלט מען פאר „א בעט" 80 קאפיקעס א וואך. עס פערשטעהט זיך, אז פיין וואַרעמעס און וועטשערעס האבן מען נים. דער טאטע וויל פון זיי גים וויסען.

פאלקע (פערצווייגען פון רפאל. אלע אינגעלשע נעמען זענען פערצווייגען אויף „קע"). 10 יאהר אלט, איז א יתום פון צוויי יאהר אן. זיין טאטע איז געווען א רב, צו א ראש ישיבה אין א קליין שטעדטעל. נאכ'ן טאטענ'ס טויט איז געבליבען א קאפיטאל פון א רובעל דרייסיג... מיט אזא „קאפיטאל" קען מען נאטירליך מאכען א בעסערען געשעפט, ווי האנדלען מיט באב, צו געבראטענע עפעל. האט זיין מאמע גענומען האנדלען מיט אייער. אז פון דער פרנסה האט מען זיך דורכגעלעבט „נישט קשה" — בעווייזט דער פאקט, וואס מען האט געצאהלט פאר א דירה 38 רובעל א יאהר און פערנומען די דירה אינגאנצען. צהן שכנים. וואלט געווען גוט. איז די מאמע נים לאנג קראנק געווארען אויף די פיס. א גליק וואס דריי דערוואקסענע שוועסטער זענען דא. איינע א שניידערין, איינע א זאקען־מאכערין און איינע א נייטערין. ארבייטען זיי און גיבען אויף דער הוצאה. אט אזוי „לעבט" מען אין נאוואגראד...

לעבעדיגע וואָס לעבען פון טויטע.

אויפ'ן גרונד פון יודישען לעבען איז אַ „בר־מינן" איינער פון די בעסטע סחורות, ארום יעטוועדער „בר־מינן". אויב ער איז ניט נאָר קיין „מאַגערער", דאָס הייסט, אויב ער בעלאַנגט אליין ניט צו די סאמע אונטערשטע פון „דעק", שפּייזען זיך ביז א צעהנדליג פאמיליען.

אט די לייט זענען נאָר אַ בעזונדער סאָרט מענשען, דאָס זענען מענשען פערצווייפעלטע, וואָס האָבען דורכגעמאכט אין לעבען מורא'דיגע מלחמות; זענען פון יוגענד אָן פערהאַרטעוועט אין קאַמפּף, האָבען פערלאָרען יעדע האָפנונג אויף דעם, וואָס מענשען רופען אָן „גליק", „נחת", און ווען זיי האָבען אַ אידעאַל, איז דאָס נאָר איינער: ניט קרעפּירען פון הונגער, ניט דערפראָרען ווערען פון קעלט; ניט דערשטיקט ווערען פון משאך — אין אלגעמיין — צו דערהאַלטען די נשמה פון איין תענית צום אנדערען.

די דאָזיגע לייט זענען געבאָרען, ערצויגען און לעבען אויפ'ן גרענעץ צווישען לעבען און טויט. זייער לעבען איז א לאַנגזאַמע גסיסה. אויב זיי שרעקען זיך איז — פאַר'ן שטאַרבען, ניט פאַר'ן טויט, טויט זיין הייסט ביי זיי — רוהיג זיין, זיין אויף אייביג בעפרייט פון הונגער, משאך און קעלט. נאָר ערגער פון שטאַרבען שרעקט זיי דאָס לעבען.

און דעריבער זענען זיי גלייכגילטיג צום טויט.

אין נאָוואָנאַראַד קענט איהר זיי טרעפען אָפט — די לעבע־

דיגע, וואָס לעבען פון טויטע. די ערשטע, וואָס באַגעגענען אַ
יודען אויפ׳ן גרענעץ צווישען לעבען און טויט — זענען די
„בטלנים“ און די „זאָגערינס“. די זאָגערינס זעגען צום מייל
אויך רעבעציגס, וואָס לערנען מיט מיידלעך, אמאָל מיט יונג־
לעך. „איך האָב שוין געפּרובט לערנען מיט אַ יונגעל אַ פּרשה
חומש אויך“, — האָט זיך איינע פון זיי פאַר מיר בערימהט.
די זאָגערינס זענען דאָס רוב מלמדים׳שע ווייבער. אויב זיי זע־
נען „וואויל־געלערנטע“, העלפען זיי אונטער דעם מאַן קנעלען.
אַז דער מאַן שטאַרבט, נעמען זיי, ניט זעלטען, איבער זיין
„קנעלונג“. אַלס וואויל־געלערנטע פונ׳ם קוואַרטאַל, ברויכט
מען זיי צו ודוי־זאָגען מיט אַ גוסס׳ער, זאָגען, „מעבר־יבוק“
און מתפּלל זיין אויף קברים ביי אַ יאָהר־צייט, און ימים נוראים
זאָגען פאַר ווייבער אין שוהל. אָט די ווייבער זענען פון דעם
טיפּ „קאַזאַקען“. שיטען אָפּט תורה־ווערטלעך און האָבען ליב
צו דיספּוטירען מיט מאַנסבילען וועגען אַ פּסוק. ניט קוקע־
דיג דערויף, וואָס זיי זעהען אָפּט דעם טויט פאַר די אויגען
— זענען זיי אימער ריהרעוודיג, לעבעדיג, מונטער; און וויפיעל
צרות זיי זאָלען ניט האָבען — זיי גיבען זיך ניט אונטער.

די בטלנים — וואָס וואַכען ביי אַ קראַנקען און זאָגען
תהלים נאָך אַ געשטאָרבענעם — זענען פּונקט דער געגענזאַץ
פון די ווייבער — די זאָגערקעס. דאָס זענען מענשען פלעגמאַ־
טיקער — קאַלטע נשמות. געבאָרען אין עלענד און אָרימקייט
גיבען זיי פריה אויף דעם קאַמפּף מיט׳ן לעבען, ווערען זיי אויף
גיך מיעד, לאָזען אַראָב די הענד און ווערען פויל. דאָס לעבען
האָט זיי קיינמאָל ניט געפּיעסטעט. זיי פערלאַנגען אויך פון
איהם גאָר נישט. דער גרעסטער גענוס, צו וועלכען זיי האָבען
אַ „יצר הרע“, איז אַ גלעזעלע בראַנפען. זיי האָבען אפשר אַ
מאָל ליב געהאַט אויך דעם תהלים. נאָר פון פיעל זאָגען זענען
זיי געוואָרען טעמפּ צו די טרויעריגע, ריהרענדע קאַפּיטלעך.
זייער נגון איז אַ איינטאָניגער, אַ הילצערנער, אַ געקויפּטער.
ווען די שטוב־לייט ארום דעם „בר־מינן“ וואַכען און רייסען איין
„וועלטען“. בפרט ווען דער „בר־מינן“ איז אַ „פעטער“ און די
בטלנים ערוואַרטען אַ היבשע מטבע — דאַן ווייזען זיי אויך

אַרוים מעהר טעמפּעראַמענט: דער נגון איז קלינגענדיג און ציטערנדיג און כלומרשט וויינענדיג. פיהלען אָבער די בטלנים, אַז די אבלים זענען ניט גאַר פערצווייפעלט, אַז דער בר־מינן שטערט זיי ניט צו שלאָפען, בעזאָנדערס, ווען דער „העכט" איז א מאַגערער, דאַן לאָזען זיי אַראָב דעם נגון אויף א נידעריגע אָקטאַווע, הומזען אונטער'ן נאָז, פאַלשעווען, היפּען איבער פּסוקים און גאַנצע קאַפּיטלאַך, און שלאָפען זיך גאַנץ געמיטליך נעבען דעם פוילענדען טויטען קערפּער.

די דריטע קאַטעגאָריע זענען — די תכריכים־נייטערקעס. דאָס איז א ענג־פערשלאָסענער „פּראָפעסיאָנאַלער פעראיין", וועלכער האַלט דעם „פּאַך" אין מאָנאָפּאָל און ווענדעט אָן אַלע מיטלען, ניט צו דערלאָזען קיין קאָנקורענץ. אָט די ווייבער לעקען אָב דאָס בעסטע ביינדעל פון דעם „בר־מינן". זיי פליהען אָן, ווי די קראָהען, אין דעם שרעקליכסטען מאָמענט פון דעם מענשענס לעבענס־דראַמע, ווען די האַרטעסטע הערצער ווערען אביסעל געשמאָלצען, און מען בעשטעהט ניט אום א קליינע מטבע. טאָמער גיט מען ניט אליין — בעטען זיי, און אויב זיי דענקען, אַז ס'איז ווינציג — דינגט מען זיך. אין ווילנא איז אפילו איינגעפיהרט געוואָרען אויף „בית עולם"־הוצאות א טאַקסע מיט „פעסטע פּרייזען", און עס איז שטרענג פערבאָטען צו בעטלען, אבער ווער וועט זיך געהן קלאָגען אין דעם טרויעריגען מאָמענט?

דער עסק פון די תכריכים־נייטאָרינס איז איינענטליך ניט קיין שווערער. יעצט, ווען אַלץ ווערט געמאַשינעוועט, ווערט אויך דעם מענשענס לעצטע גאַרדעראָב גענייט אויף דער מאַשין און געקויפט פאַרטיגע, אין דער ביורא פון „צדקה־גדולה". די ווייבער בעלאַנגט נאָר די ראָלע פון „צוריכטערינס" און „פּוצערינס". בשעת זיי זענען זיך עוסק אין דער „אַרבייט", האָבען די ווייבער א טיעף ערנסטען פּנים, אַרבייטען פלינק און פיהרען דערביי צווישען זיך א שמועס וועגען היימישע אינטערעסען. ווען עס פאַסט זיך, דערצעהלען זיי „שבחים" פון דעם טויטען און טוען צייטענווייז א זיפץ, ווען זיי זענען זיכער, אַז די אבלים וועלען עס הערען.

א וויכטיגע ראָלע אין דעם יודענס „לעצטען מאַרש" שפּיעלען די תלמוד־תורה־קינדער. איך בין געווען אין תלמוד־תורה בשעת א טייל פון די קינדער זענען נאָר וואָס אנגעקומען פון א לויה. זייערע געוועהנליך בלאסע, אויסגעווייקטע פּנים'לעך, זענען געווען פריש און רויט; די אויגלאך האָבען געבלישצעט, אויף אלעמענס געזיכטלעך איז קענטיג געווען א צופריעדענהייט מיט זיך אליין. די איבעריגע יונגלעך פון תלמוד־תורה האָבען אויף זיי געקוקט מיט קנאה. זיי אליין האָבען געהאט אן ערנסטע מינע, בעטראַכט זיך ווי מענשען, וואָס האָבען נאָר וואָס אויסגעפיהרט א וויכטיגע אויפגאבע. דער מלמד האָט מיר דערצעהלט, אז די נייע גבאים פּראָיעקטירען אויסצופיהרען דעם קינדערשען „צדק־לפניו"־כאָר פון תלמוד־תורה. די עלטערען פון די קינדער האָבען דאָס דערהערט, איז צווישען זיי געוואָרען א גערודער. דערמיט וועט אָבגענומען ווערען א שטיק פון זייער חיונה. וואָרום, פערשטעהט איהר מיך, יעדער יונגעל, וואָס געהט אין כאָר, בעקומט פינף קאָפּיקעס א וואָך. מאכט זיך א דריי־פיער לויות און אמאָל מעהר, קומט אריין דער פון א פּאָר גילדען א וואָך אויף דער הוצאה. אין דעם בודזשעט פון ווילנער „דעק־מענשען" שפּיעלט אזא סומע זעהר א גרויסע ראָלע. נאָך מעהר זענען צופריעדען פון דעם „מאַרש" די קינדער אליין. צום טויט זענען די נאָוואָגראָדער קינדער אזוי גלייכגילטיג, ווי זייערע טאַטעס און מאַמעס, און עלטערע שוועסטער און ברידער. פון דער אנדערער זייט אָבער האָט דער „מאַרש" פאַר דער קליינער חברה זעהר פיעל אַנציהענדעס. ערשטענס ווערט מען פּטור פון חדר אויף א גאנצען האלבען טאָג. צווייטענס געהט מען דורך אזוי פיעל גאסען און מען זעהט אזוי פיעל נייע מענשען און קרעמלעך מיט גוטע זאכען. דריטענס גיט מען ביי דעם אבל אין שטוב איידער מען „ריכט אוים" דעם בר־מנן אזוינע נאַשערייען. וואָס מען זעהט עס זעהר זעלטען ביי זיך אין שטוב, אין נאָר וואָגאָראָד. א שטויגער, ווי הערינג צו ברויט און זיסע טיי. אמאָל קריגט מען נאָך א בויגעל דערצו. געהענדיג צום „פעלד" קען מען זיך גוט אנשמועסען צווישען איין „צדק" און דעם אַנדערן, בעהאלטענערהייט, אז קיינער זעהט ניט, גיט מען א

שטיף אויף. בעזונדערס אבער איז אינטערעסאנט דאס „פעלד“ אליין, איבערהויפט זומער־צייט. זומער איז דער לויה־מארש ביי גאוואגראדער תלמוד־תורה'ניקעס אנ'אמת'ער פיקניק. וויל־גער „בית־עולם“ ליעגט אין א שיינעם געגענד, צווישען בערג, אין איינעם פון די שענסטע פארשטעדט, הינטער די בעריהמטע אנטאקאלער דאטשעס. ביי די ארעמע קליין־זווארג קלעקט אויף וואכענלאנג שפאס פון דעם, וואס מען זעהט זיך און מען הערט זיך דא אן.

א חוץ די הערינג מיט זיסע טיי און 5 קאפיקעס, וואס מען גיט די יונגלאך, אפפערען די אבלים געוועהנליך אויף תלמוד־תורה עטליכע רובל. פון אזעלכע נדבות קלייבט זיך אן וואסערע 70—80 רובל א מאנאט. דאס מאכט אויס דעם גרעסטען טייל פון נאוואגראדער תלמוד־תורה'ס בודזשעט. דעריבער איז א בר־מינן אין שטאדט אנ'אמת'ער יום־טוב אין נאוואגראדער תלמוד־תורה, און די שמשים, וואס קומען אנזאגען די בשורה: אז עס איז דא א „העכט“, בעקומען „פעט“ א צוויי־גילדערנע פון „שטיק“...

„בית־עולם“־טראַגעדיעס.

דער יודישער „בית הקברות“ האָט אויך דורכגעמאַכט ביי אונז פערשידענע צייטען פאַר די לעצטע פאַר צעהנדליג יאָהר. אין די געוועהנליכע יאָהרען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, האָט זיך דאָרטען אויך אָבגעשפּיעלט דאָס געוועהנליכע לעבען פון די יודישע שטעדט. די יודישע גבירים, וועלכע האָבען זיך אַלץ אָבגעזונדערט פון די מאַסען אין לעבען, האָבען זיך גענומען שטאַרק אָברוקען פון זיי אויך נאָכ'ן טויט. אויפ'ן בית הקברות האָבען זיך געיאָוועט פּאַראַדנע „גאַסען“ מיט גרויסאַרטיגע מצבות־פּראַנטען, אַרומגעצאַמט און אָפּגעצאַמט שטאַרק פון די טויטע אַרבייטער־קוואַרטאַלען מיט גרויסאַרטיגע שטיינערנע און אייזערנע שטאַנקעטען, די „גאַסען“ פאַרזייהט מיט בלומען, פערבויט מיט בענק, מיט אַלע בעקוועמליכקייטען. נאָר פאַר דעם טיפערן בעאָבאַכטער איז אונמעגליך ניט צו דערקענען די טראַגעריעס, וואָס שפּילען זיך צייטענווייז אָב דאָ, אונטער די מיט בלומען בעצירטע, מיט גאָלדענעם זאַמד בעשאָטענע, מיט גרויסאַרטיגע מאַרמאָרנע מצבות פערבויטע קברים. אָט אַזוי בעמערקט איהר אויפ'ן וואַרשעווער „בית עולם“ גאַנצע „פּאַלאַצען“, וואָס ליגען דריי פערטעל וויסט און וועקען טרויריגע געדאַנקען. אַזוי האָט זיך דאָרט ניט איין יודישער גביר פאַרזאָרגט פאַר'ן לעבען מיט אַ פאַמיליען־סקלעפּ, אויסגעבויט זיך שטיינערנע ארונות מיט פּראַכטפאָלע מאַרמאָרנע, אָדער גראַניטנע מאָנומענטען. קורץ: פערזאָרגט זיך, אי די, אי יענע וועלט מיט

פּעשוועמליכקייט און לוקסוס. דער פאָטער פון דער פאַמיליע האָט זיך דאָ אוועקגעלעגט אין דער האַפענונג, אַז מיט דער צייט וועט זיך דאָ אַרומקלייבען אַרום איהם די גאַנצע פאַמיליע, קינדער און קינדס־קינדער. און אור־אייניקלעך וועלען אין יאָהר־צייט׳ס־טאָג פון זייער „קאַבאַנעם" זיידען קומען, אויפ׳ן „צמענטאַזש", זיך זעצען, און פרישע בלומען ברענגען, און מיט זיי די קברים בעשיטען.

די אָרימע־רייכע אייגענטימער פון די טויטע פּאַלאַצען זענען אָבער אָפט ביטער אָבגענאַרט געוואָרען אין זייערע זיסע האָפנונגען. איינזאַם און פערלאַזען ליגען זיי יאָהרען, יאָהרען לאַנג. אומזיסט וואַרטען זיי, אַז אימיצער זאָל צו זיי קומען, זיך לעגען גלייך מיט זיי אין די פּאַרטיגע שטיינערנע קברים; אומזיסט וואַרטען זיי אויך, אַז אַ לעבעדיגער נפש זאָל קומען צו זיי מיט בלומען, זיי כאָטש אַ גרוס פון די היימישע ברענגען. די היימישע האָבען זיי אויף אייביג פערלאָזען; האָבען זיך נייע „פּאַלאַצען" אויפ׳ן גוי׳אישען „צמענטאַזש" געבויט, נאָך רייכערע און שענערע... אָבער אַנשטאָט מיט אַ „מגן דוד" — מיט אַ צלם פערפוצט...

אַזוינע בית עולם־טראַגעדיעס בעמערקט איהר גאַנץ אָפט אויפ׳ן וואַרשאַווער „בית הקברות", און ניט זעלטען אויך אויף אַנדערע בית עולם׳ס אין רוסישען געטאָ. דער איינציגער אָרט, וואָס האָט אייך געקענט אַ דעם גלייכען יחוס פון אַלע מענשען דערמאָנען, ווערט אַליין מעהרער און מעהר אין קלאַסען צעטיילט: אין בעגאָלדעטע גראַניט־מאָנומענטען און עלענדע נידריגע זאַמד־שטיינער. רייכע פאַמיליען־סקלעפּעס און אָרימע ברעטלאַך, אויף מיט מאָד בעוואַקסענע קברים בערגלעך, וואָס דריקען זיך איינער צו דעם אַנדערן, קריכען, דאַכט זיך, איינער אויף דעם אַנדערן, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך מיהען אַברייסען ביי יענעם אַ הויפען ערד. פּונקט ווי ביים לעבען האָבען זיי געזוכט אָבצורייסען ביין שכן אַ גראָשען פרנסה.

דעם „בית עולם" פלעגען אַמאָל, אין בעשטימטע טעג, נאָר עלטערע יודען און ווייבער בעזוכען. צוויי טעג אין יאָהר, „ל"ג בעומר" און „תשעה באב", פלעגען איהם אויך — קליינע

פיטרער, יונגלאף מיט חילצערנע שווערדלאף און מיט פייל און בויגען בעזוכען. די דערוואקסענע יוגענד, האט געזוכט לעבען און האט אז דעם „בית הקברות", אז די וואס האבען אמאל אויף געקעמפפט און געליטען, אויף זייער שטויגער לעבען גע־זוכט — פארגעסען. אזוי איז עס געגאנגען, ביז עס איז געקומען די רעוואלוציאנערע בעוועגונג. דעמאלט האט מען זיך אן די טויטע דערמאנט. די לופט איז פול געווען מיט סודות, מ'האט געזוכט קאנספיראטיווע קווארטירען פאר מיטינגען, פאר אגי־טאציע, פאר בעהאלטען געוועהר צום זעלבסטשוץ; פאר סתם „קבלת פנים." אין פארטיינע אנגעלעגענהייטען. דאן האט מען זיך ארומגעזעהן, אז די מתים זענען די בעסטע קאנספירא־טארם און דער „בית הקברות" קען פערבייטען דעם בעסטען מיטינג־זאל.

און די מתים האבען די סודות, וואס זיי האבען אונטער־געהערט בעהאלטען. און די אלטע געשטארבענע האבען די יונגע, לעבעדיגע ניט ארויסגעגעבען. דער „בית הקברות" האט עהר־ליך און געוויסענהאפט זיין ראלע דערפילט; זיין טייל געהאט אין דער רעוואלוציע. צייטענווייז פלעגען זיך דארט, אויפ'ן פלאץ פון אייביגער רוה, שטימען און געשרייען פון אייביגער אונרוה דערהערען. דאס זענען געווען לידער און רעדען אויף דעם קבר פון א געשטארבענעם חבר און קעמפפער. די אלטע קברים האבען די לידער און געשרייען געהערט, און דאס בית־עולם־פאלק האט די יונגע שכנים מיט שטאלץ און ליבע צוגענומען, און זיי לעבען זיך א בכבוד'יגען ארט געגעבען.

עס זענען געקומען די פאגראמען און די ערשטע טעג פון דער רעאקציע. די בית עלמינ'ס זענען אימער געדיכטער פאר־זייהט געווארען מיט די נייע שכנים, און די קברים־שורות האבען אין זיך פיעל מעהר טראגעדיעם בעהאלטען, ווי די מיט בלוט פערגאסענע שטיינער פון די לעבעדיגע קווארטאלען. עס איז, דאכט זיך, אינגאנצען אבגעווישט געווארען דער גרענעץ צווי־שען נאם און בית עולם. די קברים, דאכט זיך, האבען מיט האס און מיט ליבע און מיט צארן געשטורמט. די מויערלאך און דעכ־לאך פון אויביגער רוה האבען געהילכט מיט לעבען און קאמפף.

דער „בית הקברות" האט געשפילט א גרויסע ראָלע אין דער רעוואָלוציע. ער איז געוואָרען א שטיק פון דער יודישער גאס. די יוגענד האט איהם מיט עהרפארכטיגקייט, מיט א רעליגיעזען געפיהל, אויף איהר שטויגער, נאטירליך, בעזוכט; מיט מעהר געפיהל, ווי זייערע פרומע טאטעס און מאמעס. דורך די „ברידער־קברים" איז דער יודישער „בית עולם" נאך פעסטער פארבונדען געוואָרען מיט דער רעוואָלוציע, און פון א פלאץ פון טויט איז ער פערוואנדעלט געוואָרען אין א פלאץ פון קאמפף...

עס איז אוועק א פאָר יאָהר, שרעקליכע מרה שחורה'דיגע יאָהר, און די יודישע מאסע האט פערגעסען אָן די טויטע קעמפפער, צוזאמען מיט די לעבעדיגע. אויפ'ן בית עולם" האט ווידער געהערשט א שטילקייט און רוהע, וועלכער, ווי אמאָל, ווערט נאר איבערגעריסען, אין בעשטימטע טעג, פון טראדיציאָנאלען יודישען פאָלקס־טרויער, אדער אין געוועהנליכע טעג פון אונגעוועהנליכע צרות: ווען א יודישע מוטער איילט אין א הארץ־פערצווייפלונג אָנצוגעבען איהר אפעלאציע צו דער לעצטער דיסטאנץ — אויף קבר אבות...

און ווי איבערראשט בין איך געוואָרען הייגטיגען תשעה באב*), ווען איך בין צופעליג געקומען אויפ'ן אלטען ווילנער בית עולם, און האב דאָרט געטראָפען ניט בלויז עלטערע יודען און ווייבער, נאר אויך יונגע לייט פון דער מאסע, און האלב־אינטעליגענטען אין שווארצע און בלויע העמדלאך: „פועלי ציון", בונדיסטען און אפילו בונדיסטקעס. אויפ'ן אלטען ווילנער „בית עולם", אין סניפישאק, איז ניטאָ קיין „ברודער־קברים". שוין העכער פון נײנציג יאָהר, ווי ער איז צוגעמאכט געוואָרען. דער גרעסטער טייל מצבות זענען טיף אין די קברים איינגעזונקען. און נאר עטליכע קברים פון די, וואס האבען אמאָל געשפיעלט א ראָליע אין דער יודישער וועלט, ווערען פון די גבאים אויפגעהאלטען און פון צייט צו צייט אבגעפרישט.

און צו די מצבות, וועלכע זענען ניט פון מארמאָר, נאר פון ציגעל געבויט, זענען די יונגע צוזאמען מיט די אלטע געקומען.

*) געשריבען אין יאהר 1910.

זײ זענען געקומען צו די קברים פון די אמאליגע מענשען, װעל־כע זענען שטארק אין גײסט און מוט געװען; װעלכע האבען א ברײטע און טיפע נשמה געהאט און געליבט האבען זײ דעם אמת, געזוכט איהם און געאפפערט זײער לעבען פאר איהם. און כאטש זײ האבען פאר זײער ליבע און שטרעבען אנדערע װערטער געהאט, אבער דער עיקר איז ניט דאס װארט, נאר דאס װאס ליגט אונטער איהם בעהאלטען. און דאס איז אײנס אין אלע דורות, אין פערגאנגענהײט און אין צוקונפט.

את דאס האט איצט א טײל פון דער יודישער יוגענד אנ־געהויבען צו פערשטעהן און צו פיהלען. די יסורים פון דער רע־אקציע, האבען אויך זײער גוטע זײט געהאט: דער יוגענד׳ס בליק איז ברײטער און טיפער געװארען. זי האט זיך אויסגע־לערנט פערבינדען די צוקונפט מיט דער פערגאנגענהײט.

און את געהען צו די שװארצע און בלויע העמדלעך צו דעם קבר פון ר׳ משה קרעמער, דעם װילנער גאונ׳ס זײדע, און האר־כען אויפמערקזאם צו זײן לעגענדע. אז ארימער קרעמער איז ער געװען אין א פערװארפענעם געסעל. קײנער האט פון איהם ניט געװאוסט, נאר את איז געשטארבען דער װילנער רב און די „פני" פון שטאדט, האבען זיך א לאז געטאן אהין אין געסעל און האבען איהם אויפ׳ן רבנות־שטוהל געזעצט.

אין עטליכע טעג ארום בעמערקט ער, ר׳ משה קרעמער,— איצט דער װילנער רב, װי דער װארמעס איז עפעס גרעסער גע־װארען: נאך א געריכט צוגעקומען. פרעגט ער דער װײב: װאס איז דאס פאר א מעשה? זאגט זי, אז איצטער קען זי זיך פער־גינען א בעסערען װארמעס, װי פריהער, װײל: אי זי לעזט דאך אין קראם, אי מ׳ברענגט עטליכע גילדען שכירות. האט ר׳ משה זיך אבגעזאגט פון די שכירות.

דער װארמעס איז אבער נאך אלץ א בעסערער געװען, װי אמאל. האט ר׳ משה קרעמער דערגאנגען, אז די קונים זענען געװארען מעהר װי פריהער, װײל די קרעמערין איז דאך איצ־טער א רבצין געװארען.

האט זיך דער רב שטארק מצער געװען דערפון, װאס ער נעהמט אב די פרנסה פון אנדערע יודען, און אז ער האט זיך

דערוואוסט, אז אין איין זונטאג לעזט די רביצין אזוי פיעל, וויפיעל זי האט פריהער געלעזט די גאנצע וואך, האט ער גע־הייסען, אז זי זאל האלטען אפען די קראם, נאר איין טאג אין וואך, כדי זי זאל ביי אנדערע יודען פרנסה ניט אבנעהמען.

אבער דאס האט אויך ניט געהאלפען. ווארום די קונים האבען זיך געסטארעט דעם טאג געבען אזוי פיעל צו לעזען, וויפיעל די רביצין האט פריהער געלעזט די גאנצע וואך.

און אזוי איז געבליבען, אז ניט דער רב, נאר די שטאדט האט אויסגעפיהרט אין דעם מערקווירדיגען קאמפף. אבער סוף כל סוף האט דאך געזיגט דער צדיק. ווארום ער האט דאס איבריגע געלד פון דעם, וואס ער האט געלעזט — אויף צדקה אוועקגע־געבען.

און מיר גאט געהען מיר צו צו נאך א קבר, א פערוואַרפענעם קבר פון א יודענע „שרה בת נחום". אן ארימע, און פראסטע יודענע און אן עלענדע איז זי געווען. אבער א הארץ פול מיט ליבע צו די ליידען פון איהרע שוועסטער האט זי געהאט. פון ארימקייט און נויט האט זי פאר'ן לעבען נאר נישט געקענט טאן צו פערלייכטערן די וועהטאגען פון אנדערע. און אז עס איז געקומען די שעה פון איהר פטירה, האט זי בעשלאסען, אז אזוי ווי „דארטען", אויף יענעם עולם, וועט זי פאר זיך שוין גאר נישט דארפען, וועט זי נאר טאן און מתפלל זיין צום „רבונו של עולם" פאר אלעמען, ווער עס וועט נאר א „מליץ" צום „כסא הכבוד" בעדארפען. און זי האט אנגעזאגט אין איהר צואה, אז אלע ווייבער, ווער עס האט נאר א צעבראכען הארץ און א שווערען געמיט זאלען אויף איהר קבר געהן און זייער קלאג איהר דערצעהלען, וועט זי שוין פאר זיי א גוטע בעטערין זיין.

און די ווייבער געהן... שוין מעהר ווי הונדערט יאהר... אויף איהר קבר איז קיין שטיין און קיין ברעטעל אפילו ניטא. נאר א שווער הארץ טרעפט דעם וועג אהן א מצבה.

מיר קומען צו צום גאון אליין — א ברייטערער איינפאַ־בער ציגעלנער מויעריל. מיט אן איינפאכער אויפשריפט פון אוי־בען: „הגאון ר' אליהו ז"ל". ער ליגט אין איין שורה מיט די

געהענטסטע פון זיין משפחה, מיט די בעסטע פון זיינע תלמידים. אלעמענס קברים פערמויערט מיט איין ציגעלנע פליטע, וועלכע איז פערשאטען מיט צעטעלאך פון שווערע הערצער און צעבראכענע געמיטער. א מאסע בליישטיפט־אויפשריפטען אויף די ווענד פון דרויסען. א טייל בקשות זענען וועגען געזונד, וועגעז פרנסה. אבער דאס רוב בעטען כח צום לערנען און א גייסט פון פארשטאנדינקייט צו בעגרייפען די היילינע תורה און א שטארקען ווילען צו מקיים זיין דעם אויבערשטענס געבאט.

גאר אין איין ווינקעל אן א זייט, וואקסט א מערקווירדיגע ווערבע. זי וואקסט ניט אין דער הויך, נאר אין דער ברייט, און זעהט אויס, ווי צוויי הענד און צוויי פיס. דער בוים מיט דעם מיטען פון זיין דיקען שטאם דריקט אריין אין דער ערד א מצבה־שטיין, אויף וועלכען עס איז שוין לאנג אבגעריבען יעדע אויפשריפט, און פיליכט איז דא קיינמאל קיין אויפשריפט ניט געווען. דאס איז דעם „גר צדק'ס“ קבר און דעם „גר צדק'ס“ בוים, זאגט די לעגענדע. נאכדעם, ווי מען האט איהם אויפ'ן גרויסען פלאץ פון דערברייטער גאס אויף א שייטער־הויפען פערברענט, האט זיך א יוד ר' ליב ציגקעס, — די ווילנער יודען געדענקען נאך זיין נאמען — פארנאכט פאר א פויער פארשטעלט, צום שייטער הויפען צוגעג'גנב'עט זיך און א הויפען אש פון דעם פערברענטען מארטירער געכאפט. די אש האט מען שטיל, אין געהיים, דארט, וואו יענער בוים שטעהט, מקבר געווען.

נאר די לעגענדע האט שפעטער אויסגעזאגט דעם סוד. אלע יודען און קריסטען — דורכרייזענדע, אדער פון גראף פאטאצקי'ם דעם "גר צדק'ס פאמיליע—קומען אהער אפט אויפ'ן קבר, בלייבען דא שטעהן אדער קניהען, און פערטראכטען זיך.

איינגעוויקעלטע אין גראז, מיט שטיינער פון אויבען, האב איך דא אויך צעטעלאך געפונען. נאר אויף זיי איז קיין שום בקשה ניטא. בלויז דער נאמען און דעם טאטענס נאמען פון בעזוכער. אזוי ווי מ'וואלט מורא האבען ארויסצוגעבען דעם סוד.

א סך פון די קליינע פּראָווינצלעך, זענען ארויסגעשטעקטע פּינ־שטענגעלאך פון אלערליי פארבען. דאס זענען שטומע „בריי־וועלעך" דעם „גר צדק" פון ווייבער, וואס קענען ניט שרייבען.

נאר איין מצבה, א שטאלצע, א הויכע פון מארמאר, איז דא אויפ'ן אלטען ווילנער „בית הקברות". די מצבה פון'ם ערשטען יודישען דאקטאר אין ליטא. ער האט געשטודירט אין פּאדוא — איטאליען — און געווען גיט פרום. ווילנער יודען האבען איהם ניט האלד געהאט. די מצבה האבען איהם שוין זיינע גע'שמד'טע זיהן געשטעלט. אור־אור־אייניקלאך פון וועלבען דאקטאר, קינדס־קינדער פון זיינע געטויפטע זיהן, לעבען נאך איצט אין ווילנא און זענען רייכע באנקירען. וועגען דער מצבה געהט אום נאך איצט אן אנעקדאט אין ווילנא. די יורשים פונ'ם דאקטאר האבען דוקא פערלאנגט פאר איהם א קבר לעבען דעם גאון און דעם „חיי אדם". דאס האט שטאדט ניט געוואלט. מ'האט איהם געגעבען אן אנדער ארט, ווייטער אביסעל. די קינדער האבען אראבגעבראכט דעם פּאליצמייסטער און געקלאגט זיך פאר איהם. די פרנסים פון שטאדט האבען זיך אבער פארענטפערט פאר דער פּאליציי, אז זיי האבען געטאן על פי דין: אזוי ווי דער דאקטאר איז געווען א כהן און א כהן טאר, על פי דין, ניט צוקומען נאהענט צו א פרעמדען קבר אויף א שטרעקע פון פיער איילען, האבען זיי איהם, פארקעהרט, כבוד אבגעגעבען, אברוקענדיג איהם ווייטער. די זיהן און דער פּאליציי איז דער תירוץ געפעלען געווארען און עס איז אראב גלאט.

גוט איינגעהיט זענען די מצבות אויף די קברים פון די „קברות לייט" אויפ'ן אלטען ווילנער בית עולם. אבער וועגען דעם זארגט ניט די שטאדט, נאר די קברות לייט אליין. זעקס דורות „מקברים" מיט זייערע ווייבער ליגען דא. דער זיבעטער קברן איז דער איצטיגער, דער לעבעדיגער, צו וועמען דער „בית עולם" איז איבערגעגאנגען „בירושה" פון זיינע זיידעס. נאר עס זעהט אויס, אז ער, דער זיבעטער „קברן", וועט שוין זיין דער לעצטער. זיינע קינדער האבען אן אנדער וועג גענומען.

דער אלטער ווילנער „בית עולם" איז דער בעריהמטעס־

מער אין ליטא און או - [illegible] גאנץ רוסלאנד. א סך מעשיות ווייס דער קברות־מאן צו דערצעהלען, וואס זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס האבען זיך אנגעהערט און אנגעזעהן, און איהם בירושה צוזאמען מיט'ן „פעלד“, איבערגעגעבען. און ער, דער זיבעטער קברן פון זיין משפחה, אויפ'ן אלטען יודישען בית עולם, איז אויך דער לעצטער היטער פון דער יודישער לעגענדע.

צווישען „יודישע קריסטען".

ווילנא איז איינער פון די וויכטיגע פונקטען אין יודישען תחום, וואו די מיסיאָן האָט, אזוי צו זאָגען, א שטענדיגע קווארטיר. א חוץ ווילנא און נאָך פריהער ווי דאָ, האָט די מיסיאָן ענטוויקעלט א שטארקע טעטיגקייט אין ווארשא און אין אָדעס. אין ווארשא איז די מיסיאָן זעהר לאנג. דאָרט האָט זי אויך דעם גרעסטען ערפאָלג, א דאנק דעם פאנאַטיזם פון דער פויליש־יודישער בעפעלקערונג. דער גרעסטער טייל מיסיאָנערען, ווי מיר שיינט, זענען פוילישע יודען.

אינטערעסאנט איז, אז אין ווילנא איז די מיסיאָן, אלס שטענדיגע אָפיציעלע אינסטיטוציע, געקומען אין איין צייט מיט דער רעוואָלוציע. דאָך, טיילווייז, אזוי צו זאָגען — פריוואָט, עקזיסטירט זי שוין דאָ צעהנדליגע יאָהרען. איהר טעטיגקייט פּראַקטיקירט זי אויף צוויי וועגען: דורך פריוואט־אגיטאציע און עפענטליכע שבת'דיגע דרשות.

די פריוואט־אגיטאָציע קומט פאָר אין בוכהאנדלונג פון דער מיסיאָן, וואָס געפינט זיך אין רעכטען צענטר פון שטאָדט, אבער דאָך אין א שטילען ווינקעל: דער לאדען בעשטעהט פון צוויי צימערן. אין איינעם שטעהט א שאַף מיט ביכער און פאר איהם א לאנגער טיש. דערצו א טישעל מיט א פּאָר שטולען. אין צווייטען — אויך א טיש מיט עטליכע שטולען. דער דאָזיגער צימער דינט אָפיציעל אלס לעזע־זאל. דער פאדערשטער איז, אזוי צו זאָגען, דער דיספּוט־צימער. אין די פענסטער זענען ארויסגעשטעלט מוסטערן פון דער מיסיאָנערן־ליטערא־

פור, אלטע און נייע, ביכער און בראשורען. די שויבען זענען פערקלעבט מיט א דינעם קאלירטען פאפיר, כדי דער פארבייגעהענדיגער עולם זאל ניט זעהן, ווער עס קומט אריין.

די ליטעראטור פון דער מיסיאן איז ניט קיין רייכע. איז שאף קריגט איהר הרשות פון פערשידענע מיסיאנערן און פאסטארען. דער מאנאטליכער זשורנאל אין יודיש „ברית עם", וואס געהט ארויס אין בוקארעסט, צו אין יאסי (רומעניען). עטליכע ערנסערע ווערק פון א פאר מיסיאנערען און — דער „נייער טעסטאמענט" אין עטליכע שפראכען.

די מיסיאנערען ברויכען אויך וועניג ליטעראטור פאר זייערע דיספוטען. דער „ברית החדשה" און די ביבעל, זאגען זיי, איז פאר זיי גאנץ גענוג. איבריגענס איז צווישען די גייערע ווערק פון די מיסיאנערען פאראן עטליכע ביכער פון א געוויסען מיסיאנער לעווערטאוו, — אין העברעאיש — וואס מאכען א שטארקען איינדרוק מיט דער פייערדיגער שפראך און טיפער אויפריכטיגקייט פונ'ם אויטאר. דאס זענען, דאכט מיר, די איינציגע ערנסטע מיסיאנערישע ווערק, נאך דעם אלטען בעריהמטען „נתיבות עולם", וואס האבען ארויסגערופען א הייסע פאלעמיק אין די העברעאישע זשורנאלען, און, בכלל, א גאנצע רייהע ארטיקלען פון די ערנסטע יודישע שרייבער איבער יודענטום און קריסטענטום. לעווערטאוו'ס ווערק „תולדות פאוולוס", „בן אדם" און, איבערהויפט, דאס ווערק „ישראל, אמונתו ותעודתו" (ישראל, זיין גלויבען און בערופונג) ווייזען אין דעם שרייבער א שטארקען טאלאנט. זיין אנשויאונג איז נאַאיוו. דאך, אין דער בעלייכטונג פונ'ם עקאנאמישען, פאליטישען און סאציאלען לעבען פון דער ביבלישער עפאכע, און פון דער צייט פונ'ם צווייטען „בית המקדש", איז דא א סך אמת, אפילו ווען איהר שטעהט אויפ'ן ריין וויסענשאפטליכען, קולטור־היסטארישען שטאנדפונקט — בנוגע צו יודענטום און קריסטענטום. איבערהויפט ווירקט אויף אייך זיין הייסע ליעבע צום יודישען פאלק, צו דער ביבעל און צו מענשען בכלל.

א חוץ די דאזיגע ווערק איז אין דער גאנצער מיסיאנערישער ביבליאטעק כמעט גיטא קיין ביכער, וואס זאלען פער־

אינטערעסירען און אינטעליגענטען מענשען. דער זשורנאל (דינע העפטליך) „ברית־עם“ בעשטעהט, אהן אן אויסנאהם, פון מיסיאנערן־ביאגראפיעס, שירים—אויסשליסליך פון די צוויי מיסיאנערען־פאעטען רעזניק און גארדאן, און דרשות מיט פסוקים. די מיסיאנערן־ביאגראפיעס זענען צייטענוויין אינטערעסאנט פונ׳ם קולטור־היסטארישען שטאנדפונקט. זיי קענען דינען אלס מאטעריאל (כאטש זעהר א קארגער) ווען מיר ווילען בעקאנט ווערען מיט די בעדינגונגען, וואס טרייבען יודישע יונגע לייט צום קריסטענטום.

נאר די ליטעראטור, ווי געזאגט, שפילט ניט קיין וויכטיגע ראלע אין דער טעטיגקייט פון די מיסיאנערען. דער עיקר איז די איינצעל־פראפאגאנדע אין לאנדאן פון דער מיסיאן. דערצו זענען פאראן ספעציעל צוויי אנגעשטעלטע מיסיאנערען. א דריטער איז דער שבת׳דיגער פרעדיגער. אלע דריי זענען יונגע לייט, כמעט אין איינע יאהרען (ארום און עפעם אריבער דרייסיג). איינער פון זיי — א מענש מיט א הייסען טעמפעראמענט און א תמימות׳דיגער נשמה—לאזט זיך זעהר גערן אין וכוחים מיט די איינגעהער, צעקאכט זיך בשעת׳ן שטרייט מיט׳ן געגנער, ווערט אונגעדולדיג, שרייט, איז אבער אנשטענדיג. דער צווייטער איז סאלידער, רוהיגער, רעדט שטילער און מיחט זיך איינצוהאלטען דעם חבר, ווען יענער שיינט איהם צופיעל פולווער צו פערלירען. דער שבת׳דיגער זאגער, קומט אריין זעלטען אנדערוואכען אין לאדען און נעהמט א קנאפען איינטייל אין די איינצעל־וכוחים, דערפאר העלפט ער ארוים די קאלעמען. שבת, ווען עס קלייבט זיך אן א גרעסערער עולם און די צוויי געוועהנליכע אגיטאטארען זענען ווייניג.

די קונדען פון דער מיסיאן זענען א פארשיידענער, כאטש ניט זעהר פיעל פארביגער עולם. אט געהט אריין א געלער יוד, א הענדלער, מיט צוויי קאשיקעס עפעל און אפעלסינען. ער געהט אריין אהער שוין ניט דעם ערשטען מאל. דער מעהר רעדעוודיגער מיסיאנער (אין לאדען זענען זעלטען ביידע מיסיאנערן מיט אמאל: זיי בייטען זיך). מאטערט זיך איהם צו איבערצייגען, אז די ביבעל דארף מען פערשטעהן פראסט, לוים

דעם פשט'ען טייטש פון די ווערטער. דער געלער העגדלער, פערקעהרט, מיהט זיך איהם צו בעווייזען, אז מ'קען ניט אלע מאל טייטשען פראסט. אין א סך ערטער דארף מען קענען אנטאפען וואס ס'ליגט בעהאלטען אונטער דעם „פראסטען טייטש" וואס האט אין פלוג קיין שום זין ניט. דערויף איז דא „רמז" א טייטש „אויפ'ן וואונק". סטייטש, זאגט ער, ווי קען מען דאס אויסקומען מיט הוילען „טייטש", און זיפצט זיך אב, ווי איינער, וואס האט פערלארען אומזיסט צייט און טראגט זיך אב שטיל מיטביידע קאשיקעס אויף ביידע הענד, קלערענדיג בשעת מעשה, געוויס ניט דעם ערשטען מאל: וואס [illegible]ז מען ניט אויסהערן צוליב פרנסה?

און אט געהט אריין נאך איהם א יונגער מאן אין א „קורטקע", ס'זעהט זיך אן אן ארבייטער. דער איז געקומען פרעגען אן עצה. ער איז, זאגט ער, א וועבער פון ביאליסטאק. געבליבען אהן ארבייט, פאהרט אין ריגא צו א שוועסטער, וואס האט איהם געשריבען, ער זאל קומען. דער צונג פלאנטערט זיך: וויים אייגענטליך ניט, וואס ער וויל: צי אן עצה, צי גלאט מ'זאל איהם ארויסהעלפען. די מיסיאנערן זענען אפנים געוועהנט צו אזעלכע בעזוכער און ערקלערען, אז דרויף זענען דא ספעציעל פילאנטראפישע אנשטאלטען, און אז צו זיי קומט מען ניט מיט ערדישע אינטערעסען.

אט לויפט אריין א יונגעל פון א יאהר 14—15 אין די מיסיאנערען־קלייזעל. ער פערלאנגט א „ברית־עם". דער מיסיאנער דערלאנגט עם איהם, אהן חשק. „א „נתיבות" עולם" גיט מיר!" פאדערט ער.—דאס גיבען מיר נישט אומזיסט,—מעלדעט מען איהם. דער אינגעל שטעהט צו עזות'דיג: פאר וואס ניט אומזיסט? דער מיסיאנער איז אפנים אויך צו אזוינע קונדען געוואוינט. ער ערקלערט איהם, אז ערשטענס, קאסט עס געלד; און צווייטענס, נוצט דאך איהם דאס בוך ניט, ווייל ער פערשטעהט עס ניט. דער יונגעל זאגט, אז אן עלטערער ארבייטער, א חבר, האט איהם געשיקט. ער ווערט אין כעס, גיט א ווארף דעם „ברית־עם" צו דער ערד און געהט אוועק. דער מיסיאנער

איז שטארק בעליידיגט, ווערט רויט, איז אבער אפנים אויך צו אזא בעציהונג פון דעם „עם קשה עורף", דעם הארטנעקיגען פאלק, געוואוינט, און זיין פנים בעקומט ווידער זיין רוהיגע פריינדליך־שמייכעלדיגע מינע.

שבת בייט זיך אביסעל די דעקאראציע. דער שבת'דיגער עולם בעשטעהט פון שטענדיגע איינגעהער, מעהרסטענטיילס אזעלכע, וואס קומען האלטען ויכוחים. אט לאזט זיך אריין א גאנצע קאמפאניע: דריי בחורים מיט צוויי מיידלעך. מ'גריסט זיך מיט די מיסיאנערען פאר די הענד. די מיידעל דערצעהלט, אז זי געהט ערשט פון אן ארבייטער־פערזאמלונג. מ'האט דיס־קוטירט וועגען „חדר", „פאלקס־שוהל" און „אידיש" — די טעמא וואס איז, אזוי צו זאגען, די ברענענדע טעמע פון טאג. זי פרעגט די מיינונג פון'ם מיסיאנער וועגען יודיש און פאלקס־שוהל. דער מיסיאנער ענטפערט, נאטירליך, אז זשארגאן, אזוי ווי העברעאיש מוזען אונטערגעהען. יודען מוזען אננעהמען די שפראך פון לאנד, וואו זיי לעבען. אן דער זייט ביין טישעל פיהרט זיך שוין א הייסער ויכוח צווישען איינעם פון דער קאמ־פאניע מיט'ן „קאטאליק" וועגען „דריי־איינינקייט", עס געהט אריין א יונג ווייבעל, אויך א בעקאנטע, און פרעגט ביי די מיסיאנערען אן עצה: וואס זאל זי געבען איהרס א קינד לע־זען־עפעס דערצעהלונגען פון א רעליגיעזען אינהאלט. אזוינע ערצעהלונגען זענען ביי די מיסיאנערען ניטא און ער רעקא־מענדירט איהר פשוט דעם תנ"ך.

דער היציגער מיסיאנער נעהמט זיך צו די בחורים. עס צו־פלאקערט זיך א דיספוט וועגען יעזוס אלס גאט'ס זוהן, די „פרושים", געווים צום צוואנציגסטען מאל. די בחורים ריידען האלב איראניש, האלב ערנסט. דער ויכוח שיינט צו זיין ביי די בחורים א מין ספארט. דאס זענען אפנים ציוניסטען, אדער העבראאיסטען. זיי קומען אהער ניט בעקעהרט צו זיין און ניט צו בעקעהרען, נאר גלאט עפעס פון שפאס וועגען, צו פערברייג־גען די צייט. פונדעסטוועגען ענטוויקעלט זיך א מין נאהענטע בעקאנטשאפט צווישען זיי און די מיסיאנערען. זיי דערעסען די מיסיאנערען שוין יאהרען לאנג. פון דעסטוועגען נעהמט מען

זיי דא צו, ווי גוטע געסט. דער סאָלידער מיסיאָנער האָט זיך סיר, נאָך זייער אוועקגעהן, אויף זיי בעקלאָגט: זיי האַלטען זיך ניט אין אנשטענדיגע גרענעצען ווי קולטורעלע מענשען. בשעת זיי שטרייטען, פונדעסטוועגען פערלירט ער ניט די האָפנונג אויף זיי אין גאנצען. ער איז זיכער, אַז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז וועט און מוז ווירקען אויף זיי „קריסטוס' וואָרט". ער גלויבט אויך, אַז סוף כל סוף וועט זיך דאָס גאנצע יודישע פאָלק אומקעהרען צו דעם, וועמען זיי האָבען פערוואָרפען.

שבת 4 אזייגער ביי טאָג קומט פאָר די דרשה פון'ם פרע־דיגער. אבער שוין ניט דאָרט, אין „קרעמעל", נאָר אין א פריי־וואטער קוואָרטיר פון א דאָקטאָר־האָמעפּאַט, א דייטש, פּראַה־ווין. איך האָב די דרשות אויך בעזוכט א פאָר מאָל. די דרשה האָט שטענדיג איין נוסח. עס ווערען געטייטשט פסוקים פון דער ביבעל און אויפגעוויזען „בעשיינפערליך", אז זיי בעציהען זיך אלע אויף יעזוס קריסטוס. דאָס אוידיטאָריום בעשטעהט געוועהנליך פון א מנין, אנדערהאלבען מנינים יודען, עלטערע און יונגערע, מעהרסטענס פון'ם אָרימען פשוט'ען המון. עס קומען אויך אמאָל א פאָר יונגעלייט. א טייל הערען מיט כונה, מיט אָראָבגעלאָזענע קעפּ. אייטער הערט צו וואָרט אין וואָרט, האַלטענדיג דערביי א „ברית החדשה". ער איז אין איהם אפּנים שטאַרק בעהאַוועגט. ווארום בשעת דער פרעדיגער ברענגט א פסוק פון „מתתיהו", פון „לוקוס" אדער פון „מארקוס" מישט ער איהם מאָמענטאָל אויף און ווייזט איהם די איבעריגע צוהע־רער. איינער דרעמעלט זיך גאנץ געמיטליך אין א ווינקעל. ס'איז קענטיג, אז ער איז געקומען אהער מעהר צוליעב דעם וואַרימען אויוועז ווי צוליעב דער דרשה.

נאָך דער דרשה פרעגט געוועהנליך דער פרעדיגער: פיי־לייכט האָט ווער עפּעס צו פרעגען? נאָר קיין דעבאַטע ווערט דאָ ניט דערלאָזען.

איינער א יונגער מאַן מעלדעט, אַז ער האָט עפּעס צו פרע־גען. נאָר מ'האָקט איהם גלייך אָב: „פון פראַגען איז נאָך קיי־נער געהאָלפען געוואָרען." „געהאָלפען ווערען קען מען דורך גלויבען".

שפארט זיך אימעצער איין, לאזט מען אין פרעמיע ארייצ־ ריספעקטירט ווערט נאר דארטען."

א חוץ די דאזיגע האלבייל־רעדעס האלט דער זעלבער פרעדיגער איינצעלנע־דרשות דעם גאנצען שבת'דיגען פריה־ מארגען פאר די יודישע פאציענטען פונ'ם דאקטאר. ארימע פאציענטען זענען תמיד דא גענוג. ווייל דער דאקטאר נעהמט צו אומזיסט. ע ר היילט דעם קערפער און דער פרעדיגער „היילט" דעם גייסט. די פאציענטען לאזען זיך „היילען די נשמה", כדי בעסער צו בעקומען א היילונג פאר'ן קערפער. זיי פערשטעהען שוין, אז דאס איז איינס מיט דעם אנדערען פער־ בונדען.

— איהר בעזוכט שוין לאנג די דרשות דא? פרעג איך, ארויס־ געהענדיג, אן עלטערען יודען פון א יאהר 50, דער זעלבער, וואס האט געהאלטען דעם „ברית החדשה".

— שוין ניין יאהר.

— נו, און די דרשות שטעלען אייך צופריעדען?

— איהר זעהט דאך. ס'איז טאקע אמת, אז די תלמודיסטען האבען אונז דעם קאפ פערדרעהט.

— זייט איהר געטויפט?

— ניין, איך בין א יוד און לעב צווישען יודען.

— ווייסען אייערע יודישע בעקאנטע און שכנים וועגען אייערע קריסטליכע איבערצייגונגען? און שטערט אייך ניט די קריסטליכע רעליגיאן אין אייערע בעציהונגען מיט יודען, ד. ה. האט איהר ניט צוליעב דעם קיין אונאנגענעהמליכקייטען?

— ניין. פאר וואס זאלען זיי האבען צו מיר, אז איך פערנעהם קיינעמס ניט, און זינט איך בין געקומען צו די נייע געדאנקען, לעב איך בעסער מיט מענשען. אחוץ דעם, האבען מיר אונזער קליינעם קרייז יודישע קריסטען, וואס לעבען צוזאמ־ מען בעפריינדעט.

איך האב זיך געווענדעט צו א צווייטען, א בחור:

— וויפיעל צייט בעזוכט איהר די מיסיאן?

— דריי יאהר.

— האט איהר עפעס א אינטערעס?

— גאר נישט. דאס איז אלץ א שווינדעל. צוליעב פרנסה טוען זיי דאס.

— וואס־זשע געהט איהר?

— אט גלאט אזוי. ס'איז ניטא שבת וואוהין ארייינצוגעהן.

מיר האט זיך געדאכט, אז די מיסיאנערען אין א ווילנא דארפען זיך פיהלען איינזאם, לעבעדיג איינגעשלאסען, אדער ריכטיגער אויסגעשלאסען פון דער יודישער געזעלשאפט און ניט זייענדיג געווים אין שטאנד צו צופאסען זיך צו דער רוסישער און פוילישער געזעלשאפט, פון וועלכע עם טיילט זיי אב זייער ריין יעוואנגעלישער (פראטעסטאנטישער) גלויבען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז איך האב געהאט א טעות.

— מיר לעבען דא גאנץ געזעלשאפטליך, האט מיר ער־קלערט דער סאלידער מיסיאנער. ערשטענס, איז דא א קרייזעל פון יודישע קריסטען, וואוהין מיר געהען אפט אריין. צווייטענס, זענען אי פון רוסען אי פון פאליאקען און דייטשען דא א גאנץ היבשע געזעלשאפט אונזערע יעוואנגעליסטען, וואס קלייבען זיך צוזאמען אלע זונטאג אויף א רעליגיעזען שמועס. אפט קומען צו אונז געסט פון אנדערע שטעדט און לענדער. אט ווי היינט צ. ב. האט איהר געזעהן ביי אונז דעם ענגלענדער און דער רוס, וועלכע האבען גערעדט פאר דער פערזאמלונג.

דער מיסיאנער האט מיר אויך ערקלערט, אז די לעצטע יאהרען פיהלען זיי זיך בכלל א סך בעסער. יודען טייטלען ניט אויף זיי מיט די פינגער ווי אמאל; זענען געווארען מעהר טא־לעראנט. אגב, האט מען זיך אנגעהויבען אין דער יודישער ליטעראטור צו אינטערעסירען מעהר מיט'ן קריסטענטום, ארויסצואווייזען צו איהם מעהר רעספעקט. דערין זעהען זיי קענטיגע סמנים, אז דאס יודישע פאלק איז נאהענט צו זיין „אמת'ער ערלייזונג."

די נאאיווע מענשען פערשטעהען ניט, אז פון האבען מעהר רעספעקט צו זייער רעליגיאנס־גרינדער אלס א מענש, און צווישען דעם רעליגיעזען קריסטליכען גלויבען אויף זייער, דעם מיסיאנערישען שטויגער, איז אזוי ווייט ווי פון הימעל צו דר'ערד.

ניט דאָס האָט ער געמיינט...*)

ווען איהר געהט אריין אין ראָם'ס דרוקעריי, אין ווילנא, פיהלט איהר עפּעס ניט ווי אין א געוועהנליכע דרוקעריי. דאָרט שוועבט עפּעס א גראָהער, א היסטאָרישער יודישער גייסט.

ראָם'ס דרוקעריי איז די ערשטע, די עלטסטע אין רוסלאנד. זי איז געגרינדעט געוואָרען מיט הונדערט און צוואנציג יאָהר צוריק, ווען א דרוק איז געווען א מאָנאָפּאָל, פאר וועלכע מען האָט געדארפט צאָהלען דער קרוין פינף טויזענד רובל — לויט יענער צייט — אנ'אונגעהויער גרויסע סומע. אין א קורצע צייט ארום נאָך דער עפענונג פון ראָם'ס דרוקעריי האָט זיך געעפענט א דרוקעריי אין זשיטאָמיר. אָט די ביידע יודישע דרוקערייען זענען געווען די איינציגע ביז דעם פוילישען אויפשטאנד אין יאָהר 1863. דאן איז אראָב די מאָנאָפּאָל, און, כאָטש עס האָט נאָך אימער געקאָסט א סך שוועריגקייטען און געלד, האָט זיך דאָך בעוויזען א גאנצע רייהע דרוקערייען אין ליטא, זיד־רוס־לאנד און פוילען. אין פוילען זענען שוין פאר דעם געווען דרו־קערייען, נאָר פון דאָרט אין רוסלאנד האָט מען ניט געטאָרט אריינפיהרען קיין דרוק־זאכען, אזוי ווי פון אויסלאנד. נאָך דער אונטערדריקונג פונ'ם לעצטען פוילישען אויפשטאנד, אין 1863, איז אראָב אָט דער פערבאָט. פון דעמאָלט אָן האָבען די יודישע דרוקערייען אין פוילען בעקומען אין ליטא און זיד־רוס־

*) געשריבען אין יאָהר 1912.

שטי א גרויסען אבזאץ און פון יענער צייט אן ווערט ווארשא, צוזאמען מיט ווילנא, דער צענטער פון יודישע דרוקערייען.

די ערשטע צייט האבען די יודישע דרוקערייען געדינט בלויז צום דרוקען פרומע ספרים. אז עס האט זיך אנגעהויבען די השכלה־בעוועגונג, האט מען די ערשטע השכלה־ספרים, ווי צום ביישפיעל: קראכמאל׳ס, ערטערס, וויזעלס און מענדעלסאן׳ס ווערק, געמוזט ברענגען פון אויסלאנד אונלעגאל, און מען האט זיי געדארפט בעהאלטען אין שטאלען און אויף בוידעמער, אזוי ווי פאר דער רוסישער רעוואלוציע די פערבאטענע סאציאליסטישע ליטעראטור. די ערשטע יודישע משכילים אין רוסלאנד: מרדכי אהרן גינזבורג, מאפו, יצחק בער לעווינזאן, אדם הכהן — האבען פאר זייערע ווערק ניט געקענט קריגען קיין יודישע דרוקעריי, וואס זאל וועלען דרוקען זייערע „אפיקורסישע" ביכלאך.

ראם׳ס דרוקעריי איז דאן געווען די ערשטע, וואס האט געוואגט צו דרוקען השכלה־ספרים. און ניט בלויז דרוקען, נאר אויך קויפען די „אפיקורסישע" חבורים, צאהלען פאר זיי געלד. שפעטער אבי‌סעל, ווען עס האט זיך אנגעהויבען ענטוויקלען דער „זשארגאן", זענען די ראם׳ס אויך געווען די ערשטע, וואס האבען ארויסגעגעבען זשארגאנישע ביכלאך און געצאהלט פאר זיי געלד. אייזיק מאיר דיק האט געדרוקט ביי זיי און געשריבען פאר זיי. שמ"ר, בלאשטיין, דינענזאן, ספעקטאר, אבראמאוויטש — דער גרעסטער טייל פון די יודישע שרייבער — זענען בעוואוסט געווארען דעם ברייטען פובליקום דורך ראם׳ס דרוקעריי. די ראם׳ס זענען געווען די אינטעליגענטסטע צווישען די דרוקער, און זענען אויך געווען די פעהיגסטע געשעפטס־לייט. זיי האבען מעהר פון אלעמען געוואוסט דעם גייסט פון דער צייט און האבען געשטרעבט צו פיהרען זייער געשעפט נאך דעם ראזינגען גייסט. דאך האבען זיי אימער געזוכט צו האבען די בעסטע ארטיקלען. א ש"ס מיט הונדערט פירושים, אן „אלפס" מיט פופציג פירושים, פון די סאמע אלטע כתב יד׳ען, האט מען געקראגען נאר ביי זיי. ז י י האבען ארויסגעגעבען אי א תחינת אויף עברי טייטש, אי שמ"ר׳ן, אי אבראמאוויטשען.

דאַך, בשעת זיי האָבען שמר'ן געצאָהלט צעהן רובל אַ בויגען, האָט אברמאָוויטש ביי זיי בעקומען פאַר דער „קליאַטשע“ פערציג רובעל דעם בויגען. אָן שמר'ן האָבען זיי פערדינט בעסער, ווי אָן אַבראַמאָוויטשען. נאָר זיי האָבען פערשטאַנען קונסט און געשעצט הויך די רעפּוטאַציע פון אַ פערלעגער.

די לעצטע צייט האָבען די ראָם'ס כמעט אויפגעהערט צו זיין פארלעגער. זיי פלעגען דרוקען נאָר בעשטעלונגען: דרוקען אַלעס אָהן אנ'אויסנאהמע און האנדלען בלויז מיט די פאַרטיגע ארטיקלען פון די טויזענטער פלאַטען, וואָס ביי זיי האָט זיך אָנגעקליבען זינט די דרוקעריי עקזיסטירט.

איינציגע יאָהר פאַר דער מלחמה האָבען די ראָם'ס אינגאנצען אויפגעגעבען זייער דרוקעריי. צום גליק אָבער איז זי ניט בטל געוואָרען. אָט די אַלטע היסטאָרישע יודישע דרוקעריי איז איבערגעגאַנגען צום פערשטאָרבענעם באַראָן גינזבורג, וועלכער האָט זי געקויפט ניט צוליב געשעפט, נאָר צוליב איהר בעריהמטען, היסטאָרישען עבר.

די איבריגע דרוקער אין ווילנא זענען כמעט אַלע — ראָם'ס געוועזענע זעצער. ראָם'ס אַ זעצער איז שוין אליין פאַר זיך אַ יחסן. איבערהויפט איז דאָס געווען פריהערדיגע צייטען. נאָר ראָם'ס אַ זעצער איז טאַקע געווען אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. ראָם'ס אַ „בעל־מגיה“ (קאָרעקטאָר) איז געווען אַ למדן און אַ משכיל; ראָם'ס אַ פערוואלטער האָט געמוזט זיין אַ ליטעראַט. ביי ראָם'ן האָט בכלל ניט געדינט קיין פּראָסטער מענש.

ביי ראָם'ען זענען אָבגעווען מענשען צעהנדליגע יאָהרען. די מענשען, צוזאמען מיט דער דרוקעריי פלעגען איבערגעהן בירושה פון די אַלטע ראָם'ס צו די יונגע, פון די יונגע צו די יונגסטע.

דעריבער איז ראָם'ס אנ'ארבייטער אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך. דעריבער זענען די ראָם'ס אליין שטאָלץ געווען מיט זייער פירמע, און, כאָטש זיי זענען ניט קיין פאַנאַטיקער, און —געשיקטע געשעפטס־לייט, פלעגען זיי פיהרען זייער געשעפט אויפ'ן אַלטען שטייגער. אז די כוואַליע פון דער ארבייטער־בעוועגונג, ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, איז צוגעקומען

צו זייער דרוקעריי, זענען זיי, די ראָם'ס, זעהר ניט געווען צו־פרידען פון „היינטיגע „פּאַראַנדקעס", און פלעגען רופען די יונגע ארבייטער „פּוליאַקעס" און כוליגאַנעס.

אין אמת'ן האָבען די ראָם'ס געהאַט אויף וואָס צו זיין ברוגז. אמת, מענשען האָבען ביי זיי אַבגעדינט צעהנדליגע יאָהרען: צעהנדליגע יאָהרען ביי זיי „ברויט געגעסען". אָבער דערפאַר — וואָס פאַר אַ קאַטאָרזשנע האָראָוואַניע איז ביי זיי געווען! פערצעהן שטונדען ארבייט — דאָס איז געווען „על פּי דין". נאָר אויפ'ן „דין" האָט מען ניט געקוקט. דאָס רוב האָט מען געאַרבייט „על פּי יושר". און דער „יושר" איז געווען, אַז אַנ'אַרבייט האָט מען ניט געקענט לאָזען ניט געענדיגט. איז געקומען, צום ביישפּיעל, צעהן אַזייגער אָוונד און מען האָט געדאַרפט געהן אַהיים, האָט זיך גראָד אונטערגערוקט אַנ'אַרבייט צו ענדיגען און מען האָט אָוועקגעאַרבייט ביז דרייצעהן אַזייגער אין דער נאַכט. דאָנערשטאָג ביי נאַכט, אַזוי ווי אין קלויז אויפ'ן „משמר", איז שוין געווען דער מנהג ניט צו שלאָפען און אַרבייטען די גאַנצע נאַכט. קורץ: גאָר ניט זעלטען, לויט דעם אויסדרוק פון דעם פערוואַלטער, האָט מען געאַרבייט דריי־סיג שעה אין מעת לעת...

דערפאַר זענען ראָם'ס ארבייטער געווען „מענשען"! זיי זענען דורכגעגאַנגען, ווי מ'זאָגט „דורך פייער און וואַסער און קופּערנע טרויבען". איבערהויפּט איז געווען אַ שטרענגער באַ־לעבאָס דער אַלטער פערשטאַרבענער ראָם, ראובן יוסף, דער אַלמנה'ס מאַן. מיט איהם איז ניט אַנגעגאַנגען קיין קאַטאָוועס. פאַר זיין קוק האָט מען געציטערט, ווי פאַר פייער.

ראָם'ס דרוקעריי, אַזוי ווי ניקאָלאַי דעם ערשטענס דיענסט, איז געווען אַ שולע פון אייזערנער דיסציפּלין. זייערער אַ מענש איז געווען פערהאַרטעוועט, ווי שטאָל און קיזעל־שטיין. דעם „מלאך המות" אַליין איז, דאַכט זיך, געווען גיט לייכט איהם בייצוקומען.

ווי בעוואוסט, איז די זעצער־אַרבייט איינע פון די שווער־ליבסטע און גיפטיגסטע. ביי ראָם'ען איז אַבגעשטאַנען אַ זע־צער ביי דעם קאַסטען פופציג, זעכציג און זיבעציג יאָהר. בשעת

אַט די שורות ווערן געשריבן, איז נאָך דאָ אין דער דרוקעריי אַ זעצער, הירש גלאַז, וואָס האָט אַבגעארבייט אויף די ראָם׳ס ניט ווייניגער פון פופציג יאָהר. מיט אייניגע יאָהר צוריק איז גע־שטאָרבען ביי זיי אַ זעצער, ישראל הערש יאָבעלסאָן, וואָס האָט אבגעארבייט אין ראָם׳ס דרוקעריי נאָהענט פון זיעבעציג יאָהר. „בשעת איך בין געבאָרען געוואָרען — דערצעהלט מיר דער על־טערער פון די ברידער ראָם, אַ גראָהער יוד פון עטליכע און זעכציג יאָהר, — איז שוין דעמאָלט ישראל הערש געווען ביי אונז.״

אַט דער ישראל הערש איז געווען, ווי מען דערצעהלט, זעהר אַ טיפּישער יוד. „געגאַנגען איז ער — דערצעהלען מיר די איב־ריגע זעצער — זינט מיר געדענקען, אין דערזעלבער „בלעכע־נער״ קאַפּאָטע, אַ מין „טשאַרטאָווע קאַזשע״, וואָס האָט זיך ניט געקנייטשט, נאָר געבויגען און געבראָכען, ווי בלעך. אין די זיבעציג יאָהר פון זיין דינט, האָט ער כמעט ניט פערפעהלט איין טאָג. געגאַנגען און גערעדט האָט ער געלאַסען: האָט ליעב געהאָט אריינצושטעלען אַ פּסוק, אַ ווערטעל פון דער „גמרא״. האָט איהם אויסגעפעהלט שטאָף, ווארום קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען, פלעגט ער געוועהנליך אנטלייהען אַ גמרא־ווארט, ציא פּסוק ביי אנ׳אנדערן, אבי עס זאל אויסקומען גוט. זיין העכסטער געהאַלט, אויף וועלכען ער האָט זיך ארויפגעאר־בייט אין אַ צייט פון זעכציג יאָהר דיענסט, איז געווען זיעבען רובל אַ וואָך. דאָס איז געווען די גרעסטע שכירות, וואָס אַ זע־צער האָט געקענט בעקומען. אנגעהויבען האָט מען פון צוויי קאר־בען און ביי זיעבען איז מען געבליבען, מען האָט געמאָגט אַב־ארבייטען מתושלח׳ס יאָהרען.

פונדעסטוועגען האָט ישראל הערש׳ן געלעבט זיך ניט שלעכט. ווארום די עלטערע זעצער האָבען געהאַט אַ הכנסה נאָך אַ פּאָר רובל די וואָך פון לערנייונגלעך. ער האָט געהאַלטען אליין אַ דירה, און, נאַטירליך, געהאַט שכנים ביי זיך אין דירה. ער האָט חתונה געהאַט, געהאַט קינדער. אז די ערשטע ווייב איז געשטאָרבען — און ישראל הערש איז שוין דאַן געווען אַ יוד פון זיעבעציג יאָהר — האָט ער חתונה געהאַט אַ צווייטען מאָל

און דוקא מיט א מיידעל. דערפאר האט איהם די צווייטע ווייב געשאנקען דריי מיידלאך. די מיידלאך האבען געמוזט דאווגען דריי מאל א טאג. אז ניט, האט ישראל הערש געשמיסען, אוועקגעלעגט א מויד פון פערצעהן יאהר אויפ'ן בענקעל און געשמיסען.

די לעצטע יאהרען אבער האבען די מיידלאך געקראגען „אמביציע". אמאל האט ישראל הערש, ווי זיין מנהג, אוועקגעלעגט די עלטערע מיידעל אויפ'ן בענקעל און גענומען צעהלען: „אחת ואחת"... נאך דער עלטערער מיידעל האט ערווארט דערזעלבער פסק דער מיטעלער — א מיידעל פון א יאהר צוועלף. זי האט אבער ניט געהאט קיין געדולד... איז ארויסגעלאפען אויפ'ן הויף און געמאכט א געוואלד: קאראול! גאראדאוואי!.. עס איז אנגעלאפען פאליציי, עס האבען זיך אויפגעלאפען שכנים...

דאן האט ישראל הערש פערשטאנען, אז עס זענען אנגעשטאנען נייע צייטען און — האט אויפגעהערט צו שמייסען זיינע מיידלאך.

אז עס האט זיך אנגעהויבען די רעוואלוציאנערע בעוועגונג, איז ישראל הערש גאר א צוטומעלטער געווארען. פון איין זייט איז איהם גאר ניט געפעלען געוועזן, וואס די יונגע „שקצים" האבען אויפגעהויבען דעם קאפ, בעקומען חוצפה און פערלארען דעם „דרך ארץ" פאר'ן באלעבאס. פון דער אנדערער זייט האט איהם ניט געקענט ניט הנאה טאן די מעשה, וואס נאך ארייהע סטרייקען, אין וועלכע מען האט איהם געדארפט ארונטערנעהמען מיט געוואלד, האט ער דאך אנגעהויבען צו ארבייטען אנשטאט אכטצעהן שעה — נײן שעה אין מעת לעת, און אנשטאט זיעבען רובל, האט ער בעקומען, גאר ניט בעטענדיג — צוועלף רובל א וואך. אזא געהאלט, וואס זינט זעצער זענען זעצער, איז דאס ניט געהערט געווארען. צו די „שקצים" האט ער פערזענליך, איינענטליך גאר נישט געהאט. „חברה" — ווידער — האטש ער איז געוועזן א פאנאטיקער, האט געהאלטען מיט'ן באלעבאס, האבען זיי דאך געהאט פאר איהם דרך ארץ, פאר זיינע זעקס און זעכציג יאהר ארבייט.

פון דער גאנצער ארבייטער־בעוועגונג, פון די שמועסען און דעבאטען, וואס ישראל הערש האט תמיד געהערט ארום זיך, האט ער אבער דאך פערשטאנען איינס: אז „ארבייט" איז א בכבוד'יגע זאך, און אז דער ארבייטער איז טאקע עפעס א שטיקעל יחסן. ישראל הערש האט אנגעהויבען ענדליך אליין צו האבען דרך ארץ פאר זיינע זעקס און זעכציג יאהר ארבייט. איינער, א ליץ, פון די יונגע ארבייטער, האט איהם איינגעשמועסט, אז איהם קומט „פאטאמסטווע,"*) אמאל וואלט דאס ישראל הערש ניט געגלויבט. איצט האט ער געגלויבט. ער האט געזעהן, אז אין דער דרוקעריי זענען געווארען נייע ארדנונגען. עס קומט אריין אפט דער אינספעקטאר. עס זענען ארויסגעהאנגען „תקנות" פאר די ארבייטער. דער אינספעקטאר רעדט מיט איהם מיט רעספעקט.

אמאל איז געקומען דערזעלבער בחור, דער ליץ, צו איהם פערסאפעט:

— רבי ישראל הערש! אויבען, ביי ראם'ען איז דער אינספעקטאר. ער טיילט די אלטע ארבייטער „פאטאמסטווע". שוויגט ניט! געהט ארויף! מאהנט! ווען קומט דען מעהר ווי אייך? אז איהר'ט איצט ניט פאדערן, וועט זיין פערפאלען..."

ישראל הערש האט אנגעטאן די בלעכענע אויבער־קאפאטע, די היטעל, האט זיך ארומגעשטויבט, א שמעק געטאן טאבאק פון דער פושקע, אריינגעלעגט די רויטע פאטשיילקע אין קעשענע, אויסגעשנייצט דעם נאז און אבגעווישט מיט דער רויטער פאטשיילקע, און, ניט רעדענדיג א ווארט, איז ער ארויף אויבען אין קאנטאר.

— וואס פערלאנגט איהר, רבי ישראל הערש? — האט זיך צו איהם געווענדעט מאקסים, דער יונגערער פון די ברידער ראם. בשעת ישראל הערש איז אנגעקומען אין דרוק, האט

---

*) פערקירצט פון „פאטאמסטוועני פאטשאטני גראזשדאנין", דאס הייסט דער טיטעל „עהרענבירגער" פאר זיך, קינדער און קינדס־קינדער. אט דער טיטעל גיט פערשידענע רעכט און פריווילעגיעס און פלעגט אויך בעפרייען קינדער פון מיליטער־דיענסט.

מען איהם גערופען „ישראל הערשקע“. אין צעהן־פופצעהן יאָהר ארום, אז ער האָט שוין גענומען ד ר י י קארבען א וואָך, האָט מען איהם גערופען „ישראל הערשיל“. אין דרייסיג יאָהר ארום, ווען ער האָט שוין בעקומען שכירות פ י נ ף קארבען א וואָך, האָט מען איהם גערופען האלב מיט דרך ארץ „ישראל הערש“. אין זעכציג יאָהר ארום האָבען איהם די אייניקלאך פון זיינע ערשטע באלעבאטים שוין גערופען אינגאנצען מיט דרך ארץ „רבי“ ישראל הערש.

נאָר דער אלטער זעצער האָט זיך הפנים יעצט מיט'ן „רבי“ ניט בענוגענט.

— וואָס וויל איך? — האָט ער א בענטש געטאָן, ניט ווי־סענדיג אליין וואָס ער רעדט, — איך וויל „פּאַטאַמסטווע“, וויל איך!...

ראָס, אלע, אין קאנטאָר, האָבען איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינען, ניט פערשטעהענדיג, אייגענטליך, וואָס דאָ פּאַסירט. זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געזעהען זייער אלטען, זייער עלטעסטען זעצער אין אזאַ פּאָזע. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען און אין ז י י ע ר לעבען איז ער אזוי געשטאַנען פאר זיי: פעסט, שטאָלץ, די אויגען קוקען גלייך אין זייערע אויגען מיט א בייזען, פערקלעמטען ערנסט און פייערליכקייט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער ניט געבעטען, נאָר גע־מאָהנט...

— וואָס פערלאַנגט איהר, רבי ישראל הערש, — האָט איהם דער יונגערער ראָס איבערגעפרעגט, נאָך אלץ איבער־ראשט און ניט בעגרייפענדיג וואָס מיט דעם אלטען האָט פּאַסירט, — וואָסער „פּאַטאַמסטווע“? איך פערשטעה ניט...

דער אלטער האָט געמוזט אראָב פון זינען, איז גלייך ביי אלעמען אין קאנטאָר דורכגעלאָפען דורכ'ן מוח.

נאָר ישראל הערש האָט ווידער אויסגעשאָסען מיט דער זעלבער פייערליך־בייזער מינע:

— מיר קומט פּאַטאַמסטווע! זעקס און זעכציג יאָהר ביי אייך געהאָרעוועט!... קומט מיר פּאַטאַמסטווע...

מ'האָט איהם גאָר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אַלע

זענען געווען זיכער, אז מיט דעם אלטען האט געטראפען אנ־אונגליק, און מ'האט גענומען זוכען מיטלען, ווי אזוי ארויסצומא־כען זיך פון איהם. נאר דער אינספעקטאר, א דייטש, האט זיך ענדליך אנגעשטויסען, וואס דא איז. ער האט איהם א קלאפ געטאן איבער'ן פלייצע און געזאגט פריינדליך:

— געהען זי נאך הויז, ליעבער אלטער, זי ווערדען שאן בעקאמען „פאטאמסטווע".

אז דער אלטער ישראל הערש איז ארונטער אין דרוק, האבען איהם די יונגע זעצער ארומגערינגעלט כלומר'שט מיט נייגיריגקייט און אונגעדולד:

— נו, וואס הערט זיך, רבי ישראל הערש?

— ער האט צוגעזאגט... צוגעזאגט, — האט ער געענט־פערט מיט נצחון, א שמעק געטאן פייערליך־רוהיג פון דער טאבאקערקע און גענומען זיך אנטאן דעם אויבער־בגד.

— וואוהין? רבי ישראל הערש? — האבען איהם די זע־צער געפרעגט.

—א היים. ער האט צוגעזאגט, אז מ'וועט מיר ארייני־שיקען. מלוכה וועט האלטען ווארט... מען מוז מיר ארייננשיקען..

און ישראל הערש איז אוועק אהיים. די זעצער האבען זיך געקאטשעט פון געלעכטער. אנדערע האבען שוין באלד חרטה געהאט אויף די לצנות.

נאר ישראל הערש האט צוגענומען די זאך זעהר ערנסט. געהענדיג אהיים איז ער אלץ געווארען פעסטער איבערצייגט, אז איהם קומט... זעקס און זעכציג יאהר ארבייט... ער האט געשיינט ערשט יעצט צו בענעהמען, וואס ער האט אבגעטאן פאר די זעקס און זעכציג יאהר ביי דער קאסע... וויפיעל בלע־טער, וויפיעל ספרים, וויפיעל שורות... וויפיעל תורה און אמונה און השכלה האט ער פערשפרייט...

ישראל הערש האט פערשטאנען, אז זיינע „תביעות" זע־נען שטארקע. איהם קומט... אבער, מערקווירדיג! פונ'ם באלע־באס האט ער גאר נישט געמאנט, מיט'ן באלעבאס האט ער גאר נישט צו טון. זיין ארבייט איז א מלוכה־זאך... ער פער־שפרייט תורה, אמונה און השכלה... איהם קומט פון דער

שלופה, פון דער קרוין, און קומען קומט איהם טאקע ניט אנ־דערש ווי „פאטאמסטווע...“

אז ישראל הערש איז אוועק, האט דער אינספעקטאר גע־זאגט ערנסט צו ראם'ן:

דער אלטער האט געארבייט גענוג. ער מעג יעצט אברו־הען און בעקומען זיין פענסיע, איך האף — דאס וועט געשעהן.

אויף מארגען האט מען דעם אלטען געבראכט געהאלט, און איבערגעגעבען אין דעם נאמען פון ראם'ען און דעם אינס־פעקטאר, אז ער מעג זיצען אין דער היים, מ'וועט איהם אריינ־שיקען זיינע וועכענטליכע שבירות.

דער אלטער האט אויסגעשטעלט א פאר אויגען.

— איך וועל — זאגט ער — עסען „נמיא דכסופא“, „הולטייסקען“ ברויט? ! איך קען נאך, דאנקען גאט, ארביי־טען... איך דארף ניט קיין נדבות!...

און איז א ברוגז'ער אוועק אין דרוק.

ער איז געגאנגען אין דרוק ווי פריהער. געגאנגען נאך עטליכע יאהר, ביז ער האט אנגעהויבען צו שפירען, אז די פיס זאגען זיך אב לחלוטין.

דאן האט ער זיך אוועקגעלעגט אין בעט און אין עטליכע טעג ארום איז ער געשטארבען.

געשטארבען איז ישראל הערש ערב דער ערשטער רוסי־שער רעוואלוציע, ערב דעם מאמענט, ווען עס האט געהאלטען אזוי נאהענט, אז ער און זיינע קינדער זאלען ווירקליך בעקומען „פאטאמסטווע“...

ווען דאס זיינע אייניקלאך דערווארטען?...

מינסקער אנטיקעס.

זעכציג יאָהר געדיענט.

אין איינעם פון מיינע בעזוכען אין מינסק, האָב איך איהם בעגעגענט אין גאַס, און בין געווען איבערראשט. איך האָב געלייענט ערגיץ אין א צייטונג, אז ער איז געשטאָרבען, און יעצט האָט ער זיך בעוויזען א לעבעדיגער פאר מיינע אויגען. ס'פערשטעהט זיך, אז איך האָב זיך באלד אנגעשטויסען, אז עמיצער א ווייסער חברה־ניק, האָט זיך געאיילט צו מאכען איהם א הספד, מיט דעם איינציגען צוועק צו זעהן זיין נאָמען געדרוקט.

איך בין געווען צופרידען צו זעהן איהם א לעבעדיגען, מיין ערשטען לעהרער פון רוסיש. און וועמעס לעהרער אין מינסק איז ער ניט געווען? וואו איז געווען אין מינסק אנ'אָרי־מער, צי א באלעבאַטישער יונגעל, וואָס איז ניט געגאַנגען צו לעדער'ן אין קלאַס?

זעכציג יאָהר האָט ער אָבגעדיענט „דער השכלה", געדינט טריי מינסקער אָרימע לייט און באלעבטים — צוויי מאָל „ניי־קאָלאַיעווסקע סלוזשבע" און נאָך מיט צעהן יאָהר מעהר. זיין דינסט האָט ער אָנגעהויבען צו אכצעהן יאָהר, א בן שמונה עשרה, און האָט זי געענדיגט א זקן פון אכט און זיבעציג.

ווער האָט אין מינסק ניט געקענט לעדער'ן? אויף וועמען האָט ניט געמאַכט א שטארקען איינדרוק זיין שווארצער, דאַכט זיך, העסליכער, און דאָך שטרענג טיפּישער און זעהר סימפּאַ־

טישער פנים? ווער עס האט איהם איינמאל געזעהן, האט איהם ניט געקאנט פערגעסען.

זעכציג יאהר איז ער געווען א שול־לעהרער ביי יודען. זינט עס האט — אויסדריקענדיג זיך אויפ'ן מליצה־שטויגער— אנגעהויבען צו בלאזען א ווינטעל פון „השכלה", ביז עס האט אנגעהויבען צו רייסען דער שטורם פון דער רעוואלוציע. אין זיין שול זענען געזעסען די ערשטע פויגעלעך פון דער אויפ־וואכענדיגער השכלה, און אויף דיזעלביגע בענק, אפשר — וואַ־רום די בענק זענען געווען זעהר, זעהר אלטע, — זענען גע־זעסען זייערע אייניקלאך אין ארבייטער־בלוזעס, און געהערט אלע אווענד לעקציעס פון גריגארי אנדרייעוויטש גרשוני.

יאהרען זענען פערגאנגען און יאהרען זענען געקומען. נייע אידעען, נייע וועלט־אנשויאונגען זענען געבארען געווארען און אבגעלעבט, און אנדערע — אי מענשען, אי בעוועגונגען, האַ־בען פערנומען זייער פלאץ, באהערשט די וועלט און ווידער פערשוואונדען, אום צו לאזען זייער פלאץ נאך נייערע דורות און שטרעבונגען, — און ער, לעדער, צופאסענדיג זיך צו יעדען דור און זיינע פאדערונגען, שטעהט כסדר אויף זיין פאסטען און לעהרנט יודישע קינדער דאס, וואס געהט קיינמאל ניט ארויס פון דער מאדע. ער לערנט זיי שרייבען יודיש און רוסיש, גרייט זיי צו צום לעבענס־קאמפף און מאכט זיי דעם קאמפף גרינגער, אויף וויפיעל ער פערמאגט.

מעהר ווי לייענען און שרייבען, אויף וויפיעל דאס איז נויְ־טיג צום אלטעגליכען לעבען, האט לעדער ניט אויסגעלערנט זיי־נע קינדער. ער אליין איז געווען ניט פיעל געבילדעט: האט וויניג געלעזען: אמאל האט ער אפילו געפרובט שרייבען א קארעספאנדענץ אין א צייטונג — האט ער מיר דערצעהלט — נאר מ'האט זי ניט געדרוקט. ער האט מיר אמאל פער־טרויט, אז ער שרייבט א טאג־בוך, נאר איך בין זיכער, אז דער טאג־בוך איז שוין לאנג ביי איהם פערפאלען געווארען, און ער האט זיך לאנג אן איהם פערגעסען. בכלל איז לעדער ניט געווען פון די משכילים, וואס האבען אנ'אונרוהיגע נשמה, וואס זוכען עפעס. זיין שול איז געווען אי זיין פראפעסיע, אי זיין איינצי־

נער אידעאל. צעהנדליגער יאהרען לאנג איז ער געשטאנען פאר זיין לעהרער־טישעל און איינגע׳טענה׳ט מיט גאנצע דורות שילער דיזעלבע כללים פון גראמאטיק, דיזעלבע אויפגאבען פון אריפמאטיק, געלאסען, ווייך, פריינדליך. קיינמאל איז לעדער ניט געווען אויפגערעגט, האט קיינמאל ניט געשריען, ניט גע־בייזערט זיך אויף א תלמיד. זיין פנים האט קיינמאל ניט פער־לארען זיין נאטירליכע רוהיגקייט און גלייכגילטיג־פריינדליכען שמייכעל. און דעריבער האבען איהם די תלמידים שטענדיג ליעב געהאט.

נייע שולען, מיט נייע לעהרער, וואס האבען אריינגעבראכט נייע סיסטעמען אין לערנען, זענען אויפגעקומען אין מינסק, ווי אומעטום אין יודישען תחום און — אונטערגעגאנגען. לע־דער׳ס שולע האט קיין מורא ניט געהאט פאר קאנקורענץ: זי איז געשטאנען פעסט. לעדער האט שטענדיג געהאט זיינע באלעבאטים און קבצנים מיט זייערע קינדער, וואס זענען איהם איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור. א סך פון זיינע תלמידים זענען געווען האלב אדער גאנץ אומזיסטע, וואס פאר זיי האט שטאדטישע „מעשטשאנסקע אופראווע“ איהם גע־צאהלט עטליכע צעהנדליג רובל א יאהר. און די, וואס האבען אליין געצאהלט, האבען געצאהלט זעהר ווינציג און גאנץ אפט— ניט צו דער צייט, אדער גאר ניט געצאהלט. לעדער האט מיט זיי „מטיב“ געווען, ניט געדריקט שטארק און דעריבער האבען די, וואס זענען ניט געווען אין שטאנד צו צאהלען, בעסער אב־געגעבען זייערע קינדער צו לעדער׳ן, כאטש אלעמען איז געווען בעקאנט, אז זיין שול איז א ביסעל צו אלט־פרענקיש.

דאס רוב פון זיינע תלמידים, קינדער פון דער מאסע, האבען אפילו ניט געענדיגט די שול. קוים האבען זיי זיך אויסגע־לערנט אביסעל רעכענען, אביסעל לעזען, שרייבען יודיש און רוסיש, זענען זיי אוועק „זוכען א תכלית“: די אין א קראם, די צו א מלאכה, די אין דער האנדווערקשול. דאך זענען ניט ווייניג פון זיינע תלמידים, בעקומענדיג ביי איהם דעם ערשטען שטויס צו בילדונג, אוועק שטודירען אין מיטעלע און העכערע שולען,

און לעדער האָט צווישען זיינע געוועזענע תלמידים א סך דאָק־טוירים, יוריסטען, אינזשענערן, טעכניקער א. אז. וו.

מיט לעדער'ס שול איז ענג פערבונדען גרשוני'ס קולטור־רעלע טעטיגקייט אין מינסק. גרשוני איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיט פיעל מיה איינגעפיהרט אָווענד־קורסען פאַר דערוואקסענע יונגע לייט אין דעם יודישען תחום פון רוסלאנד. מ'האָט דאָס געמוזט מאכען אין לעדערס שול, ווייל ער איז גע־שטאנען ביי דער נאַטשאַלסטוואָ העכער, פון יעדען פּאָליטי־שען חשד. די קורסען זענען געווען כלומר'שט ספּעציעל פאַר ישיבה־לייט, אָבער דאָך האָבען זיך דאָרט געפונען ניט ווייניג בחורים אין שווארצע און רויטע העמדלאָך.

געשלאָסען געוואָרען איז לעדער'ס שול ערשט ביים סאָמע איינבראָך פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט שוין קיין כוח ניט געהאט צו פיהרען זי זעלבסשטענדיג. דאָך האָט ער געהאָט געלערנט עטליכע שעה אין טאָג. א בעל הוצאה איז לע־דער געווען תמיד א קליינער. מען האָט אויף איהם קיינמאָל ניט געזעהן קיין נייעם בגד. זינט איך קען איהם, דוכט מיר, איז ער געגאנגען אין דעמזעלבען פערשמאָלצעוועטען אלטען הוט און אַל־טען ראָק, האלב א היינטמאָדישער סורדוט, האלב אנ'אלטמאָדישע קאַפּאָטע. געלעבט און געפיהרט האָט ער זיך, ווי אנ'אָרימער באַ־לעבאָס, און אויף זיין פּנים איז שטענדיג געלעגען א צופרידע־נער שמייכעל פון „א שמח בחלקו"!

דעמאָלט, בשעת איך האָב איהם בעגעגנט אין גאס, זי־צענדיג אויף א בענקעלע נעבען א טויער, איז ער געווען שטארק אראָבגערוקט, זעהר געעלטערט און שוואך. ער האָט אויסגע־זעהן ווי א חורבה, וואָס האלט אָט אָט ביים איינפאלען. מיט זעקס, זיבען יאָהר צוריק פלעגט ער זיך מיט מיר גריסען, בע־געגענדיג זיך אין גאס. יעצט האָט ער מיך ניט דערקענט. ערשט, אז איך האָב איהם געזאָגט איינינע סימנים, האָט ער זיך דער־מאָנט, און האָט אויסגעוויזען זעהר צופרידען. עס האָט איהם דעם לעצטען יאָהר כמעט ניט געטראָפען, אז עמיצער פון זיינע געוועזענע תלמידים זאָל איהם אבשטעלען און פרעגען: ווי איהם געהט?

ביז פאר א יאהרען — האט ער נאך געארבייט — געגעבען אוראקען אין תלמוד־תורה. דעם לעצטען יאהר אבער האבען זיך אי די פיס, אי דער מוח גענומען אבזאגען צו פאלגען. פון שטוב קען ער, אין א גוטען וועטער, ארויסגעהן און געהן בלויז א שטיקעל גאס, עטליכע הייזער ארום שטוב. אי דאס מוז ער זיך אפט צוזעצען אויפ'ן בענקעלע.

— וואו זייט איהר? און פון וואנען לעבט איהר? — האב איך איהם געפרעגט.

— איך בין ביי א טאכטער, — האט ער מיר געענטפערט.

— אבער איך פערנעהם איהרע ניט; איך פערנעהם קיינעמס ניט. — דאנקען גאט — האט ער ווידער געזאגט, און זיין האלב אויסגעלאשענע אויגען האבען א בלישטשע געטאן, און אויף די ליפען האט זיך אויסגעגאסען א צופרידענער, כמעט גליקליכער שמייכעל. — דאנקען גאט: איך האב אבגעלעבט אכט און זיבעציג יאהר און ביי קיינעם ניט פערנומען, קיינעמס ניט אנגעריהרט, מיט קיינעם א ווארט אויף א ווארט ניט פער־ביטען. אלע זענען מיר גוטע פריינד, און איך אלעמען. מיין גאנצען לעבען האב איך כשר פערדינט מיין ברויט...

— נו, און ווער גיט אייך יעצט צום לעבען? — האב איך געפרעגט. — העלפען אייך די גוטע פריינד צו די עלטערע יאהרען?

— דער קיסר גיט מיר! — האט ער מיר געענטפערט מיט א שטאלץ. — איך דארף קיינעם'ס ניט. איך האב מיין פענ־סיע, צוועלף רובל א חודש, איז מיר גענוג. וויפיעל דארף איך?

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז זינט ער האט געהאלטען די שול — 40 צי 50 יאהר, האט מען ביי איהם אראבגענומען יעהרליך פון זיין געהאלט און דערפון געהט דאס צוועלף רובל א חודש, וואס „דער קיסר גיט איהם".

— נו, און די שטאדט? — האב איך געפרעגט, — איהר האט דאך געדינט זעכציג יאהר נאכאנאנד; איך גלויב, אז האלב מינסק זענען אייערע תלמידים, — העלפט אייך עפעס די שטאדט? שטיצען אייך די גבאים פון תלמוד־תורה, וואו איהר האט יאהרענלאנג געדינט?

— ניין, די שטאָדט גיט גאָרנישט, תּלמוד־תורה אויך ניט.

— אונדאַנקבאַרע מענשען! זעכציג יאָהר האָט דער אַלטער אינוואַליר אבגעדינט מינסקער באַלעבאַטים, און קיינעם אַרט ניט: פון וואַנען ער לעבט און ווי אַזוי ער דערלעבט זיינע לעצטע טעג.

איך האָב אויסגעדריקט מיין פערדרוס איבער דעם פאַר דעם אַלטען. אָבער ער האָט מיר בעמערקט מיט דער זעלבער גלייכגילטיג־צופרידענער מינע.

— ניין, ניין... איך האָב צו קיינעם גאָרנישט. אַ דאַנק גאָט אָבגעלעבט כשר מיין לעבען, ביי קיינעם ניט פערנומען, קיינעם ניט אַנגעטראָטען... איך בין צופרידען. נאָר... נאָר, עפּעס... אַמאָל וואָלט זיך וועלען עפּעס... אַ זויערס, צי געזאַלצענס, זאָל זיין עפּעס צום האַרצען... עסען ווילט זיך גאָר ניט... גאָר ניט... גאָר ניט...

די איינציגע זאַך, וואָס דער אַלטער האָט פערלאַנגט...

דער סוף פון אַ רעדאַקטאָר.

ער שטעהט מיר פאַר די אויגען אַ לעבעדיגער: אַ דינער, אַ נידעריגער אין וואוקס, אין אַ שוואַרצער פּעלערינע מיט געלע און גרינע פלעקען פון אַלטקייט, אין אַ קיילעכדיגען, שוואַרצען, ווייכען, נידעריגען קאַפּעליוש, נאָך עלטער און מיט מעהר שטויב און פלעקען, ווי דער אויבערשטער בגד זיינער. ביידע מלבושים ניט זעהר פיעל יונגער פון איהם אַליין. פלעגט אומגעהן ווי אַ שאָטען איבער די גאַסען, איינגעבויגען אַביסעל, מיט זיין שטעקעל, אָבער נאָך גאַנץ ריהרעוודיג.

שוין לאַנג, אַז וואַהלמאַן, דער בעריהמטער מינסקער העבּראַיסט, משכיל און רעדאַקטאָר, איז געווען „אַרויס פון דער מאָדע". ער פלעגט אומגעהן, ווי אַ לעבעדיגע מצבה. שטענדיג אונטער'ן האַנד מיט אַ וועלכען ס'איז חקירה־ספר גאָר פון די אַלטע. פון די נייע האָט ער ניט געהאַלטען. אפילו אין ביאַליק'ן האָט ער קיין טעם ניט געפיהלט, און האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס מאַכט מען דאָ פון איהם אַזאַ וועזען.

פונדעסטוועגען איז דער אַלטער וואַהלמאַן אַמאָל אַ קעמפּפער געווען. אַ רעוואָלוציאָנער פון דער השכלה. האָט אַ ראָלע געשפּיעלט אין דער יודישער ליטעראַטור. פאַר זיין נאָמען אַליין האָט מען דרך ארץ געהאַט. נאָך איצט דערצעהלט דער גרייזגראָהער משה פּאָליאַק, דער מינסקער מיליאָנער, וואַהלמאַנ'ס געוועזענער תלמיד, אַז ווען זיין טאַטע האָט געקראָגען פאַר איהם מאַהלמאַנען פאַר אַ לעהרער, איז דאָס געווען אַ גרויסע זכיה.

נים אלע גבירים האבען אזא זכיה געהאט: וואהלמאנען פאר א לעהרער צו האבען.

נאר וואהלמאן איז געווען איינער פון די משכילים, פיר־לייכט דער איינציגער, וואס איז געשטאנען זעהר נאהענט צום פאלק. ער האט מיט זיין השכלה און מליצה געשוועבט צווישען די באלעבאטישע און גבירישע קרייזען, און מיט זיין לעבען האט ער געשטעקט אין פאלק, געלעבט שטענדיג אין אן ארימער באלופקע, צווישען די ארימסטע מאסען. דעריבער האט ער גע־קענט אויסגעצייכענט זייער לעבען. האט, נים ווילענדיג, גע־שריבען אויך שירים אין יודיש און הומאריסטישע סצענען פונ׳ם פאלקס־לעבען. זיינע „וויבערשע קניפלאך“ זענען געווען דאס ליעבלינג־ביכעל פון אלע פשוט׳ע וויבלאך און מיידלאך.

וואהלמאן איז אויך געווען א רעדאקטאר. נאר אויף א „שעה“. ער האט ארויסגעגעבען א זשורנאל „הכוכבים“ (די שטערען). אין זשורנאל האבען אנטייל גענומען די בעסטע העברעאיש־ליטערארישע קרעפטען פון יענער צייט. און אבא־נענטען האט ער געהאט פון אלע עקען וועלט. נאר א פייער האט פערברענט די עקזעמפליארען פון דעם ערשטען העפט, צוזאמען מיט דעם אבאנאמענט־געלד, מיט דעם גאנצען פערמעגען וואהל־מאנס. פון דעמאלט אן האט ער שוין נים געקענט קומען צו זיך.

איך האב געזאגט, אז וואהלמאן איז שוין לאנג געווען „ארוים פון דער מאדע.“ דאך האט ער געגעבען „אוראקען“ כמעט ביז דעם לעצטען יאהר פון זיין לאנגען לעבען. ביי די קלויזניקעס, ביי ארימע באלעבאטים איז ער נאך אלץ געווען שטארק אנגענומען. דערצו איז ער געווען אן אמת׳ער קענער פון דער שפראך; האט אויך געקענט דייטש און געווען א גרויסער תלמודיסט. לעקציעס האט ער געהאט, נאטירליך, גראשענע. נאר, לעבענדיג זעהר ארים, ווי א מענש פון דער מאסע, האט ער נים געדארפט אנקומען צו פרעמדע.

אזוי איז דאס געגאנגען ביז צום ענדע פון זיין 79טען יאהר. אויפ׳ן 80־טען יאהר האט שוין דער אלטער מעהר קיין קרעפטען נים געהאט צו געבען אוראקען. פאר די לאנגע, לאנגע

יאָהרען פון זיין לעהרער־דינסט האָט ער געווים טויזענדער שי־לער איבער דער גאַנצער וועלט געהאַט. אַ סך פון זיי זענען געבילדעט און רייך. אין מינסק אַליין איז די צאָהל פון וואָהלמאַנס תּלמידים אין די הונדערטער. נאָר קיינער פון די אונדאַנקבאַרע האַרטע מענשען האָבען אַן זייער לעהרער ניט געדאַכט.

נאָר בשעת אַ פּאָר פון זיינע בעקאַנטע, זעהענדיג דעם עלענד און די גרויסע נויט פון דעם קראַנקען זקן, האָבען אַ ליאַרם געמאַכט אין שטאָדט, האָבען זיך מינסקער גבירים „דער־באַרמט" אַן דעם אַלטען וואָהלמאַן און האָבען בעשלאָסען איהם צו געבען צוויי רובל אַ חודש פונ׳ם „חונן דלים", דעם בעטלער־קאַמיטעט.

אין די גרויסע פרעסט האָט דער אַלטער, פערלאָזענער און שוואַכער וואָהלמאַן געדאַרפט געהן אַלע וואָך נאָך זיינע פופציג קאָפּיקעס, שטעהן אין דער לענג פון אַ גאַנצער שורה בעטלער און וואַרטען שטונדען־לאַנג ביז עס וועט אָנקומען זיין רייה. איינמאָל — דערצעהלט מיר אַ בעקאַנטער מינסקער יודישער בוכהענדלער — האָט מען וואָהלמאַנען אַ האַלב דערפראָרענעם און גע׳חלש׳טען אריינגעטראָגען צו איהם אין קראָם. מ׳האָט דעם אַלטען קוים אָבגעמינטערט און צו זיך געבראַכט.

דאַן האָט מען נאָך אַמאָל אַ ליאַרם געמאַכט. און מינס־קער בעלי־צדקות־אינטעליגענטען זענען נאָך מעהר „ווייכ־הערציג" געוואָרען, דאָס מאָל האָט מען שוין דעם קראַנקען צוויי און ניינציג יעהריגען העברעאישען שריפטשטעלער אין „באַגאַדיעל" אַ בעטעל געגעבען. דאַרויף האָט זיך דער מינס־קער עולם פּאָלקאָם בערוהיגט, און מ׳האָט איהם אפילו אויפ־געהערט צו געבען די צוויי רובל אַ חודש פון „חונן דלים". אַ יאָהר צייט האָט דער אַלטער געצאַנקט אין דער „באַגאַדיעל". און קיינער, קיינער פון זיינע הונדערטער תּלמידים, פון די גע־וועזענע מינסקער משכילים און איצטיגע אינטעליגענטען האָבען ניט אַריינגעקוקט אין באַגאַדיעל, ניט געקומען געוואָר ווערען דעם אַלטען וואָהלמאַן.

אַן אייניקעל — זאָגט מען — איז דאַ זיינער אין פּאַריז —

א בעריהמטער געלעהרטער (צוויי טעכטער וואהלמאנס זענען אָרים). האָט דער בעריהמטער געלעהרטער, אַ פּנים, אויך גע־רעכענט צו נידריג פאַר זיין געלעהרזאמקייט־ווירדע צו דערמאָהנען זיך אמאָל אַז דעם אַלטען זיידען.

נאָר די פּעטערבורגער יודישע געלעהרטע „מיסטאָריש־עט־נאָגראַפישע געזעלשאַפט" האָט זיך יאָ דערמאָנט, אַז פאַר דער יודישער געשיכטע און קולטור־געשיכטע איז וואָהלמאַן אַן אמת'ער אוצר, און זי האָט איהם פאָרגעשלאָגען, אַ קורצע צייט פאר זיין טויט, ער זאָל שרייבען פאר איהר זיינע „ערינע־רונגען".

דערביי האָט זי אבער פערגעסען, אַז אזא אַלטער מאַן דאַרף האָבען כח אין די פינגער, אום ער זאָל קענען שרייבען „זכרונות" און אום צו האָבען כח אין די פינגער, דאַרף אַפילו אַ דריי און צוואַנציג יעהריגער זקן האָבען וואָס צו עסען...

די פּעטערבורגער געלעהרטע יודען האָבען איהם אויף ברויט ניט געשיקט.

איז געקומען דער טויט, און האָט אויסגעלייזט דעם אַלטען וואָהלמאַן פון די פּעטערבורגער געלעהרטע יודענ'ס כבוד און פון די מינסקער בארמהערציגע חסדים...

ר׳ גרשון תנחום און ראטשילד.

ר׳ גרשון תנחום איז געווען איינער פון די מערקווירדיגס־טע מינסקער רבנים מיט פופציג יאהר צוריק. דאס איז געווען א בייזער יוד, אבער א גרויסער למדן און האט אנגעשריבען — דערצעהלט שמחה דער שוסטער, זיין געוועזענער לייב־שמש — דריי און דרייסיג חבורים. ער איז געווען זיין גאנצען לעבען א „חלוש“, און כמעט דער ערשטער פון די רוסישע רבנים, וואס פלעגט שוין דעמאלט, פאהרען אלע זומער קיין אויסלאנד.

דער עיקר אבער, וואס האט געוועקט גרויס „דרך ארץ“ צו רבי גרשון תנחום׳ען פון די מינסקער באלעבאטים און גבירים, איז געווען זיין נאהענטע בעקאנטשאפט מיט דעם פראנקפורט־טער ראטשילד, וועלכער האט ליעב געהאט דעם מינסקער רב און פלעגט איהם שטארק אונטערשטיצען. וועגען ר׳ גרשון תנחום׳ס נאהענטע מחותנ׳שאפט מיט „רויצילט׳ען“ (ראטשילד אויפ׳ן לשון פון מינסקער וויבער) געהען אום אין מינסק גאנ־צע לעגענדעס און איך וועל דא ברענגען א פאר פון זיי.

אמאל האט „רויצילט“ פארבעטען ר׳ גרשון תנחום׳ן, שבת נאכ׳ן דאווענען, צו זיך אויף „לעקאך און בראנפען.“ דאס איז געווען נאך דער ערשטער בעקאנטשאפט צווישען דעם מינסקער רב און דעם פראנקפורטער יודישען מיליאנער. ר׳ גרשון תנחום איז דורכגעגאנגען מיט „רויצילט׳ען“ א גאנצע רייהע „שאליעס“

און זיין אויג האט זיך ניט געקענט אנקוקן זאט אויף די „פלאי־פלאים", וואס ער האט דארטן, אין די שאליעס, געזעהן.

„נו, — קלערט ר' גרשון תנחום — „מיר'ן שוין זעהן, וואס מ'גיט ביי „רויצילט'ן" צו קידוש פאר א לעקאך און בראנ־פען. ניט גלייך, מסתמא, צו אונזערע גבירים. איך וועל שוין האר־בען אין מינסק צו דערצעהלען און דערצעהלען."

אריינגעקומען אין דעם קידוש־זאל. דער זאל איז נאך מעהר חדושים'דיג, ווי אלע פריהערדיגע שאליעס. אבער דער טיש אליין, אין מיטען זאל, איז א גאנץ געוועהנליכער. אויפ'ן טיש שטעהט א פלאש וויין. ביי די זייטען טיש ארום און ארום פאר אלע שענע יודען, וואס זענען צוזאמען מיט איהם געקומען צו „רויצילט'ען" אויף קידוש, שטעהען פשוט'ע כוסות מיט וויין, אונטער יעדען כוס א טעלער ניט קיין ווייסער פארצעלאיענער, נאר א פשוט'ער, א ליימענער. קיין צובייסען איז גאר ניט געווען.

ר' גרשון תנחום חדושט זיך און קוקט: וואס דא וועט זיין.

„רויצילט" זעצט זיך צום טיש. זיין גאנצע געזינד אנטקעגען איהם. די שענע יודען ביי די זייטען. און איהם, ר' גרשון תנחום'ען, זעצט ער, „רויצילט", געבען זיך, ביי דער רעכטער האנד.

דער בעל הבית מאכט קידוש. אלע שענע יודען און זיינע זיהן נאך איהם. ר' גרשון תנחום — אויך, און קלערט: מסתמא וועט'ן באלד ברענגען מזונות. „רויצילט" און אלע נאך איהם טרינקען שוין דעם וויין. ר' גרשון תנחום האט פרום, מיט גרויס כונה, אבגעמאכט קידוש; גיט א זופ פונ'ם כוס און קלערט: מסתמא איז ביי „רויצילט'ען אזא מנהג; קידוש אהן „מזונות".

פלוצלונג זעהט ער, ווי „רויצילט" און דער גאנצער עולם מאכען א ברכה „מזונות" נעהמען די ליימענע טעלער אין די הענד און צוברעכען.

— שבת! שבת! — האט דער פארציטערטער רב געוואלט געבען א געשריי. נאר ווי ערשטיינט איז ער געווארען, ווען ער האט א קוק געטאן, ווי דער גאנצער עולם, מיט „רויצילט'ן"

בראש, האבען זיך א נעהם געטאן שפארען די צעבראָכענע שטי־
קער טעלער אין מויל אריין.

— נעהמט אויך, רבי, נישט קשה, אויף מיינע אחריות...
ס'וועט אייך גאר נישט שאדען, האט זיך צו איהם „רויצילט"
געווענדעט צעברעכענדיג זיין טעלער און מכבד זייענדיג איהם.
רבי גרשון תנחום'ען, מיט א צעבראכען שטיק. „אייערע באַ־
ריסעווער איינגעמאכטס, זאגט ראטשילד, האט א שם אין דער
וועלט, נאר מיט מיינע „לעקאך" האב איך זיך אויך ניט וואס
צו שעמען.

ר' גרשון תנחום האט געמאכט א ברכה „מזונות" און האט
זיך טאקע באלד איבערציינגט, אז דער טעם פון באריסעווער
איינגעמאכטס איז גאר „כלא" אנטקעגען דעם טעם פון „רוי־
צילט'ס" „ליימענע טעלער"...

עס איז ידוע, אז מינסק ברענט אלע יאהר. מינסקער יודען
ווייסען פון וואנען דאס קומט. דאס קומט פון דעם „שאגת
אריה". ווען מינסקער קהל האט דעם „שאגת אריה" אויף אַק־
סען ארויסגעפיהרט פון שטאדט האט ער, דער רב, פערשלאָ־
טען מינסק, אז זי זאל אלע יאהר ברענען.

די מינסקער פאליציי אבער האט ניט געגלויבט אין דעם
„שאגת אריה'ס" קללה. זי האט גע'טענה'ט, אז יודען אליין
צינדען אונטער.

האט איינמאל אויסגעבראכען א פייער אויף טורעצקער
בארג. אין דעמזעלבען הויז האט געוואוינט איין אָרימער מלמד.
דער מלמד האט גאר נישט געהאט וואס אָנצואווערען, האט ער
געכאפט אן עמער וואסער און — געלאָפען לעשען.

ס'זענען אָנגעלאָפען פאליציי און פייערלייט און מ'האט
געפאקט דעם מלמד אויפ'ן בוידים, שיער ניט א פארברענטען.

דעם מלמד'ס טענה, אז ער איז געלאָפען לעשען, האט ניט
געהאָלפען. זעקס גויים און, צווישען זיי דער פאליצמייסטער
אליין, האבען געשוואוירען, אז דער יודישער מלמד האט אונ־
טערגעצונדען.

די פאליציי איז געווען זעהר בייז, און יענע צייט איז

בכלל געווען א שטרענגע. האט מען דעם מלמד פער'משפט: „ראזסטרעל", ד. ה. שיסען.

אזוי וועניגסטענס דערצעהלט שמחה דער שוסטער.

אין שטאדט איז געווארען א גרויסע מהומה. ר' גרשון תנחום האט דאס דערהערט: ס'טייטש! א יודען שיסען! אויף ראזסטרעל! דאס האבען די „אבות אבותינו" ניט געהערט! „זיי" זאלען איינפיהרען אזא מאדע איז כלל ישראל אין סכנה.

ר' גרשון תנחום האט קיינעם גאר נישט געזאגט, געכאפט „פאטשט" און איז געלאפען צו ראטשילדען.

דארף זיך מאכען, אז גראד, אין יענער צייט, איז דער קיסר ניקאלאי געווען אין פראנקפורט־אם־מאין. און דער שטויגער איז געווען, אז וואס פאר א גרויסער לייט, אפילו דער מלך אליין, וואס איז געקומען אין פראנקפורט־אם־מאין, פלעגט ער זיך אבשטעלען אין ראטשילד'ס פאלאץ. ווארום קיין שענערע פאלאצען זענען דארט ניטא. און אז דער קיסר איז פערפאהרען צו ראטשילד'ען, פלעגט ער דאך, מסתמא, אומגעהן מיט איהם שפאצירען אונטער'ן האנד. אט אזוי ווי צוויי גלייכע מענשען.

נו, האט מסתמא ראטשילד דערצעהלט ניקאלאיען: אזוי און אזוי, אדוני מלך! אין מינסק האט מען אן אומשולדיגען יודען פער'משפט צום „ראזסטרעל."

האט דער קיסר גלייך געהייסען קלאפען א דעפעש אין מינסק. פרעגען: וואס איז פאר א מעשה מיט דעם יודען.

ענטפערט מען איהם: אזוי און אזוי, אדוני מלך! זעקס קריסטען און דער פאליצמייסטער אליין האבען געשוואוירען.

איז געווארען שפל ניקאלאיען. ראטשילדען אבזאגען קען ער ניט. ער וויים, אז דער ארימער מלמד איז געווים אונשולדיג. אבער זעקס קריסטען, די געהויבענע פון שטאדט, האבען געשוואוירען. פאסט דאך ניט: דעם רב יע צו גלויבען און זיי ניט.

האט דער קיסר געהייסען, מ'זאל דעם מלמד פארבייטען דעם „ראזסטרעל" אויף סיביר.

אין צווי יאָהר אַרום איז אָנגעקומען ר׳ גרשון תנחום׳ען אַ בריעף מיט פיינע רגל־געלד פון סיביר. דאָס איז געווען פונ׳ם מלמד. ער האָט געשריבען דעם רב, אַז סיביר איז פאַר איהם אַ גליק געווען. ער האָט דאָרט געוואָרפען די מלמדות, איז גע־וואָרען אַ סוחר, און איז, ברוך השם, אַ נגיד. הלואי, אויף אַלע יודען געזאָגט געוואָרען...

די טראגעדיע פון אַ העברעאישען „מארק טוויין".

צום גליק האָב איך נאָך א י ה ם געכאַפּט א לעבעדיגען. ער איז שוין אויך אַ זקן פון אַ יאָהר אכציג; האָט אויך געשפּילט אמאָל א ראָלע אין דער העברעאישער ליטעראטור, נאָך מעהר פון וואָהלמאנען. ער האָט פערנומען אַזאַ פּלאַץ, אויף וועלכען ער האָט קיין קאָנקורענטען ניט געהאט. ער איז געוועזן און געבליבען ביז היינטיגען טאָג דער איינציגער העברעאישער „מארק טוויין." זיין סאטירע האָט ער אבער געשריבען ניט אין דער פאָרם פון ערצעהלונגען, ניט אין דער געשטאַלט פון פעליעטאָנען. ער האָט פאר זיין שארפער בייסענדער פעדער געשאפען א נייעם סטיל, דעם סטיל פון•„מדרש" און „גמרא". זיינע סאטירען זענען געדרוקט געווען אונטער דעם אלגעמיינעם טיטעל „מדרש סופרים", ד. ה. שרייבערשער מדרש. דאָס איז געווען אַ העכסט קינסטלערישע וואונדערליכע נאכמאכונג דעם נאַאיווען „גמרא לשון". פאר די אמאָליגע משכילים די לעזער פון פּרץ סמאָלענסקין'ס „השחר" איז ממש געווען א יום טוב, ווען זיי האָבען דאָרט געפונען ברילל'ס „מדרש סופרים", ברילל'ס סאטירען זענען געווען אונגעהויער גאַלליק און זעהר בייפיג. ער האָט קיינעם ניט געשוינט. אונטער זיין סאטירישען מעסער איז ניט גאנץ געבליבען קיין איין דונקעלע זייט פון יודישען לעבען. פונדעסטוועגען האָבען אפילו די „קרבנות" פון זיין סאַטירע געלעקט די פינגער פון זיין „מדרשים". ווייל ווי ביוז ער האָט ניט אָנגעגריפען זיינע אָפּפער, איז דאָך דורך דעם

תמימות'דיגען, ווייכען מדרש־סטיל, פערלארען געגאנגען דער גיפט פון דער סאטירע. אמאל — דערצעהלט מיר דער אלטער — האט מיך דער טייוועל געטריבען אנשרייבען א „מדרש“ אויף'ן רעדאקטאר ד. ה. אויף סמאלענסקינען אליין. איך האב אוועקגע־שיקט דעם „מדרש“. דערנאך האט עס מיר מורא'דיג פערדרא־סען. נו, קלער איך, דא וועט שוין זיין א סוף צו מיין שרייבען אין „השחר“. מיט א ציטערדיג הארץ ווארט איך אויפ'ן נאַ־טענטסטען ביכעל „השחר“. ס'קומט אן דאס ביכעל. איך נעהם בלעטערען. עס טרייסלען מיר די הענד. איך טו א קוק: מיין „מדרש“ איז דא! דערנאך האב איך זיך בעגעגענט מיט סמאַ־לענסקין אויף זיין רייזע איבער רוסלאנד. „סטייטש!“ פרעג איך איהם, ווי טוט איהר דאס?“ אויף זיך אליין! — ס'איז אבער געווען, ענטפערט סמאלענסקין, „הפלא“, אויסגעצייכענט געשריבען. דער עיקר אבער: ס'איז געווען אמת.

דער אלטער בריל האט ניט פארלארען זיין סאטירישע שטי־מונג, אפילו איצט ביי זיינע אכציג יאהר. ער האט מיר דערלאנגט א ביכעל „קצור שלחן ערוך“ פאר קאפיטאליסטען, וואס ער האט ניט לאנג צוריק געדרוקט. דאס ביכעל איז גע־שריבען אין דעמזעלבען סטיל, ווי זיינע אמאליגע מדרשים, און לעזט זיך מיט דעמזעלבען אינטערעס. א פאר דינים פונ'ם בי־כעל גיב איך דא איבער אין יודיש, און דער לעזער וועט זעהען, אז אפילו אין יודישער איבערזעצונג, פארלירט בריל'ס סאטי־רע ניט איהר זאלץ.

(פונקט 13 צו דינים פאר אנזעצער). אנזעצער מאכען א ברכה „שהחיינו“. ווארום ניט אלע טאג טרעפט זיך א נס צו מאכען אן אנזעץ. אין דער „מסיכתא שטרות“ („וועקסלען“) איז אפילו דא א קלער, אז מ'דארף מאכען צוויי ברכות — פריהער „על נטילת ידים“*) און דערנאך „שהחיינו“. נאר מיר פסקענען, ווי דער לעצ־טער תנא הייסט, אז מ'מאכט א ברכה נאר „שהחיינו“.

*) „על נטילת ידים“, הייסט בוכשטעבליך צונעהמען מיט די הענד. דערפון מאכט דאס פאלק א ווערטעל: „צוציהען“, צו'גנב'ע־נען, אוועקנעהמען יענעמ'ס.

(פונקט 26. דינים פאר רויבע דאטשניקעס). א גאנצען זו־מער זענען דאטשניקעס פטור פון אלע שטאָדטיגע צדקות און מיט־גליד־אָבצאָהלונגען אין חברות. און די קינדער זייערע זענען פטור פון לערנען, פון דאווגען און פון אלע מצוות און מנהגים; און די טאטעס צאָהלען די לעהרער און מלמדים קיין גראשען ניט.

דער אלטער בריל איז שוין אויך ארוים פון דער מאָדע, ווייל עס זענען אנגעשטאנען נייע לעהרער מיט נייע מעטאָדעס. כאטש די נייע לעהרער זענען קעגען דעם אלטען בריל פשוטע „עם הארצים". פונדעסטוועגען האט בריל ביז דעם לעצטען יאָהר געהארעוועט, געגעבען אוראקען. אמת, בלויז אין די היי־זער פון אלטע באלעבאטים, וואס געדענקען נאך זיין אמאליגען יחוס. די לעצטע צייט איז אבער דער אלטער שוואך און קראנק. שלעפט זיך קוים ארום מיט אנגעשוואלענע פיס. האט מען ווע־גען איהם אויך געמאכט א טומעל אין דער פרעסע, פאר דער גרויזאמער גלייכגילטיגקייט פון דער געזעלשאפט צום שיקזאל פון דעם אמאל בעריהמטען העברעאישען סאטיריקער. עס האט זיך אבגערופען קוים, קוים, די פעטערבורגער בילדונגס־געזעל־שאפט מיט הונדערט רובל אין איהר מינסקער אבטיילונג מיט פינף און צוואנציג.

פון מיין געשפרעך מיט'ן אלטען בריל האט זיך ארויסגעווי־זען, אז ער האט ניט אוועקגעלעגט די פעדער ביז דער סאמע לעצטער צייט. און אפילו איצט שרייבט ער אויך. ער האט פער־פאסט א תלמודישען לעקסיקאָן אין זעקס בענדער און אויב די „פעטערבורגער בילדונגס־געזעלשאפט" וועט איהם קומען צו הילף מיט'ן דרוקען, האפט ער פון דעם דאזיגען ווערק צו האבען זיין חיונה ביז'ן סוף פון זיין לעבען, און ניט דארפען אנקומען צו לייטען.

— און וואס שרייבט איהר איצט? — האב איך געפרעגט דעם אלטען.

— איצט שרייב איך א „מענה לשון".

— וואס הייסט א „מענה לשון"? — האב איך געפרעגט שטארק פערוואונדערט.

איך האָב געמיינט, אין פּלוג, אַז דער אַלטער סאַטיריקער שרייבט אַ סאַטירע אויפ'ן „מענה לשון". נאָר בריל האָט, פאַרהוסטענדיג זיך שטאַרק, מיר ערקלערט גאַנץ ערנסט:

— פּשוט אַ „מענה לשון". אַ נייעם „מענה לשון". דער אַלטער „מענה לשון" טויג ניט. איהר האָט איהם ווען געזעהן? הילצערנע ווערטער! אַ בעקאַנטער מיינער איז געווען אויפ'ן „בית עולם", האָט זיך געוואָלט, ווי דער מנהג איז אויפ'ן „היי־ליגען אָרט", אויסוויינען ביי טאַטען־מאַמען אויף די קברים. האָט ער גענומען אין האַנד דעם „מענה לשון". „גאָר קיין ווערטער ניט", — זאָגט ער צו מיר: פּאַניע בריל! פּאַרוואָס זאָלט איהר ניט מאַכען אַ „מענה לשון" מיט פּשוט'ע ווערטער! ס'זאָל פּאַר'ן הארצען נעהמען... האָב איך טאַקע גענומען און געמאַכט... חברה קדישא האָט צוגעזאָגט עס צו דרוקען... איהר וועט איהם באַלד קענען זעהן... פון מיין „מענה לשון" וועט מען וויינען...

דער אַלטער סאַטיריקער האָט זיך פערקייכט, און טרערען זענען איהם ארויס פון די שטאַרע, האַלב אויסגעלאָשענע אויגען.

דער שיקזאַל האָט מיט דעם העברעאישען „מאַרק טווין" אַ ביטערן שפּאַס געמאַכט. ער, וועלכער האָט דעם גאַנצען לע־בען מיט זיינע שריפטען צו לאַכען געמאַכט, שאַפט זיין לעצט ווערק — אַ „מענה לשון", וואָס דאַרף מאַכען וויינען.

איבריגענס: ווער ווייס, וויפיעל מאָל איהם אַליין האָבען טרערען געשטיקט, בשעת די לעזער האָבען פון זיינע סאַטירישע „מדרשים" געלאַכט?...

שמחה דער שוסטער.

שמחה דעם שוסטער האָט געקענט גאַנץ מינסק. דאָס איז געווען דער איינציגער פּראָלעטאַרישער משכיל. אייגענטליך איז ער ניט געווען קיין מענש פון דער מאסע. דאָס איז געווען אַ זוהן פון אַ געפאַלענעם בעל הבית. זיין טאַטע האָט הויפען געהאַלטען, איז רייך געווען, דערנאָך אָבגעברענט און אָרים געוואָרען.

דער יונגעל שמחה האָט זיך אוועקגעלאָזען אין מינסק און איז דאָ אַ שוסטער געוואָרען.

די שוסטעריי האָט ער אייגענטליך ביי קיינעם ניט גע־געלערנט. פון זיך אַליין איז ער די מלאכה דערגאַנגען. פּונקט ווי ער איז שפּעטער פון זיך אַליין אַ משכיל געוואָרען.

דעם אמת זאָגענדיג, איז שמחה דער שוסטער ניט געווען קיין גרויסער ספּעציאַליסט אין שוסטעריי. ניט דערפאַר וואָס זיין קאָפּ האָט די מלאכה ניט בענומען. זיין קאָפּ איז, פערקעהרט, געווען צו גוט פאַר דעם אַל און דער דראַטווע. און טאַקע דערפאַר איז ער שטענדיג געווען אויף צרות. זיין קאָפּ האָט איהם, בשעת ער האָט געשלאָגען אין קאַפּיל, זיצענדיג שוין אויפ׳ן נידריגען דרייפוס־בענקעל, געטראָגען אין די הויכע „עולמות" פון דער השכלה. ביי דער ערשטער, בעסטער געלעגענהייט, האָט ער געוואָרפען דעם פאַרטוך מיט׳ן דרייפוס־בענקעל און געלאָפען מיט אַ פּעקעל ספרים און בלעטער אין גאַס הערען עפּעס נייעס, דרייען זיך אַרום די משכילים. מיט אַלע

שרייבער איז ער געוועז א מחותן. „זאסניצען“, — האט זיך פאר מיר בעריהמט דער אלטער שמחה, — האב איך „פרישוועס“ געניהט; „מייזאח׳ן“, האב איך ניט איין מאל „פאדנאסקעס“ (אונטערזוילען) געמאכט. מיט „טשארנע דעם רייזענדער“ בין איך געוועזן אזוי נאהענט, אט ווי איצט מיט אייך. מיט בערע באמפי, ר׳ זיסעלע ראפאפארט (אמאליגע מינסקער גבירים — משכילים), געוועזן ווי א ברודער; ביי לונץ דעם דאקטאר — אן איינגענער מענש.“

איז געקומען אין מינסק עפעס אן אורח — א משכיל, צו א שרייבער, איז שוין שמחה דער שוסטער ביי איהם געוועזן. און יענער האט אויך שמחה דעם שוסטער בעזוכט, קומענדיג צו איהם מיט צוריסענע און אוועקגעהענדיג פון איהם מיט גאנצע זוילען. געלד האט דער שוסטער־משכיל ניט גענומען. ביי איהם איז דאס געוועזן א כבוד און ער האט אמת הנאה געהאט, ווען א שרייבער איז פון זיין שטוב מיט נייע זוילען אוועק.

אליין איז שמחה דער שוסטער זעהר זעלטען געגאנגען אין גאנצע, ניט פערלאטעוועטע שיך, און אין א ניט־פערלאטעטען מלבוש. אין שטוב איז ביי איהם אויך במעט קיין מאל ניט געוועזן קיין גאנצער בענקעל און גאנצע, ניט פערלאטעטע שוי־בען. ניט אלע טאג האט די ווייב שמחה׳ס אויך בעקומען אויף ברויט מיט קרופניק. דערפאר האט שמחה דער שוסטער געהאט איינע פון די שענסטע ביבליאטעקען אין מינסק. און הונדערטער קלויזניקעס און גלאט ארימע בחורים אין מינסק האבען געהאט צו פערדאנקען זייער השכלה שמחה דעם שוסטער׳ס ביבליאטעק. ווי עס איז נאר ארויסגעגאנגען עפעס א גוטער בוך, האט עס שמחה דער שוסטער געמוזט בעקומען. עס האט געמעגט קאסטען װער ווייסט וויפיעל. ניט זעלטען האט שמחה אליין און זיין ווייב און קינדער, צוליעב דער ביבליאטעק, געמוזט הונגערן. נאר איהם, שמחה׳ן, האט דער לייב און מאגען גאר ניט געקימערט. ניט אזוי גלייכגילטיג צו די מאגען־פראגען איז געוועזן זיין ווייב, וועלכע האט ניט געקענט שטילען דעם הונגער מיט דעם מאן׳ס השכלה און געמאהנט „מזונות“ אויפ׳ן הויכען שטויגער.

שמחה דער שוסטער האט אין זיך פעראייניגט אי השכלה,

אי „יראת שמים". ער האט ליעב געהאט די אפיקורסישע העב־רעאישע שרייבער, ווי דעם לעבען. האט אבער אויך ליעב גע־האט פרומע יודען און רבנים. ביי ר' גרשון תנחום, דעם בע־ריהמטען אלטען מינסקער רב, איז ער געווען דעם גאנצען לעבען — א לייב־שמש. ער האט געוואוינט מיט איהם איבער א וועג־טעל, און אזוי ווי ביי איהם איז גראד געווען א ווארימע „לע־זשאנקע" און ביי ר' גרשון תנחום'ען א קאלטע, פלעגט דער רב געהן צו איהם אפט ווארימען זיך, פלעגט אנקלאפען צו איהם ניט זעלטען שפעט נאך האלבע נאכט, איהם לייענען זיינע חבורים און שמחה פלעגט איהם לייענען זיינע נייעסטע השכלה־ספרים. בשעת ר' גרשון תנחום איז ביים ענד פון זיין לעבען, יאהרען־לאנג געווען צוגעשמידט צום בעט, איז שמחה דער שוסטער פון איהם ניט אבגעטראטען, און דעם קראנקען רב גאר אין גאנצען פאר א משכיל געמאכט, לייענענדיג איהם, גאנ־צענע טעג און נעכט זיינע השכלה־ספרים.

אזוי איז עס געגאנגען ביז דער רוסישער רעוואלוציע, ביי וועלכע שמחה דער שוסטער איז שוין געווען א גראהער יוד, נאהענט פון 70. דאן, ווען אלץ האט געשטורמט אין יודישען תחום, ווען די גאנצע יודישע יוגענד האט געהאלטען אין איין טרעמפעווען, איז אין שמחה'ס נשמה אויך עפעס פארגעקומען א קריזיס. שמחה האט זיך געזאגט: האדזע צו זיין א שוסטער! דאס לעבען האט איהם גערופען, ווי טויזענדער יונגע לייט, און ער האט זיך געלאזען וואנדרעווען, זוכען דאס לעבען.

אמעריקא איז פאר איהם געווען צו ווייט. אמת, א טייל פון זיינע קינדער האט די נייע וועלט שוין לאנג צוגענומען. ער אליין האט זיך אבער געלאזען, צו פוס, ווי די אמאליגע יודישע וואנדראוושטשיקעס, קיין דרום־רוסלאנד.

„איך קום, — דערצעהלט ער מיר, — קיין יעקאטערינאס־לאוו, געה אריין אין א שוהל מנחה דאווענען. נאכ'ן דאווענען, די שוהל בלייבט פוסט, — דער עולם צוגעהט, אנדערע צוזעצען זיך אויפ'ן שוהלהויף, אויף די בענק, פראווען „לצנות", גראבע ווערטער... איז דאס מיר מאדנע פריקרע געווארען. קען איך זיך ניט איינהאלטען. געה איך צו צו א פאר יודען און זאג: וואס

אין דאס פאר א שטאדט יעקאטערינאסלאוו ! ביי אונז אין דער
פּיסא, נאכ'ן דאווענען, לערנט מען. ד י — משניות, די „עין
יעקב", מדרש, און ביי אייך...

— ביי אונז — ענטפערט מען מיר, מיט א געלעכטער, —
אין ניטא קיין למדנים. אדרבא, נו, אפשר זייט איהר א בעלן
עפּעס צו זאגען.

— פאר וואס ניט, — האב איך געענטפערט, — קומט יר־
דען, ווער עס וויל, אין שוהל אריין, וועלען מיר עפּעס לערנען.

דער עולם האט געלאכט. עטליכע יודען אבער האבען זיך
אויפגעהויבען פון די בענק און געגאנגען נאך מיר אין שוהל.

אט איז בישלאכוויז געווארען א חברה „עין יעקב", „תנך"
האב איך מיט זיי אויך געלערנט, אלע טאג, בין מנחה למעריב.

קורץ, שמחה דער שוסטער איז געווארען א זאגער אין יע־
קאטערינאסלאוו. אין גיכען איז ער שטארק מפורסם געווארען.
א פּאר פרומע גבירים האבען איהם גענומען פאר א מלמד צו
זייערע קינדער. ביי איינעם האט ער גענומען 4 רובל א חודש
מיט ווארמעסען. אזעלכע ווארמעסען, זאגט ער, האב איך אויף
מיין לעבען ניט געגעסען. אן אנדערער האט איהם געגעבען אכט
רובל א חודש, אהן ווארמעסען. הקצור: שמחה איז פון א שוס־
טער געווארען א זאגער און א מלמד, איז געווען דעם ערשטען
מאל אויף זיין לעבען זאט און בעקליידט און האט נאך
געהאט אן אבגעשפּארטען גראשען אין קעשענע.

שמחה האט שוין געקלערט אראברענגען אין יעקאטערינאס־
לאוו זיין „זקנה" און דערלעבען דא רוהיג זיינע יאהרען.

פּלוצלונג זענען אנגעקומען די פּאגראמען. שמחה האט
געלאזען „הכל" „בכל" און איז קוים א לעבעדיגער א היים גע־
קומען. דא האט ער געטראפען א נייעם חורבן. פון זיין ביבליא־
טעק, וואס ער האט געווים 50 יאהר נאכאנאנד א בוך צו א
בוך געקליבען, האט בוכשטעבליך טויזענדער נעבט אויף איהר
ניט דערשלאפען. טויזענדער טעג ניט דערעסען, איז קיין זכר
ניט געבליבען. זיין ווייב האט זיך אן דער ביבליאטעק נוקם גע־
ווען, פאר דעם גאנצען לעבען, וואס זי האט פון איהר און צו־
ליעב איהר געליטען, זי האט פערקויפט ביז איין בוך.

שמחה האָט זיך פון דעמאָלט אָן שטאַרק אָראָבגערוקט. ער לעבט איצט מיט זיין אַלטער אין גרויסע דחקות. ביידע זענען קראַנק. כאָטש זיי שלעפּען זיך אַרום, ווי עס איז. און ער, שמחה אַליין, האָט זיך ווידער גענומען צו זיין אַלטען בענקעל, דראַט־ווע און אָל. ער קען, זאָגט ער, נאָך איצט אויך מאַכען אַ נייע פּאָר קאַמאַשען, מיט אַלע צאַצקעס, ווי די יונגע שוסטער, נאָר מ'גלויבט איהם ניט, און אַפילו אַ „פּאַטשינקע" טראָגט מען איהם זעהר זעלטען אַריין.

— כאָטש צוויי רובל אַ חודש, — קלאָגט זיך די אַלטע, ווען מיר האָבען זיכער, וואָלטען מיר ווי עס איז די נשמה דער־האַלטען.

דער „ראבין" פון „אוטשאסטאק".

גערופען האט מען איהם אייגענטליך: וועלוויל חיים לייב־מע'ס, נאר אין פאלק האט מען זיין נאמען פערקירצט אויף „חלומות". אנשטאט צו זאגען: געהן צו וועלוויל חיים ליימע'ס, פלעגט מען זאגען קירצער: צו וועלוויל חלומות, אדער פשוט: געהן צו „חלומעס'ן".

דער דריי גארנדיגער נאמען בעווייזט, אז „חלומות" האט געשטאמט פון באלעבאטים־יחסנים, און ווירקליך: אין מינסקער פנקס טרעפט איהר זיין זיידען ר' ליימען צווישען די נעמען פון די גבאים פון גרויסען מינסקער בית המדרש, אויף איין צעטעל מיט גבירים און שענע יודען.

וועלוויל „חלומות" (אין די אויגען האט מען איהם גערופען ר' וואלף) איז אליין אויך געווען א שענער יוד. פלעגט געהן אין א לאנגע ראצעמארענע זופעצע, אין שיך, אין א לאנגען טלית־קטון; די הויזען אין די זאקען. די ציצית פלעגען זיך שלעפען, אזש ביז די אונטערשטע קנעכלאך. די אויגען תמיד פערגלאצט. זיין גאנצע פיזיאנאמיע עפעס ווי פער'דבק'עט און שמן זית'דיג.

וועלוויל „חלומות" איז ניט געווען, ניט קיין „גוטער יוד", ניט קיין רב, אפילו ניט קיין „ראש ישיבה". פונדעסטוועגען פלעגט געהן צו איהם גאנץ מינסק אויף עצות, כמעט נאך מעהר ווי צו ר' יעקב מאיר'ן.

דעם אמת זאגענדיג פלעגען א סך פרומע יודען און פרומע

ווייבער, אין שווערע מינוטען פונ׳ם לעבען, פריהער בעזוכען „חלומות׳ן" און דערנאך ר׳ יעקב מאיר׳ן.

ווארום אויב ר׳ יעקב מאיר איז דער פערמיטלער צווישען מינסקער יודען און גאט, איז „חלומות" געווען דער פערמיטלער צווישען מינסקער יודען און דעם „אוטשאסטאק". און פאר דעם אוטשאסטאק, ד. ה. פאר דעם „מעשענעם קנאפ", האבען מינס־קער יודען א סך מעהר מורא, ווי פאר גאט.

„חלומות", פשוט גערעדט, איז געווען א כאדאטאי, א „פאר־פירען־שרייבער", א „זאקאניק", א „מורה הוראה" פאר „כשר" און „טרייף" ניט אין קאדעקס פונ׳ם „שולחן ערוך", נאר אין קאדעקס פון דעם רוסישען אוטשאסטאק.

און אזוי ווי אין מינסק, פונקט ווי אין אלע געבענשטע שטעדט פונ׳ם יודישען תחום, איז דער יוד, שוין פון געבארען טאג אן, א זינדיגער געגען דעם „שולחן ערוך" פון „אוטשאס־טאק", איז לייכט צו פערשטעהן, אז „חלומות" האט געהאט א סך מעהר בעזוכער, ווי ר׳ יעקב מאיר.

און אזוי ווי עס איז ניטא קיין איין יוד, וואס זאל ניט האב־בען אויפ׳ן לעבען צו טאן מיט׳ן אוטשאסטאק, פערשטעהט זיך, אליין, אז אין מינסק אויפ׳ן בלאטע, אין יאטקע־גאס, אין שלאס־גאס, אין פערעספע, אין קאמאראווקע, אויפ׳ן וואל, אויפ׳ן פיש־מארק איז ניט געווען קיין איין יוד און קיין איין יודענע, און קיין איין בחור, און קיין איין מיידעל, וואס האבען ניט געהאט צו טון מיט „וועלוויל חיים ליימעס."

וואס פאר א גזרה, חלילה וחס, עס איז אויף יודען ניט נגזר געווארען פון דעם „מעשענעם קנאפ": א פריזיוו, א פראָ־טאקאל פאר טרייפע בראנפען, פאר ניט קעהרען די גאסען, פאר ניט ארויסשטעלען די „פאהן" אין טאבעל־טאג; א געשלעג, א ירושה, א סכסוך צווישען בעלי בתים און שכנים; ווען קעשע־נע־ און שלעסער־ספעציאליסטען האבען זיך ניט געקענט פער־איינען, — אלץ איז געגאנגען זוכען רעכט און גערעכטיגקייט צו וועלוויל „חלומות".

עס איז איבריג צו זאגען, אז „חלומות" איז אויך געווען

דער איינציגער פערמיטלער צווישען דעם יודען און דעם „מעשענעם קנאפ״ אין די ביזנעס פון כאבאר.

און דערפאר איז טאקע „חלומות״ געווען א תקיף אין „אוטשאסטאק״. מיט יעדען טשין, דעם קלענסטען און דעם גרעסטען, איז ער געווען פער „דו״. כאטש מ׳האט דארט אפט חוזק געמאכט פון זיין לאנגע „דעליע״ מיט די זאקען און שיך, און מ׳האט זיך ערלויבט אבטאן איהם פערשיידענע שפיצלאך, דאך איז דער „ראבין״ געווען אן אייגענער מענש און דער „ראבין״ האט געקאנט יעדען גרעסטען און קלענסטען קנעפעל; האט געוואוסט יעדענס זיטען, געוואוינהייטען און קאפריזען; האט געוואוסט, וואס פאר מטבע דעם און יענעם צו געבען, פון דעם העכסטען ביז דעם נידריגסטען „טשין״.

אבער נאך בעסער, ווי דעם „אוטשאסטאק״ האט „חלומות״ געקענט די יודישע גאס. יעדען יודענס און יעדער יודענעס ביאגראפיע איז ביי איהם געווען אויף די פינגער. אז פאצט האט ניט געקענט אויסגעפינען א יודען נאכ׳ן אדרעס, איז מען געקומען צו „חלומות׳ן״; אז אין „אוטשאסטאק״ איז פלוצלונג פערפאלען געווארען א יודישער נפש און מ׳האט איהם בשום אופן ניט געקענט אויסגעפינען, איז מען געגאנגען צו חלומות׳ן; אז איינער האט פערלארען, צו איינער האט געפונען פאפירען, איז מען געלאפען צו „חלומות׳ן״. א מינסקער ווייבעל האט מיר דערצעהלט, אז זי האט פערלארען פאפירען, וואו עס איז ניט געווען קיין שום סימן פון א נאמען, צו וועמען זיי בעלאנגען. נאר צווישען זיי איז געווען א בריעף — איהר פאטער׳ס האנדשריפט. האט „חלומות״ דערקענט, און, אז דער וואס האט געפונען, האט געבראכט צו איהם די פאפירען, האט ער זיי אבגעשיקט גלייך צו איהר פאטער.

חלומות האט קיינמאל ניט חתונה געהאט. ער האט געוואוינט מיט א שוועסטער, וואס איז אויך פערבליבען א מיידעל און א פלימעניק ליימע, אויך אן אלטער בחור. אט די אלע נפשות האבען פארגעשטעלט א מערקווירדיגע דעקאראציע אין חלומות׳עס דירה. יעדער פון די דריי האט זיך געלעבט אין זיין בעזונדער וועלט. ביי חלומות׳ן איז שטענדיג געווען געפאקט,

ווי אויף א בערזע. נאר בשעת ער איז געווען פערטראגען מיט זיינע לייט אין „הלכות אומשאסטאק“, איז זיין פלימעניק לייר מע, א תם׳עוואטער און פערטראכטער לערנער, אומגעלאפען היין און צוריק און געזוכט רעכט צו מאכען זיך א פשט׳יל אין דער גמרא. אין דערזעלבער צייט וועלענדיג פלייסען זיך פאר׳ן עולם, אז דא איז פאראן א באלעבאסטע, האט די שוועסטער „חלומות׳עס“ זיך געיאגט נאך די היהנער, וואס זענען אומגע־פלויגען מיט א געפילדער פון די טירען, אויף וועלכע זיי זענען געזעסען, איבער די בעזוכער׳ס קעפ; אדער פלעגט זיך לאזען לויפען מיט א בעזים נאך דער קאץ, וואס איז געשפרונגען אי־בער׳ן טיש און בענקלעך מיט א היהנערשער פיסעל, וואס זי האט גע׳גנב׳עט פונ׳ם זאלצברעטעל. חלומות׳ן אליין האט דאס ווע־ניג געארט. יעדער פון די דריי האט געהאט דאס פולע רעכט צו לעבען אויף זיין שטייגער. נאר בשעת די היהנער, צו די קאץ האבען זיך שוין צופיעל צולאזען און איהם ארויפגעשפרונ־גען אויפ׳ן קאפ, האט ער געגעבען א מאך מיט דער האנד, ניט אבקעהרענדיג זיך פון דער פאפיר, און ווי פאר זיך א האש געטאן: שא! וואס איז דארט?...

„צו מיין גרויסען בעדויערן האב איך „חלומות׳ן“, ביי מיין לעצטען וויזיט אין מינסק, פערשפעטיגט. ער איז מיט איי־ניגע יאהר צוריק געשטארבען. זיין שוועסטער איז נאך פריהער גע־שטארבען. נאר דער פלימעניק ליימע איז געבליבען, זיין יורש. זיין פלאץ אבער איז געבליבען וואקאנט. און איך קען מיר פאר קיין פאל ניט פארשטעלען: ווי קען אויסקומען מינסק אהן וועל־וויל „חלומות“?

קליין-שטעדטעלדיגע בילדער.

דער „בעל עגלה".

אז איהר לאזט זיך פאהרען איבער יודישע שטעדט און שטעדטלאך מיט'ן אקס, איז די ערשטע פערזאן, אויף וועמען עס פאלט אייער אויפמערקזאמקייט — דער יודישער „בעל עגלה". כאטש די יודישע שרייבער האבען אט דעם טיפ אפט געשילדערט אין זייערע ביכער, דאך, א חוץ די הומאריסטישע זייט, האבען מיר וועגען דעם „בעל עגלה" קיין אמת'ן פארשטע־לונג ניט. ניט וועגען דער עקאנאמישער, ניט פון דער קולטור־רעלער בעדייטונג וואס אט דער פאך האט אין יודישען לעבען פון תחום. ניט ווייניגער פון 100 טויזענד יודען אין יודישען תחום ציהען פון אט דער פרנסה — זייער חיונה. א חוץ דעם, איז די קולטורעלע בעדייטונג פונ'ם בעל עגלה אונגעהייער גרויס פאר דער שטעדטעל. עס איז גענוג צו זאגען, אז די בויד איז דער איינציגער קאמוניקאציאנס־מיטעל מיט דער שטעדטעל, ווע־ניגסטענס פאר דעם מיטעלן־קלאס און פאר דער מאסע. אהן דעם בעל עגלה, וואלט זיך אבגעשטעלט דאס לעבען אין שטעד־טעל. ער איז דער לעבענס־נערוו, וואס פערבינדט דאס שטעד־טעל מיט דער אויסערליכער וועלט, איבערהויפט מיט דער קול־טור־פון דער גרויסער שטאדט. אהן דעם בעל עגלה וואלט אלזא אי דאס שטעדטעל, אי דער דארף אבגעריסען געוועזן פון דער וועלט, וואלט געוועזן פער'משפט, אויב ניט צום טויט, איז צום האלב ווילדען בארבארישען צושטאנד.

דער בעל עגלה, איז אזוי צו זאגען, דער „קולטור־פיה־

דער" פונ'ם שטעדטעל. לויט זיין בערוף האט ער אייגענטליך געדארפט זיין דער סאמע קולטורער מענש פונ'ם יודישען קליין שטעדטעל. ווער איז, אזוי ווי ער, שטענדיג אין בעוועגונג? ווער זעהט זיך אן אזוי פיעל מענשען, אזוי פיעל טיפען, אזוי פיעל זיטען, געשעהעניסען, ווי ער? ווען דער בעל עגלה וואלט בעזעסען א פען, ווער וואלט קענען מעהר פון איהם און בעסער פון איהם שילדערן די נאטור, די פערשיידענסטע מענשליכע טיפען?

פון דעסטוועגען איז אט דער גרעסטער „קולטור־פיהרער" פונ'ם שטעדטעל אליין כמעט דער טעמפסטער מענש פון דער יודישער מאסע. האלטענדיג נאכאנאנד אין איין פיהרען „קולטור", בלייבט ער אליין אויף דער נידריגסטער שטופע פון ענטוויקלונג. אלעס בייט זיך ארום איהם. נאר ער אליין בלייבט אונפערענדערט. דער יודישער בעל עגלה איז פונקט דערזעלבער, ווי ער איז געווען מיט הונדערט יאהר צוריק — ניט געביטען א האר!

פאר וואס האט אויפ'ן „בעל עגלה" קיין זאך ניט געווירקט? פאר וואס בלייבט ער אונבעוועגליך כאטש ער האלט אין איין בעוועגען זיך און טויזענדער אנדערע ארום זיך?

דאס איז ניט שווער זיך צו ערקלערען. אין אמת'ן איז ער פונקט, ווי דער פערד, וואס דרעהט זיך אין „קאלאווראד". ער האלט זיך אין איין בעוועגען און שטעהט אויף איין ארט. צו זיין שטרעקע, פון עטליכע ווייארסט, צי פון עטליכע מייל, וואס ער מאכט טאג איין טאג אויס, ווערט ער צוגעוועהנט. אויף דער נאטור, אויף די מענשען ארום איהם, קוקט ער מעכאניש. ער ווערט צו זיי גלייכגילטיג, ווייל זיי חזר'ן זיך טאגטעגליך איבער אין זיינע אויגען. די מענשען האט ער שטענדיג פון הינטען, וואלד און פעלד ביי די זייטען און נאר די פערד אליין — פאר זיך. מיט זיי, מיט זיינע סוסים פערברענגט ער דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען. דערפאר איז קיינער אין דער וועלט ניט אזא פערדישער־פסיכאלאג־ספעציאליסט, ווי דער יודישער בעל עגלה. און וואהרשיינליך זענען אויך די פערד די גרעסטע קענער אויף דעם בעל עגלה'ס פסיכאלאגיע. דאס

קען זיך לייכט יעדערער איבערצייגן. ווער עס פאהרט מיט'ן אקס איבער יודישע שטעדט און שטעדטלאך, איהר איילט זיך אין שטעדטעל; איהר גיט דעם בעל עגלה אין יעדער קרעטשים א שנאפס; איהר חנפ'עט איהם ער זאל אונטערטרייבען זיינע סוסים, זאל פאהרען גיכער, און ער סטארעט זיך דאכט זיך אויך. נר־קעט אלע ווייכע מיט'ן אמת'ן לשון, ווארמט אונטער זיינע „לייבען" אויף בייטש־לשון. די לייבען גיבען כלומרשט א שפרינג־אונטער לוסטיג־לעבעדיג, גיבען א ריס דעם וואגען און — געהען זיך זייער געמאסטענעם פוילען טריט אייך אויף צופוקענעם.

איהר ווילט מאכען מיט'ן בעל עגלה א געשפרעך. ער האט דאך אזוי פיעל געזעהן און געהערט. איבערהויפט פון זיין שטעדטעל. ווער קען נאך אזוי גוט אלע שטעדטעלדיגע פאר־שוינען, ווי ער, דער בעל עגלה. אבער אומזיסט שטעלט איהר איהם פראגען, ווילט איהם פארנאנדערשאקלען. איהר בעקומט צוריק אבגעריסענע פראזען: המ... יע... ניין... עט... און מעהר קענט איהר גאר נישט ארויסציהען.

פרובט אבער מיט איהם א שמועס טאן מכוח זיינע סוסים, דעם „גניעדען" מיט דעם „ווייסען". אט דא געפינט זיך ביי איהם לשון. עס בליצען זיינע אויגען. ער קוקט מיט איין אויג אויפ'ן גניעדען, מיט'ן צווייטען אויף אייך און עס גיסט זיך א שפראך... ביאגראפיע, הומאר, פאעזיע... א כפרה אלע ביכער און אלע פאעטען.

דער בעל עגלה איז, איבריגענס, ניט בלויז א פערדישער פסיכאלאג. ער איז אויך א טיעפער מענשישער פסיכאלאג און פילאזאף צוזאמען. ער ווערט פון קיין זאך ניט נתפעל. פער־האלט זיך צו אלץ מיט דער עפישער רוהיגקייט פון א שעקס־פיר. איהר קענט איהם מיט קיין זאך ניט איבערראשען, ווארום ער האט שוין אלץ איבערגעלעבט, זיצענדיג אויף זיין קעלניע. זיין ריידען איז געלאסען, געמאסטען, קוים, וואס איהר קריגט ביי איהם ארויס א ווארט. כאטש ער איז נאאיוו ווי א קינד, פון דעסטוועגען קען ער אייער פסיכאלאגיע ווי איהר שטעהט

און געהט. בלויז פון אייער איין קעהר און ריהר, פון א פאר ווערטער, וואס איהר רעדט מיט איהם.

אן אלטען בעל־עגלה טרעפט איהר זעלטען. מעהרסטענ־טיילס — יונגע, העכסטענס 45 — 50 יאהר. וואו קומען אהין די גראהע, די אלטע בעלי עגלות? פרעגט: וואו קומען אהין די אויסגעמאטערטע, אלטגעווארענע פערד? ווער ווייס: ווי די און יענע ענדיגען זייער לעבען? איך מיין, אז דער שיקזאל פון די אלטע בעלי עגלות איז ניט פיעל בעסער פון די פאר סוסים, וואס שלעפען די בויד אין היץ, קעלט, בלאטעס און שנייען. דעם בעל עגלה'ס לעבען איז אייגענטליך א קאטארגע. די הארעוואניע ארום די פארשווינען און ארום די פערד איז זעהר א שווערע; ער ווייס ניט קיין רוה ביי טאג און ביי נאכט, אין די גרעסטע היצען און גרעסטע פרעסט. רעגענס, שנייען, זאווערוכעס — מוז ער זיצען אויפ'ן קעלניע. דאס קען מען אויסהאלטען נאר ווען מען איז יונג און שטארק. עפעס א האר די מאשין „געכיב־ניעט“, ווערט דער בעל עגלה אויסגעשפילט. טאקע ממש, ווי עס זינגט זיך אין דער בעוואוסטער בעל עגלה'שער פאלקס־לי־דעל:

איך בין א „בעל עגלה“,
איך ארבייט אהן אן עק;
איך שפיל מיר אב מיין קליינע ראלע
און איך פאהר אוועק...

דער „פראגרעס“ רייסט זיך אריין האסטיג אין דער קליין שטעדטעל. עס ענטוויקעלט זיך באהן, שאסיי, אויטאמאבילען, אמניבוסען. עס בלייבט נאך אבער גענוג „שליאך“ — אונגע־באהנטער וועג מיט גריבער, קאליזשעס, הרעבלעס און בלא־טעס. די בויד־מלוכה וועט נאך האלטען לאנג. נאך לאנג וועט אין יודישען תחום זיין דער יודישער בעל עגלה דער איינציגער קולטור־פיהרער, לעבענדיג אליין אין ארימקייט און פינסטער־ניס.

אלץ אין יודישען לעבען איז אריבער פארביי דעם בעל עגלה: השכלה, ציוניזם, סאציאליזם... דאס אלץ האט פאר די

לעצטע 50 יאָהר אויפגעטרייסעלט דעם יודישען תחום. צו איהם,
צום בעל עגלה, איז דאָס ניט געווען שייך... ער איז געבליבען
אין אלע צייטען דערזעלבער.

נאָר איין זאַך האָט איהם ניט געמידען — די עמיגראַ־
ציע. זי האָט איהם אליין ביז די סאמע לעצטע יאהרען גיט
געריהרט. האָט אבער צעשטערט די דור־דורות־דיגע טראדי־
ציעס פון זיין פאַך, פון זיין פאמיליע. זי האָט ביי איהם צוגע־
נומען די קינדער, און איך האָב מורא, אז מיר פאָהרען יעצט
מיט׳ן לעצטען בעל עגלה.

ווי אזוי די עמיגראציע האָט געווירקט אויפ׳ן בעל עגלה,—
דאָס קענט איהר זעהן בעשיינפערליך טאַקע פון מיין בעל עגלה,
מיט וועלכען איך בין געפאָהרען פון קליין־ און גרויס־נאַוואַ־
גרודאָק.

אזוי ווי אלע בעלי עגלות האָט ער אויך בעקומען די בויד
מיט די סוסים בירושה פון עלטער־עלטער־זיידעס. נאָר א ברודער
זיינער האָט אין סאָלדאטען געמוזט געהן, איז ער אין ענגלאַנד
אוועק און דאָס האָט געמאַכט א רעוואָלוציע אין דעם בעל עגלה׳ס
לעבען.

דער ברודער איז געווען דאָ א גוטער סטאָליער. אין ענג־
לאַנד איז ער ביסלעכווייז געוואָרען א מאַנופעקטשורער פון פיאַ־
נאָס. איז רייך. האָט איינער נאָך דער אנדערער אראָבגעבראַכט
אהין זיינע שוועסטער־מיידלאַך. האָט זיי פריהער געלערנט אין
סקוהל. דערנאָך צוגענומען צו די ביזנעס. דערנאָך חתונה גע־
מאַכט. גע׳פטר׳ט די שוועסטער, האָט ער זיך גענומען אריבער־
פעקלען זיין ברודערס קינדער איינס נאָך ס׳אַנדערע. יעצט זע־
נען, ביי מיין „בעל עגלה“ מעהר ניט געבליבען, ווי צוויי יונגערע
מיידלאַך. זיי ארבייטען דאָ ביי גילזעס און פאַפּיראָסען. נאָר
באַלד דארפען אָנקומען שיפקאַרטעס פון ברודער פאר זיי אויך,
און ער וועט בלייבען „דזעד דאָ באבא“.

איבריגענס איז ער נאָך אין די בעסטע מיטעלע יאהרען.
ווען ער בלייבט „דזעד דאָ באבא“ פערקויפט ער דעם „וויסען“
מיט דעם „ברוינעם“, שפּאַן און בויד און פּאַקט זיך צום ברו־
דער אין ענגלאַנד. ביים ברודער וועט ער זיין דער גאַנצער אויפ־

זעהער. דער קאסירער און וועט מאכן א פיינעם לעבען, האבען אדום זיך זיין גאנצע געזינד.

— באס, זאגט מיין בעל עגלה, אי דאנ׳ קער פאר דהי דזשאב, (נאר מיך ארט ניט די שטעלע). איך וועל שוין מיין שטערטעל קענען באשטעהן. פאר מיין שטוב און גארטען מיט די איבריגע בעל הבתישקייט וועל איך האבען א פאר טויזענד רובל.

פון מיין „בעל עגלה׳ס" ענגליש שטויסט איהר זיך אן, אז ער אליין איז שוין אויך געוועזן איבער׳ן ים. דאס איז פילייכט דער איינציגער בעל עגלה, וואס האט געוואגט צו שיידען זיך מיט זיין קעלניע אויף א לענגערע צייט. געפאהרען איז ער ניט צום ברודער, נאר דוקא אין אמעריקא. די געשיכטע פון זיין עמיגראנטען־לעבען איז גאנץ אינטערעסאנט.

געקומען אין ניו יארק איז ער געווארען א מאלער. האט זיך געפלאגט א יאהר צייט פאר דריי דאליארעס א וואך. דערפון האט ער נאך געדארפט שיקען דער ווייב. ענדליך האט ער געקראגען א „דזשאב" אין די בראנקס. (העבערער און רייגערער מייל שטאדט אין ניו־יארק) ביי א וואלינער בילדונגס־פיינטער. (מאלער ביי געביידעס). האט זיך צוגעלערנט די ארביים, געווארען א פארמאן (אויפזעהער) און געמאכט זיינע 17 דאל. א וואך. דאן איז ער פון זעליק געווארען „דזשייק", האט אראבגענומען די וויסקע. (בארד). אויסגעפראנטעוועט זיך אין א פיינעם סוט, (קאסטיום) און א דריי דאלערדיגען העט, (הוט) און גלאווס (הענטשיקעס) און איז געווארען א גאנצער „דענדי." (פראנט). ער פלעגט געהן מיט׳ן באס שבת שפאצירען. דער באס מיט דער פרוי געארמט און ער מיט זייער טאכטער. ער איז געוועזן ביי זיי בארד (טיש און קווארטיר). „איהר קענט זיך פארשטעלען, ווי גוט מיר איז געוועזן, — דערצעהלט ער מיר, — אז מ׳פלעגט מיר צוטראגען די קאווע אין דער פריה, ווען איך פלעג נאך ליגען אין בעט."

פון דעסטוועגען האט ער זיך פארבענקט נאך זיין בויד. עפעס איז דארטען אויף דער קעלניע רוהיגער און זיכערער, ווי

אויף די סקעפּאַלדס, (ריסטעוואַניע.) צעהן פלאָר (שטאָק) די הויך. אין איין שעהנעם פרימאָרגען קומט ער צום באָס.

— מיסטער באָס, אי וואַנט טו גאו טו דהי אָלד קאַונטרי. (איך וויל פאָהרען א היים.)

יענער איז געוואָרען איבערראַשט.

— ווהאַט ד׳ העל אָלד קאַונטרי? ! (וואָס צום טייוועל, אהיים!) שטעלט ער אוים א פּאָר אויגען. — ברינג היר יור פעמילי, יו׳ל בי אָלרייט, יו׳ל מייק ע גיים ליווינג. (ברענגט אהער אייער פאַמיליע, איך וועט זיין גוט, איהר וועט מאַכען א פיין לעבען).

נאָר „דזשייק" האָט ניט געהערט. איינגעקויפט דזשולעריי (צירונג) און פּרעזענטען פאר ווייב און קינדער, פערלאָזען די וויסקע און געקומען א היים. געבראַכט קעש (מזומן) 13 הונדערט דאָלער. געקויפט א פלאַץ, געשטעלט א הויז, פערשאַפט זיך א פּאָר פיינע סוסים און — ווידער אויף דער קעלניע.

דזשייק דער בעל עגלה דערמאָהנט פון דעסטוועגען אמעריקא מיט רעספּעקט. נאָר מעהר ליעב האָט ער זיינע סוסים.

— איהר זעהט, זאָגט ער, אַט דעם גניעדען! וויפיעל מיינט איהר קאָסט ער?

איך האָב זיך פערקלערט, ווי זוכענדיג א סומע, וואָס זאָל זיין פּאַסענד פאר ברוינעם׳ס כבוד, און האָב ענדליך געמעלדעט, אז איך בין ניט שטאַרק בע׳הבנ׳ט אין „הלכות סוסים".

— מיט דרייסיג! — האָט ער טרומפירענדיג אויסגעשריען.

דאָס האָט געהייסען, אז איך האָב געדאַרפט צולעגען הונדערט צו די דרייסיג.

— געקויפט האָב איך איהם, זאָגט ער, מיט א האלב יאָהר צוריק, הויט און ביינער. ער איז אלט אין גאַנצען פינף יאָהר. ער איז נאָך ניט קיין איינגעגעסענער. א יאָהר דאַרף שטעהן א פערד אויף האָבער, דאַמאָלס בעקומט ער קיילעכדיגע זייטען, ווערט אן איינגעהאַבערטער. איהר זעהט דעם ווייסען...

און א לאנגע צייט האט ער מיר דערצעהלט די ביאגראַ־פיע פוןביידע סוסים, דעם גינאדען מיט'ן ווייסען, אונטער־שמייסענדיג זיי פון צייט צו צייט, נאר מיט דער שפיץ בייטש און אונטערנוקענדיג — ביידע זאכען אויף צו כלומרשט. אויף וואס די פערד האבען געענטפערט מיט א טרייסעל מיט די זייטען און א פערצויגענעם הירזשען, וואס דאס האט געהייסען אויף זייער לשון: מיר פערשטעהען, מיר פערשטעהען, און זענען זיך געגאנגען זייער פוילען שפאצירגאנג...

דעם קרעטשמערם דראמע.

אין דער קולטור־געשיכטע, און דער געשיכטע בכלל, פון
די רוסישע יודען שפילט דער קרעטשמער זעהר א וויכטיגע
ראליע. און ער טאקע בעוויזט אונז איצט בעשיינפערליך, ווי
אזוי די רוסישע רעוואלוציע האט אריינגעדרונגען אין אלע ווינ־
קעלאך פון יודישען לעבען און האט אומעטום אלץ איבערגע־
קעהרט קאפויר.

שטעלען מיר זיך פאר דאס לעבען אין רוסלאנד מיט א
50—60 יאהר צוריק, ווען אין גאנץ פוילען, ליטא און זיד רוס־
לאנד איז נאך ניט געווען קיין באהנען, איז זיך אונמעגליך
פארצושטעלען א וועלכען עס איז קולטורעלען צושטאנד אהן דעם
יודען. ווען ניט דער יוד, וואלט דער פריץ, צוזאמען מיט'ן פוי־
ער, צוזאמען מיט'ן קרוין־בעאמטען ניט געקענט עקזיסטירען
איין טאג. זיי וואלטען אריינגעפאלען אין דעם ווילדעסטען צר־
שטאנד פון פארצייטיגער בארבאריי.

דאס איז נאך אבער ניט גאר. ווען איהר פאהרט דורך מיט'ן
אקס, אפילו איצט, א גאנצע רייה יודישע שטעדטלאך, און איהר
גיט א קלער: וואס וואלט צ. ב. געווען, ווען דער ציוניסטישער
אדער טעריטאריאליסטישער פלאן וואלט זיך איינגעגעבען אין
דעם אידעאלען זין. ד. ה. ווען עס וואלט מעגליך געווען אין איין
שענעם פריהמארגען אריבער פעקלען אלע יודען פון רוסלאנד
אין פאלעסטינא צי אוגאנדע? ווען עס פאלט אייך איין, א שטוי־
גער, אזא שאלה — וואלט קיין אנדער ענטפער ניט געקענט זיין

ווי ד ע ר : „די רוסישע רעגירונג מיט דעם אדעל, מיט דעם פויער, מיט דעם שטאָדטיגען גוי, מיט מענשיקאָוו'ן, מיט פּור־רישקעוויטשען אָן דער שפּיץ, וואָלטען יודען צו די פיס געפאַ־לען, וואָלטען מיליאָנען בעצאָהלט, וואָלטען אַלע רעכט און פּרי־ווילעגיעס געגעבען, מ'זאָל ביי זיי כאָטש א מנין יודען צור־ריקלאָזען, אלס פלאַנץ־מאַטעריאַל פאר א נייער יודישער בע־פעלקערונג. מיר קענען אָט דעם געדאַנק אָננעהמען ערנסט אפילו אין בעצוג צו מארקאָוו דעם צווייטען, מענשיקאָוו'ן און פּוריש־קעוויטש'ן. ניט דערפאַר, וואָס אָהן יודען וואָלטען אָט די לייט זייער קאַריערע, אלס אָפּיציעלע יודען־פרעסער פערלאָרען. נאָר פּשוט, ווייל אלס פּריצים, וואָלטען זיי אין גאַנצען שוצלאָז גע־ווען. א פאַקט איז, אז די גרעסטע יודענפערפאָלגער האָבען אין זייערע אייגענע געשעפטען מיט יודען זעהר גוט געלעבט. איגנאַטיעוו האָט פּאָגראָמען אויף יודען געמאַכט און אַלע זיינע גיטער און געשעפטען האָט ער דורך יודען געפיהרט. און בשעת טויזענדער יודען האָט מען, א דאַנק זיין צירקולאַר, פון די דער־פער געיאָגט, זענען אויף זיינע ערד יודען רוהיג געזעסען.

דער לעזער האָט געזעהן, וואָס פאר א בעדייטונג דער פּראָסטער יודישער בעל עגלה האָט אלס „קולטור־פיהרער" אין יודישען תחום. אונענדליך העכער איז, אין אָט דער הינ־זיכט, דער ווערט פון'ם יודישען קרעטשמער. ער איז געוועזן דער אמת'ער קולטור־טרעגער און קולטור־פיהרער. דער איינציגער שטראַהל פון ליכט אין דער ארומיגער פינסטערניס פון דאָרף און שטעדטעל אין גאַנץ פּוילען, ליטא און וואָהלין פאר הונ־דערטער און הונדערטער יאָהרען.

ביי שלום אש'ן האָבען מיר א שענע שילדערונג פון דעם יודישען קרעטשמער. א חוץ איהם האָבען מיר, אפילו פון דער פּאָעטישער זייט, כמעט קיין ריכטיגען בילד ניט פון אָט דעם טיפּ יודען. די קולטור־געשיכטע פון די רוסישע יודען האָט זיך ערשט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע גענומען שאַפען. ווען אפילו אין דעם ביסעל רויהען מאַטעריאַל האָט איהר זעהר ווע־ניג, כמעט גאָר נישט, וועגען דעם יודישען קרעטשמער. דערפאַר פערנעהמט ער א שענעם פּלאַץ אין דער לעגענדע פון יודישען

תחום, איבערהויפט צווישען די למדר'וואוניקעס, בעהאלטענע צדיקים, קדושים, רעטער אין צייטען פון גזרות און צרות. און אט די לעגענדעס זענען אן אבשפיגלונג פון דער ווירקליכקייט. די סאמע כאראקטעריסטישע פון אט דעם מין זענען, אהן א צווייפעל, די לעגענדעס וועגען ר' שעיה זוכאוויצער. אין דעם גויאישען ווערטעל „גדזע שאיא כאדזי, טאם זשיטא ראדזי" (וואו שאיע געהט, דארט איז א גערעטעניש פון ברויט). ווערט אויסגעדריקט די אבשאצונג פון דעם אונגעקינסטעלטען וויים־רוסישען פויער דעם יודישען קרעטשמערס קולטורעלען ווערט.

דער ראנדאר, דער קרעטשמער איז געווען דעם פריץ'ס בעל יועץ, געשעפטס־פיהרער, לעהרער און וועגווייזער אין אלע אנגעלעגענהייטען פון לעבען. דאס זעלבע איז ער אויך געווען פאר'ן פויער. און, נאך מעהר: די קרעטשים איז געווען און איז נאך יעצט דעם פויערס קלוב, דער ארט, וואו ער פער־ברענגט געזעלשאפטליך, וואו דער דונקעלער פויער האט געקענט זעהן אן אנדער וועלט, ברייטער און ליכטיגער, ווי זיין אייגענע.

ס'פארשטעהט זיך, מ'דארף די קרעטשים ניט אידעאליזי־רען. אין דער קרעטשים האט דער פויער בראנפען געטרונקען, האט דארט ניט זעלטען זיין פעלץ פער'משכונ'ט. נאר אין דעם איז פונקט געווען אזוי שולדיג דער קרעטשמער, ווי דער פויער אליין. אין דעם איז שולדיג געווען ביידענס, אי דעם יודענס, אי דעם פויערס עקאנאמישע און קולטורעלע אונבעהאלפענקייט. ווען דער שענק האט דעמאראליזירט דעם פויער, האט ער נאך מעהר דעמאראליזירט דעם שענקער אליין, האט זיין נשמה אויף שטיקער צעריסען. דער שענק איז מעהר געווען א טראגעדיע דעם קרעטשמערס, ווי א פרנסה.

אין גייסטיגען און מאראלישען זין, איז דער קרעטשמער אמאל געשטאנען זעהר הויך. דער שיקזאל האט איהם, א מענ־שען מיט א טויזענדיעהריגער הויכער קולטור, אריינגעווארפען אין א פינסטערע ספערע פון האלב ווילדע ברואים, צוגעשמידט איהם צו פעסער מיט בראנפען, געצוואונגען איהם מיטווירקען אין שכרות, בשעת ער אליין האט גענומען א גלעזעל בראנפען

בלויז פון שבת צו שבת; בשעת איהם אליין האבען געעקעלט די אלע סצענעס, פון בעטרונקענהייט, פון געשלעג, פאר וועלכע ער האט געמוזט זיין הויז אבגעבען. די דראמע פונ'ם פויערס לעבען האט ער ניט געקענט פערשטעהן. ווייל ער האט זיין אייגענע דראמע ניט פערשטאנען. אבער וויפיעל קאמפף מיט דער אייגענער נשמה האט ער געמוזט אויסשטעהן, אום זי, די נשמה אבצוהיטען פון דער טיעפער פינסטערניס, וואס ארום האט געהערשט. דער ראנדאר האט שטענדיג געהאלטען פאר זיינע זיהן די בעסטע מלמדים, פאר זיינע טעכטער איידימס לערנער גענומען. אליין פלעגט ער אפט זיצען גאנצע נעכט און לערנען. זיין טאכטער, וואס האט די בראנפען געמאסטען, און ביז'ן האלז אין בלאטע און שמוץ געשטאנען, איז זי דאך געבליבען איהר גאנצע יוגענד א מוסטער פון צניעות. וויפיעל נשמה־קאמפף האט מען געדארפט דערביי אויסשטעהן! וואס פאר א גרויסע מאראלישע קרעפטען מ'האט געדארפט בעזיצען אין דער נשמה!

ביז היינטיגען טאג איז דעם קרעטשמערס פאמיליע אפט די ענטוויקעלטסטע, די איידעלסטע אין שטעדטעל. פון אויסען ליגט נאך אויף דער קרעטשים די רוהיגקייט און דער וואוילשטאנד פונ'ם פאטריארכאלען יודישען לעבען. קיין קאנקורענט פון קריסטען, אזוי ווי דעם יודישען קרעמער, איז ניטא און וועט נאך לאנג ניט זיין.

און דאך איז קיין שום ספק ניט, אז די יודישע קרעטשים דערלעבט איהרע לעצטע יאהרען.

די סבה פון דער קרעטשים'ס חורבן איז ניט קיין עקאנאמישע נאר א קולטורעלע. און דאס האט געווירקט די רוסישע רעוואלוציע און, הויפטזעכליך, די עמיגראציע. דער קרעטשמער לעבט נאך איצט אויך בעסער פון די מעהרסטע קליינשטעדטעלדיגע יודען. אפילו דער דארפישער קרעטשמער ליידט ווייניגער פון די ארויסטרייבונג־גזרות, ווייל ער איז פון די אלטע איינוואוינער. דעם קרעטשמער טרייבט פון זיין אלטען, איינגעזעסענעם נעסט די גייסטיגע בעדערפעניש צו א געזעלשאפטליכען לעבען, די העכערע קולטורעלע ענטוויקלונג, די שטרעבונג צו

מאכען א סוף צו די רייסענעם אין זיין נשמה, די שטרעבונג צו זוכען א וועלכע עס איז היים. ווארום ווען א יוד האט אין רוס־לאנד קיין היים ניט, האט זי נאך וועניגער פון יעדען יודען דער קרעטשמער געהאט; ווען זיין שטוב איז שטענדיג געווען א סטאנציע פאר וואנדערער, איז זי, זיין שטוב, פאר איהם אליין קיין מאל קיין זיכערער נאכטלעגער ניט געווען.

דער יודישער קרעטשמער שטעהט מיט איין פוס אין אמעריקא. נאך מעהר ווי דעם בעל עגלה'ס האט די עמיגראַ־ציע זיין פאמיליע צעריסען. אין יעדער קרעטשמע, וואו איך בין פערפאהרען, זענען די ווענד אויסגעהאנגען מיט אמעריקאנער „פיקטשורס". די קינדער, וואס זענען ניט אין אמעריקא, לעבען אין רוסלאנד, אין די גרעסערע שטעדט. דעם קרעטשמערס א קינד, וואס פערזוכט נאר א ביסעל וועט פאר קיין פאל ניט בלייבען אין קרעטשמע. עס מעג זיך דארט גיסען מילך און האָ־ניג. עס ציהט איהם אין דער פרייער, ברייטער וועלט.

די קרעטשמע אלזא ווערט חרוב ניט צוליעב עקאנאמישע סבות, נאר צוליעב קולטורעלע. די יודישע יוגענד, אפילו פון דער קליין שטעדטעל, איז איבערגעוואקסען דעם שענק. דער צו האט זי בעקומען ברייטערע סאציאלע בעדערפעניסען, וואס דאס קרעטשמע־לעבען קען ניט בעפרידיגען. פון אויבען, אין דער קרעטשמע, איז נאך כמעט אלץ אזוי פאטריארכאל, ווי מיט הונדערט יאהרען צוריק. די פאעטישע רוהיגקייט ווערט אבער באלד פערשוואונדען, ווי נאר איהר רעדט זיך אביסעל פונאנדער מיט דעם קרעטשמער, מיט דער קרעטשמערקע, אדער — נאך מעהר — מיט זייער א קינד. עס עפענט זיך פאר איי־ערע אויגען א דראמע, וועלכע איז נאך דערווייל שטיל, אבער שארף און טיעף: די אייביגע דראמע פון דער צעריסענער יודי־שער נשמה.

„ראבטשיק" און „בורילע".

— אוועק דו, ראבטשיק! כאפסט גליך מיט א שטעקן...
— וואו, דו, בורילע, איך פּלעט דיר דעם מוח...
— ראבטשיכע! א ברעכענעם אין די זייטן!...
— בוריליכע, א קלאָג צו דיין קאָפּ!...
— בורילוק! קע—קע—קע!...
— ראבטשיקל! פּי—פּי—פּי!...

ראבטשיק און בורילע, בורילע און ראבטשיק — פּילט אַן די לופט, די גאסען, די הייזער, אויף יעדען טריט, אין ראקאוו און ווייט, ווייט ארום אויסער ראקאוו.

ווער איז ראבטשיק און בורילע? וועט פרעגען דער לעזער.

ווער איז ניט „ראבטשיק" און „בורילע" אין ראקאוו וועל איך איהם פרעגען.

גאנץ ראקאוו איז צוטיילט אין צוויי לאַגערן: „ראב־טשיקעס" און „בורילעס". ניטאָ קיין איין יוד אין ראקאוו, וואס זאל ניט זיין: אדער א „ראבטשיק", אדער א „בורילע". ניטאָ קיין איין יודענע, וואס זאל ניט זיין: אדער א „ראבטשיכע", אדער א „בוריליכע". ניטאָ קיין איין יונגעל, וואס זאל ניט זיין — דער א „ראבטשיקל"־פּי־פּי־פּי..." יענער א „בורילוק"־קע־קע־קע..."

קינדער אין די וויגען זענען צוטיילט אויף „ראבטשיקעס" און „בורילעס".

דער לעזער לאכט. אבער ביי ראקאווער יודען איז דאס

גאר ניט קיין געלעכטער. אין אנדערע שטעדטלאך „ברענט" און אין ראקאוו פלאקערט. אין אנדערע שטעדטלאך קריגט מען זיך, אין ראקאוו פליהען שטעקענס, שטיינער, שויבען. עס איז דא מקוים געווארען די קללה פונ'ם נביא: א טאטע שטעהט אויף קעגען זיין זוהן און א זוהן קעגען טאטען, א מאמע אויף א טאכטער, א שנור אויף א שוויגער. ברידער און שוועסטער ליי־גען אין די האר. סטראזשניקעס מוזען זיי צונעהמען. עס לויפען מסירות נאך מסירות.

— גוואלד, וואס איז דאס געווארען מיט ראקאוו!

— א בייזע „עין הרע" האט אונז אויפגעגעסען!

— א קללה פון גאט האט זיך אויסגעגאסען...

אט אזוי זאגען ראקאווער יודען, ווען זיי שטעלען זיך אב אויף א מינוט און בעקלערען, וואס איז דאס געווארען מיט זיי. אבער זיי קענען זיך ניט העלפען. און ווייטער:

— ראבטשיק!

— בורילע!

— בורילע!

— ראבטשיק!

א בייזע „עין הרע" האט אויפגעגעסען ראקאוו.

„איכה" היתה לזונה קריה נאמנה?... ווי אזוי איז געוואר־רען אזוינע די טרייע, גאטספארכטיגע שטאדט ראקאוו, קלאגט זיך מיר א יוד מיט'ן לשון פון פסוק. ראקאוו, וואס האט הונ־דערט יאהר ניט געברענט, ניט אין דעם פשוט'ן זין, ניט אין דעם זין פון מחלוקת. ראקאוו, וואס האט געהאט דעם גאון ר' אלעזר רוקח, דעם גאון ר' רפאל האמבורגער! ראקאוו! וואס האט געהאט דעם מופת הדור ר' חיים'ל! ר' אברהם יצחק'ל! וועלכער איז אבגעווען רב אין ראקאוו דריי און פופציג יאהר נאכאנאנד.

ראקאוו איז געווען א מוסטער־שטעדטעל פאר אלע שטעדט און שטעדטלאך פון דער גאנצער וועלט. אומעטום — ברענט... ניטא דער זומער, וואס זאל ניט זיין קיין שרפות. רא־קאוו וויים ניט פון פייער, שוין הונדערט יאהר. און דאס האט זי צו פערדאנקען נאר איהרע רבנים.

אזוי וועניגסטענס גלויבען ראקאווער יודען, און, אפילו ראקאווער גויים, להבדיל.

מיט הונדערט יאהר צוריק, דערצעהלט מען אייך אין ראקאוו, בשעת מ'האט דעם „שאגת אריה" פון מינסק אויף אקסען ארויסגעטריבען, איז דער הייליגער צדיק אין ראקאוו געקומען. דא האט, מען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד. דער גרויסער גאון האט שיידענדיג זיך מיט ראקאווער יודען, זיי געבענשט, אז זייער שטעדטעל זאל קיינמאל ניט ברענען.

שוין הונדערט יאהר, ווי ראקאווער רבנות ליגט אין איין הויז, וואס פיהרט זיין יחוס אזש פון מהר"שא. נאך ר' רפאל האמבורגער איז דא געווען רב ר' איצעלע. נאך ר' איצעלעס טויט איז געווארען רב זיין זוהן ר' חיים'קע. דאס איז געווען אליין פון זיך פערשטענדליך. ר' חיים'קע איז עטליכע צעהנדליג יאהר געזעסען אויף דעם „שטוהל פון רבנות". ער איז געווען זעהר געאכט און געליבט ביי שטעדטעל. ער האט קיין זוהן ניט געלאזען, נאר אן איידעם, זעהר א יונגען, צוואנציג יאהר אלט, וואס איז געבארען געווארען בלויז מיט איין האנד, האט שוין אבער געהאט סמיכה אויף רבנות. בשעת ר' חיים'קע האט געהאלטען ביים שטארבען, האט ער געבעטען רופען צו זיין בעט עטליכע געהויבענע באלעבאטים פון שטעדטעל און האט זיך געווענדעט צו זיי בזה הלשון:

„איך וויים, אז אין שטעדטעל זענען פאראן גרעסערע לומדים פאר מיין איידעם, נאר „משום כבוד בית אבא" פערלאנג איך פון אייך, ער זאל זיין א „ממלא מקומי". איך האף, איהר וועט זיין פון איהם צופרידען. און טאמער פעהלט עפעס אין איהם, נעהם איך און זיין טאטע, וואס איז געווען א צדיק, אויף זיך. און בזכות דעם וועט אייך גאט בעהיטען פון שרפות און מגפות רחמנא לצלן."

שטעדטעל האט געפאלגט. דערפאר האט זיי טאקע גאט געבענשט. דריי און פופציג יאהר איז דער רב ר' אברהם משה, מיט איין האנד, געזעסען אויף זיין שטוהל, געווען געליבט און געאכט ביי שטעדטעל פונקט ווי זיין שווער, ווי זיין עלטער

שווער. די גאנצע דריי און פופציג יאָהר האָט שטעדטעל ניט געברענט, ניט פון פייער, ניט פון מחלוקת.

דער דאָזיגער רב האָט אבער נאָך זיך ניט געלאָזען ניט קיין זוהן, ניט קיין טעכטער — מיידלאָך. נאָר איינינקלאָך האָט ער געלאָזען. פון זיי איינע — א מיידעל.

פאר זיין פטירה, — זענען אריין צו איהם עטליכע געהויבענע באלעבאטים און געפרעגט איהם: וואָס האָט ער עפּעס איבערצוגעבען שטעדטעל. דער שטארבענדער רב האָט געזאָגט, אז ער האָט גאָר נישט איבערצוגעבען שטעדטעל. אלע ווייסען, אז אן ארימאן איז ער אהער געקומען, אן ארימאן געהט ער אוועק פון דאנען. נאָר — האָט ער צוגעגעבען — אויב מ'וועט געפינען פאר זיין אייניקעל, דאָס מיידעל, א יונגען מאן, וואָס וועט זיין ראוי לרבנות, בעט ער, אז מ'זאָל איהם געבען די בכורה.

שטעדטעל האָט אזוי געטאָן. מ'האָט געשיקט, נאָך דעם רב'ס פטירה, א פאר יודען אין סלאבאָדקע און דאָרטען געקראָגען א שענעם יונגען־מאן — דעם דאלאטשיצער עלוי — און מיט מזל געשריבען תנאים מיט דעם אלטען רב'ס אייניקעל. נדן איהם געגעבען א „כתב רבנות". דער יונגער רב האָט שבת געהאַלטען אין בית המדרש א פיינעם דרוש וועגען דעם, ווי גרויס עס איז די זינד צו גאַלען די באָרד. שטעדטעל איז געוועזען זעהר געריהרט פון דעם דרוש. מ'האָט געפראוועט א פיינע חתונה און אלץ איז שוין געוועזען אוועק אויפ'ן אלטען פרידליכען ראקאווער שטייגער. עס איז געוועזען שמחה וששון. אבער...

דער שטן האָט ניט געשלאָפען... ער האָט ניט פערגונען, אז אין גאנצען יודישען תחום זאָל נאָר זיין איין שטעדטעל, וואו די הייזער ווערען צופוילט און פאלען איין פון אלטקייט און ניט פון אונטערגעלעגטען פייער; וואו יאָהר־איין און יאָהר אויס געהען יודען צו שלישי, צו שישי, צו „אתה הראית", צו „חתן בראשית" און „חתן תורה" און דערביי שיטען זיך ניט קיין זלזולים און ס'האָגעלט ניט מיט קלעפּ. ער האָט ניט פערגונען...

א בייזע אויג האָט אויפגעגעסען ראקאָוו. פון וואנען דער פייער איז געקומען געדענקען ראקאווער יודען ניט אקוראט.

אפשר האבען זיך איצט געפונען יודען, וואס ביי זיי איז דוקא א חסרון, וואס ראקאוו ברענט ניט?... נאך א שרפה — זאגען דאך יודען — ווערט מען רייך... אפשר האט זיך דא אריינגע־מישט פאליטיק?.. אפשר האט זיך גלאט א טייל ראקאווער באלעבאטים פערוואלט א „פרישע בולקע“?...

ס'קען זיין, אז אלע דריי סבות האבען געווירקט צוזאמען. אלענפאלס וויים מען, אז עס זענען דא באלעבאטים, וואס זיי וואלט גאר ניט געשאדט, ווען דער „רויטער האהן“ זאל זיך אביסעל דורכשפאצירען איבער זייערע אלטע הייזלאך. ס'איז אויך בעוואוסט, אז די ערשטע אפאזיציע צום נייעם יונגען רב שטאמט פון די עטליכע באלעבאטים, וואס האלטען זיך פאר לומדים און די אלטע רביצין האט ניט זיי, נאר אנדערע געשיקט אויף מבינות אין סלאבאדקע — פארהערען דעם חתן.

ווי די מעשה איז — עס ברענט און עס קאכט אין ראקאוו. אז דער אויבערשטער זאל רחמנות האבען. די היסטאריע, ווי אזוי די „אפאזיציע“ האט אראבגעבראכט איהר קאנדידאט; ווי אזוי ער איז אריינגעפאהרען דעם ערשטען מאל אין שטעדטעל אין צוויי טעג ארום נאך דעם יונגען רב'ס חתונה; ווי אזוי מ'האט איהם געבראכט מיט סטראזשניקעם אין שוהל אריין; ווי אזוי מ'האט איהם ניט געוואלט מאכען „מי שברך“ (אזא הונט „מי שברך“?! האבען דעם יונגען רב'ס צדדים געשריען): ווי אזוי מ'האט דעם ערשטען מאל זיך געשלאגען און די שויבען פון „בית המדרש“ געבראכען; ווי אזוי מ'האט דעם איספראווניק גענומען פאר אן אויסגלייכער צווישען די שטרייטענדע צדדים; ווי אזוי מ'האט דעם עלטערן רב געקרוינט מיט'ן נאמען „בורי־לע“, ווייל ער האט א פראסטען ישוב'ניק פאר א שווער, און זיינע חסידים האבען דעם יונגען רב א נאמען געגעבען: „רב'ל“ „רעבטשיק“ און דערנאך — „ראבטשיק“; ווי אזוי גאר אין גיכען איז גאנץ שטעדטעל מיט קינד און קייט צוטיילט געווארען אין „ראבטשיקעס“ און „בורילעס“; ווי אזוי שטעדטעל איז צוטיילט אין צוויי משפחות, צוויי בלוטפיינדליכע פארטייען — בית המדרש פאליטיקער: „קושעלעווטשיקעס“ און „פריסצינערס“; ווי אזוי די ערשטע (זייערע סמנים: נידריגע, זוואווינקע, שמאל־

פנים'דיגע און קליינבערדעלדיגע; ריידען אויף גיך) האלטען אין איין שרייען: „אט לויפען מיר צום גובערנאטאר!" און די צווייטע (דיזעלבע סמנים, נאר געלע בערדלאך), האלטען אין איין בונטעווען און שמ'ען פאר שטעדטעלדיגע עזות פנימער; ווי אזוי יצחק יעקב דער „גדול" (אזוי רופט מען איהם פאר זיין הויכען און גראבען וואוקס). דער אויביגער דעפוטאט אין מיעס־טשאנסקע אופראווע, פאנאגראף פון די קושעלעווטשיקעס האלט אין איין פילדערן, אז ער געהט מסר'ן (ס'איז נאר גער־רעדט); ווי אזוי איין קושעלעווטשיק'ס ווייב (עטליכע ווייבער זענען אריבער צו דער אפאזיציע) האט בעגעגענט דעם צווייטען רב מיט א שטעקען, די צווייטע מיט א ווילקע, די דריטע אנט־לאפען פון שטוב, בשעת דער רב איז צו איהר געקומען, שריי־ענדיג צום מאן: שלאף מיט'ן רב! ווי אזוי שטעדטעל איז צוריסען פון געגענזייטיגען באיקאט; און די גוים, אפילו די גלחים פון שטעדטעל, וואס זענען, פונקט ווי די יודען, טריי דער טראדיציע, דער הונדערט־יאהריגער הייליגער קייט, ציטערן, אז אט, אט וועט שטעדטעל ברענען: קורץ וועגען דאס אלץ האט מען געקענט אנשרייבען גאנצע ביכער.

ראקאוו איז בכלל רייך אין אריגינעלע טיפען: א חוץ די אויבענדערמאנטע איז דא פאראן: שמעון העלפער א הענדלער, דער חכם פון שטעדטעל און שרייבער. רעדט געצעהלטע ווער־טער. בשעת ער רעדט קנייטשט זיך ביי איהם דער שטערן. ער האט א שם פאר א גרויסען עהרליכען מאן און מ'קלייבט איהם אין שטעדטעל אויף ברירות. ווייטער — הירשעל ציביעס — דער „בירזשעוויק", ד. ה., וואס לייענט זיין גאנצען לעבען נים קיין אנדער צייטונג, ווי נאר די רוסישע „בירזשעוויא וויעדא־מאסטי". שמעון רבקה'ס — דער אמעריקאנער פאטריאט; דער פוילישער פראבאשטש (אויבער־קסיאנדז), א גרויסער „אוהב ישראל", גיט א סך צדקה פאר יודישע ארימע לייט. יודישע קינדער זאגען איהם „גוט מארגען" און „גוט שבת" און ער גיט זיי צוקערקעס.

פײשע דער שנײדער אלס „דזשעק דער בױכשנײדער".

איך מוז זאָגען דעם אמת, אז פײשע דער שנײדער, מײן שכן אױפ'ן דאַטשע, איז מיר ניט קײן לאַנדסמאַן אין דעם אײגענטליכען זין פון װאָרט. װאָרום איך בין, װי איך איז בעװאוסט, געװען אין אמעריקא, און ער — אין לאָנדאָן. דאָך, אזױ װי פאָהרענדיג אין אמעריקא האָב איך, פונקט װי א סך אנדערע עמיגראַנטען, פערבראַכט אביסעל צײט אין לאָנדאָן, דענק איך, אז איך האָב דאָס רעכט, אין א געװיסען זין, צו רופען איהם „לאַנדסמאַן". בפרט, אז, װי ער, פײשע, דער שנײדער, האָט מיר דערצעהלט — און דאָס האָב איך קײן שום גרונד איהם ניט צו גלױבען — איז ער אין לאָנדאָן געבליבען בלױז צופעליג. איהם האָט געפעהלט אױף הוצאות צו פאָהרען װײטער איבער'ן ים. פון דער הײם איז ער ארױס מיט דער כונה צו פאָהרען טאַקע גלײך אין אמעריקא.

בעקענט האָב איך זיך מיט פײשע דעם שנײדער פשוט. איך האָב געדאַרפט א „פאַטשײנקע" אין א בגד. ער איז אױך ניט געװען מײן שכן אין דעם אײגענטליכען זין, נאָר פון אלע שכנים אין שטעדטעל, װאו איך האָב געװאױנט, איז ער געװען דער נאָהענטסטער שנײדער. דאָס שטעדטעל איז אײנס פון די גרױסטע און שענסטע שטעדטלאך אין דער ליטא. די ארבײטער װאױנונגען און די הײזער בכלל, װי די קריסטליכע, אזױ די יודישע, זענען פרײ, ארומגערינגעלט מיט גערטנער און סעדלאך.

אין די הייזלאך איז ריין, צוגעקליבען. אבער פיישע דעם שניי־
דערס האוינונג איז געווען אן אויסנאם. איך בין שוין געווען
אין א היבש ביסעל יודישע „פאלאצען“. אבער אזא „גרוב“
האב איך נים געזעהן. און פאר אזא גרוב האט פיישע דער שניי־
דער געצאהלט צוויי רובל א חודש. פאר די צוויי רובל א חודש,
האט ער געהאט א פארהויז מיט א שטוב. דאס פארהויז איז
געווען א מין שטעלכיל מיט צולעכערטע ווענט, א צולעכערטע
דאך, א צולעכערטע פאדלאגע. אייגענטליך — נים קיין פאדלא־
גע, נאר א שטיינערדיגער, גריבערדיגער בלאטיגער דר'ערד.
אבער אנטקעגען דער סאמע שטוב איז דאס געווען א פאלאץ.
אין דער סאמע שטוב איז געווען אזוי ענג פון שמאטעס, טעפ,
צובראכענע בענקלאך און טישלאך, און דאס אלעס איז געווען
אזוי אנגעווארפען, איבערגעקעהרט און שמוציג, אז ס'האט אויס־
געזעהן, ווי א חורבה נאך א שרפה, צי נאך א פאגראם.

נאר איין סימן איז געווען, אז דא וואוינט א שניידער: א
מאשין. אבער גאט מיינער! וואס פאר א פנים האט די מאשין
געהאט! פיישע דער שניידער איז ביי דער מאשין נים געזע־
סען. עס איז בכלל נים געווען קענטיג אויף איהם, אז ער איז
א שניידער. און איך גלויב, אז אויב ער האט וואס געקענט פון
שניידעריי, האט ער עס שוין לאנג פערגעסען. ווארום פיישע דער
שניידער האט שוין פון עטליכע יאהר כמעט אויפגעגעבען זיינע
חשבונות מיט דעם עולם פון האווענעס און הארוואניע. ער
האט אמאל געהאט אן אייגען שטיבעל, האט ער דאס פערקויפט
פאר א פאר הונדערט רובל. די פאר הונדערט רובל פערלייהט
ער די גוים אויף פראצענט, און דאס טראגט איהם אריין א
פאר רובל א וואך. צו דעם מאכט זיך נאך אמאל זיצען
ביי א קראנקען, תהילים זאגען פאר א גוסס, אוועק פיהרען א
יודישען „בר מנן“ אויפ'ן ווילנער בית הקברות פון משוגעים
הויז, וואס געפינט זיך דא אין שטעדטעל, און נאך אזעלכע זיי־
טיגע האלב־מצוות האלב־פרנסות. דערפון כאפט ער נאך א
וואסער רובל א וואך. און דערמיט לעבט פיישע דער שניידער.

געטראפען האב איך איהם, ווי געזאגט, נים ביי שניידע־
ריי, נאר ביי אן אנדער ווירטשאפטליכער ארבייט. ער האט

געשאבען בולבע אויף וועטשערע. די ווייב האט זיך גע׳עסק׳ט ארום דער הרובע. קיין אויוועז איז דא ניט געווען, און מען האט געקאכט אין הרובע. א מיידעל איהרע, א פנים פון ערש־טען מאן, האט עפעס געפארקעט מיט א נאדעל, זיצענדיג אויפ׳ן טיש.

אז איך האב פיישען געמאכט מיין פארשלאג וועגען דער פאטשינקע, האט ער געשיינט אליין איבערראשט, אפנים ער האט שוין לאנג די נאדעל ניט געהאלטען, און אין דעם מאמענט האט ער גאר פערגעסען, אז ער איז א שניידער. ער האט מיך אנגעקוקט עפעס פערוואונדערט, ווי ער וואלט פרעגען: וועלכער משוגענער האט מיר צו איהם אנגעוויזען? נאר באלד האט ער געמאכט א כיטרע לעבעדיגע מינע, און האט געזאגט, אז ער וועט מאכען. איך האב זיך מיט איהם פאנאנדערגערעדט. פיישע האט אויסגעזעהן א יוד פון א יאהר עטליכע און פופציג, א הויכער מיט א ברייטער פלייצע, מיט א פלאכען, ברייטען געזיכט און א ברייטער, אין מיטען גראהליכער בארד. ער האט זיך ניט אבגעריסען פון זיין מלאכה שאבען קארטאפעל. ער האט גערעדט שאבענדיג און וויצלענדיג איבער זיך, איבער די ווייב, וואס האט זיך אלץ געפארקעט ארום דער הרובע און רוגז׳דיג אריינגעבראקט, אמאל אווארט, ניט קוקענדיג אויף איהם. בכלל האט ער אויסגעזעהן א פרעהליכער לעבעדיגער יודעל, וואס וויים א וועלט און ווערט פון קיין זאך ניט נתפעל. נאך נעהענטער איז געווארען אונזער בעקאנטשאפט מיט איהם, בשעת ער האט מיר אבגעבראכט די זאכען און די „בורציכע", די ווייב איז דערביי ניט געווען. דא האט ער אריינגעבראקט אין געשפרעך דאס ווארט „רומס", און דערפון האב איך פערשטאנען, אז מיר זענען „לאנדסלייט". איך האב איהם אנגעהויבען פערנאנדער־צופרעגען: ווי קומט ער צו די „רומס" און האב איהם געזאגט, אז איך קען אביסעל ענגליש, און וויים וואס איז „מיסטער" און „פארניטשור" און „אל־רייט". דאס האט איהם הנאה געטאן און ער האט מיר אויף זיין שטויגער, האלב הומאריסטיש, האלב ערנסט, דערצעהלט די געשיכטע פון זיין עמיגרירען און קומען צוריק.

— איינמאָל, מיינט איהר, בין איך געווען אין לאָנדאָן?
פיער מאָל בין איך געווען אין לאָנדאָן! אַ בעטרעף האָט דאָס ביי מיר געהאַט אַ כאַפּ צו טאָן זיך אין לאָנדאָן! אַזוי ווי אַ פאָהר צו טאָן פון ווילייקע אין ווילנע. און פאָהרען האָט מיר נאָר געקאָסט דאָס ערשטע מאָל, ווייטער האָט מיר שוין אַ קאָפּי־קע ניט געקאָסט."

— ווי אַזוי? — האָב איך געפרעגט, אַנקוקענדיג איהם פערוואונדערט. — איהר זייט געפאָהרען, ווי אַ „האָז" אונטער'ן באַנק הייסט דאָס? אַבער אין שיף געהט דאָך ניט אַזעלכע זאַכען.

— עט, וואָס רעדט איהר! איך בין געפאָהרען ווי אַ פּריץ, ד. ה. דעם גרענעץ בין איך, פערשטעהט זיך, אַריבער ניט מיט אַן אויסלענדישען פּאַס. אַבער אין שיף בין איך געפאָהרען, ווי אַ פּריץ, און פאַר מזומן געלד. ווי אַזוי? פרעגט איהר. מען האָט מיך גענומען. אַ בחור, אַ מיידעל, אַ קאָמפּאַניע, וואָס איז געפאָהרען און ניט געוואוסט די גאַנגען אויפ'ן וועג, פלעגען מיך נעהמען אויף זייערע הוצאות, ווארום איך בין שוין געווען קלאָר אין „הלכות עמיגראַנט" ווי אַ יוד אין „אשרי". אי אויפ'ן גרענעץ, אי אין באַד, אי מיט'ן אַגענט, אי אין שיף, אי אַראָב פון שיף.

— פאַרוואָס זייט איהר געקומען, אָדער פלעגט איהר קומען צוריק?

— פאַרוואָס בין איך געקומען צוריק? פרעגט זיך פאַר־וואָס בין איך געפאָהרען? ווי קומט צו מיר לאָנדאָן? ווער האָט געוואוסט פון די מרחקים? איך האָב מיר געלעבט נישקשה, דעמאָלט בין איך געווען כמעט איין שניידער אין שטעדטעל. האָב גענייהט פאַר גוים. האָט זיך געדאַרפט מאַכען אַ צרה.

דאָ האָט מיר פּיישע דערצעהלט די צרה, וואָס איז געווען די סבה פון זיין פאָהרען: ער האָט געהאַט אַ משפט מיט גוים. עפּעס פאַר אַ שטיקעל אַרבייט, וואָס מען האָט פון איהם אָבגע־נומען מיט געוואַלד און ניט געוואָלט בעצאָהלען. פּיישע האָט זיך מיט זיי גע'משפט. אַ פּאָר גוים האָט מען אַריינגעזעצט אין אַסטראָג. דערפאַר האָט מען איהם צוגעזאָגט צו פּטר'ן איהם.

ער האט געמוזט אבציהען. בכלל, האט זיך ארויסגעוויזען פון אונזער געשפרעך, אז פיישע האט אין די יונגערע יאהרען גע־האט אביסעל די מדה פון ישמאעל'ן: „ידו בכל ויד כל בו.“ ער האט זיך געטשעפעט און מען האט זיך מיט איהם געטשע־פעט. ניט איינמאל האט ער געכאפט קלעפ פון די שטעדטעלדיגע יודישע קצבים. פארוואס? פאר קאנקורענץ! וועט איהר דאך פרעגען: ווי קומט א קאנקורענץ צווישען א שניידער מיט קצבים? איז דער תירוץ, אז פיישע האט זיך מיט זיין פרנסה ניט בענוגענט. בשעת עס איז געווען שטיל אין שניידעריי און לעבעדיגער אין מסחר מיט קעלבלאך, האט פיישע אביסעל אונ־טערגעהאנדעלט מיט קעלבלאך.

הקיצור: פיישע האט געמוזט אבציהען און געמאכט פליטה אין לאנדאן. אין לאנדאן האט איהם, לויט פיישעס אייגענע ווערטער, געגליקט. דהיינו: ער האט גלייך געקראגען ארבייט. אויף צוועלף שיללינג די וואך. מיט נאכט־ארבייט האט ער אויסגעארבייט פופצעהן — זעכצעהן שיללינג. דירה האט איהם ניט געקאסט. ער האט גענעכטיגט אין שאפ, אלס וואטשמאן. (וועכטער). שבת האט ער געגעסען ביי א קרוב. קורץ ער איז מעהר ניט געווען א בעל הוצאה ווי דריי פיער שיללינג א וואך. אין א יאהר צייט האט ער אויפגעקליבען א דרייסיג פונט, ד. ה. א דריי הונדערט רובל, און האט אנגעהויבען צו קלערען וועגען פאהרען א היים. די ווייב האט עפעס געטאן אין שטעדטעל און פערדינט אויף דער הוצאה.

גראד זענען די גוים, פאר וועלכע ער האט מורא געהאט, שוין ניט געווען אין שטעדטעל. ער איז געקומען אהיים, געקויפט פאר די עטליכע רובל א הייזעל און ווידער געזעצט זיך צו דער נאדעל, צו האנדלענדיג אין אסיען מיט קעלבלאך.

די שניידעריי איז אבער געווען אין דער ערד, ווארום עס האבען זיך געיאוועט אין שטעדטעל בעסערע שניידער פון איהם. די קעלבלאך וואלטען יא געווען ניש קשה פון א געשעפעט, און מען האט געקענט ציהען פון זיי חיונה, האט ער אבער געהאט אויס־צושטעהן געבראטענע צרות פון די קצבים. „הערסט“ — הא־

בעטן זיי געשריען — „עס איז איהם ווייניג גאר איין פרנסה! פ שניידער זאל זיך גאר מישען אין קצבות.“

בקיצור: מען האט איהם צוגעזאגט צו מאכען מיט א קאפ קירצער.

פאר די קצבים האט אבער פישע קיין מורא ניט געהאט. „איך בין“ זאגט ער „אויך אן עקשן“. מען האט זיך ניט איין מאל געשלאגען, געבלוטיגט. צום סוף איז פיישען פארט מיאוס געווארען. א קאמפאניע בחורים זענען געפאהרען קיין לאנדאן, האט מען איהם מיטגענומען אויף זייערע הוצאות, און ער איז מיט זיי אוועק.

דעם צווייטען מאל איז שוין ניט געווען אזוי גוט ווי דעם ערשטען מאל. מען האט געדארפט דורכמאכען אביסעל „סלעק“. אבער דאך האט ער פערדיענט אי פאר זיך אויף דער הוצאה, אי אונטערגעשיקט דער ווייב; האט אויך אבגעשפארט אין א האלב יאהר צייט עטליכע רובעל. עס האט איהם גענומען ציהען אהיים ווי א מאגנעט.

און ווידער איז פיישע אין דער היים. און ווידער דער איינענער מסחר און צרות מיט די קעלבלאך. דא זענען די קצבים אויף איהם געווארען נאך מעהר אין כעס. זיי האבען גע־וואוסט, אז ער פערדיענט „גוטע געלד“ אין לאנדאן. „טרייבט איהם דער שווארץ יאהר ווידער אהיים צו די קעלבלאך. כאי וואלט ער שוין דארטען א כפרה געווארען“.. האבען זיי גע־טענה'ט. אבער פיישע איז ביי זיך געווארען יעצט שטייפער אין דער דעה און נאך מעהר עקשן. ער האט שוין געוואגט צו קריכען העכער פון א קעלבעל: האט גע'מסחר'ט אן עקסעל, א בהמה־לע...

די קצבים האבען א מאך געטאן מיט דער האנד. זיי האַ־בען פיישען ניט געקאנט ברעכען. פיישע ווידער האט זיך גע־היט ניט צו געהן שפעט ביי־נאכט אליין אין זייטיגע געסלעך. ער האט טריאומפירט איבער זיינע שונאים. עס איז אוועק א האלב יאהר, און פערקווירדיג! פיישען איז אליין דערעסען געווארען דער זיצען אין דער היים. עס האט איהם געצויגען ווי „א מאגנעט“ שוין צוריק אין די מרחקים.

עס האָט זיך ווידער געמאַכט עפּעס א פּאָר יונגע לייט. א חתן מיט א כלה. ווידער האָט מען איהם גענומען אויף זייערע הוצאות, אלס וועג־ווייזער־ספּעציאַליסט אין הלכות גרעניץ. און פּיישע איז א דריטען מאָל געווען אין לאָנדאָן.

עס חזר'ט זיך איבער די זעלבע געשיכטע. פּיישע פאָהרט אין דריי פיערטעל יאָהר ארום ווידער אהיים, און א האַלב יאָהר שפּעטער, איז ער א פערטען מאָל אין לאָנדאָן.

יעצט איז ער אין לאָנדאָן שוין א גאַנצער בן בית. אין מיטען שטאַרבט אין דער היים די ווייב. פּיישע קלערט שוין וועגען בלייבען אין לאָנדאָן און ברייגנען צו זיך די איבעריגע קינדער. איין בחור האָט ער שוין געהאַט ביי זיך.

לויפט זיך איהם אָן א ווילדע געשעהענים. פּיישע דער שניידער פאַלט אריין אין „סטיישאָן", אין פּאָליציי־הויז, הייסט עס, און ווערט געהאַלטען אויף א קייט אלס „דזשעק דהי ריפּער"

— איהר האָט מסתמא געהערט פון „דזשעק דהי ריפּער" — מאַכט צו מיר פּיישע. — דעמאָלט האָט געקלונגען מיט איהם די גאַנצע וועלט.

— געהערט, געהערט, — זאָג איך — ווי־זשע! ווי קומט עס אָבער...

— זאָל איך אזוי ויסען בייז... דעמאָלט האָט מען אין לאָנדאָן פון קיין אנדער זאַך ניט גערעדט, ווי נאָר וועגען „דזשעק דהי ריפּער". דאכט זיך אָט איז ער! אָט כאַפּט מען איהם, און — ואיננו. ער פּלעגט אפילו אָנזאָגען — דערצעהלט מען — דער פּאָליציי פריהער: מאָרגען אזוי פיעל און אזוי פיעל א זייגער וועל איך זיין דאָרטען און דאָרטען. גיט אכטונג!

פּאָלים פּלעגט, פערשטעהט זיך, זיין אויפ'ן אָרט. מען הערט גאָר נישט, מען זעהט גאָר נישט. און — פּלוצלונג, א גוואַלד, אן אויפגעלאָף, מען האָט געפונען אן אלטע פרוי אָדער א יונגע מיידעלע מיט אן אויפגעריסענעם בויך, צושניטען אויף שטיקער. און „דזשעק" איז ניטאָ...

„און — א מאָדנע זאַך! גראָד האָט ער זיינע מעשים צו טאָן אויף „איסט־ענד" אויף מזרח זייט לאָנדאָן אין די יודישע געסלעך, אין יודישע הויפען, און דוקא האָט מען געפונען מיט

צוריסענע בייכער קריסטליכע — פרויען. דאָס האָט שרעקליך אויפגעבראכט דעם פּראָסטען ענגלישען המון, די אַנטיסעמיטי־שע צייטונגען האָבען געשריען, אז „דזשעק" איז געווים א יוד, און יודען בעהאלטען איהם, ווייל זיי דארפען קריסטליך בלוט.

א יוד האָט ניט געקאָנט דורכגעהן די סטריט. איך מיין — אונזערער א יוד, בפרט א גרינער, מיט א וויסקע. איך בין אפילו קיין גרינער ניט געווען, אבער די באָרד האָב איך ניט אראָב־גענומען.

„נו, אמאָל געה איך אין סטריט, מיט דער שער — א לאַנ־גע שער האָב איך געהאט. געה איך אזוי מיט דער שער פון דער ארבייט. פּלוצלונג לויפען ארויס פון א שענק צוויי געזונטע ענגלישע ארבייטער, און גלייך מיט די ווערטער „גאָד־דעם יו שיני" !*) אויף מיר! איינער האָט געהאלטען אן אייזערנעם שטעקען און גיט מיר א בענטש איבער'ן קאָפּ. איך האָב זיך א גליטש געטאָן, האָט ער מיר אין קאָפּ ניט געטראָפען, נאָר אי־בער'ן קארק. דער אנדערער האָט געהאלטען א מעסער. איך בין געפאלען, אוןביידע אויף מיר. ד ע ר מיט'ן שטעקען, און יענער מיט'ן מעסער.

איך זעה: עס איז שלעכט! וויים איך ניט וואָס איז מיט מיר געווען. איך גיב זיך אזוי א שטעל אויף און מיט דער שפּי־ציגער שער גלייך דעם רויטען שכור, וואָס מיט'ן אייזערנעם שטעקען, אין פּנים אריין...

„איך וויים ניט: צי האָב איך איהם אָבגעריסען אן אויער צי דעם נאָז. ער איז געפאלען א בע'דם'טער, ווי א חזיר.

„דער אנדערער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער א מבולבל'ער זיך געלאָזען לויפען מיט קולות: דזשעק! דזשעק, דהי ריפּער! איך זעה, אז דער ליגט א צובלוטיגטער און יענער איז אוועק, לעג איך מיר אריין די שער אין קעשענע און וויל זיך שטילער־הייד אָבטראָגען. גראָד איז נאָך קיינער ארום ניט געווען!

„אָבער איך האָב קיין צייט ניט געהאט אבצולויפען א צוואנציג טריט, זעה איך, ווי עס לאָזט זיך פון אלע זייטען א המון, פון

*) פערפלוכטער יוד.

הונדערטער מענשען מיט קולות: „דזשעק דהי ריפּער!" און אַלע אויף מיר. וואָס טוט מען?... אַט זענען זיי... מען וואָלט מיך אפשר צוריסען אויף שטיקער! גאַר אַהן א גוזמא...

„זענען אַנגעלאָפען פּאָליסלייט און מען האָט מיך גענומען. דער המון האָט זיך א לאָז געטאָן אויף די פּאָליסלייט און גע־וואָלט מיך ארויסרייסען און לינטשען.*) האָבען זיי, די פּאָליס־לייט, מיך פעסט ארומגעטשעפּעט, ווי א ראָד, אגב זענען אונ־טערגעקומען נאָך, און מען האָט מיך, אונטער געשרייען און גע־וואלדען: „דזשעק דהי ריפּער!" „דזשעק דהי ריפּער!" אוועק־געפיהרט אין סטיישאָן. אין סטיישאָן האָט מען מיך אוועקגע־זעצט הינטער א רעשאָטקע און ווער עס איז נאָר געווען דאָרט, לויפט קוקען אויף מיר ווי אויף א בייזע חיה.

„נאָר איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, וואָס איך בין נצול געוואָרען פון א שרעקליכען טויט. ווארום דער המון וואָלט מיר געווים צוריסען אויף שטיקער. איך ווארט, וואָס וועט דאָ זיין. א האלבען טאָג האָב איך געווארט. דערנאָך האָט מען מיך גע־נומען אויפ'ן פערהער. האָב איך די „דזשורי"**) דערצעהלט, ווי די מעשה איז פארגעקומען: אז איך בין א שניידער און געה מיט דער שער פון דער ארבייט. זענען זיי אויף מיר אַנגעפאלען, ביידע שכורים, און געוואָלט מיך הרג'ענען, האָב איך זיך געמוזט וועהרען מיט דער שער.

„עס פערשטעהט זיך, די „דזשורי" האָבען גלייך געזעהן אין מיין פּנים, וואָס פאר א מין „דזשעק" דאָס איז, און מען האָט מיך אָבגעלאָזט. אבער איך האָב שוין צופוס ניט געקאָנט פערשלעפּען זיך אהיים. מען האָט מיך געמוזט אָבפיהרען.

„עטליכע וואָכען בין איך אָבגעלעגען קראַנק. דערנאָך אז איך בין געזונד געוואָרען, איז ביי מיר געבליעבען צו פאָהרען אהיים. עס איז מיר מיאוס געוואָרען לאָנדאָן. געהענדיג אין סטריט, פלעגט זיך מיר אויסדוכטען, אז מ'שרייט פון אלע זייד־

---

*) צוררייסען אויף שטיקער.
**) די ריכטער.

טען: „דזשעק דהי ריפער!" „דזשעק דהי ריפער!", אז אט, אט וועלען מיך בעפאלען שכור'ע גויים און מיך לינטשען."

קומענדיג אהיים, האט פיישע פערקויפט דאס הייזעל, פערליהען די עטליכע רובעל צו זיינע בעקאנטע פויערים און זיך גענומען צו דער נאדעל. ער האט געקראגען א יודענע מיט עטליכע יאהר יונגער פון איהם און חתונה געהאט א צווייטען מאל.

מיט קעלבלאך האט ער שוין מעהר ניט געהאנדעלט. ער האט א מאך געטאן מיט דער האנד אויף די קצבים. דער צופאל אין לאנדאן, דאס לעצטע מאל, — ווען ער האט געמוזט איי־ניגע שטונדען צייט פיגורירען אין דער ראלע פון „דזשעק דעם בויכשניידער", האט אויף איהם געמאכט א מורא'דיגען איינ־דרוק. עס האט איהם צובראכען, ארויפגעלעגט אויף איהם די עלטער, אראבגענומען דעם מוט. פיישע האט געלאזט געהן דאס לעבען ווי עס געהט, און וואלט געווען א שמח בחלקו, ווען ניט די צרות פון דער צווייטער ווייב.

— עס איז ניט די ערשטע — האט מיר פיישע געזאגט מיט א זיפץ. די ערשטע איז געווען א גוטער פריינד, האט גע־היט איטליכע קאפיקע, און ז י זעהט נאר, וואס עפעס אריינ־כאפען פאר זיך און איהרע טעכטער פון דעם ערשטען מאן.

פיישע האט געהאט בחורים, און די צווייטע ווייב האט געהאט מיידלעך. איין בחור זיינער האט זיך פערליעבט אין איהרע א מיידעל. האבען זיי זיך „בענארישט". האט דאס גע־קאסט א הונדערט רובעל אויסריכטען זיי ביידען אין לאנדאן. עס זאל ניט זיין קיין לייטישע געלעכטער. מיילא נאך די אלע צרות, איז ער געווען פונדעסטוועגען צופריעדען. עס וועט זיין א צווייענדיגער בונד — ערקלערט מיר פיישע — וועט זי אפשר זיין טרייער, ערשט וואו — ע־עך!...

דערביי האט פיישע א מאך געטאן מיט דער האנד און האט מעהר ניט גערעדט.

איך האב פערשטאנען, אז עפעס איז ביי פיישען דעם שניי־דער געבליבען ניט דערעדט. האט מען מיר דערקלערט אין א שכנה'שער קרעמעל.

— עט, וואָס רעדט איהר, — מאכט צו מיר די קרעמערקע, — אוי, א יודענע איז דאָס!... אזא יאהר אויף מיר, וואָס פאר אן עהרליכער יוד ער איז, פּיישע... — האָט זי אויף איהם געוואָרפען אן „אום חן".

— וואָס הייסט, פרעג איך, אן אום חן? זי זעהט דאָך אוים ניט קיין סך יונגער פון איהם. אויך ניט ווייט פון פופציג. ביי די יאָהרען...

— נו, נו, זעהט איהר דאָך — מאכט צו מיר די קרעמערקע — זי האָט חרטה אויפ'ן שידוך... זי האָט מיט איהם קיין קינדער ניט! וויל זי האָבען א יונגען מאן, זי זאָל... זי וויל האָבען נאָך קינדער... זיהן וויל זי האָבען... טעכטער האָט זי נאָר... וויל זי א קדיש האָבען...

— א רחמנות אזא יוזל — האָט די קרעמערקע א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און בעדויערענדיג א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אן א זייט, אזוי ווי דאָרטען וואָלט שטעהן פּיישע דער שניידער.

דער לעצטער יודישער פאלקס־זינגער.

פוניע דער דובראוונער שטאדט־שמש, דאס איז דער הוליאקע פון שטעדטעל. קיין שמחה איז אהן איהם קיין שמחה ניט. אזוי ווי אין דובראוונע איז קיין מאדע ניט צו שיקען בילעטען דורך פאסט, איז ער דער איינלאדער אויף אלע חתונות און ברית'ן. ער איז בעסער ווי פאסט. ערשטענס קאסט ער ביליגער. צווייטענס — און דאס איז דער עיקר — פערשפארט ער ארבייט: שרייבען אדרעסען און ברעכען דעם מוח: וועמען צו רופען און וועמען ניט! ווארום ער, מוניע דער שמש, ווייס קלאר יעדען דובראוונער יודענס משפחה און יחוס, ביז א צעהנטע גליד. ער וויים בעסער, ווי דער „בעל שמחה" אליין. ברוך דער וועבער, א שטויגער, מאכט חתונה א טאכטער. שיקט ער רופען מוניע דעם שמש און האלט זיך מיט איהם אן עצה: וועמען ס'איז כדאי צו רופען און וועמען ניט. רעכענט מיט איהם אוים דעם גראד קרובה'שאפט פון יעדען קאנדידאט אויף א געלאדענעם. דער עיקר אבער, פערשטעהט זיך: ווער וועט שיקען דרשה־געשאנק און ווער וועט זיך מאכען ניט ווימענדיג. און אזוי ווי ס'איז ניטא דער טאג, וואס אין דובראוונע זאל זיך ניט מאכען א שטיקעל שמחה, — האלט דעריבער מוניע דער שמש אין איין מעסטען שטעדטעל, פון דער פריה נאכ'ן דאווענען, ביז מנחה. ער אליין, פערשטעהט זיך, איז אויך א שטארקער מחותן אויף יעדער שמחה. אבער קומען ניט געבעטען וועט ער ניט. מוניע דער שמש, דארפט איהר וויסען, איז זעהר א

האנאראווער. אט אויפ'ן סיום־התורה, וואס איז געווען אין שטעדטעל בשעת מיין וויזיט דארטען, איז ער אום איין האר ניט ברוגז געווארען: מ'האט זיך פערגעסען איהם מכבד צו זיין מיט איינשרייבען אן אות ביים ענדיגען די תורה, ווי דער מנהג איז. באשר וואס? מ'האט גערעכענט, אז ער וועט ניט געבען קיין נדבה פאר דעם „כבוד" פון איינשרייבען אן אות אין דער תורה. דאס האט איהם שטארק בעליידיגט. וואס הייסט? ער איז אזוי אין שטאנד צו בעצאהלען פאר א „כבוד", ווי אלע שטעד־טעלדיגע יודען. מ'האט איהם קוים איבערגעבעטען. דערפאר אבער האט ער זיך געלאזט הערען אויפ'ן סיום־התורה!

מוניע דער שמש איז ניט קיין בדחן און ניט קיין טענצער און שפרינגער גלאט אין דער וועלט אריין. ער האט זיין בע־שטימטען רעפערטואר. ער איז א זינגער פון פאלקס־לידלאך, און ניט פון סתם פאלקס־לידלאך, נאר, דער עיקר, בית המדרש'די־גע. כמעט אלע פון א בעזונדער מין: יודיש מיט גאיש צו־זאמען. דא, אין מאהליווער גובערניע זענען זיי, אט די לידלאך, טאקע בעשאפען געווארען; פון דאנען האבען זיי זיך פער־שפרייט איבער אלע יודישע שטעדט און שטעדטלאך; און ער, מוניע דער שמש, איז זייער טרייער היטער. אמאל זענען געווען א סך אזעלכע פאלקס־זינגער. היינט זענען זיי, צום גרויס בע־דויערן, אויסגעגאנגען. און איך האב מורא צו זאגען, אז מוניע דער שמש איז דער לעצטער זינגער פונ'ם יודישען פאלקס־ליעד.

מוניע דער שמש טרעט ארויס אויף דער סצענע דאן, ווען ער קומט אריין אין התלהבות. און התלהבות פון דער ערשטער, פשוט'ער מדרגה, בעקומט ער פון דער ערשטער האלבער קווער־טעל. אז עס קומט צו דער דריטער און פערטער (ער קען „פער־נעהמען" מעהר אויך), אט דא טרעט ער אריין אין זיין עכטער ראלע, אט דא איז ער — מוניע דער שמש! אט דא ווערט דאס אביסעל געטאנצט און געזונגען! עס ציטערט אונטער איהם די פאדלאגע און ארום איהם די לופט. דער גאנצער עולם ארום שטורמט. מ'חויבט איהם אין דער לופטען, און ער איז דער העלד פון דעם אוונד.

דער ערשטער ארויסטריט פון מוניע דעם שמש איז, גע־

וועהנליך, דער „קאזאטשאק“. דאס איז א יודישע, ריכטיגער, א חסידישע „קאזאצקע“ האלב מיט יודישע, האלב מיט גוי'אישע ווערטער:

— זא איגראי מיניע קאזאטשאק
פא מתנגד'עצקו!
זא איגראי מיניע קאזאטשאק
פא מתנגד'עצקו!
— וואס מ'מעג — מאג מען! מאג מען!
וואס מ'טאר ניט — מאג מען אויך!
— פאר וואס־זשע?
— ווארום „גדולתו וגבורתו אין לספר“
א פרק משניות איז אויף אלץ מכפר, —
וואט טעביע קאזאטשאק
פא מתנגד'עצקו!...

דאס לידעל איז, ווי עס זעהט אויס, א סאטירע פון חסידים אויף מתנגדים. וועגען זיך אליין זינגען חסידים אויף אזא שטויגער:

— זא איגראי מיניע קאזאטשאק
פא חסיד'אצקו!
זא איגראי מיניע קאזאטשאק
פא חסיד'אצקו.
— וואס מ'טאר ניט — טאר מען ניט, טאר מען ניט!
טאר מען ניט!
וואס מ'מאג — טאר מען אויך ניט!
פאר וואס־זשע?
—ווארום — „גדולתו וגבורתו אין לספר“
א פרק משניות — איז אויף גאר נישט מכפר!
וואט טעביע קאזאטשאק
פא חסיד'אצקו!

ווייטער געהט: א „קאזאטשאק“ „פא הולטאיסקו“, „פא ניעמעצקו“, פא פאנסקו“, „פא מוזשיצקו“, און צום סוף — „פא יעווריסקו“. „פא יעווריסקו“ ענדיגט זיך אזוי:

ישמחו במלכותך
שומרי שבת, שבת, שבת!

וואס טעביע קאזאטשאק
פא יעווריסקו!...

נאך א גלעזל בראנפען (פון דער צווייטער האלבע קווער־טעל) און עס געהט „על־חטא", אויך אויפ'ן זעלבען שטויגער: האלב יודיש, האלב גוי'איש; האלב געזאגט, האלב געזונגען:

„אז עס שטעלט זיך אוועק דער שענער, פיינער יונג פאר דעם „רבונו של עולם" און זאגט:

על חטא שחטאנו לפניך באונס וברצון, —
ענטפערט מען איהם פון אויבען,
ענטפערט מען איהם פון אויבען:
„ווראש, די סאם האטיעל!"

(זאגסט א ליגען, דו האסט אליין געוואלט).

את אזוי געהט ווייטער: אויף „על חטא שחטאנו לפניך באמוץ הלב" — ענטפערט מען איהם פון אויבען:

ניע בילא סערדצע קרעפיט!"

(ניט געדארפט דאס הארץ פארהארטעווען).

אויף — בבלי דעת — ענטפערט מען איהם פון אויבען:

„ווראש, טי סאם אוזנאל!" (געוואוסט).

אויף „„בבטוי שפתים" ענטפערט מען איהם פון אויבען:

„ניע בילא יאזיקאם באלטאט!"

(ניט געדארפט מיט'ן צונג באלבען).

אויף „בגלוי עריות" ענטפערט מען איהם פון אויבען:

„ניע בילא ס'דיעוואק הוליאץ!"

(ניט געדארפט מיט מיידלאך שפאצירען געהן).

און אזוי געהט ווייטער.

פון די ענטפערס קענט איהר לייכט ארויסזעהן, אז דער „קטרוג" „רחמנא לצלן" אויבען איז זעהר גרויס אויף דעם „שענעם, פיינעם יונג", און אז עס קומט צו:

ועל כולם אלוה סליחות, סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו—
ענטפערט מען איהם פון אויבען:
„ניעט — ניע פראשטשאנא!..."

ס'הייסט: מ'וועט ניט מוחל זיין...

וואלט דאך געווען זעהר שלעכט מיט'ן „שענעם, פיינעם

יונג", איז אבער פאראן א ר' לוי יצחק בערדיטשעווער... אט דער צדיק, וואס האט אזוי ליעב געהאט אלע יודען און „ימים נוראים" און „עשרת ימי תשובה" האט ער וועלטען געקעהרט צו געפינען אויף דעם ערגסטען יודען א זכות. ער, ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, איז גאר א גרויסער תקיף דארטען אויבען. איז, אז ער שטעלט זיך אוועק פאר'ן „רבונו של עולם" און זאגט דעם זעלבען „ועל כולם" מיט זיין בערדיטשעווער אויסזאג,— „אי" אנשטאט „או" —

ועל כילם אלוה סליחות, סלח לני, מחל לני, כפר לני—
ענטפערט מען איהם פון אויבען,
ענטפערט מען איהם פון אויבען:
„שטא ס'עטים סטאריטשקאם דיעלאט,
— ווסא פראשטשאנא!..."

ס'הייסט: וואס זאל מען טאן מיט אט דעם אלטשינקען!— אלץ מוחל!

די צווייטע קווערטעל האלט ביין ענדע און עס געהט „הושענות":

„לאמיר דערצעהלען די מעלות פון אונזערע אידעלאך
די ערשטע מעלה, די ערשטע מעלה
איז „אום אני חומה."
די צווייטע מעלה, די צווייטע מעלה
איז „ברא כחמה"
חאץ, חאץ, חאץ:
גולה, וסורה;
פארט, פארט, פארט —
דמתה לתמר.

עס הויבט זיך אן די דריטע האלבע קווערטעל און מוניע דעם שמש קומט צו די רעכטע „התלהבות" און צוזאמען דער־מיט צו די בעסטע נומערן פון זיין רעפערטואר:

„ירושלים, סלאווני גאראד!
לודי גאווארילי
„ירושלים סלאווני גאראד
לודי פאחוואלילי.

דאס איז אייגענטליך דער פארשפיל און צושפיל נאך יע־דען קופלעט. דאס עצם לידעל זינגט זיך אזוי:

עך, טי חוה, נאשא מאט!
שטא־זש טי יעלא הדעת?
יעסליב ניע יעלא ז׳עץ הדעת
טא־ב ניע בילא סמערט נא נאס...

נאך חוה׳ן געהט אברהם:

עך, טי אבראם, סטארי אבראם!
שטא טי זאזשורילסא?
פאוויאל סינא נא „עקדה" —
דאראם פאטרודילסא...

וועגען יצחק׳ן זינגט זיך:

עך טי יצחק נאש אטיעץ,
ביל טי זוויאזאן קאק בראניעץ,
סטאלי מלאכים פלאקוטשי,
וועליעל באך פוסקאטשי...

דער שענסטער קופלעט איז וועגען יעקב׳ן:

עך, טי יעקב באטשקא נאש!
טשעטירענאדצאט ליעט אווצי פאס,
טשעטירענאדצאט ליעט אווצי פאס,
סעם זא רחל, סעם זא נאס...

נאר דער סאמע אינטערעסאנטער איז וועגען עשו׳ן:

עך טי עשו — דיאדקא נאש,
קארטשמי ניע מינאיעש,
וואדאטשקו וויפיוואיעש,
טשערעז וואדקו באסי האדיש, —
טשאבאטאוו ניע מאיעש...

דאס איז די כאראקטעריסטיק פון דעם רוסישען פויער אין דעם מויל פונ׳ם יודישען פאלקס־זינגער.

ווילט איהר א סאלדאטען־ליעד? — אט האט איהר זי! נאטירליך, אנשטאט „מאשענקא — פאראשענקא", איז די טע־מע — די שול, „תקון חצות", „נעגעל־וואסער":

וו׳נאשעי ראסעאי —
סאמאסעאי

ווּ'פּאָלנאָטשאַ
אוסטאַוואיוטש,
נעגעלוואַסער
אַטליוואיוטש,
עך בראַוואָ, בראַוואָ, בראַוואָ!
נעגעל־וואַסער אַטליוואיוטש!

די גאַנצע לידעל בעווייזט ווי אַזוי אַן עהרליכער יוד פערברענגט דעם פריהמאָרגען. ער שטעהט אויף „חצות", ד. ה. אום האַלבע נאַכט און גיסט אָב, די ערשטע זאַך — נעגעל־וואַסער. באַלד נאָכדעם זעצט ער זיך אָבריכטען „חצות":

נעגעלוואַסער אַטליוואיוטש,
„תקון חצות" אַטפּראַווליאַיוטש,
עך בראַוואָ און אַז. וו.

נאָך „תקון חצות" לויפט ער אין מקוה:

„תקון חצות" אַטפּראַווליאַיוטש,
אַ ווּ'מקוה פּאָביעגאַיוטש,
עך בראַוואָ און אַז. וו.

פון מקוה אין שול:

איז מקוה פּאָביעגאַיוטש,
אַ ווּ'שקאָלו זאָביעגאַיוטש,
עך בראַוואָ און אַז. וו.

אריין אין שול — גלייך אָנגעטאָן טלית ותפילין:

אַ ווּ' שקאָלו זאָביעגאַיוטש
טלית און תפילין נאַדזעוואיוטש,
עך בראַוואָ און אַז. וו.

אָנגעטאָן טלית און תפילין, הויבט ער אָן פון „מה טובו",

איז מה־טובו פּאַטשינאַיוטש,
„ברוך שאמר" ראַסקאַזאַיוטש,
„ברוך שאמר" ראַזסקאַזאַיוטש,
אַ אָו „ברכו" נאַקלאָניאַיוטש,
אַ אָו „ברכו" נאַקלאָניאַיוטש,
„שמע ישראל" זאַקריטשאַיוטש.
דערנאָך „שמונה עשרה", קדושה...

שמונה עשרה זאסטאווליאיוטש,
„קדוש, קדוש“ זאסקאקאיוטש...

אבגעשפרונגען „קדושה“, אבגעזאגט עלינו, אויסגעטאן טלית ותפילין („עלינו“ זאקאנטשאיוטש, טלית און תפילין איז דיעוואיוטש), צוריק אהיים — אנגעביסען מיט א גלעזעלע בראנפען:

א אוב דוואר פאביעגאיוטש,
רומקו וואדקי וויפיוואיוטש...

ניט ווי דער גוי — א קווארט, נאר א קליין גלעזעלע,
נאך אזא שווערע „עבודה“ — כשר פערדינט...

נאר אז איך זאל אייך איבערזאגען אלע לידלאך, וואס מוניע דער שמש האט געזונגען ביין סיום־התורה, וועט דאס דויערן טעג און נעכט. איך וועל פערענדיגען נאך מיט איין ליעדעל, דער „סטארעץ“. דאס איז נאכגעמאכט א גוי'אישע בעטלער־ליעד, צוזאמענגעשטעלט קונציג נאכ'ן אלף־בית. דא איז שוין מוניע דער שמש ניט בלויז זינגער, נאר — ארטיסט: אויסגעבויגען זיך, די היטעל אויפ'ן שטעקען (דעם שטעקען אויסגעריסען פון א פארקאן). דער קאפ אנגעשפארט אויף דער היטעל (ביין „סיום התורה“ אין א מקום קדוש איז דער קאפ, פערשטעהט זיך, ניט געבליבען הויל, נאר בעדעקט מיט א יארמולקע). פינגער צודרייט, לעבען איהם די בעטלער־טארבע. שטעהט אזוי, שטרעקט אויס איין האנד און בעט:

אך, אך, אך, אך, אך
באטיושקי,
גאלובטשיקי,
אך אי דאיטשע
האלאדנאמו.
ניע ווידאטשעמו,
זאחאראמו,
אך, אך, אך, טאטושי,
יא קאליקא,
לאמאנא,
מניע ניע מאזשנא.

סלוזשיט פאנו,
צשים קאלי ראדי, סטארצו,
טאטושי...

דער אלף־בית איז שטארק ניט אויסגעהאלטען. נאר עס מאכט ניט אויס. דער עיקר: דער פארשטעל מיט׳ן נגון זענען מאדנע אריגינעל. מיר האט זיך קוים, מיט גרויס מיה, איינגעגעבען צו פועל׳ן ביי מוניע דעם שמש, ער זאל זיך לאזען פאטאגראפירען אין דער „סטארעץ״־פאזע.

איך האב פערצייכענט פון מוניע דעם שמש לידלאך עטליכע און דרייסיג, און א דאנק דעם צופאל, וואס ס׳האט זיך געפונען אין שטעדטעל א סטודענט — א מוזיקער — האב איך אויך געקענט אויפנעהמען די זעהר אריגינעלע, זיסע, הארציג־יודישע נגונים אויף נאטען. דער גרעסטער טייל פון די לידלאך און נגונים זענען נאך ערגעץ, אין קיין זאמלונג פון פאלקסלידער, ניט געדרוקט. און די וואס זענען געדרוקט, איז דער נוסח פון מוניע דעם שמש, מיר שיינט, — עלטער, טרייער דער אורשפרינגליכער פארם. ווייל, נאך מיין מיינונג, איז דא, אין מאהילעווער גובערניע, דאס יודיש־גוי׳אישע פאלקסליד בעשאפען געווארען. פון דאנען האט זי שוין איבערגעוואנדערט אין אנדערע ערטער פון ליטא און דארט שטארק געענדערט געווארען.

צו ענדיגען וועגען מוניע דעם שמש דארף איך צוגעבען, אז כאטש ער האט, ווי איהר ווייסט, שטארק ליעב א „האלבע קווארטעל״, פונדעסטוועגען האט מען איהם קיין מאל ניט געזעהן שכור. ער קען „צונעהמען״. ער אליין האט זיך מיר דערמיט בעריהמט. „איהר זעהט״, זאגט ער, (נאך דער דריטער האלבער קווארטעל), „איך בין, א דאנק גאט, ביי אלע מיינע חושים און קען געהן אויף איין ברעטעל.״ פון דעסטוועגען איז קיין ספק ניט, אז די בראנפען גיט איהם ניט צו קיין געזונד. מוניע דער שמש איז אייזען־געבויט, ער איז קיין מאל ניט קראנק געווען, ווייס ניט פון ציין־וועהטאג, פון קיין אנדער וועהטאג. דאך איז ער שוין היבש גראה, כאטש ער איז ניט מעהר אלט ווי 65 יאהר. אין דער יוגענד, ווי אלע דובראוונער

יורען, איז ער אויף געוועזן א וועבער. דערנאך איז איהם אפנים בעסער געפעלען געווארן די „פרייע פראפעסיע“ פון א שמש. פאר די צעהנדליגע יאהר פון זיין שמשות־דינסט האט ער אנגעלעבט א קליינע כאלופקע, אנטקעגען שול. ער האט א יונג ווייבעל (די צווייטע) און איז א בעל מטופל מיט קליינע קינדער. האט פון זיי־נע שמשות, חתונות, פון גט'ען — דריי, פיער רובל א וואך, איז נאטירליך א גרויסער ארימאן און פונדעסטוועגען — א „שמח בחלקו“. אינטערעסאנט איז, אז ער און זיין זוהן, פון דער ערשטער ווייב, האבען חתונה געהאט אויף צוויי שוועסטער. איך האב איהם געפרעגט: ווי אזוי קומט דאס? האט ער מיר דערצעהלט, אז די מעשה איז פשוט. זיין איצטיגע ווייב האט געהאט א שוועסטער, א מיידעל. די מיידעל פלעגט נאטירליך אריינקומען אין שטוב. האט זי זיך פערליבט אינ'ם בחור. לייט האבען געזאגט, אז דער בחור האט געקענט טאן א בעסערן שדוך. נאר די מיידעל האט געזאגט, אז זי וועט זיך עפעס אנטאן, אויב דער בחור וועט נעהמען אן אנדערע. האט שוין געמוזט זיין דער שדוך...

מוניע דער שמש האט נאך א זוהן, א מערקווירדיגען טיפ. מוניע אליין איז א וועלטליכער יוד, כאטש א נאאיווער מענש, אבער דאך ניט קיין נאר, און מיט איהם איז זעהר אינטערע־סאנט צו פערברענגען. זיין זוהן אבער איז א מין „למד־וואָוו־ניק“, א טיפ פון א גאנץ אנדערער ארט, ווי זיין פאטער. דער לעזער איז שוין מיט איהם בעקאנט.*)

*) זעה די „תעניתים־פאסטער“ באנד 1.

דעם סופר'ס דראמע.

זעהר אינטערעסאנט איז אריינצוקוקען אין דער סופר'ישער שטיבעל. דארט איז געווארען אן אמת'ע איבערקעהרענים. עס איז זעהר כאראקטערנע און כמעט אונגלויבליך, וואס פאר א צעשטערענעם עס האבען אריינגעטראגען די דריי מעכטיגע פאקטארען פון דער לעצטער צייט: קאפיטאליזם, עמיגראציע און רעוואלוציע, אין אט דעם שטילסטען, אבגעלעגענסטען וויני־קעל, וואס האט טויזענדער יאהרען דערהאלטען זיין מערקוויר־דיגען פאטריארכאלען אויסזעהן.

דער סופר איז זעהר אן אינטערעסאנטער טיפ אין יודישען לעבען. דאס איז ביז דער לעצטער צייט געווען דער סאמע סימפאטישער טיפ פון דעם אלטען דור. דאס איז דער איינ־ציגער מאן, וואס האט דורכגעטראגען דורך צעהנדליגע און צעהנדליגע דורות די ביבליש־איינפאכע מאראלישע ריינקייט. רבנים, חזנים, דינים, שוחטים, מלמדים — אט די אלע טרעגער פון דער אלטער רעליגיעזער קולטור זענען נאך פון גאר אמא־ליגע צייטען ניט זעלטען קארופטירט. „רבנות“ איז נאך פון דער גמרא'ס צייטען אן געווען אפט א קאריעריסטישע שטרע־בונג. דער סופר אליין איז אימער געבליבען, אויב ניט א קעמפ־פער, ווי דער ביבלישער נביא, איז ווענינסטענס אזא זיטליך ריינער אידעאליסט און פאלקס־מענש, ווי דער נביא.

א רב, א דין, א שוחט, א חזן — אט די אלע האבען זיך אימער גענויטהיגט אין סמיכות, אין א מין פראטעקציע. זייער

שטעלע האָבען זיי געמוזט און מוזען היינט ניט זעלטען קויפען, ענטוועדער פאַר געלד, אָדער דורך פערשידענע שתדלנות, קריכעריי, חניפות. דער סופר אליין האָט זיך אין סמיכות ניט גענויטיגט. ער איז געקומען צו זיין פּראָפעסיאָן דורך זיין בערוף. דער יודישער סופר איז געווען א פעראייניגונג פון דיכטער און קינסטלער. קונסט אין דער געשטאַלט פון בילדער איז געווען פעריאָגט פון דער יודישער קולטור. דער יודישער יונגעל, וואָס האָט געפיהלט אין זיין נשמה א געהיימע שטרעבונג צו קונסט, האָט דאָס געקענט ארויסגעבען בלויז דורך די געקרייזעלטע שטריכעלאַך און געצאַצקעטע, געטאָקטע פּאסקעלאַך און האלבע קריגעלעך אויף די יריעות פון דער ספר תורה. די סופרות איז געווען א קונסט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט ביז צו א הויכען גראַד. א געוועהנליכע ספר תורה אנשרייבען פלעגט קאָסטען הונדערט, הונדערט און צוואַנציג רובל. א סופר א קינסטלער אבער פלעגט מען בעצאָהלען נאָך אמאָליגע צייטען פאַר א ספר תורה ביז טויזענד און זאָגאר טויזענדער רובלס. דער סופר־קינסטלער, וואָס פלעגט בעקומען אַזאַ אוצר מיט געלד פאַר א „ספר“ איז דאָך געווען ניט רייכער פאַר דעם פּראָסטען סופר. וואָרים ביי איהם פלעגט דויערן א ספר אָנשרייבען ניט א פיערטעל יאָהר, צי פיער, פינף מאָנאטען, ווי געוועהנליך, נאָר יאָהרענלאַנג.

אום צו זיין א סופר איז אָבער געווען וועניג צו זיין א קינסטלער. דערצו האָט זיך געפאָדערט א הויכע רעליגיעזע בילדונג און זעהר א שטרענגע מאָראַל. ביים שרייבען א „ספר“ מוז מען האָבען „ריינע מחשבות“, מען מוז מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער נשמה זיין אבגעגעבען בלויז דעם רעיון פון געטליכקייט און הייליגקייט פון דער תורה. קיינע „מחשבות זרות“, קיינע ערדליכע תאוות האָט מען ניט געטאָרט האָבען ביים שרייבען דעם „ספר“. וואָרום „מחשבות זרות“ און „תאוות“ זענען „מבלבל“ דעם מוח און פערדרעהען די האַנד. די גרייזען וואָס מען מאַכט אין דעם „ספר“ איז אָפט שווער צו פערריכטען און דורך זיי ווערען פסול גאַנצע יריעות. אמאָליגע סופרים פלעגען פאַר יעדען „שם“ געהען אין „טבילה“.

און אַז די שווערע קונסט פּלעגט דעם סופר גאָר נישט געבן אויסער א האלב פערהונגערטען לעבען און דעם בעוואוסטזיין אין דער הייליגקייט פון זיין בעשטימונג. ניט קיין כבוד, ניט קיין גדולה, ניט קיין נחת, א חוץ דעם אינערליכען תענוג פון זיין בערוף. אין שוהל — אין מזרח וואנד איז ער קיינמאָל ניט געזעסען. אין קהל'שע זאכען, אין גבאות איז ער ניט געקראָכען, ווייל דאָס ברענגט צו „תאוות הכבוד", צי עהרגייץ, און זיין גייסט מוז זיין ריין פון יעדער תאוה און הערשזוכט. אין א ווינקעל, אויפ'ן שוהל-הויף, איז ער אימער געזעסען, אין שמוץ און אָרימקייט געלעבט, האלב נאקעט געגאנגען און מיט זיין פּנים און קליידונג געווען אימער א מוסטער פון דעם עלענד פון זיין פאָלק, וועמעס תורה ער האָט אָבגעהיט און געשאַפען.

עס זענען געווען ביים סופר, פערשטעהט זיך, אויך גליקליכע מינוטען אי'ן זיין לעבען. דאָס איז—ביים אָנהויבען שרייבען דעם „ספר", ביי סיום התורה, ביים אייננעבען די תורה. דאָרט האָט מען איהם גענעבען דעם שענסטען פּלאַץ און דעם ערשטען כוס. ער איז געגאַנגען, ווי א חתן, אונטער דער חופּה מיט דער תורה דעם ערשטען טענצעל. דאָרט האָט ער געהאַט כבוד און תענוג...

צייטענווייז פּלעגט אבער אין דעם סופר שטארק קעמפּפען דער „יצר הרע" מיט'ן „יצר טוב"; דער אַרטיסט מיט'ן מאָראַליסט, און דערפון פלעגט זיך ענטוויקלען א דראמע. וועגען אַזוינע דראַמעס געהען אום אין פאָלק גאנצע לעגענדעס. איך וועל ברייינגען פון זיי א פּאָר, וואָס א סופר האָט מיר דערצעהלט.

אין שקלאָוו איז געווען א סופר — א קינסטלער. ער איז געווען בעריהמט אין גאנץ רוסלאנד. גבירים, וואָס פלעגען וועלען שרייבען א „ספר", פלעגען זיך פאַר איהם שלאָגען. מיט יאָהרען פריהער פלעגט מען מוזען בעשטעלען, און ניט יעדער גביר האָט זוכה געווען אראָבצוברייינגען דעם שקלאָווער סופר.

און פּלוצלונג איז דער שקלאָווער סופר נכשל געוואָרען. ער האָט דערזעהן א הונדערט רובלדיגע אסיגנאציע. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָט ער זי דערזעהן — און ער איז געוואָרען אוים מענש, אוים סופר. עס פערשטעהט זיך, אז ניט דאָס

„געלד" האָט איהם שטרויכלען געמאכט, נאָר דאָס שענע פּאַפּי־רעל, די קונסטפאָלע צייכנונגען, די רעגענבויגען־קאָלירען.

און די זעלבע פעדער וואָס האָט געשריבען די הייליגע אותיות פון דער תורה, האָט גענומען צייכנען נאָך מיט גרע־סערע התלהבות די אַלע צאַצקעס פון דעם הונדערט־רובלדיגען בילעט. טאָג און נאכט האָט ער געצייכענט. ווי א פער'כשופ'־טער, ווי א בעטרונקענער. די תורה האָט ער איגגאַנצען בער־וואָרפען. א צייט איז דאָס געווען א געהיימנים. דערנאָך האָט מען זיך דערפון דערוואוסט. איינינע מענשען האָבען זיך דער־וואוסט, און מען איז נתפעל געוואָרען: זאָל דאָס נאָך פעהלען א האָר! א פינטעלע, א פּאַסקעלע האָט ניט געכיבנעט! פּונקט דאָס הונדערט־רובעלדיגע! מיט אַלע צאַצקעלאַך! און מיט וואָס? מיט א סופר'ישע גענזענע פעדער און מיט סופר'ישע טינט!

עס איז געוואָרען א שטיקעל גערודער ארום דעם סופר. היתכן? סטייטש! אזא יוד איז נכשל געוואָרען! אבער באַלד איז דער גערודער שטיל געוואָרען. עס האָבען זיך געפונען יודען, וואָס האָבען איהם געבראכט אנדערע בעסערע פעדערן און שענערע, קאָלירטע טינטען...

א צייט האָט געדויערט די פאבריק פון געפעלשטע הונ־דערטער, און נאָר מיט א צופאַל האָט זיך די רעגירונג געכאַפּט. ווארום די הונדערטער איז געווען אונמעגליך צו דערקענען. מען האָט דעם סופר ארעסטירט. ער האָט קיין זאַך ניט גע־לייקענט. און, אז די רעגירונגס־עקספּערטען האָבען א קוק גע־טאָן זיין ארבייט, זענען זיי אויף איבערראשט געוואָרען. מען האָט איהם געוואָלט געבען א גרויסען אמט מיט מיניסטער־גע־האלט: מאכען איהם פאר דעם הויפּט־צייכנער אין דער עקספּע־דיציע פון מלוכה־פּאַפּירען. נאָר מיט איין פּונקט: ער זאָל זיך שמד'ן. דער סופר האָט ניט געוואָלט הערען. האָט מען איהם גע־הייסען ארויספאָהרען פון רוסלאנד.

עס האָט אבער לאנג ניט געדויערט און די רעגירונג האָט זיך געכאַפּט, אז פון אויסלאנד שיטען זיך אין רוסלאנד שוין

ניט הונדערטער אליין, נאר אויף פינף און צוואנציגער, און „צעהנערלאך“ און „פינפערלאך“, און „דרייערלאך“...

שלעכט! וואס טוט מען?

האט מען געמוזט ברייגנען דעם סופר צוריק פון אויסלאנד. מען האט שוין מעהר איהם ניט אנגעבאטען, ער זאל זיך שמד'ען, און ער האט בעקומען די שטעלע פונ'ם הויפט־פערוואלטער איבער דער קייזערליכער עקספעדיציע פון געלד־פאפירען אין גוט יודישקייט.

א צווייטער, א ווילנער סופר, איז געשטרויכעלט געווארען אויך אויף אזא שטייגער. אבער ניט מיט א הונדערטער, נאר מיט א גאלדענעם אימפעריאל — א צעהן רובל שטיק. ער האט בעקויפט אמת'ע גאלד און געמאכט אימפעריאלען. געמאכט און פערקויפט. קיינער האט בשום אופן ניט געקאנט דערקענען. צוויי שטיק א וואך האט ער געמאכט און האט דערפון פערדינט זיין הוצאה, צעהן רובל א וואך. ווארים העלפט געלד, צעהן רובל, האט איהם געקאסט דאס גאלד. ער האט סוף כל סוף אויך בעקומען א שטעלע אין דער קייזערליכער עקספעדיציע.

אט אזוינע לעגענדעס ווערען דערצעהלט וועגען די סופרים, אמאליגע סופרים.

אבער היינט...

די הויפט רעוואלוציע האט אנגעמאכט אין סופרות'עריי די עמיגראציע, אמעריקא...

„אז מען זאל היינטיגען טאג ברייגנען אין אמעריקא פאר הונדערט טויזענד רובל „סחורה“, וועט זי צונעהמען.“ אזוי האט מיר א בעקאנטער סופר ערקלערט.

קורץ: די תורה איז געווארען א „סחורה“, ווי יעדער אנדער פראדוקט. דער סופר איז שוין ניט מעהר דער אמאליגער נזיר און דיכטער און קינסטלער. דער פערהונגערטער, בלאסער און אויסגעדארטער, אין לאטעס און טראנטעס געקליידעטער אידעאליסט. דער סופר איז געווארען אן אונטערנעהמער, א פאבריקאנט.

ספר תורה'ס ווערען מעהר ניט געמאכט דירעקט פאר דער

שוהל, פאר עהרליכע יודען, ארימע און רייכע, וואס טראגען צעהנדליגער יאהרען אין זייער ברוסט דעם אידעאל איינצוגעבען א ריינינקייט.

אין ווילנא, אין סלאנים, אין שקלאוו, אין דער מיר זיצען צו דרייסיג, פיערציג און פופציג „ארבייטער" אין די „ספר תורה־שעפער". מען ארבייט די „סחורה" פאר'ן האלסיילער — פאר דעם אגולניק—אין אמעריקא. דער האלסיילער אין אמעריקא פערקויפט זיי די „מוכרי ספרים" און די דאזיגע פערקויפען ערשט אין ריטייל דעם, וואס געברויכט זיי.

און די „ארבייטער" אין די ספר תורה ווערקהייזער, זענען ארגאניזירט, פונקט ווי אין אלע אנדערע ווערקהייזער און פאבריקען. צווישען די סופר'ישע ארבייטער זענען דא בונדיסטען, עס־עס'ן, פועלי ציון, עס־ער'ן און אנדערע „איסטען". די מעהרסטע פון זיי זענען אבער — אנארכיסטען.

אין די סופר'ישע שעפער ווערט אפט געסטרייקט און די סופר'ישע ארבייטער האבען אויסגעסטרייקט כמעט א דאפעל־טען לוין געגען פריהער. א גוטער שרייבער בעקומט יעצט ניין, צעהן רובל א וואך. זעקס, זיבען רובל א וואך איז דער דורכ־שניטליכער לוין, וועהרענד פריהער איז עס געוועזן האלב דער־פון. די סופרים־ארבייטער טוען פון שטיק. מען האט געסטרייקט פאר וואך־ארבייט, אבער דאס איז ניט געלונגען אויסצופיהרען. די ארבייט ווערט געטאן מעכאניש, מען לאנגווייליגט זיך, מען גענעצט, מען רייבט די צייט, אבי לויז צו ווערען פונ'ם טאג. „ניטא די אמאליגע התלהבות", — האט זיך געקלאגט מיין בע־קאנטער סופר. ווען די ארבייטער טוען פון וואך, וואלטען זיי לחלוטין גאר ניט אויסגעארבייט; זיי וואלטען צוריבען די גאנצע צייט. דאס פערשטעהען זיי אליין אויך. דעריבער האבען זיי געמוזט נאכגעבען — ארבייטען פון שטיק. דאך אבער ארביי־טען זיי ניט מעהר ווי אכט שעה.

מיר איז געווען אינטערעסאנט צו וויסען די מיינונג פון מיין בעקאנטען סופר וועגען דער רעוואלוציע, וואס איז פארגע־קומען אין סופרות'ערייי. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז פאלקאם צופרידען פון דער איצטיגער לאגע. ער גיט אויך

גערעכט די ארבייטער, וואס ארגאניזירען זיך און סטרייקען.

— פארוואס ניט? פארוואס זאל דער סופר ניט לעבען ווי א מענש? וואס איז ער ערגער פון אלעמען?

מאטעריעל איז א סך בעסער געווארען די לאגע אי פון די ארבייטער, אי פון די באסעס. פאראן יעצט סופרים גבירים. דער סופר'ישער ארבייטער איז שוין יעצט ניט דער וואס פריהער: אן אבגעריסענער, א דערשלאגענער. ער האט ליעב צו עסען א זאטען מיטאג, צו פראנטעווען אין געגלאנצטע קאמא־שען, אין א קאפעליוש, מיט א סאטינענער, אויסגענעהטער העמדעל.

אבער ניט בלויז ספר תורה'ס ווערען יעצט פאבריצירט אין א גרויסער צאהל, נאר אויך תפילין און מזוזות. איבערהויפט תפילין. זיי ווערען יעצט געמאכט און אבגעזעצט אין מאסען. פשוט צעהן מאל אזוי פיעל, ווי פריהער.

— א לאנגע צייט איז דאס געווען א חידוש, — דער־צעהלט מיר מיין סופר. „סטייטש!" אין אמעריקא דאווענט מען דאך ניט. ווענינסטענס שוואכער, ווי ביי אונז, און יעצט, איבערהויפט, וועניגער ווי אמאל. און דאך נעהמט צו אמערי־קא צעהן מאל אזוי פיעל תפילין! האבען מיר זיך נאכגעפרעגט, און די מעשה ערקלערט זיך גאר פשוט. ביי אונז, פערשטעהט איהר מיך, נוצט מען א פאר תפילין צעהנדליגע יאהרען און ניט זעלטען געהען די תפילין איבער בירושה פונ'ם טאטען צום זוהן. אין אמעריקא טראגט מען אבער א נייע פאר תפילין מעהר ניט ווי איין טאג. צום צווייטען מאל לעגען תפילין דארף מען שוין ווידער האבען נייע. אמת: פון איין מאל לעגען תפילין ביז דעם אנדערן געהט אריבער א יאהר... ווארום דער אמעריקאנער געהט אין שוהל און לעגט תפילין נאר צו יאהר צייט. אוועק א יאהר צייט — ווארפט מען די תפילין ארויס, אדער זיי ווערען פערפאלען און איבער א יאהר דארף מען האבען נייע. יאהרצייט היט אב דער אמעריקאנער — חיות. און דערפון שטאמט דער גרויסער אבזאץ פון תפילין.

און דאך איז די צוקונפט פון די סופרות־ביזנעס ניט א

געזיכערטע, ניט קוקענדיג אויף דער שטארקער ענטוויקלונג פונ׳ם עקספארט.

וואס איז די מעשה? ? וועט איהר פרעגען.

אט דא איז שוין טאקע דירעקט שולדיג די רעוואלוציע.

— די ארבייטער — קלאגט זיך מיין סופר — אנטלויפען פון סופרות׳עריי. זיי ווערען שוסטער, שניידער, מאליארעס, ארבייטען שווערער, לענגערע שטונדען, אבי ניט צו זיין קיין סופר.

די ארבייט איז א לאנגווייליגע, און, דער עיקר, דאס איז ביי זיי עפעס א מין בטלנות, א מין כלי־קודש׳עריי. סופר׳ישע ארבייטער שעמען זיך מיט זייער פאך. זיי קענען די אויגען ניט ווייזען אויף דער בירזשע... גארבער, בערשטער פון חזיר־האר, שינדער — זענען אויף דער בירזשע מעהר יחסנים פון זיי. אין דער ארגאניזאציע ליידעט מען זיי מיט צרות. עפעס זענען זיי א „פסול״ אין דער פראלעטארישער משפחה. ניט קיין באלע־באטים, ניט קיין ארבייטער. דער עיקר אבער דריקט זיי דער פארוואורף און זייער אייגענער געדאנק, אז זייער ארבייט איז „רעאקציאנער״...

און דאס טרייבט זיי אין די רייהען פון די אנארכיסטען, וואו מען איז ניט אזוי שטארק מדקדק אין „הלכות פראלעטא־ריער״. אבער אפילו דער אנארכיזם ראטעוועט זיי אויך ניט פון דעם אינערליכען מאראלישען קאמפף.

אט אזוי ווערען די רייהען פון די סופר׳ישע ארבייטער אי־מער שיטערער. און עס איז גאר ניט ווייט די צייט, ווען עס וועט ניט איבערבלייבען א סופר אויף א רפואה..

דאן... דאן — וועט זיין דאס, וואס עס ווערט פון אלע קליינבירגערליכע האנד־מלאכות. דאן וועט זיך „איבערקעהרען די וועלט״ און — אמעריקא וועט מאכען ספר תורה׳ס אי פאר זיך אי פאר אונז.. וועט זיי מאכען מיט דער מאשין...

דער פרומער יוד, וואס אזא געדאנק קען איהם זעהר בעטריבען (ווארום א ספר תורה מוז דאך על פי דין געשריבען ווערען מיט דער האנד) וועט זיך מוזען אונטערגעבען דעם שיק־

זאל .ווייל ער וועט קיין אנדער ברירה ניט האבען. איך גלויב, אז שוין יעצט וואלטען גלויביגע יודען בעסער געוואלט האבען א ספר תורה געדרוקט מיט דער מאשין, וואס האט געוויס ניט קיין „אפיקורסישע געדאנקען", איידער געשריבען מיט דער האנד פון אן אנארכיסט.. מיט דערזעלבער האנד, וואס מאכט און ווארפט באמבעס.. .

דער פילאָזאָף און דער שמש.

נעבען סטויפּץ, מינסקער גובערניע, איז דאָ אַ שטעדטעל סוויערזשנע. סטויפּץ ביים ניעמאַן איז אַ יחוס שטעדטעל. סוויערזשנע איז נאָך אַ גרעסערע יחסנ׳טע, ווי סטויפּץ. גאָר אַמאָל, נאָך איידער סטויפּץ האָט אַ ראָליע געשפּיעלט, איז סוויערזשנע געווען תקיף אין מעמד. איז געווען אַ שטעדטעל פון תורה און השכלה. סטויפּץ האָט אזא פּנים געהאַט ביי סוויערזשענער בעלי בתים, ווי שפּעטער יורזדיקע*) ביי סטויפּ־צער. סוויערזשנע איז געלעגען ביי דריי גרויסע טראַקטען. זענען סאָלדאַטען דורך געגאַנגען, האָט מען אַרעסטאַנטען געפיהרט, איז מען אויף יאַרידען געפאָהרען, האָט מען סחורות געפיהרט — סוויערזשנע האָט מען ניט געקאָנט מיידען. סוויערזשנע האָט פון אַלץ און פון אַלעמען אַ ביינדעל אָבגעלעקט.

היינט איז סוויערזשנע נאָך מעהר פערלאָזען, ווי סטויפּץ. אַט דאָס שטעדטעל, איז וועניגסטענס, ביי דער באַהן און ביים ניעמאַן געבליבען. סוויערזשנע האָט דאָס אויך ניט. היינט מוז עס אפילו זיינע אייגענע לעבענס־מיטעל פון סטויפּץ און דורך סטויפּץ בעקומען.

דערפאַר איז סוויערזשנע נאָך ביז היינטיגען טאָג איידע־

---

*) פאַרשטעדטעל פון סטויפּץ וואו עס וואוינען די „דעק״־מענשען.

לער, ווי איהר יונגערע שכנה, סטויפיץ. איך האב דא געפונען אזא מין אנטיקעל ווי ר׳ נתן לייזער׳ם און זיין ווייב.

ווער איז ר׳ נתן לייזער׳ם? ס׳איז גענוג, אז איך וועל אייך זאגען, אז דאס איז א זעקס און אכטציג יאהריגער יוד, וואס לעזט דרעפער׳ם „געשיכטע פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע.״ דאס איז א מערקווירדיגער טיפ פון א פארצייטיגען מושלם און משכיל צוזאמען. ער איז אי א למדן, אי א פילאזאף. ער לעגט זיך ניט שלאפען אהן א פילאזאפישען בוך. עס איז כמעט ניטא קיין איין בוך אין דער העברעאישער, יודישער און רוסישער בעסערער ליטעראטור, וואס ער האט עס ניט איבערגעלעזען.

„זיין פערזענליכער לעבען האט זיך אויפגעלעגט אונגליקליך. ער האט געהאט געראטענע קינדער. זענען זיי אויף א טראגישען אופן אומגעקומען. זיין ווייב, וואס איז געווען אזוי פילאזאפיש און אויפגעקלערט, ווי ער, איז שוין אויך אויף׳ן „עולם האמת״. דער אלטער איז געבליבען ביי א שטיבעל און אן איינציגען זוהן, א גייסטיג-אוננארמאלען, צוליב וועלכען ער האט געמוזט אנטלויפען פון זיין שטיבעל, ווייל ער, דער זוהן, פלעגט זיך רוקען צו איהם שלאגען. עלענד און איינזאם וואלגערט זיך דער אלטער, וואו א טאג, וואו א נאכט. אבער וואס פאר א קלעפ ער האט ניט געקראגען פון שיקזאל — ער איז געבליבען דערזעלבער פילאזאף. ניט קוקענדיג אבער אויף די קלעפ, וואס שיטען זיך אויף ר׳ נתן לייזער׳ן זיין גאנצען לעבען, האט ער בעהאלטען אין זיין נשמה דעם יוגענדליכען פייער און אונלעשבארען דורשט נאך וויסען.

ניט לאנג — דערצעהלט מיר א היגער יונגערמאן, א לעהרער פון העברעאיש, — האט ער געשלאפען מיט איהם אין איין צימער. אין מיטען נאכט האט ר׳ נתן לייזער׳ם איהם אויפגעוועקט און מיט גרויס פרייד געמעלדעט, אז איצט איז ביי איהם רעכט געווארען עפעס א הארבע קשיא אין דער אסטראנאמיע— אין דעם גאנג פון די פלאנעטען, א קשיא, איבער וועלכער ער האט זיך געבראכען מאנאטען לאנג דעם קאפ.

ר׳ נתן לייזער׳ם האט שוין לאנג אויפגעהערט צו דאווענען.

פונדעסטוועגן איז ער זעהר פארזיכטיג אין זיין פריידענקעריי. דאס איז ניט קיין חלב'ענער אפיקורס. ער שפייט ניט צום הי־מעל; טוט ניט אב קיין „טרייפענע שטיק" דוקא אום יום כפור, ער בעציהט זיך, ווי אן אמת'ער דענקער, מיט טאלעראנץ צו די פרומע יודען. געהט אפילו שבת און יום טוב אין שול, כדי ניט צו זיין איינזאם אין זיין שטעדטעל. דערפאר האבען פאר איהם אין שטעדטעל אלע דרך ארץ: אלט און יונג, פריי און פרום. אי דער רב, אי דער גלח האבען א גלייכען אינטערעס מיט איהם צו פערברייגגען. קומט א סטודענט אין שטעדטעל, איז שוין ר' נתן לייזער'ס מיט איהם א מחותן, נעהמט ביי איהם ווי־סענשאפטליכע ביכער צו לעזען, דיסקוטירט און דיספוטירט מיט איהם.

לעזען מיט א סדר האט דער אלטער ר' נתן לייזער'ס קיינ־מאל ניט געהאט די מעגליכקייט, אפילו אין דער יוגענד, בשעת ער האט געהייסען פשוט נתן לייזער'ס. ער האט געמוזט לעזען, וואס ס'האט זיך איהם געמאכט. נאר זיין געזונטער פערשטאנד איז שטענדיג געווען אין שטאנד צו אונטערשיידען צווישען אן ערנסטען בוך און א שונד־ווערק. בשעת איך האב איהם בעזוכט, איז ער געווען פערנומען אין שטודירען: וואס איז אזוינס די פראוואסלאוויע — די גריכיש־סלאווישע אמונה?

ר' נתן לייזער'ס איז אין דער יוגענד געווען א קרעמער. נאך פון אמאל אז האט ער אין שטעדטעל געהאט א נאמען פון א חכם. קיין איין שטאדטיגע זאך, קיין איין ברירה, קיין איין פשרה איז ניט אויסגעקומען אהן איהם, און נאך איצט האט מען אין סטויפץ און אין סוויערזשנע גרויס רעספעקט פאר ר' נתן לייזער'ס.

איך האב מיט איהם פערבראכט ביי א שעה און האב גע־האט א אמת'ן גייסטיגען גענוס. מיר האבען גערעדט וועגען שטעדטעלדיגע אנגעלעגענהייטען, וועגען אלגעמיינע יודישע ענינים, און מיך האט איבערראשט דער ניכטערנער, קלארער קוק פון אט דעם זעקס און אכציג יאהריגען זקן אויף פער־שידענע פערפלאנטערטע פראגען אין יודישען לעבען.

א חוץ ר׳ נתן לייזער׳ס האב איך געפונען אין סוויערזשנע נאך אן אינטערעסאנטען יודען. ר׳ חיים יעקב שלום׳ס — דעם גבאי פון סווערזשענער שול. ער איז אויך דער שמש. גבאי און שמש אין איין פערזאן — אזוינס קענט איהר טאקע נאר באַגעגענען אין סוויערזשנע. און דאס איז טאקע גאר אן אונגעוועהנליכער גבאי און שמש. געוועז איז אמאל ר׳ חיים יעקב שלום׳ס תקיף אין מעמד. ער האט געהאלטען אין ארענדע דעם מיהל. דעמאלט איז ער געוועז גבאי אין שול. דער שול האט ער אוועקגעגעבען זיין גאנצען לעבען. דעם לעצטען איבריגען רובל, וואס איהם איז געבליבען פון דער הוצאה. שוין עטליכע יאהר אבער, אז מ׳האט ביי איהם דעם מיהל אויסגעדונגען. ער איז געבליבען אהן ברויט. איז ער פון א גבאי געווארען שמש אין שוהל: ריינינגט די לאמפען, קעהרט די פאדלאגע, ער און די ווייב (קיין קינדער האבען זיי ניט), פאר עטליכע גילדען א וואך.

דערפאר האט איהר אבער געדארפט זעהן א ארדנונג אין שול, א ריינליכקייט! עס בלאנקט אין יעדער ווינקעלע. יעדער הענגלייכטער בליצט. יעדער לאמפ פינקעלט. דער שלאס, דער האנדפאס, די טירען — אלץ פון איהם אליין געמאכט, אדער צוגעריכט בעזונדער אריגינעל — ר׳ חיים יעקב שלום׳ס איז א מייסטער אויף וואס איהר ווילט. דער ארון קודש, די סטענדערס, דער עמוד, די ווענד, — אלץ זויבער, אלץ אין שטרענגער ארדנונג, ווי ערשט פון דער נאדעל ארויס. געוויס איז נאך ערגעץ, אין קיין יודיש שטאדט און שטעדטעל, אזא מערקווירדיגע שול ניטא.

דערפאר האלטען סוויערזשנער בעלי בתים עהרליך זייער שמש. כאטש ער דינט ביי קהל, איז אזוי צו זאגען, א קהל׳שער משרת, איז ער פונדעסטוועגען געבליבען גבאי ביז היינטיגען טאג. ער איז נאך יעצט באלעבאס אין שול. אהן איהם ווערט גאר נישט געטאן. ר׳ חיים יעקב שלום׳ס האט מיר אויסגעוויזען אלע מערקווירדיגקייטען פון זיין שול׳כעל מיט א בעזונדער שטאלץ און גליקליכען שמייכעל אויף די ליפען, וואס זאגט: ניט אומזיסט האט חיים יעקב שלום׳ס געלעבט. סוויעזשנער יודען וועלען האבען מיט וואס צו געדענקען זייער שמש און גבאי...

בּיים קוואַל פון דער יודישער פאָלקס־מעשה.

סאָניע די חכמה און איהרע מעשה׳לאך.

אין מאָהליווער גובערניע איז דאָ אַ מערקווירדיגע אַלטע יודענע, וועלכע איז בעקאַנט, פאַר דער שטעדטעלדיגער חכמה, ווערטלאַך־זאָגערין און מעשיות־דערצעהלערין. בעקאַנט געוואָרען בין איך מיט איהר צופעליג. סאָניע ניימארק הייסט זי. זי איז שוין אַלט אַ יאָהר 80. זי איז „אויף דער צייט“, זאָגט זי, ווענען זיך, ווען זי רעדט פון איהר עלטער. פונדעסטוועגען האַלט זי זיך אַזוי גוט, זעהט אויס אַזוי לעבעדיג, געזונד און מונטער, אַז פערברענגען מיט איהר איז אַן אמת׳ער פערגניגען. איך האָב מיט איהר פערבראַכט איינינע שעה. דאָס איז מיר זעהר ניט לייכט אָנגעקומען. זי איז פון אַ געהויבענע פאַמיליע, האַלט זיך פאַר אַ יחסנ׳טע. אָנפאַנגס איז מיר שווער געווען צו איהר צוצוקומען, דערנאָך אבער האָט זיך מיר איינגעגעבען צו געווינען איהר צוטרוי. זי איז געוואָרען מיט מיר היימיש און גערעדט אונגעצוואונגען; און דאַן זענען שוין געגאַנגען פון איהר מויל ווערטלעך און מעשיות.

איהרע מעשיות דערצעהלט סאָניע ניימאַרק ווי אַ קינסטלערין. איהר שפּראַך איז מאָדנע רייך אין פאַרבען, אין איינפאַלען, איז שאַרף און זאַלציג. זי ברויכט אָפּט אַ גראַם, אַ פּסוק, אַ גמרא־ווערטעל אפילו. אבער זי איז אויף קיין פאַל ניט עהנליך אויף אַ „זאָגערין“. פון איהר האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַמאָל זענען געווען אויך ווייבער בדחנ׳טעס. אזא בדחנ׳טע — דערצעהלט זי — האָט איהר אַמאָל געגעבען דריי רובל

פאר א מעשה, וואס זי האט איהר אויסגעלערענט דערצעהלען און יענע האט עס געברויכט אויף חתונות. אליין איז סאניע ווייט פון אזא סארט בדחנ'טע. זי האלט זיך, ווי געזאגט, שטאלץ, און מיט ווירדע: דעריבער פערהאלט מען זיך צו איהר מיט דרך ארץ. אלט און יונג, ווער עס כאפט איהר נור אריין, איז גערן מיט איהר צו פערברענגען און קוועלט אן פון איהרע מעשיות און ווערטלאך.

איינִיגע פון זיי האב איך פון איהר מויל פערשריבען. איך האב זיך געסטארעט צו האלטען זיך ווארט אין ווארט, ווי זי דערצעהלט. איך וועל דא איבערגעבען „די מעשה מיט אברהם'ן און מיט נמרוד'ן, ווי סאניע ניימארק דערצעהלט זי:

א מעשה מיט אברהם׳ען און מיט נמרוד׳ן.

נמרוד האט געוואלט ווערן א גאט. האט ער שוין ביי אלעמען גע׳פועל׳ט. נאר איין אברהם איז איהם אין וועג געשטאנען, האט געבונטעוועט געגען איהם.

וואס טהוט מען מיט איהם?

האט איהם נמרוד געכאפט און אין קאלך אויווען געווארפען. אריינגעווארפען אין פלאקער און געהט אוועק מיט שמחה. כאפט מען זיך: אברהם שפאצירט ארום אין קאלך־אויווען, ווי אין א וויינגארטען. זאל עס איהם טשעפען א האר!

ווייטער שלעכט... זעצט נמרוד יועצים: וואס טוט מען מיט׳ן זשידיוהע?... אלע זענען מסכים, אז נמרוד איז א גאט, נאר ער, אברהם, לאזט ניט.

איז געבליבען מ׳זאל איהם פערטרייבען, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט. האט מען איהם פעריאגט אזש אין חרן.

געקומען אין חרן, האט אברהם אויסגעבויט א שטיבעל מיט פיער טירען פון אלע זייטען. איז געווארען א גרויסער מכנים־אורח. כל דכפין ייתי וייכל: ווער עס וויל — קום אריין און עס!

נמרוד האט דערהערט פון דער מעשה, האט עס איהם שטארק פערדראסען. סטייטש! ער האט געמיינט: ער וועט אברהם׳ן פערטרייבען, וועט ער מסתמא פערפאלען ווערען אן ארימער יודעל. ערשט ער איז א גביר עצום.

הייסט ער, נמרוד, שפאנען פערד. ער וויל זעהן, וואס טהוט זיך מיט אברהם'ן. צי עס איז אמת, וואס מ'דערצעהלט פון איהם? אריינגעפאהרען צו אברהם'ן אין הויף. האט מען איהם צוגענומען, ווי א פיינעם אורח: די פערד גלייך געגעבען היי און האבער; איהם אליין — עסען און טרינקען פון דאס שענסטע און דאס בעסטע.

געשטאנען א פאר טעג. זעהט ער: אלץ, וואס מ'האט איהם דערצעהלט איז אמת. האט איהם די הארץ ניט געקענט פארטראגען. וויל ער אוועקפאהרען. גענומען שפאנען די פערד צוריק, קומט צו איהם אברהם'ס גבאי און זאגט: דער באַלעבאס האט אייך גערופען בע'חשבון'ן זיך. מיינט ער נמרוד: אברהם האט דאך אויף איהם א הארץ, וויל ער דעריבער ביי איהם נעהמען געלד. זאגט ער: „זאל ער זאגען, וואס איהם קומט, וועל איך בעצאהלען. צו איהם וועל איך ניט געהן, זיין פנים וויל איך ניט אנקוקען"...

געהט דער גבאי און גיט איבער אברהם'ן אט די ווערטער. ענטפערט אברהם: „זאל ער קומען אהער! איך האב מיט איהם א גרויסען חשבון".

זאגט נמרוד ווייטער מיט כעס: „זאל ער זאגען, וואס איהם קומט. טויזענד קארבען איז טויזענד קארבען! אבי זיין צורה ניט קענען!"

אוועק דער גבאי און זאגט דאס אברהם'ן. נו, אברהם האט דאס דערהערט, האט ער געהייסען פערשליסען דעם טויער: — ער מוז קומען אהער! זאגט ער, דא איז ער קיין קיסר ניט.

נמרוד זעהט: ער קען גאר ניט ארויספיהרען, מאכט ער זיך א הארץ און געהט צו אברהם'ען. אברהם שטעלט איהם א שטוהל. נאר ער וויל ניט זיצען, וויל גאר ניט רעדען מיט איהם. „זאגט: וואס ס'קומט, מאכט ער בייז, וועל איך בעצאהלען". — אויף איין פוס, זאגט אברהם, קען איך דיר ניט זאגען. איך האב מיט דיר א גרויסען חשבון."

דא געהט שוין נמרוד ארויס פון געדולד. „וואס פאר א חשבונות האסטו מיט מיר? זאגט ער — איך בין דא איינגאנ־

צען צוויי טעג. זאָל זיין טויזענד רובל! צאָהל איך גלייך און וויל קיין חשבונות ניט.״

— צוויי טאָג? — פערוואונדערט זיך אברהם — האָסט א טעות! שוין פערציג יאָהר, אז דו האָסט מיך פערטריבען. די גאַנצע פערציג יאָהר גיב איך אלעמען עסען און טרינקען. ווער עס פאָהרט פארביי, און ווער עס פאָהרט אוועק זאָגט מיר: „גאָט וועט אייך בעצאָהלען“. היינט ביזטו געקומען. זאָגסטו, אז דו ביזט — גאָט. טו בעצאָהל, ברודער! פאר אלעמען, פאר די גאנצע פערציג יאָהר...

שוועער איז געוואָרען נמרוד'ן אויפ'ן הארצען: וואו ט'ער נעהמען אזוי פיעל געלד?

הויבט ער אָן צו קראַצען די פאטילניצע: קען זיך קיין עצה ניט געפינען.

— וואו זאָל איך דיר נעהמען אזוי פיעל געלד? — מאכט ער צו אברהם'ן... איך האָב ניט...

— וואָס הייסט דו האָסט ניט? — זאָגט אברהם, — ביזטו א גאָט, מוזטו אויפהאַלטען די וועלט. אז ניט ביזטו קיין גאָט ניט! זאָלסטו מיר געבען א כתב מיט א חתימה, (א פאַפיר מיט אַן אונטערשריפט), אז דו ביזט „אוים גאָט“.

נמרוד האָט געזעהן, אז ס'איז שלעכט, ער איז אריינגעפאַלען... האָט ער געגעבען א כתב מיט א חתימה, אז ער איז ניט קיין גאָט.

פון דעמאָלט אָן ווייס מען, אז גאָט איז אויבען, און — אברהם האָט אויסגעפיהרט.

אַ מעשה ווי אזוי א קלוגער אָרימאַן האט ארויסגעכיטרעוועט בּיי אַ קארגען גביר 2000 רובּעל.

איינער איז געווען א גרויסער גביר, נאָר א שלעכטער מענש, (ווי די דעמאָקראטען זאָגען: א בורזשאָ!) פאר א גראָ־שען האָט ער זיך אלע ציינער געלאָזט ארויסנעהמען. אנטקעגען איהם האָט געוואוינט א שכן, אן אָרימאַן, נאָר א פריילּיכער יונג. פערדריסט איהם, למאי דער גביר איז אזא הארטער מענש, אז מ׳קען ביי איהם קיין מאָל א קאָפּיקע ניט ארויס־קריגען.

איז ער, דער אָרימאַן, זיך ממציא א שכל, ווי אזוי ארויס־צובעקומען ביין גביר די מטבע.

הויבט ער אָן אומלויפען, כלומרשט א צוטראָגענער, אין מארק, פארביי זיין שטוב, פונקט אנטקעגען דעם גביר׳ס קראָם. לויפט אום, פערהאוועט, אהין און אהער, ווי ער וואָלט גאָט וויים וואָס פאר א געשעפטען אויפ׳ן קאָפּ געהאט.

דערזעהט עס דער גביר. ווערט ער גריילּיך טשיקאווע צו וויסען: אין וואָס פאר א געשעפטען איז דאָס זיין שכן אזוי פערטראָגען. ווארום, ווי רייך ער איז אליין געווען, האָט ער תמיד יענעם מקנא געווען, און איהם האָט פערדראָסען, טאָמער האָט יענער בעסערע געשעפטען פון איהם.

שטעלט ער איהם, דעם שכן, אָב און פרעגט: זאָג מיר

נאַר, אברהמיל, וואָס ביזטו אזוי פערטראַגנען? טאָמער האָסטו א גוט געשעפט, לאָמיר מאכען שותפות.

— א גוט געשעפט! אוודאי א גוט געשעפט! — ענט־פערט דער אָרימאַן. וואָס זשע מיינסטו? א איד וועט דיר אומזיסט אומלויפען... נאָר וואָס זשע ארט דאָס דיר? קנאָפּ מסחרים האָסטו? וועניג רייך ביזטו? פערדריסט דיר: טאָמער האָב נ אָ ך א איד צו פערדינען...

— חלילה, זאָגט דער נגיד, מיר פערדריסט ניט! זאָל דיר גאָט העלפען. איך וואָלט גלאַט, אזוי וועלען וויסען.

— נו, — זאָגט דער אָרימער שכן, — אז דו ביזט נגיד־ליך טשיקאווע, טו וויים, אז איך האָב נאָר וואָס בעקומען א בריעף פון נאָוואָזיבקאוו... א פּאַניע פערקויפט טאבאַקען... 20 מאָזיעס (פּוהרען)... ריינע 8000 רובל פּרנסה!... פון האַנד אין האַנד... פאָהר איך אהין ארוים גלייך...

— 8000 רובל פּרנסה?... וואָס רעדסטו? איז פערברענט געוואָרען דער גביר. — אפשר פעהלט דיר א פּאָר טויזענד רובל צום מסחר? נעהם ביי מיר און לאָז זיין שותפות.

— נעהמען ביי דיר? — מאכט אוועק דער שכן מיט'ן האַנד, — וואָס נאָך? דערנאָך זאָלסטו מיך ניט לאָזען גערא־ווערן?... בעטען די פּרנסה, איידער מ'וועט ארויסנעהמען דעם קרן... לויפען אלע וויילע פרעגען: וואָס הערט זיך? וואו האלט עס?... ניין, איך וועל מיר זוכען אן אנדער שותף, א בעסערן פון דיר.

דער קאַרגער גביר האָט זיך געשוואוירען ביי באָרד און פּאות, ביי זיין ווייב און קינדער, אז ער וועט ניט לויפען אלע וויילע פרעגען, נאָר האָבען געדולד ביז די גאַנצע סחורה איז פערקויפט, און געמאכט דעם חשבון.

— נו, אויב אזוי, זאָגט דער אָרימאַן, גיב אהער די 2000 קאַרבען און לאָז זיין שותפות. פּרנסה אויף די העלפט, 4000 קאַרבען! זאָל דער אייבערשטער געבען מיט מזל... נאָר געדענק, וואָס אָבגערעדט!...

— אודאי, אודאי!... וואָס הייסט?... געוויס!...

דער גביר האָט אוועקגעגעבען זיין שכן מיט שמחה די 2000

רובל; ער זאָל גלייך פאָהרען קיין נאָוואָזיבקאָוו קויפען די 200 מאָזיעס טאַבאַקען, און אליין האָט ער זיך געזעצט וואַרטען אויף די 4000 רובל רוח.

דער שכן איז אוועקגעפאָהרען, ניט אין נאָוואָזיבקאָוו, נאָר דערבײַ אין אַ שטעדטעל. האָט זיך דאָרט געלאָזט וואויל געהן. און דער ווייב האָט ער געשריבען כלומרשט בריעף, אַז דער עסק איז אַ גליק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ס'איז דאָ צוויי מאָל אַזוי פיעל פּרנסה. דער גביר לייענט די בריעף און קוועלט. גלעט דעם בייכעל און קען זיך ניט דערוואַרטען די מי־נוט: זיין שותף זאָל שוין קומען מיט די פּרנסה.

אָבגעזעסען אַברהמ'ל, דער שותף הייסט עס, די צייט און פאָהרט צוריק אַ היים. פאָהרט אַריין ברייט, מיט פּאָמפּ, מעשה גביר. די ווייב איז זעהר קאָנטענט פון'ם גאַסט. געמאַכט איהם אַ פיינעם וואַרמעס. אָבגעגעסען דעם געשמאַקען וואַרמעס — צוגעלעגט זיך אָברוהען, ווי דער מנהג איז פון נגידים...

דער גביר האָט שוין פריהער געזעהן דעם „סוחר" פאָהרענ־דיג פערבײַ זיין קראָם. מאַכט ער זיך ניט זעהענדיג. פערבע־האַלט ער זיך אין שטוב, כלומרשט, אַז איהם איז ניט אַזוי איילינג, מכוח די רוחים. אליין אָבער שפּאַרט איהם שיער די נשמה אַרויס: ער וואָלט זיך שוין וועלען זעהן מיט די מזומנים. נאָר עס פּאַסט ניט: אָבגערעדט איז אָבגערעדט.

וואַרט דער קאַרגער גביר אַ שעה, צוויי, דריי. עס הויבט איהם פון אָרט. שיקט ער אַ מענשען צום שכן געוואָהר ווע־רען פון דער זייט: וואָס הערט זיך. מעלדעט מען: שאַ!... ער שלאָפט, רוהט זיך אויס פון וועג... אַזאַ האַרבע נסיעה...

געהט אוועק נאָך אַ שעה, צוויי... קען ער שוין מעהר ניט אויסהאַלטען. ער מ'געהן איהם געבען שלום... וואָס ט'א־הם קומען דערפאַר, ריידען מכח ג'עסק וועט ער גאָר נישט. ט'וואָר־טען ביז יענער 'עט אָנהויבען...

קומט ער צוגעהן צום שכן. בעגעגענט איהם יענעם'ס ווייב. מאַכט ער איהר אַ זיס פּנים:

— מיט ליעב אייך אייער גאַסט!..

— מיט ליעב זאָלט איהר לעבען...

— איז ער געקומען בשלום? וואס מאכט ער? וואס טוט ער?...

— ער שלאפט, רוהט זיך אוים... אזא הארבע נסיעה... אזש פון נאוואזיבקאוו...

מיט אמאל הערט ער א הוסט.. אברהמ'ל צוכעט זיך. ווארט ער אביסעל. עפענט זיך די טיר. אברהמ'ל געהט ארוים אין א גוטען שלאפראק מיט די פיינע שטעק־שיך. גיסט זיך לאנגזאם, בהרחבה'דיג אב נעגעל־וואסער.

— שלום עליכם, ר' אברהם.

— עליכם שלום, זיצט, קחע... קחע.. עטשע! דעם סא־מאוואר!...

די ווייב דערלאנגט דעם סאמאוואר. גיסט ער אן זיך א גלאז און דעם „מתן־שכר'ניק" א גלאז. טרינקט מען טיי. דער גביר זופט די טיי און עם טרייסעלט זיך ביי איהם די הארץ...

— ווילסט אודאי וויסען מכח דעם געשעפט, הא? מאכט אברהמ'ל, אוןווארפט גנב'ישע בליקען אויפ'ן שותף.

— אז דו ווילסט דערצעהלען... — שטאמעלט יענער — מהיכא תיתא, אדרבא... דערצעהל...

— נו, מאכט אברהמיל, פערשטייסטו מיך, די מעשה איז געווען אזוי. געקומען אין נאוואזיבקאוו. א קוק געטאן די סחורה־גאלד. פרנסה — כפל כפלים!... האב איך איינגעקויפט הונ־דערט מאזעס טאבאקען, איינגעשפאנט די פערד און מיר פאהרען.

פאהרען מיר אזוי א מייל, צוויי, דריי. זעהען מיר עם פער־שפרייט זיך אויפ'ן הימעל א שווארצער וואלקען — און אימה! ווערט חושך ואפלה... פלוצלונג: טררא־אך! טרא־אך! דונערן און בליצען! א שטורם... א מבול...

די פערד שטעלען זיך... הרג'ע זיי — ניט פון ארט...

האבען די גוים א געשריי געטאן: נו; מי סטאנעם... ס'הייסט, לאמיר זיך אבשטעלען.

שטעלט מען זיך אנידער. פון שרעק זיינען מיר אלע אונ־טער די מאזעס פארקראכען. ס'גיט א בליץ — אט ווערען מיר פערברענט. ס'גיט א דונער — אט ווערט מען דערשלונגען...

ליגען מיר אין צרות אונטער די פוהרען. מיר מיינען: די וועלט געהט אונטער...

אין מיטען האט געגעבען א בליץ. ס'שפאלט זיך דער הי־מעל און ס'פאלט אראב א מענש — די גרויס ווי די וועלט, און א געשריי געטאן: „זדראַוואַ רעביאַטאַ!" ס'הייסט — א גר־טער מארגען, חברה! „מאזשנא טרובקו זאקוריט?" מ'קען,— הייסט דאס, די פיפקע פערדרויכערן?"

— מאַזשנאַ! האבען מיר געענטפערט און די ציינער קלאפען זיך פון שרעק.

נעהמט ער ארויס פון בוזים א פיפקע — די גרויס, ווי די שטאָדט, גיט א קער א מאזיע און — אין פיפקע... א מאַ־אזיע, און — אין פיפקע... א מאַ־אזיע, און — אין פיפקע... א מאַ־אז...

— איז אַ־אַ־אט... די אַ־אַ־לע... מאזיעס — האט דער גביר חלש'נדיג און ברעכענדיג, די הענד, גענומען שטאַמלען — אַ־אַ־ריין — אי־אי־אין פיפקע...

— אי דו יונגאַטש! גיט אויף עם אברהמ'ל א געשריי...

— עס אַרט די טאַבאַק! זיין געלד אַרט עס!... וואָס וואָלט געווען, ווען ער לעגט מ י ך אריין אין פיפקע?... איך בין דאָך א טאַטע פון אַכט קליינע קינדער... האָסט גאָר, דו יונ־גאַטש, קיין רחמנות ניט..

דער גביר איז געבליבען זיצען א גע'חלש'טער, בלייך ווי די וואַנד, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען.

— שאַ, ניט חלש, — זאָגט אברהמ'ל, — 'עסט קומען שפּעטער וועל איך דיר געבען וואָל..

— ווען שפּעטער? — פרעגט דער גביר, גערן צו קריגען חאָטש אבי וואָס... בעסער ווי גאָר נישט...

— פאַר נאַכט קום.

געקומען דער גביר פאַר נאַכט. געהט ער מיט איהם אוועק אין פעלד. פיהרט ער איהם איבער גערטנער, קלעטערט איבער פאַרקאַנעס.

— וואוהין פיהרסטו מיך? — פרעגט דער גביר.

— אַט באַלד, — מאַכט אברהמיל, קומען מיר צו די וואַל. אַט דאַ, זעהסטו? צווישען די צוויי פאַרקאַנעס, דורך דער שמאָלער געסעל, וועט באַלד געהן פון פעלד אַ סטאַדע שעפסען; וועלען זיי זיך נעהמען קראַצען אַן דעם זייט פאַרקאַן און אַן יענעם זייט פאַרקאַן, וועט דאַ, פערשטעהסטו מיך, בלייבען וואָל, אַט וועסטו נעהמען..

ווי ס'איז דעם גביר ניט געווען אַ וועהטאָג אין הארצען, האָט ער זיך פונדעסטוועגען, צולאַכט.

— ניט לאַך, — זאָגט אברהמיל — דו נעהמסט נאָך דאָס אויך ניט...

א מעשה מיט צוויי שותפים, מיט'ן גן־עדן און גיהנום.

דער גרעסטער טייל פון סאניע נײמארקס מעשיות, פונקט, ווי מוניע דעם שמש'ס ליעדער, זענען קולטור־היסטארישער מאטעריאל, דערהויפט פונ'ם יודישען לעבען אין רוסלאנד פאר די לעצטע פאר הונדערט יאהר. זיי זענען שטיקער לעבען, איבערלעבונגען, גלויבונגען און אבערגלויבען, ווייזען אויף סאציאלע בעציהונגען און עקאנאמישע בעדינגונגען. פון איהרע איבריגע מעשיות וועל איך זיך אבשטעלען נאך אויף צוויי, דריי.

די מעשה מיט צוויי שותפים בעציהט זיך, אפנים, צו דער נייערער צייט, ווען עס האט זיך אנגעהויבען די השכלה, ווען בחורים האבען אנגעהויבען צו טאנצען מיט מיידלאך; מ'האט אנגעהויבען טרינקען טיי פון „שבת'דיגען" סאמאוואר און דערצו נאך פעררויכערן א „שבת'דיגען" ציגאר. די הערשאפט פון „קהל" און דער „קונע" איז שוין געוועזן געבראכען. מ'האט גאר נישט געקענט טאן קעגען די „אפיקורסים" און „הולטאיעס" אויף ד ע ר וועלט. אבער אזוי ווי די „הולטאיעס" האבען ניט געגלויבט אין דעם אלטמאדישען גיהנום מיט די „אייזערנע רייטער" און ברענענדיגע „סקאווראדעס", האט מען פאר זיי אויסגעפונען א ניימאדישען גיהנום, וואס פאסט זיך צו די נייע מאדישע עברות.

די „מעשה מיט די צוויי שותפים" שילדערט מיט זעהר

לעבעריגע פארבען אזא מין גיהנום. אין קורצען איז די מעשה אזוי:

צוויי שותפים ברוך בר' זרח און בעריל בר' שמעריל האָבען געהאט געשעפטען אין פעטערבורג, געלעבט צווישען זיך ווי צוויי ברידער. דערנאָך האָט איינער געמוזט אוועק אין מאסקווע. די גוטע פריינד האָבען זיך געמוזט שיידען. האָבען זיי אָבגעמאכט מיט אַ שבועה, און הימעל און ערד פאַר עדות גענומען, אז ווער עס וועט שטאַרבען פון זיי פריהער, זאָל ער קומען צום אנדערן און דערצעהלען, וואָס ס'טוט זיך אויף יענער וועלט. ויהי היום, שטעהט דער שותף פון פעטערבורג אין גאַס. זעהט ער: עס פאָהרט אַ רייטער. דערקענט ער זיין פריינד ברוך'ן. שרייט ער צו איהם: שטעה! שטעה! שטעל זיך אָב! נאָר יענער איז שוין פערשוואונדען. כאַפּט ער אַ איזוואָשטשיק און לויפט איהם יאָגען. — אין קול ואין עונה...

בערעכענט זיך דער שותף בעריל, אז דאָס מוז זיין ניט גלאַט. קלאַפּט ער אַ טעלעגראַם אין מאסקווע, מ'זאָל איהם מודיע זיין, וואָס טוט זיך מיט ברוך'ן?

קומט אָן אַ ידיעה, אז ברוך איז געשטאָרבען, און די לויה איז געווען פונקט אין יענער מינוט, ווען ער האָט זיך צו איהם בעוויזען, וואַרט שוין בעריל אויף אַ ידיעה פון יענער וועלט. אָבגעוואַרט אַ יאָהר, צוויי, דריי — ניטאָ!

ויהי היום שטעהט ער אויפ'ן בולוואַר אין פעטערבורג. געהט צו צו איהם ברוך, נעהמט איהם פאַר'ן האַנד און פיהרט איהם. „גוואַלד, זאָגט ער, ברודער, זאָג מיר וואָס מיט דיר טוט זיך און לאָז מיך אהיים." נאָר יענער פיהרט איהם דורך פעלדער און וועלדער, ביז וואַנען ער ברענגט איהם אין אַ מדבר. „אָט דאָ, זאָגט ער, וועט זיין אַ הייל. זאָלסטו געהן צעהן קלאַפטער אַראָב און צעהן קלאַפטער ארויף. דאָרטען איז דער גן עדן. אָט דאָרטען בין איך. און איז פערשוואונדען.

קורץ: ער האָט אזוי געטאָן און געקומען אין „גן עדן". דאָס איז געווען אַ אנגעהויקערטע שטיבעל. אין שטיבעל שטעהען יודען און דאַווענען. אַ רעגען גיסט, ס'רינט אינעווענדיג דורך די סטרעכעס: קויטיג, חושך, גליי־

טשיג. קלערט ער: אזא יאָהר אייך! ס'אַרא גן עדן דאָס איז...
פרעגט ער: וואו איז דאָ ברוך בר' זרח? זאָגט מען איהם: ווייטער, אין אן אנדער חדר. געהט ער אין אנדער חדר — זי־צען דאָרט אידען אויף הינקעדיגע בענק, ביי קאַליקע סטענ־דערס, און לערנען. אין דריטען חדר זיצען חסידים ביי א צו־בראָכענער פלעשעל משקה און באַמקען און דבק'ען זיך. ער פרעגט: ניטאָ דאָ ברוך בר' זרח? זאָגט מען איהם: אין גיהנום. „נו, קלערט ער, — אזא געזונד אייך, וואָס פאַר א גן־עדן איהר האָט", און זאָגט: וואו איז ביי אייך דער גיהנום? הייסט מען איהם ווייטער קריכען אין א הייל; צעהן קלאַפּטער אַראָב און צעהן קלאַפּטער ארויף. ער קריכט — א ברירה האָט ער...

ארויסגעקראָכען, גיט א קוק — א געביידע 40 איילען די לענג און 40 די ברייט, א פּאַלאַץ, פּונקט ווי דער מאָהילע־ווער מאַניעזש... פון פאָרענט — א סאָלדאַט אין א פיינער פאָרמע מיט א פיינער ביקס.

„דאָ איז דער גיהנום?"

„דאָ!"

ער געהט אריין: א זאַל פערפוצט מיט די טייערסטע זאַ־כען. עס שפּיעלען מוזיקאַנטען און בחורים מיט מיידלאך האַל־טען אין איין טאַנצען און פרייען זיך.

פרעגט ער: וואו איז דאָ ברוך בר' זרח? — ענטפערט מען איהם: — אין אנדער צימער.

געהט ער אריין אהין: עס זיצט א קאָמפּאַניע ארום א טיש, מ'שפּילט אין קאָרטען און מ'טרינקט קאָניאַק. ברוך איז ניטאָ. אין דריטען חדר, — זאָגט מען איהם — איז ער. ער געהט אריין אין דריטען חדר. גיט א קוק: ברוך בר' זרח, זיין שותף, זיצט זיך צולעגט אין א קרעסלע, כמלך בגדוד, ווי א הונט אין מיאַלע... אין איין האנד א גלאָז טיי, אין דער אנדערער א ציגאַר. א זופּ טיי, א ציה דעם ציגאַר...

— אוי, — שרייט אויס בעריל, — אָט דאָס איז א גיהנום? אזא יאָהר מיר, ס'אַרא גן עדן דאָס איז!... סטייטש מיין ברודער, וואָסטע געהאָט צו מיר? אז דיר איז אזוי גוט,

האסטו דאך מיר געקענט דערצעהלען. למאי האסטו געדארפט מיך פיהרען דורך אל די שווארץ יאהר?...

ענטפערט ברוך:

— גוט איז מיר, זאגסטו? אי, ברודער, טו א קוק מיינע ליפען, מיין גומען, ווי צוברענט זיי זענען... געדענקסט אמאל, שבת? ווי מיר האבען געשטעלט דעם סאמאוואר, האבען שבת־דיגע טיי געטרונקען? און א ציגאר גערויכענט. איז אט ווי איך בין נאר געשטארבען, האט מען מיר געשטעלט א זודיגען סאַ־מאוואר און געגעבען א ציגאר אין מויל און איך מוז נאכאנאנד טרינקען און רויכערן, טרינקען און רויכערן, אהן א סוף, אהן אן אויפהער...

— נו, און דארטען, — זאגט בעריל, — די וואס טאנצען, שפילען אין קארטען און טרינקען קאניאק?

— דארטען איז אויך אזוי: שפיל ברודער, און טרינק, שפיל און טרינק!... טאנץ, ברודער, טאנץ!... ווערט איינער מאט טאנצענדיג — שטעהט אונטען א מלאך חבלה מיט א נאהייקע און שמייסט: טאנצוי, בראט... האפ! האפ! שטעל זיך ניט אב!..."

די מעשה איז נאטירליך בעשאפען געווארען מיט דער כונה, אז בעריל זאל זיך אראבנעהמען א מוסר פון ברוך'ן און מעהר ניט טרינקען קיין שבת'דיגע טיי...

א מעשה מיט א קויטיגע בולקע.

איבערהויפט ווערט אויף יענער וועלט בעצאהלט „מדה כנגד מדה“ — פונקט מיט דערזעלבער מאס.

אמאל איז געווען א גרויסער גביר, נאר א מורא'דיגער קמצן, וואס האט אויף זיין לעבען קיין מאל אן ארימאן קיין נדבה ניט געגעבען. נאר איין מאל פאהרט ער אין וועג און פיהרט אין רייזע־זאק בול־קעס. פאלט ארויס א בולקע אין בלאטע אריין. אין מיטען לויפט אן אן ארימאן. ער האט דריי טעג ניט געגעסען, שרייט ער, און בעט עפעס די נשמה צו דערהאלטען. דער גביר ווארפט איהם צו די קויטיגע בולקע. דעם ערשטען און דעם לעצטען מאל האט ער רחמנות געקראגען אויף א מענשען.

איז וואס, מיינט איהר, געווען?

באלד ווי ער איז געשטארבען האט מען איהם אויף דעם „עולם האמת“ געגעבען „גן־עדן.“ ווארום ער האט א יודען פון הונגער־טויט געראטעוועט. אבער ניט מיט אלע צדיקים האט מען איהם א פלאץ געגעבען, נאר בעזונדער פאר איהם א צו־בראכען טישעל געשטעלט און אויפ'ן טישעל געלעגט די אין קויט איינגעריכטע בולקע, וואס ער האט צוגעווארפען דעם ארימאן.

א מעשה מיט א מלמד און מיט דריי חכמות.

אינטערעסאנטער און גאר פון אן אנדער מין איז די מעשה מיט די דריי חכמות.

א מלמד איז אין דער היים געשוואלען געווארען פאר הונגער. לאזט ער זיך אין דער וועלט אריין זוכען א קנעלונג. אוועק אביסעל צייט, קלויבט ער זיך שרייבען א בריף א היים. איז ער זיך אבער מישב, אז אהן געלד איז קיין יום טוב ניט. האט ער פערדינט עטליכע רובל, איז ביז וואנען ער האט זיך צוגעקליבען שרייבען אהיים פלעגט דאס געלד אוועק.

א חודש נאך א חודש, א יאהר נאך א יאהר. אט אזוי איז דורכגעגאנגען 7 יאהר. צום סוף האט איהם אבגעגליקט: דער אויבערשטער האט איהם צוגעשיקט פרנסה דריי טויזענד רובל. מיט אזוי פיל געלד, לאזט ער זיך, מסתמא, גלייך אהיים. דער ווייב האט ער ניט געשריבען.

אויפ'ן וועג פערפאהרט ער אין ניזשני אויפ'ן יריד. געלד אונטער'ן בוזעם איז דא; הצלחה — אויך, — געהט ער אוועק אנקוקען סחורה. ער זעהט קראמען, טישלאך, בענקלאך — אנ־געלעגט מיט אל דאס גוטס. און אין סאמע מיטען מארק — א גרויסע קראם, א לעדיגע, מיט לעדיגע פאליצעס און ביין טיש זיצט אן אלטער איד מיט א ווייסער בארד. יעדען טאג געהט ער פארביי די קראם און זעהט דעמזעלביגען אידען אין דער קראם אהן סחורה.

געהט ער אריין און פרעגט: רבי יוד, וואו איז אייערע

סחורה? — מיין סחורה? — ענטפערט דער יוד, — האַלט איך אין בוזים.

מיינט דער מלמד, אַז ער וועט איהם געוויס בעוויזען בריליאַנטען, פעריל, דימענטען. פרעגט ער דעם יודען: — וואָס איז פאַרט אייערע סחורה? ענטפערט דער יוד: איך האַנדעל מיט חכמות. פרעגט ער: ווי טייער אַ חכמה? — איין טויזענדער, — זאָגט דער יוד.

די מעשה איז דעם מלמד שטאַרק געפעלען, און געלד איז דאַ, און געשעפט האָט ער דאָך געזוכט, — נעהמט ער אַרויס אַ טויזענטער און לעגט אַוועק אויפ'ן טיש. זאָגט דער יוד:

— אַז דו וועסט זעהן אַ גלייכע וועג — קייטיג און שווער, און דערביי אַ געקרימטען וועג דורכ'ן וואַלד — אַ טרוקענעם, זאָלסטו בעסער נעהמען דעם קייטיגען, נאָר דעם גלייכען וועג.

— דאָס איז גאָר די חכמה? — פרעגט דער מלמד. — וואָס וועסטו נאָך זאָגען?

— נאָך אַ חכמה, זאָגט דער יוד, איז נאָך אַ טויזענדער.

לעגט אַוועק דער מלמד נאָך אַ טויזענדער. זאָגט דער יוד:

— זאָלסט זיך אבשטעלען אין אַ קרעטשמע, וואו דער קרעטשמער מיט דער קרעטשמערקע זענען אַ גלייכע פּאָר.

האָט איהם, דעם מלמד, שטאַרק פערדראָסען די צוויי טויזענד רובל. נאָר מיט אַ ביטער האַרץ האָט ער שוין אַרויסגענומען דעם דריטען טויזענדער און געבעטען נאָך אַ חכמה.

— אַז דו וועסט האָבען אַ כעס, — זאָגט דער יוד — זאָלסטו איהם אָבלעגען אויף מאָרגען.

קיין געלד ביים מלמד איז שוין מעהר ניט געוועזן, איז ער אַוועק צופוס. גלייך מיט איהם איז געפאָהרען אַ שערענגע פוהרען מיט גוים. דער קצור; פאָהרענדיג איז איהם אויסגעקומען אויסצופרובען און זעהן דעם בעשיינפערליכען אמת, וואָס האָט געשטעקט אין אַלע דריי חכמות. אַזוי, צום ביישפּיל, איז ער געקראָכען ביז די קניע אין וואַסער, געהענדיג מיט'ן גלייכען וועג. די גויים אָבער זענען אַוועק מיט אַ קרומען, טרוקענעם וועג. זענען אויף די גויים אָנגעפאַלען גזלנים און האָבען זיי גע'הרג'עט, און ער איז געבליבען לעבען.

אין אַ קרעטשים איז ער אַריינגעפאָהרען. איז דאָרט ניט געווען קיין גלייכע פּאָר: דער קרעטשמער — אַן אַלטער מאַן, די קרעטשמערקע אַ יונג ווייבעל, אַ פּאַרשוין. האָט ער זיך אָבגעשטעלט אנטקעגען, וואו דאָס פּאָר פּאַלק איז געווען אַ גלייכע. דאָ האָט זיך איהם איינגעגעבען צו בעמערקען, ווי ביי נאַכט איז אַריינגעקראָכען דורכ'ן פענסטער אין קרעטשים אַ יונגער גלח'ל, האָט גע'הרג'עט דעם קרעטשמער. אין אַ צייט אַרום איז דער גלח'ל אַרויסגעשפּרונגען צוריק דורכ'ן זעלבען פענסטער. דאָ איז ער אונטערגעשפּרונגען, ניט בעמערקט, מיט אַ העקעלע און אָבגעהאַקט ביים גלח'ל 4 פינגער. אויף מאָרגען — אַ געררודער. אַנגעקומען פּאָליציי. מ'האָט פערנומען 5 פּריצים, וואָס האָבען אין קרעטשמע גענעכטיגט. די פּריצים זענען געווען אין געפאַהר צו געהן אויף קאַטאָרגע. דער מלמד, וואָס וויים דעם סוד, ראַטעוועט זיי אַבער אַלעמען, און ווייזט אָן אויף דעם אמת'ן שולדיגען, דעם גלח'ל. דערפאַר בעקומט ער פון יעדען פּריץ צו טויזענד רובל. די חכמות האָבען איהם אַלזאָ ניט בלויז קלוג, נאָר אויך רייך געמאַכט. ענדליך דאַרף זיך נאָך אַרויסווייזען די ריכטיגקייט פון דער דריטער חכמה.

געקומען דער מלמד אהיים, אין זיין שטעדטעל. פרעגט ער נאָך אויף זיין ווייב. צי ווייס מען ניט וואו געפינט זיך די און די. זאָגט מען איהם: אָט דאָ ניט ווייט האַלט זי אַ קרעטשים. איהר מאַן האָט איהר אָוועקגעוואָרפען. שוין 17 יאָהר, אַז זי איז אַן עגונה. קומט ער אין קרעטשים און לאָזט זיך ניט דערקענען. זעהט ער אַמאָל ביי נאַכט, ווי אַ בחור איז געקומען, זעצט זיך ביי דער בעל הבית'טע אויפ'ן בעט און פערברענגט מיט איהר. ווערט ער אַ צוקאָכטער: וויל אַרויסכאַפּען אַ פּיסטאָלעט און ביידען שיסען. דערמאָהנט ער זיך אָן דער דריטער עצה — אָבצולייגען דעם כעס אויף מאָרגען. אויף מאָרגען פריה קומט ער צו דער קרעטשמערקע, צו זיין ווייב, הייסט דאָס, וואָס האָט איהם ניט דערקענט, און זאָגט: „צי מיר האָט זיך גע'חלומט, צי עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז אום האַלבע נאַכט איז צו אייך אַריין אַ בחור, האָט זיך געזעצט ביי אייך אויפ'ן

בעט און איהר האָט מיט איהם אזוי ליבליך פערבראכט... ווי קומט זשע דאָס צו א כשר'ע יודישע טאָכטער...

דאָ האָט איהם די יודענע דערצעהלט, אז דער יונגער מאַן איז איהר זוהן, וואָס איז געבאָרען געוואָרען מיט 17 יאָהר צו־ריק; אז איהר מאַן האָט איהר אוועקגעוואָרפען; אז דער זוהן איז א וואויל לערנער: זיצט א גאנצען טאָג און א גאנצע נאכט אין בית המדרש. נאָר אום האלבע נאכט קומט ער צו איהר פערברענגען אביסעל.

דאָ האָט זיך דער מלמד געלאָזט צו דערקענען. אין שטוב איז געוואָרען שמחה וששון, און אלע האָבען בעשיינפערליך געזעהן, ווי ריכטיג עס איז דער מאמר פון חכם: „כי טוב סחרה מסחר כסף" — ס'הייסט, אז חכמה איז די בעסטע פון אלע סחורות.

א מעשה מיט'ן „בעל שם" און מיט'ן „דבוק"

נאך א מעשה און — א סוף צו די מעשיות. די דאזיגע מעשה איז ניט קיין אויסגעטראכטע, נאר אן אמת'ע. דאס איז א מעשה מיט א „בעל השם." די 80־יעהריגע מעשיות־דערצעה־לערין האט מיר אפילו אנגערופען דעם נאמען פונ'ם „בעל שם" און זיין פאמיליע. ער האט געהייסען „משה'קע זשוראווי־צער" אדער, משה'לע ערפערט". די מעשה איז זעהר כאראק־טעריסטיש פאר דער ראלע, וואס די ליטוואקעס — „צלם־קעפ" האבען געשפילט אין וואהלין.

אמאל — דערצעהלט די אלטע סאניע — איז געווען ביי אונז אין שטעטל א יונגער מאן, א ממזר־קאפ, א חכם, נאר א פוסטע כלי. פלוצלינג איז ער ניט געווארען פון שטעטל און קיינער האט ניט געוואוסט, וואו ער איז אהין געקומען. עפעס אין א יאהר 5—6 ארום, דארף מיין טאטע, צוליב זיינע עסקים, אריינפאהרען אין א קליין שטעטל, ערגעץ אין וואהלין. פערפאהרט ער אין א קרעטשים. זעהט ער עס איז דארטען אן עולם: מ'שטעהט אויף די קעפ. און די גאנצע גאס ארום איז שווארץ פון מענשען, וואס שטופען זיך אין קרעטשים אריין און קענען זיך ניט דערשלאגען.

פרעגט ער: וואס איז דאס פאר א מעשה? זאגט מען איהם: דא איז א בעל שם, וואס גיט סגולות צו קינדער און צו אלע קרענק.

אין מיטען עפענט זיך א טיר און עס לויפט ארויס, אימי־

צער אין א ווייסע אטלעסענע קאפאטע, מיט א גארטעל און א שטריימעל — גלייך איהם אנטקעגען. דער טאטע קוקט זיך איין און גיט א געשריי: משה'לע! א קלאג צו דיר! סטייטש, ווי קומסטו אהער? דאס ביזטו דער בעל שם?..

— שווייג! — מאכט דער „בעל שם" צום טאטען, — קום מיט מיר, וועסטו עפעס זעהן."

ער האט גענומען דעם טאטען אויפ'ן וואגען און זיי זענען אוועקגעפאהרען צו א רייכען ישוב'ניק, א „דבוק" ארויסטרייבען פון זיין טאכטער, א מיידעל, וואס האט ניט געשלאפען קיין נעכט און נאכאנאנד געשריען, אז א שד איז ביי איהר אין פערענע.

געקומען צום ישוב'ניק, האט ער געהייסען זיך אריינפיהרען צו דער מיידעל אין שלאפצימער. האט געהייסען אלעמען ארויס און אליין געבליבען דארט אויף „התבודדות". הינטער טיר האט מען געהערט, ווי ער האט שטארק גע'טענה'ט מיט קבלה־ווערטער און געשריען. פלוצלונג איז שטיל געווארען. די טיר עפענט זיך. ער רופט צו דעם ישוב'ניק און הייסט איהם ברענגען א געלע קאץ און א פאסקע דזעגעכץ. מיט גרויס שווערקייט האט מען אויפגעזוכט א געלע קאץ. מ'האט ביידע זאכען געבראכט צום בעל שם. ער האט זיך ווידער פארשלאסען אין קאמער, איצט ניט אליין, נאר מיט מיין טאטען. האט גענומען די קאץ, אויסגעשמירט איהר מיט דזעגעכץ, אויפגעשניטען די פערענע פון איין זייט און אריינלאזען אהין די קאץ. געעפענט די טיר און געהייסען טראגען די בעט מיט דער פערענע אין דרויסען צום וואלד צו. געבראכט אהין די קראנקע מיידעל. „באלד, זאגט ער, וועט איהר זעהן, ווי איך וועל ארויסטרייבען דעם שד פון דער פערענע. האט גענומען זיך דבק'ען און קרימען און שפייען און שעפטשען איבער א גלאז וואסער וואו ער האט אריינגעטאן צוטרין־זאלץ און דערנאך אריינגעשאטען אהין א געזאדעננם פראשעק (די וואהלינער האבען נאך ניט געוואוסט פון א געזאדענעם פראשעק). די וואסער אין גלאז האט אנגעהויבען צו זידען. די וואס זענען דערביי געזעסען, האבען אנגעהויבען ציטערן פונ'ם „שרעקליכען

מופת". דאָ האָט דער „בעל שם" געכאַפּט זיין שטעקן און גע־נומען שלאָגן איבער דער פּערענע. ס'איז געוואָרן א גע־קוויטשעריי אין דער פּערענע און באלד איז ארויסגע־שפּרונגען מיט משונה'דיגע יללות, און ביי געשרייען „שמע ישראל" פון די ארומיגע, א מין ווילד־משונה'דיג שווארצע־בריאה, אנגעשטעקט פון אלע זייטן מיט פּעדערן און הענדאָם־פּענדאָם — צום וואלד.

דער „בעל שם" האָט בעקומען א שענע מטבע און האָט דעם טאַטען פיין מכבד געווען. די מיידעל, זעהענדיג בעשיינפּער־ליך, ווי אזוי דער „שד" איז ארויסגעלאָפען, האָט זיך בערו־היגט, אנגעהויבען שלאָפען און איז געזונד געוואָרען. דער טאַטע האָט געמוזט מודה זיין, אז קיין שום אמת'ער „בעל שם" וואָלט ניט קענען אויסקלערען קיין געשייטערן איינפאל, „ארויסצו־טרייבען דעם „שד", ווי משה'לע, אוןביידע האָבען זיך דערנאָך אין קרעטשים געקאַטשעט פון געלעכטער.

איך דאַרף צוגעבען, אז, ווי איך האָב אין מיין איבער־דערציילען סאָניע ניימאַרק'ס מעשיות זיך ניט געמיטה צו האַלטען זיך נאָהענט צום אָריגינאל, ד. ה. זיך געסטאַרעט גאָר נישט צוגעבען און גאָר נישט מינערן פון איהר סטיל, זענען זיי דאָך בלויז א שוואכער אבקלאנג פון דעם, וואָס איך האָב גע־הערט פון איהר מויל. עס פעהלט די פּאָזע, דער קעהר, דער ריהר, די נאאיווע התפעלות, מיט וועלכער זי דערצעהלט די מעשיות, דער קלאַנג פון איהר שטימע, איהר אַרטיסטיש אונ־געקינסטעלטקייט, וואָס קען ניט איבערגעגעבען ווערען מיט בלויזע ווערטער. מ'דאַרף איהר אליין הערען, אום די מעשיות זאָלען מאַכען דעם טיפען איינדרוק, וואָס זיי מאַכען, ארויס־געהענדיג פון איהר מויל.

צווישען מוסר׳ניקעס.

מוסר'ניקעס.

א פּאָר ווערטער אלס הקדמה.

די בעוועגונג פון די מוסר'ניקעס איז ניט קיין נייע. זי האָט זיך אָנגעהויבען אין רוסלאנד כמעט אין איין צייט מיט דער השכלה, בשעת לילענטאל, דער בעריהמטער השכלה־קעמפּ־פער, האָט גערופען די אידישע יוגענד צו א געזונטען ערדישען לעבען, איז, ווי א שאָטען, אויסגעוואקסען איהם אנטקעגען דער ניט ווענינער בעריהמטער ר' ישראל סאלאנטער, וואָס האָט געמאכט פון דער ערד מיט אלע איהרע אינטערעסען „בטל ומבוטל“ און גערופען די יוגענד צום הימעל.

בשעת אין ווילנא זענען געגרינדעט געוואָרען די אונטער־ערדישע השכלה־קרייזלעך, זענען באלד נאָך דעם, טאקע אין דערזעלבער ווילנא, בעשאפען געוואָרען פון דעם זעלבען ר' ישראל סאלאנטער די ערשטע מוסר־שטיבלאך.

נאָר צו שטארק זענען געווען די שטרעבונגען צו לעבען, צו זיס די גענוסען פון דער ערד, פאר דער דעמאָלט נאָר וואָס ערוואכטער אידישער יוגענד, אז דער הימעל זאָל איהר קענען אָנציהען. די השכלה־קרייזלאך האָבען סוף כל סוף פערטריבען די מוסר־שטיבלאך.

נאָר אין איין אָרט, אין קאָוונא, איז געבליבען אן איינצי־גער זכר פון זיי, אנ'איינציגער נעסט. שפּעטער האָבען זיך גע־יאָוועט מוסר־שטיבלאך נאָך אין א פּאָר ערטער. נאָר אין לעבען

האבען זיי קיין שום ראָלע ניט געשפּילט. ניט בלויז די משכּילים, נאָר די רבנים האָבען אויך געגען זיי געקעמפּפט מיט אַלע קרעפּ־טען. צעהנדליגע יאָהרען האָבען אַ פּאָר מוסר־שטיבלאַך גע־טליהעט אין אַ פערשלאָגען ווינקעל. ביז עס איז געקומען די רע־וואָלוציע, וואָס האָט זיך אויך אָהער אריינגעריסען און כּמעט זיי חרוב געמאַכט. דער שפּרודעל פון׳ם לעבעדיגען לעבען האָט געריינינגט יעדען שימעל, האָט אריינגעצויגען אין קאַמפּף די אָבגעשטאַנענסטע עלעמענטען. נאָר דער פראָסט פון דער רע־אקציע האָט צו שנעל פערבאַפּט די צאַרטע בלומען פון דער אידישער ערוואַכונג. די מוסר׳ניקעס האָבען באַלד אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דער מוסר — די פרוכט פון פּעסימיזם און פער־צווייפלונג — האָט נייע פליגלען בעקומען. די נעסטען פון די מוסר׳ניקעס — סלאָבאָדקע און נאָוואָגרודאָק. דאָך, זענען גע־וואָרען די גרעסטע ישיבות אין תחום. די מוסר׳ניקעס בענו־גענען זיך שוין ניט מיט זייערע אייגענע ישיבות. מ י ר האָ־בען זיי שוין איינגענומען, וואָלאָזשין אליין האָט נאָך, בשעת מיין בעזוכען די ישיבה, מוטיג געקעמפּפט פאַר די אַלטע טראַדי־ציעס פון ר׳ חיים׳קע וואָלאָזשינער און ר׳ הערש־ליב. אָבער אַט די לעצטע פעסטונג איז שוין אויך געווען אין געפאהר זיך אונ־טערצוגעבען די מוסר׳ניקעס.

קורץ: אין יענעם מאָמענט האָט אויסגעזעהן אז ווען ביי יודען איז דאָ אַ ברייטע געזעלשאַפטליכע בעוועגונג, איז דאָס די איינציגע פון די מוסר׳ניקעס. ווען עס זענען דאָ שטאַר־קע מענשען מיט אַ פעסטען ווילען, מיט אַ סטראַטעגישער פע־היגקייט צו פיהרען אַ קאַמפּף, זענען דאָס ווידער די לידערם פון די מוסר׳ניקעס.

ר׳ ישראל סאלאנטער, דער ערשטער בעשאפער פון דער מוסר־בעוועגונג.

דער טאַטע פון די מוסר׳ניקעס, דער גרינדער פון די ערשטע מוסר־שטיבלאַך, איז געווען דער בעריהמטער ר׳ ישראל סאלאנטער, איינער פון די שטארקסטע און מערקווירדיגסטע פערזענליכקייטען ביי די אָרטאָדאָקסישע יודען אין פאַריגען יאהר־הונדערט. דאָס איז געווען א פערזענליכקייט מיט א טיעפע אינערליכע שטרעבונג צו וואהרהייט; א מענש, וואָס קען ניט געהן אויף פשרות מיט׳ן לעבען; וואָס האָט געהאסט יעדע פאלשקייט, איז אום קיינעם ניט בעשטאַנען, ווען עס איז געגאַנגען אום דאָס, וואָס ער האָט געהאלטען פאר אמת. א חוץ דעם האָט ער בעזעסען א גרויסען אָרגאַניזאַטאָרישען טאלאנט, א פעהיגקייט צו בעצויבערען און צוציהען צו זיך די מאסען, איבערהויפט די יוגענד. קורץ, ער איז געווען פון דעם שטאָף, פון וועלכען ס׳ווערען בעשאפען גרינדער אָדער רעפאָרמאַטאָרען פון רעליגיאָנען.

פאר שאפען אבער עפעס נייעס אויפ׳ן רעליגיעזען באָדען איז ער געקומען צו שפעט. צו שאפען א שטארקע רעליגיעזע בעוועגונג איז שוין דעמאָלט, אין רעכטען ברען פון דער השכלה, אפילו פון אזא שטארקע פערזאָן, ווי ר׳ ישראל סאלאנטער, געווען ניט נאָך די קרעפטען. דערצו איז ער געווען צו נאַאיוו. צום קאמפף האָבען זיך געפאָדערט אנדערע געוועהר, ווי די אל־

טע, פערראסטעטע „כלי־זין", מיט וועלכע זיך האָט זיך בענוצט. אָנשטאָט א נייעם מין חסידיזם, וואָס ער האָט געשטרעבט צו בעשאפען, האָט זיך איהם איינגעגעבען בלויז צו גרינדען עט־ליכע „שטיבלאַך", וועלכע האָבען אי פאר זיין לעבען, אי נאָך זיין טויט קיין שום רושם ניט געמאכט.

און דאָך, ווען ר' ישראל סאלאנטערס קוק אויפ'ן לעבען איז געווען א קינדישער, א נאאיווער, איז זיין הארץ פול געווען מיט ליעבע צום פאָלק. זיין ליעבע צום אמת האָט איהם געצויגען צו פשוט'ע, ארימע, אונגעקינסטעלטע מענשען. אמאָל, — מיר האָט דערצעהלט א מוסר'ניק — איז ר' ישראל סאלאנטער געקומען אויפ'ן ווילנער שוהל־הויף. דאָרט איז, בשעת מעשה, געווען א גביר'שע חופה. דער שול־הויף איז פול געווען מיט סאמעטענע און זיידענע מלבושים, האָט געגלאנצט מיט גאָלד און פערל און בריליאנטען. ס'פערשטעהט זיך, אז אויף דער חתונה האָט ניט געפעהלט קיין ווייסע חברה. א שוסטער האָט שטארק חשק געקראָגען אריינצוקוקען דעם חתן אין פנים אריין, און האָט זיך דורכ'ן עולם געשפארט נעהענטער צו דער חופה. איינעם פון די חתונה־לייט, א גבירישען יונגען־מאן, איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען. ער האָט דעם אונגעבעטענעם גאסט אונטערגעשטעלט א פוס מיט די ווערטער: א שוסטער דארף מען דאָ אויך האָבען, וואָס? דער שוסטער איז געפאלען און צושלאָגען דעם פנים. ר' ישראל סאלאנטער האָט דאָס צוגע־זעהן און געגעבען א געשריי: „גוואלד, גיט מיר א שטעקען. איך וועל געהן אויפ'ן גאון'ס קבר! וואָס פאר א פאָלק האָט ער געלאָזען!"

שוין אין דעם וואָרט „מוסר" ליגט דער גרונד־בעגריף פון ר' ישראל סאלאנטערס תורה. דער עיקר פון לערנען איז ניט דאָס לערנען אליין, נאָר די עטישע ערציהונג פונ'ם מענשען. אין ר' ישראל סאלאנטערס צייט איז דער גאנצער תחום גע־ווען בעדעקט מיט ישיבות און בתי־מדרשים. דאָס לערנען איז געווען א ציעל פאר זיך אליין, איז געוואָרען א מין ספאָרט. א סך גרויסע קעפּ האָבען אידען דאן פערמאָגט, אבער ווייניג גרוי־סען הערצער. ר' ישראל סאלאנטער האָט געוואלט בעשאפען

אידען מיט גרויסע הערצער. דעריבער האט ער געפאדערט, אז דאס לערנען זאל ניט זיין מעכאניש. דער תלמיד זאל זיך אי־בערהויפט פערטיפען אין יענע שטעלען פון דער גמרא, פון דער תורה, פון אנדערע פרומע ספרים, וואס רעדען וועגען דעם ציעל פון מענשענס לעבען; ער האט פערלאנגט, אז חוץ דער גמרא און איהרע מפרשים, זאלען אין לערנען פארנעהמען א גרויסען ארט די ספעציעלע מוסר־ספרים ,ווי צ. ב. דער „חובת־הלבבות“ פון רבנו בחיי, דער „שבט־מוסר“, דער „שערי תשובה“ פון רבנו יונה, דער „ספר המדות“ פון ר' יעקב דובנא און אנדערע ספרים פון אידישע רעליגיעז־פילאזאפישע דענקער. ער האט פערלאנגט די תורה זאל נעהרען ניט בלויז דעם קאפ. נאר אויך דעם אידענס הארץ. דעם אידענס נשמה איז צופיעל פערטריקענט געווארען; די רבנות האט אנגעהויבען מאראליש צו פאלען. ר' ישראל סאלאנטער האט געוואלט זעהן ביי אידען ניט בלויז גרויסע לומדים, נאר אויך גרויסע אידען, שטארקע פערזענליכקייטען. אליין האט ר' ישראל סאלאנטער ניט גע־וואלט אננעהמען קיין רבנות, כאטש ער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט. דאס האט אבער ניט פון עניוות געשטאמט. די ראלע פון א געווערנליכען רב און „גאון“ אפילו, האט ר' ישראל סאלאנטער געהאלטען פאר זיך צו קליין. מ'דארף אויך זאגען דעם אמת, אז אלס פערזענליכקייט איז ער ווירקליך געווען מיט צעהן קעפ העכער פון אלע רבנים און גאונים פון 19טען יאהר־הונדערט. ס'איז איבעריג צו זאגען, אז ביז איצט איז אין דער ארטאדאקסישער אידישער וועלט ניט געבליבען קיין גלייכען צו איהם. ר' ישראל סאלאנטער האט זיך ניט בענוגענט מיט דעם געדאנק צו שאפען א נייע רעליגיעז־פילאזאפישע בעוועגונג אין אידישען פאלק. ער האט געוואלט, אז דאס ליכט פון יודענטום, ווי ער האט עס פערשטאנען, זאל שיינען אויף דער גאנצער וועלט. צוליעב דעם צוועק האט ער זיך געמיהט, אז אפילו די קריסטליכע פעלקער זאלען לערנען אין די שולען זייער יוגענד די עטיש־פילאזאפישע פרינציפען פון יודענטום.

דער גרעסטער טייל פון סאלאנטערס טעטיגקייט איז גע־

וועז אין אויסלאנד. זיין קראנקהייט אויף די נערוועז, האט איהם געצוואונגען צו היילען זיך ביי אויסלענדישע דאקטוירים. בע־קאנט ווערענדיג מיט'ן אייראפעאישען יודענטום האט ער זיך איבערצייגט, אז די בערלינער און פאריזער אידען נויטיגען זיך מעהר אין „מוסר", ווי די רוסישע. און ער בעזעצט זיך אויף א געוויסע צייט אין פאריז. נאר אין אייראפא האט ער געהאט נאך ווייניגער ערפאלג, ווי אין רוסלאנד.

ר' ישראל סאלאנטער האט געוואלט בעשאפען א נייע סעקטע, א מין אידישען „מאנאכען־ארדען", ניט אין דעם קריסטליכען זין פון אייביג „הייליגע בחורים". די מוסר'ניקעס דארפען זיך אבשיידען בכלל פון דער זינדיגער וועלט און איהרע פערפיהרערישע תענוגים. דער מענש דארף זיין פעראייניגט מיט גאט; ער טאר א מינוט ניט פארגעסען, וואו ער האלט אין דער וועלט. ר' ישראל סאלאנטער האט געוואלט בעשאפען א נייעם מין חסידיזם. אין אייניגע גרונד־שטריכען איז זיין „מוסר" עהנליך צו חסידיזם. אזוי ווי דער חסידיזם איז אויך דער „מוסר" בעשאפען געווארען אלס פראטעסט געגען דעם טרוקע־נעם פלפול. געגען דער ערציהונג פון קאפ, האט ער געפאדערט אויסבילדונג פון דער הארץ. דער חסידיזם איז אבער געווען געזעלשאפטליך און לעבענסלוסטיג, און ר' ישראל סאלאנטער'ס „מוסר" איז געווען אסקעטיש, כמורנע; האט פיינט געהאט די וועלט און געקעמפט געגען דאס לעבען. די מיטלען צו דערגריי־כען א הויכע שטופע פון א מוסר'ניק איז בעשטאנען אין איינ־זאמקייט, אין בכיות, אין פאראכטען די אויסערליכע וועלט און איהרע אינטערעסען.

ר' ישראל סאלאנטערס סיסטעם פון לערנען מוסר איז בעשטאנען ניט אזוי אין לאגישער איבערצייגונג, ווי אין היפ־נאטישער ווירקונג פון ווערטער און פראזען, וואס ענטהאלטען די יסודות פון מוסר. ווען א מוסר'ניק חזר'ט איין הונדערט מאל צ. ב. אזא פראזע, ווי „אדם יסודו מעפר" (א מענש איז א שטיק ערד) אדער „סוף האדם — למות" (דער סוף פון'ם מענשען איז — דער טויט) וועלען שוין אויף איהם די תאוות פון דער וועלט קיין שליטה ניט האבען.

די לעהרע פון ר׳ ישראל סאלאנטער, איז, ווי דער לעזער זעהט, א פינסטערע, א פעסימיסטישע. זי האָט גאָר ניט צו טון מיט דער געזונטער עטיק, וואָס רופט צו זעלבסט־פערפאָל־קאָמענונג אין נאָמען פון לעבען; וואָס איהר ציעל איז צו שאַפען שענערע פאָרמען פון׳ם ערדישען לעבען; צו פעראיידלען די בעציהונגען צווישען מענש און מענש. זי איז דער פּראָדוקט פון א גרויסען גייסט, אבער פון א קראַנקער, צובראָכענער נשמה.

לאָמיר יעצט זעהן, ווי אזוי אַט די לעהרע האָט זיך אבגע־שפּיגעלט אין די צוויי הויפּט־ישיבות, וואָס סאלאנטערס תלמידים האָבען פערפלאַנצט: אין נאָוואָגרודאָק און סלאָ־באָדקע.

סאלאַנטערס תלמידים.

צוווישען ר׳ ישראל סאלאנטערס תלמידים, וואָס האָבען געפיהרט אַ ענערגישע און סיסטעמאַטישע אַגיטאַציע פאר׳ן מוסר, האָבען פון איהר געמאַכט אַ בעוועגונג און שולען פאר איהר בעשאַפען — זענען די מערקווירדיגסטע דריי: ר׳ יצחק בלאזער, אָדער ר׳ איצעלע פעטער־בורגער, ר׳ שמחה זיסעל און ר׳ נפתלי אַמסטערדאם. דער ערשטער, איז אַזוי צו זאָגען, געוועזען דער טעאָרעטיקער פון דער מוסר־לעהרע. ער האָט די גרונד־פרינציפּען פון דער נייער תורה פעסטגעשטעלט אין אַ ספּעציע־לען ווערק „אור ישראל״. ער איז אויך געוועזען דער הויפּט־אָרגאַ־ניזאַטאָר און אדמיניסטראַטאָר פון דעם סלאָבאָדקער „קבוץ״ און גרינדער פון דער נאָוואָגרודקער ישיבה. אַ דאַנק זיין ענער־גיע איז די בעוועגונג פערשפּרייט געוואָרען. משולחים זענען צושיקט געוואָרען אין אַלע עקען וועלט און האָבען געבראַכט אַ סך געלד. שפּעטער האָט ר׳ איצעלע פּעטערבורגער, צוליעב אי־נערליכע אונאָרדנונגען און צוליעב דעם קאַמפּף פון די געגנער, געמוזט פערלאָזען קאָוונא. ער איז אַוועק אין פאַלעסטינע, האָ־פענדיג, אַז דאָרט וועט איהם בעסער געלינגען צו פערשפּרייטען דעם מוסר, ווי אין רוסלאַנד.

דער צווייטער, ר׳ שמחה זיסעל, איז געוועזען דער בעסטער פראָפּאַגאַנדיסט און לעהרער פון מוסר, ער האָט פערפלאַנצט אַ

ישיבה אין קעלם און איז צעהנדליגע יאהרען געשטאנען אן דער שפיץ פון דער ישיבה. ער האט געווירקט אויף זיינע תלמידים ניט אזוי מיט זיין לערנען, ווי מיט זיין פערזענליכקייט. די סלאבאדקער מוסר'ניקעס האבען מיר געזאגט, אז ר' שמחה זיסעל'ס א תלמיד איז אויפ'ן גאנצען לעבען געבליבען טריי דעם מוסר. וואס פון איהם איז ניט געווארען — איין מאל, צו צוויי מאל אין יאהר האט ער געמוזט פאהרען צום רבי'ן און פערברענגען א פאר וואכען אין דער ישיבה. ר' שמחה זיסעל האט געווירקט דורך זיין צערטליך, פאטערליך בעהאנדלען די תלמידים. ער איז אריינגעגאנגען אין דעם תלמיד'ס פערזענ־ליכען לעבען. האט גענומען אנטייל אין אלע זיינע ליידען און פריידען. דורך דעם האט ער שטארק צוגעבונדען צו זיך די ישיבה־לייט. נאך יעצט דערמאהנען אומעטום די מוסר'ניקעס זיין נאמען מיט דעם גרעסטען רעספעקט און ליעבע.

דער דריטער, ר' נפתלי אמסטערדאם, איז אם ווענינגסטען בעקאנט אין דער וועלט. די וואס האבען געשריבען וועגען „מוסר" דערמאנט קיינער פון זיי ניט זיין נאמען. לויט אבער, ווי מיר האבען געשילדערט זיין פערזענליכקייט די סלאבאדקער מוסר'ניקעס, איז ר' נפתלי אמסטערדאם, אהן א ספק, געווען דער מערקווירדיגסטער פון אלע ר' ישראל סאלאנטערס תלמידים. דאס איז געווען א קאמוניסט אין דעם זין פון די ערשטע קריסטען. ער האט ניט געקענט פארטראגען, אז אימיצער זאל האבען פאר איהם טרחה, אז אן אנדערער זאל טון אן אר־בייט, וואס ער אליין האט געקענט טון. אפילו זיין אייגענער ווייב האט ער געהאלפען טון די שווערע שמוציגע שטוב־ארבייט, צ. ב. ארויסגיסען די פאמוניצע, האקען האלץ און ד. ג. זיין ליעבע און צערטליכקייט צו זיינע תלמידים איז געווען אזוי גרויס, אז ווען א תלמיד האט ביי איהם גענעכטיגט, פלעגט ער, אויפשטעהענדיג אין דער פריה, געהן אויף די שפיצען פינ־גער, כדי ניט צו שטערן יענעם דעם שלאף. ער פלעגט דעם תלמיד אבגעבען זיין אייגענע קיסען, איהם בעדינען ביים עסען און טרינקען, כאטש יענער האט פראטעסטירט און, פער־קעהרט, געוואלט בעדינען זיין רבי'ן.

א חוץ דעם איז ר׳ נפתלי אמסטערדאם געווען א פער־זענליכקייט, וואס קאן דינען פאר א זעלטענעם מוסטער פון זעלבסטערצויגענקייט און זעלבסט־ארגאניזירטקייט. זיין טאג איז געווען שטרענג צוטיילט: צו גאט, צו מענשען און צו זיך אליין. יעדע ארבייט האט געהאט איהר צייט. פון אויפשטעהן ביז לייגען זיך איז אלעס ביי איהם געווען אויסגערעכענט אויף דער מינוט און אויסגעפיהרט אויף א האר. און דאס אלץ איז געווען נאטירליך, ניט געקינסטעלט און אהן גריבלענעם און פארקענעס. אין די ביאגראפיעס פון גרויסע מענער, געפינען מיר נאר ביי איבסענען אזא ארגאניזירטען פערזענליכען לעבען.

די גרעסטע ווירקונג אויף דער מוסר־בעוועגונג האט אבער געהאט ר׳ שמחה זיסעל. זיינע צוויי תלמידים ר׳ יהושע הערש און ר׳ יוזעל זענען די פיהרער פון די צוויי גרעסטע ישיבות אין אידישען תחום: די סלאבאדקער און נאוואגרודקער.

נאָוואָגרודקער מוסר'ניקעס.

צו מאכען א ישיבה דארף מען האָבען געלד. דאָס האָט ר' יוזל, „דער מאן פון די לעבער" זעהר גוט געוואוסט. איז די ערשטע זאך געווען צו קריגען פעטע אָנהענגער, וועט שוין געלד זיין במילא. פערשטעלט זיך ר' יוזל פאר א רבי, קומט אין א דאָרף אין קורלאנד, וואו ס'האָט געוואוינט א רייכער זעהר א פערפרומטער ישוב'ניק, פון וועלכען ער האָט שוין געהאט פריי־הער א ידיעה, אז דאָס קען זיין א „העכט". שטעלט ער זיך מיט דער פוהר אויפ'ן גאס (דאָס איז געווען ערב שבת) בעט מען איהם אין שטוב אריין. זאָגט ער: „ער טאָר ניט: אין שטוב זענען „נשים" און ער קוקט ניט אויף „נשים". גרייט מען פאר איהם צו א שפייכלער. אין שפייכלער פערברענגט ער דעם גאנ־צען שבת אין „דבקות" „בכיות" און „יללות", און אנדערע מכלומרשט רבי'שע שטיק. דערווייל דערצעהלט דער שמש אין שטוב די מופתים פון „צדיק".

זונטאג פאהרט ער אוועק פון ישוב'ניק מיט א הארטע מטבע.

דער פונדאמענט איז שוין דאָ. מ'דארף אבער נאָך. שיקט צו גאָט א פרומען טייטשישען אידען, איינעם א לאכמאן, א רייכען סוחר, אז אלטען בחור, און ער גיט טויזענדער רובל א יאָהר אויף אויסהאלטען דעם „קבוץ". די ישיבה איז דאָ. איצט שטיקט מען פארנאַנדער אויף דער גאנצער וועלט משולחים קלייבען געלד. ר' יוזל קען אויסקלייבען זיינע מענשען. זיי פאָהרען אי־בער דער וועלט, דערצעהלען נסים און נפלאות, מאכען דער

ישיבה א שם. עס לויפען אַן קלויזניקעס צו לערנען תורה און מוסר צוזאַמען. עס שיט זיך געלד.

אין דייטשלאַנד און אין אַמעריקא זענען דאַ א סך פרומע און רייכע אידען, וואָס האַלטען שטאַרק פון מוסר. ניט ווייניג אויך אין אַנדערע לענדער. די משולחים מאַכען שטיקער געלד. דאָס קענט איהר זעהן פון דעם וואָס מ׳דערצעהלט אויף דעם משולח, וואָס פאָהרט אַרום איבער מערב־אייראָפּא. ער גיט, דערצעהלט אייך בסוד אַ גוואוזענער מוסר׳ניק, זיין טאָכ־טער 4 טויזענד רובל נדן; האָט אַן אייגענע הויז. מ׳שאַצט איהם אין 20 טויזענד רובל. געווען איז ער אַ קבצן — אַ מלמד... נאָך בעסערע געשעפטען מאַכט דער אַמעריקאַנער משולח. זיין פּר־טער — פּאַרטרויט אייך אַ צווייטער געוועזענער מוסר׳ניק, — וועט איהר ניט נעהמען מיט 300 רובל. ער איז אָנגעשטאָפּט מיט געלד, האָט געעפענט אַ גרויסען מאַנופאַקטור־געשעפט.

ר׳ יוזל אַליין פאָהרט אַלע יאָהר אין דובעלן באָדען זיך אין ים און אָנטאָן זיך וואוילטאָג. דאָס קאָסט אַב שענע הונדער־טער.

און וואָס איז מיט דער ישיבה? וועט איהר פרעגען. עט־ליכע אַדיוטאַנטען ר׳ יוזל׳ס, עלטערע יונגע לייט, און זיינע געהיים־אַגענטען און אַגיטאַטאָרען, בעקומען פון 5 ביז 8 רובל אַ וואָך און מעהר. די איבעריגע ישיבה־בחורים גיט מען פון דרייסיג קאָפּ. ביז אַ רובל אַ וואָך; און דאָס צאָהלט מען ניט מזומן, נאָר מיט צעטלאָך. אַז מ׳קומט אָבער צו ר׳ יוזל׳ען מאָה־נען מיט צעטלאָך, בעקומט מען, אַנשטאָט געלד, אָפּט פוס־וועה־טאָג און ניט זעלטען גאָר אַרויסגעטריבען. דעריבער איז דער קורס פון ר׳ יוזל׳ס „אַקציעס" שטאַרק ניט געהויבען און שטעהט זעלטען העכער פון 50 פּראָצענט.

און אַז ס׳וואָלט ניט געווען עלקע־חנה, אַ אידענע מיט אַ פרומער נשמה און אַ גוט האַרץ, וואָס מאַכט אויף אין שטעד־טעל ברויט פאַר די פערהונגערטע מוסר׳ניקעס, וואָלטען געוויס דריי פערטיל פון זיי געשטאָרבען פון הונגער. אַ סך מוסר׳ניקעס פערפיהרען קוים די ביינער אַ היים. אַ געוויסען פּראָצענט גיט די ישיבה אַב אויף דעם ווילייקער משוגעים־הויז...

אין וואס בעשטעהט נאוואגרודקער מוסר?

אין דער נאוואגרודקער ישיבה איז דער מוסר דער עיקר און דאס לערנען א ביי זאך. בחורים לומדים — ערקלערט מיר א געוועזענער מוסר'ניק — פערטרייבט מען. א מתמיד איז א חסרון. אויפ'ן לערנען איז ניטא קיין ראש־ישיבה, ניטא קיין שום השגחה. צוויי בחורים איז פערווערט צו לערנען צוזאמען איין מסכתא: טאמער וועלען זיי זיך מפלפל זיין, אריינטון זיך אין לערנען, וועט דאס ברענגען שאדען דעם מוסר... אן אייגער דעם ר' יוזילס האט געוואלט מיט די בחורים פערברענגען אין לערנען, האט מען איהם פערטריבען.

די גאנצע וועלט איז פאר'ן מוסר'ניק א שטאל פון בהמות, א מיסט־קאסטען אנגעפילט מיט שמוץ. די גרעסטע רבנים און גאונים זענען ביי זיי פערעכענט פאר אפיקורסים, ווען נאר זיי האלטען ניט פון מוסר לויט זייער סיסטעם.

דער טאג פון די מוסר'ניקעס ווערט איינגעטיילט אזוי: א שעה אין טאג לערענט מען מוסר צוזאמען אין דער ישיבה אליין. דערצו איז פאראן א בעזונדערע פינסטערע מוסר־שטיבעל. דארט געהט מען אום איינציגווייז; דארט לערנט מען ניט פון קיין ספר. מ'כאפט עפעס אן א האלבע פראזע, א שטויגער ווי: „למה לי חיים?“ (וואס טויג מיר דאס לעבען?) די פראזע חזר'ט מען איבער הונדערט מאל אומלויפענדיג הין און צוריק, קלאפענדיג זיך מיט די פויסטען אין קאפ מיט געוואלדען, גע־

וויינען און יללות. מ'איז זיך מתודה אויף די עבירות. אפילו קליינע קינדער פון 10—12 יאהר, ווען איהר נעהט פארביי, בשעת מעשה, און הערט די ווילדע קולות, דאכט זיך אייך, אז איהר שטעהט פאר א משוגעים־הויז.

צוויי אזייגער ביי טאג איז — די „בירזשע". דאן ווערען פערמאכט די גמרות און די מוסר'ניקעס לאזען זיך ארומלויפען איבער'ן הויף פון דער ישיבה אין קליינע הייפלאך, געוועהנליך פון דריי: א גרויסער מוסר'ניק אין מיטען און צוויי קליינע ביי די זייטען. דא, אויף דער בירזשע, ווערט געפיהרט די פראפאגאנדע פון מוסר: ווי אזוי מבטל צו זיין די גאנצע וועלט און פיינד האבען אלע געגנער פון מוסר, עס מעגען זיין אפילו אייגענע עלטערן. עס זענען טאקע אויך געווען פאלען, ווען א זוהן האט ניט געוואלט רעדען מיט'ן טאטען, ווען ער איז געקומען געוואהר ווערען איהם.

א חוץ די „התבודדות" און דער „בירזשע" איז פאראן ביי די מוסר'ניקעס א „ועד". יעדען טאג קלויבען זיך אויף גרופעס בחורים און בעטראכטען עצות, ווי אזוי מלחמה צו האלטען מיט'ן יצר הרע. יעדער פון „ועד" האט א ביכעלע, וואו ער פערשרייבט די עבירות פון גאנצען טאג. פונקט ווי א פרומער קריסט פאר'ן גלח, אזוי מוז יעדער מוסר'ניק אויסלייענען אלע זיינע עברות פאר'ן „ועד". דער „ועד" לעגט ארויף א קנס (געלד שטראף) אדער „סגופים" (קערפערליכע פייניגונגען) און „מלקות". דאגעגען ווערט אויך אין זעלבען ביכעלע פערצייכענט: וויפיעל מאל האט דער מוסר'ניק איינגענומען דעם „יצר־הרע." דהיינו: ווען עס ווילט זיך שטארק לערנען, זאל מען אויף צו להכעיס דעם „יצר הרע" פערמאכען די גמרא אויף א וואך, אויף א חודש. ווען מ'איז שטארק הונגעריג, זאל מען אויף צו פוקענעם דעם „יצר־הרע" דוקא ניט עסען, ווען אפילו עס איז דא וואס. די שרעקליכסטע עברות פון דעם מוסר'ניק, זענען, א שטייגער: האבען זינדיגע געדאנקען, רעדען מיט א מעדעל, אדער קוקען אויף איהר; רעדען „דברים בטלים", דאוונען אהן כונה. קנס פאר אנ'עבירה איז פון דריי ביז 5 קאפיקעס, אדער

דריי טעג ניט קומען אין שטאָדט און ארומבלאָנדזשען אין וואַלד.

דער קאַמפּף געגען יצר הרע פון כבוד הייסט ביי די מוסר־ניקעס א „פּרט אויף כבוד". דערצו ברויכען זיי די משונה'דיגסטע, ווילדעסטע מיטלען, ווי: אָנטון זיך בזיונות, מאכען זיך משוגע, מ'זאָל פון זיי לאַכען. צום ביישפּיעל: זומער אין רעכטען תמוז, טוט מען זיך אָן א פּוטער, א קוטשמע און קאַלאָשען, מ'וויקעלט ארום די פּיס מיט שמאַטעס און מ'געהט אזוי איבער די גאַסען. אָדער: מ'טוט זיך אָן אין יאַרמע און קאַלאָשען, מ'וויקעלט ארום די פּיס מיט שמאַטעס און מ'געהט אזוי איבער די גאַסען. אָדער: מ'טוט זיך אָן אין יאַרמולקעס און תפילין, מ'קעהרט אוים די בגדים אויף דער לינקער זייט און מ'לאָזט זיך אזוי „פּראַנטעווען" איבער די גאַסען, כדי צו ווייזען פעראכטונג צו דער וועלט. אָדער: מ'לאָזט זיך געהן איבער די הייזער קלייבען נדבות, אָדער בעטען מחילה ביי אונבעקאַנטע בעלי־בתים. איינער איז אריין צו א קרעמער בעטען א הלואה פון 5000 קערבלאַך. א צווייטער האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף א וואָגען האָלץ און איז אזוי אריין געפּאָהרען אין שטעדטעל. איינער פון די „פּער" פון די מוסר'ניקעס איז אריין צו א נאָוואָגרודקער גביר און דערלאַנגט איהם שלח־מנות פון מנהל — א בעזים... מ'האָט איהם, נאַטירליך, דורכגעטריבען, און דאָס האָט ער געמיינט...

א חוץ דעם איז דאָ ביי די מוסר'ניקעס „עשירי קודש" ד. ה. יעדער צעהנטער טאָג אין חודש איז הייליג. דעם טאָג מוז מען איינגאַנצען אבגעבען דעם מוסר לערנען. א גאַנצען טאָג און א גאַנצע נאַכט, ביז מ'פאַלט אַנידער אָהן קרעפטען. דאָס איז אָבער אלץ גאָר נישט אנטקעגען „ימים־נוראים" — די „מוראַדיגע טעג" פון ראש חודש אלול ביז יום כפור. דאַן איז אין דער ישיבה ממש „בעלאַגערונגס־צושטאַנד." נאָך צוויי וואָכען פאַר ראש־חודש אלול ווערען שוין צוגעשלאָסען די גמרות און דער קאַמפּף געגען דעם יצר־הרע געהט אויף לעבען און טויט. דאַן שטעהט אין דער ישיבה איין ווילדע, שרעקליכע פערצוויי־

פעלטע וויינעריי און קלאָגעריי און א משוגע׳נער אומלויפען. ווי פון צושראָקענע שעפּסען אין א פייער. און אָט די שרעק־ליכע טעג, ווער עס פער׳גנב׳עט זיך אין בית־המדרש לערנען, יענער איז א פערברעכער.

כדי די כאראַקטעריסטיק פון די נאָוואָגרודקער מוסר׳ניקעס זאָל זיין פאָלקאָם, דארף איך צוגעבען נאָך א פאקט, וואָס מיין בעקאנטער, געוועזענער מוסר׳ניק, האָט מיר מיטגעטיילט, שוין נאָך מיין אוועק פאָהרען פון נאָוואָגרודאָק. א בחור האָט זיך געוואָלט מאכען א „סגוף“ (פּייניגען זיך), אויף זיינע עבירות. איז ער אוועק אין גארדילאָוועקער וואלד, וואָס לע־בען שטעדטעל (דאָרט וואו ר׳ יוזל׳ס שטיבעל איז, וואו ער פּראוועט „התבודדות“), ארויפגעקראכען אויף א בוים און זיך אין דער הויך צוגעבונדען, עס זאָל אויסקומען ווי געהאנגען. א קריסט איז גראָד פארבייגעגאנגען. זעהט ער: א מענש הענגט. האָט ער געגעבען צו וויסען פּאָליציי. נאָר, ווען פּאָליציי איז געקומען, האָט מען איהם שוין ניט געפונען. די גאנצע שטאָדט האָט געקאָכט מיט דער געשיכטע.

מ׳קען ניט זאָגען, אז אין דער ישיבה איז ניטאָ קיין „רעוואָלוציאָנערען“. איינער פון זיי איז מיין בעקאנטער, וועל־כער האָט מיר געגעבען געוויסע היסטאָרישע מאטעריאלען וועגען ר׳ יוזל און די מוסר׳ניקעס. ער האָט פערלעבט אין דער ישיבה, צווישען די מוסר׳ניקעס, א סך יאָהרען. יעצט איז ער א לעהרער אין א שטעדטעל אויף תלמוד און העברעאיש און האָט סמיכה אויף רבנות. איהר זעהט, אז דאָס איז ניט קיין אפיקורס אין ערנסטען זין. דאָס איז א יונגער מענש, אביסעל א דענקענדער און מיט א פיהלענד הארץ. עס טוט איהם שטארק לייד פאר די מוסר׳ניקעס־יוגענד, צווישען וועלכע ס׳זענען דאָ א מאסע קינדער פון 12־10 יאָהר. ער קעמפפט אפען און דרייסט מיט ר׳ יוזל׳ען. מ׳האָט איהם אפילו געוואָלט אונטערקויפען מיט א וועכענטליכען געהאלט. נאָר ער האָט זיך ניט געלאָזען.

מיט א קורצע צייט צוריק איז פארגעקומען אין דער ישיבה

א מין רעוואָליוציע. א גרופּע מוסר'ניקעס האָבען געוואָלט מעהר פערברענגען אין לערנען. צווישען די פערשווארענע איז אויך געווען ר' יוזלס איידעם. נאָר ר' יוזל האָט די „רעוואָלוציע" פריה־צייטיג דערשטיקט, אזוי צו זאָגען, אין וואָרצעל. דעם איידעם האָט ער ארויסגעטריבען. די גרופּע רעוואָליוציאָנערען, וואָס האָבען זיך פערבענקט נאָכ'ן לערנען, זענען אין א שענעם פריה־מאָרגען בעפאַלען געוואָרען פון א מחנה גענגער. מ'האָט זיי מיט שטעקענס גענומען טרייבען פון בית־המדרש. אויפ'ן ליארים איז אָנגעקומען פּאָליציי און די זאַך איז אָנגעקומען צום געריכט.

אויסערליך, פאר דער וועלט, איז ר' יוזל'ס ישיבה כלומרשט א ישיבה פאר לערנען גמרא, בלויז מיט אביסעל מוסר, אינערליך איז דאָ אבער א שטרענג יעזואיטישער רעזשים. אין דער ישיבה געפינען זיך 150 בחורים. א גרויסער טייל פון זיי זענען, ווי געזאָגט, קינדער פון 12 און אפילו פון 10 און 9 יאָהר. ר' יוזל האָט צווישען די ישיבה־לייט זיינע געהיימע אַגענטען, וואָס גיבען אכטונג אויף יעדען קעהר און ריהר פון די איבריגע ישיבה לייט, ווען איינער וויל פשוט לערנען, ווערט ער פערהאסט און געיאגט. פערקעהרט: איינער מעג זיין א פּראָסטער קאָפּ, א גאָר נישט, בעקומט ער פיינע אונטערשטיצונג און שפּיעלט א גרויסע ראָליע אין דער ישיבה, ווען ער איז נאָר געהאָרזאם און טריי. דערפון ענטוויקעלט זיך פאַלשקייט, חניפה און צביעות צווישען די בחורים. אזוי קענט איהר זיך, א שטויגער, אנשטויסען אויף אזא מין סצענע: איינע פון די מוסר־ניקעס האָט נאָר וואָס געענדיגט די פּאָרציע „מוסר", וואָס איז בעשטאַנען אין אומלויפען איבער'ן שטיבעל און שרייען מיט ווילדע, משונה'דיגע קולות: אַי, גוואַלד! „לא ירבה לו נשים!" (מ'טאָר ניט האָבען קיין סך ווייבער) אָדער: „יזכור יום המיתה". (מ'זאָל געדענקען דעם טאָג פון טויט). (איהר דארפט ניט פערגעסען, אז דאָס שרייען אָפט 14־15 יאָהריגע אינגלאַך). געענדיגט די פּאָרציע מוסר, און טוען שוין אָן די מאנטלען צו געהן. אין מיטען דערינען געהט אריין ר' יוזל. אויפ'ן גאָס זאָגען די בחורים איינער צום אנדערן: „חאַי וואָלט

ער דאָס קומען פריהער, וואָלט ע ר דאָך הערען, ווי איך האָב געלערענט מוסר מיט התפעלות, וואָלט ער מיך האַלטען פאַר אַ „מצוין" (אַן אויסגעצייכענטען — אַ טיטעל פון אַ גרויסען בעל־מוסר).

מיט וואָסער „בארמהערציגקייט" ר' יוזל בעציהט זיך צו די ישיבה־לייט און צו מענשען בכלל קען מען זעהן פון אַט דעם פאַקט: עס קומט אַריין צו איהם אַ פערהונגערטער, פערמוטשעטער בחור בעטען עטליכע קאָפּיקעס אויף ברויט. ר' יוזל פאַלט אויף איהם אָן: ווי אַזוי האָט ער די העזה צו רעדען וועגען „גשמיות" און פרעגט ביי איהם שאלות: „מאין באת?" וואָס איז אַ מענש! ביז דער בחור געהט אַוועק אַ דערשלאָגענער, אַ פערצווייפעלטער.

אָט איז אַן אַנדער סצענע: ס'קומט צו ר' יוזלען אַן אָרימע אידענע. איהר קומט 50 רובל, וואָס זיינער אַן איידעם האָט ביי איהר אָנגענומען. ר' יוזל דערקענט איהר ניט. ווער איז די ווייבעל? פרעגט ער. אַרויס! ניטאָ קיין געלד! די ווייבעל וויינט, פאַלט אין חלשות. ר' יוזל'ען אָבער ריהרט דאָס ניט. ער הייסט איהר אַרויסוואַרפען. אַליין פונדעסטוועגען עסט ער און טרינקט פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און געהט אין אַ פוטער פון 300 רובל.

קורץ: די נאָוואָגרודקער ישיבה איז אייגענטליך קיין ישיבה ניט. דאָס איז אַן אינקוויזיציע, אַ משוגעים־הויז. ר' יוזל, איז אָהן אַ שום ספק, אַליין אויך אַ גייסטיג קראַנקער מענש, דער הויפּט משוגענער אין דער אַנשטאַלט, וועלכער שפּיעלט אָבער דאָ זעהר אַ טרויעריגע ראָליע פון אַ גרויס־אינקוויזיטאָר. עס איז פשוט אומעגליך צו גלויבען און דאָך איז עס אַ שרעקליכער פאַקט, אַז אין די הענד פון אַזאַ מענשען ווערען אָנגעטרויט הונדערטער קינדער, וועלכע געהען אַרויס פון דאָנען צעקאַליעטשעטע, קערפּערליך און גייסטיג אויף אַלע מאָל, אויב מ'האָט זיי ניט פריהער אַרויסגעפיהרט פערפיינגטע אויפ'ן נאָוואָגרודקער „בית חיים", אָדער מ'האָט זיי ניט אַוועקגעפיהרט אין ווילייקער משוגעים־הויז.

ר׳ יוזל „דער מאן פון די לעבער".

ר׳ יוזל „בעל החורים" (בוכשטעבליך פערטייטשט: דער מאן פון די לעבער) דער פיהרער פון די נאוואגרודקער מוסר׳ניקעס — איז געווים איינער פון די בעריהמטעסטע און מערקווירדיגסטע טיפען אינ׳ם ארטאדאקסישען יודענטום פון אונזער צייט. דאס איז אייגענטליך א קליינער מענשיל, וואס האט געזאלט זיין א קליינער רב׳ל אין א קליין שטעדטעל. מיט א טיעפער נייגונג צו א ווילדער פרומקייט, ווי א סך אנדערע רב׳לאך אין פערוואָרפענע שטעדטלאך, פערמאגט ער אבער די שטרעבונגען פון א קאריערִיסט. ער האט דעם גרויסען יצר־הרע צו זיין א פיהרער, ניט בעזיצענדיג דעם טאלאנט דערצו. ער איז אבער א מאן מיט א מורא׳דיגער ענערגיע און די רוסישע רעאקציע האט איהם ארויסגערוקט און געגעבען די מעגליכקייט צו שפיעלען א ראָליע אין איצטיגען מאָמענט: דער נאמען ר׳ יוזל איז ביי אלעמען אין די מיילער. עס קלינגט מיט איהם דער גאנצער תחום.

ר׳ יוזל איז א זוהן פון א קליינשטעדטיגען רב אין קאָוונער גובערניע. אין דער יוגענד איז ער געווען א סוחר. צוליעב מסחר פלעגט ער פאהרען אפט אין פרייסען. דאן האט ער זיך בעקענט מיט ר׳ ישראל סאלאנטער. די פערזענליכקייט פון סאלאנטער און די תורה פון מוסר האט איהם שטארק צוגעצויגען. ער פערלאזט דעם מסחר און ווערט ר׳ שמחה זיסעלס א תלמיד. שפעטער הויבט ער אליין אן צו אגיטירען און ארביי־

ער פיהרט פראפאגאנדע זיין רעכענונג. אייגענעם אויפ'ן מען אויך א ווילדען שטויגער. ער געהט אוועק פון מענשען און בע־זעצט זיך אין סלאבאדקע אין א שטיבעל, וואו ער פיהרט א לעבען פון שטרענגער איינגעשלאסענקייט און איינזאמקייט. אום אבצורייסען זיך אין גאנצען פון מענשען הייסט ער פערשלא־גען אין גאנצען אין דער שטיבעל טיר און פענסטער. אין וואנט מאכט ער צוויי לעכער — א „מילכיגע" און א „פליישיגע". דורך די דאזיגע לעכער האט מען איהם דערלאנגט עסען. פון דעמאלט אן האט מען איהם געקרוינט מיט'ן טיטעל ר' יוזל „בעל החורים".

וואס איז דאס געווען: אנ'אנפאל פון וואהנזין? א שווינ־דעל? אדער ביידע זאכען צוזאמען? אלענפאלס האט די מעשה מיט די לעכער געמאכט אין קאוונא א מורא'דיגען רעש. די דונקעלע מאסע האט איהם שוין געקרוינט פאר א הייליגען. נאר די צייט פון „למד־וואווניקעס", איז שוין אוועק. געגען די ווילדע מעשים פון ר' יוזל האבען אנגעהויבען פיהרען א קאמפף אי די פרומע, אי די פרייע. דער קלאנג איז דערגאנגען צום גובערנאטאר און ער האט געהייסען אויפברעכען די שטיבעל און האט ארויסגעשיקט ר' יוזל'ן פון קאוונא.

די געשיכטע מיט די לעכער האט זיך געענדיגט, צו אלע־מענס איבערראשונג — ראמאנטיש. ר' יוזל האט באלד נאך דעם חתונה געהאט (צום דריטען מאל) מיט זיין צווייטער ווייבס שענער פלימעניצע, וואס האט ביי איהם פריהער גע־דינט און, נאך זיין ווייבס טויט, געטראגען איהם עסען אין שטיבעל דורך די לעכער. לצים זאגען, אז דער גאנצער אנשטעל איז געווען ניט מעהר, ווי אן איינפאל פאר ליעבעס־טרעפונגען צווישען איהם און דער מיידעל. באלד נאך דעם גרינדעט ער דעם קבוץ אין נאוואגרודאק.

סלאבאדקער ישיבה.

א גאנץ אנדער איינדרוק, ווי די נאוואגרודקער ישיבה, מאכט די סלאבאדקער. דא נעהמט דער מוסר ניט אן אזא ווילדע געשטאלט, ווי דארטען. די ישיבה־לייט געהן ארום זיך ריינליך, קורץ געקליידט, מיט ריינע העמדער, אדער מאנישקעס, ווייסע קראגען און ווייכע היט. אנדערע געהען אין שווארצע העמדלאך, אבער ריינליך. איך האב בעזוכט די ישיבה, האב מיט א סך פון די יונגע לייט דארט פארבראכט; האב בעזוכט אייניגע פון זיי אין דער היים. מיט זיי איז גאנץ אינטערעסאנט צו רעדען. זיי שטימען אויף קיין פאל ניט איין מיט זייערע נאוואגרודקער חברים. ר׳ יוזל׳ס נאמען ווערט דא ניט אויסגעשפראכען מיט סימפאטיע. זיי האבען אויפגענומען דעם מוסר אין דער ריינערער פארם פון ר׳ ישראל סאלאנטער און זיין הויפט תלמיד — ר׳ שמחה זיסעל. דא ווערט מעהר אכט געלעגט אויף דער געזעלשאפטליכער זייט פון „מוסר". די ישיבה־לייט זענען צווישען זיך ברידערליך אויפגעבונדען. האבען א געגענזייטיגע הילפס־קאסע. קומען איינע די אנדערע צו הילף אין פאל פון א נויט, אדער קראנקהייט. די וואס האבען שוין פערלאזען די ישיבה שטעהען אפט אין שטענדיגער שריפטליכער פערבינדונג מיט זייערע געבליבענע חברים. נויטיגט זיך איינער פון זיי אין עפעס, דארף ער נאר מעלדען אין דער ישיבה, ווערט איהם גלייך ארויסגעשיקט געלד און עס ווערט פאר איהם בכלל אלץ געטון, וואס נאר מעגליך. א סך פון די סלאבאדקער מוסר׳ניקעס בעזוכען די קאוונער אידישע ביבליאטעק, לעזען צייטונגען און ביכער אין אידיש, רוסיש און דייטש. אייניגע פון זיי לעזען פלייסיג ניטשע, דאסטאיעווסקי און טאלסטאי. נאטירליך איז זייער גייסטיגער באגאזש ניט זעהר קיין

רייכער. נאָר דערפאַר איז דאָ אין דער הינזיכט פון מאָראַלישער ריינקייט, תמימות, הארציגקייט, פיליכט דער בעסטער עלע־מענט פון דער אידישע יוגענד, דער יעניגער, וואָס שטרעבט ניט צו אַ מאטעריאליסטישער קאריער, נאָר צו מאָראַלישער פּאָלקאָ־מענהייט; וואָס זוכט ניט אזוי דאָס לעבען, ווי די ווארהייט פון לעבען.

איך האָב איינעם פון די סלאָבאַדקער ישיבה־לייט אויפ־מערקזאם געמאכט, אז דער איצטיגער קוק אויף דער עטישער ערציהונג קען דאָך ניט זיין דער זעלבער, ווי פון די אַלטע אי־דישע מוסר־ספרים; אז פון דער ישיבה קענען, אין בעסטען פאַל, ארוים רבנים, ראשי ישיבות, מלמדים און קרעמער; אז דאָס אי־דישע פאָלק אין רוסלאַנד שטעהט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע אין זיין עקאָנאָמישען לעבען, און די איינציגע רעטונג בעשטעהט נאָר אין דער ערציהונג פון דער אידישער יוגענד צו שאפענ־דער ארבייט; אז די עטישע ערציהונג מוז איינשליסען די ער־ציהונג פון קערפער און גייסט צוזאמען אויף דעם גרונד פון די געזעלשאפטליכע און נאַטור־וויסענשאפטען פון אונזער צייט; אז די ישיבה איז ניט די יעניגע פאָלקס־שולע, וועלכע מיר האָ־בען נויטיג. דער ישיבה־מאַן האָט מיך פאָלקאָם פערשטאַנען. נאָך מעהר: דער מוסר'ניק האָט מיר מודה געווען, אז דאָס איז אַלץ ריכטיג. אבער אן אמת'ע פאָלקס־שול פאַר גייסטיגער און עטישער ערציהונג קען די יוגענד אליין ניט שאפען פאַר זיך. דאָס מוז טון די אינטעליגענץ, די געזעלשאפט. די געבילדעטע געזעלשאפט קימערט זיך אבער וועניג דעם וועניג. זי איז פער־טאָן אין שאפען איהר איינענע קאריער. וואָס זשע זאָלען טון די 400 תלמידים פון סלאָבאדקער ישיבה, וואָס קענען ניט און ווילען ניט זיין קיין עקסטערניקעס, קיין דיפּלאָם־אינטעליגענ־טען; די אידעאַלע יונגע לייט, וואָס זוכען די ווארהייט אין לעבען, וואָס זוכען אַ בעפרידיגונג פאַר זייערע איידעלע האר־ציגע שטרעבונגען? זיי מוזען געהן אהער, ווייל קיין אנדער אַרט האָבען זיי ניט.

וואָס האָב איך איהם געקענט ענטפערן?

אין די געצעלטען פון תורה.

ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער און ר׳ הערש ליב.

א קורצע צייט פאר מיין בעזוך אין וואלאזשין, איז דאָרט פארגעקומען זעהר אן אינטערעסאנטער סטרייק. א סטרייק פון די ישיבה־לייט געגען משגיח און געגען דעם מנהל (פיהרער) פון דער ישיבה. דער סטרייק איז געפיהרט געוואָרען מוטיג, ענערגיש און סאָלידאריש.

בשעת מיין בעזוך אין וואלאזשין איז דער סטרייק געווען אין רעכטען ברען. די ישיבה־לייט האָבען זיך געהאלטען פעסט און געווען זיכער אין דעם זיעג. דער משגיח מיט דעם מנהל זענען אנטלאָפען. די קלויזניקעס זענען געווען די פולע באַלעבאַטים פון דער ישיבה.

דער סטרייק איז גאָר ניט געווען פערבונדען מיט מאטע־ריעלע פאָדערונגען. דאָס איז געווען א ריין פרינציפיעלער קאמפף — א קאמפף פאר רעכט און צו דערזעלבער צייט — פאר די פרינציפען פון דער וואלאזשינער ישיבה.

צו פארשטעהן דעם קאמפף מוז מען אָנהויבען אביסעל פריהער: בעטראכטען די היסטאָריע און די אינערליכע אָרד־נונגען פון דער ישיבה.

די וואלאזשינער ישיבה איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם ווילנער גאון׳ס תלמיד — ר׳ חיים וואָלאָזשינער. נאָר, א חוץ ר׳ חיים׳קע וואלאזשינער, האָבען נאָך צוויי פערזאָנען גע־שפּילט זעהר א וויכטיגע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דער ישיבה, ווי אויך אינ׳ם לעבען פון די רוסישע יודען, בכלל. די

צוויי פערזאנען זענען: ר' איצעלע וואלאזשינער, ר' חיים'קעס זוהן, און זיין איידים — ר' הערש ליב בערלין.

פאר ר' איצעלען איז די ישיבה געפאלען. ס'איז דעמאלט אין קאפ ניט געווען. ס'איז אנגעקומען דער „שטורם און דראנג" פון דער השכלה. ס'איז געווען די עפאכע פון לילענטאל, מאנדעלשטאם, מאפו, אייזיק מאיר דיק. ניקאלאי און זיין מיניסטער אובאראוו האבען זיך געבעטען ביי יודען: נאט אייך שקאלעס, אוניווערזיטעטען, גימנאזיעס! אבי בילדעט זיך! זייט מיט לייטען גלייך!

מען האט דעמאלט איינגערופען אן אסיפה אין פעטערבורג פון רבנים און כלל־טוער, מיט ר' איצעלען אן דער שפיץ. ר' איצעלע וואלאזשינער איז געקומען אין פעטערבורג אין א לאנגען זיידען־געבלומטען טלית־קטן, עהנליך צו דער „ריזע" פון א רוסישען גלח. אט דער טלית־קטן געפינט זיך נאך איצט אין וואלאזשין ביי זיינע אייניקלעך. אין דעמזעלבען טלית־קטן האט ער געדאווענט, געלערנט, געגעסען; אהן איהם — פון שטוב ניט ארויס. אין איהם איז ער שטאלץ און פריי געקומען צום מיניסטער אובאראוו. די רעגירונג איז ניט געווען צופרידען פון די יודישע מלבושים. זי האט פערלאנגט די יודען זאלען זיך „טייציש" קליידען, זאלען זיין אייראפייער, „מיט לייטען גלייך".

דער מיניסטער האט א קוק געטאן אויפ'ן וואונדערליכען „טלית־קטן" און געפרעגט ר' איצעלען: פאר וואס עפעס טראגט ער אזא משונה'דיגען „טלית־קטן" און די ציצית — ביז דער ערד, און לילענטאל — ניט? איז דען לילענטאל ניט דערזעלבער יוד?

ר' איצעלע איז א מינוט ניט געווען אין פערלעגענהייט.

— עס שטעהט — זאגט ער — אין דער תורה „וראיתם אותם וזכרתם"... איהר וועט זיי, די ציצית, זעהן — וועט איהר זיך דערמאנען... איז, פערשטעהט איהר מיך, וואשע סיאטעלסטווא (אייער דורכלויכטיגקייט), די מעשה אזוי: לילענטאל איז דער גרויסער מענש מיט דעם גרויסען קאפ — דארף ער ניט קוקען... ער גערענקט אזוי אויך. מיר אבער, געוועהנליכע מענ־

שען, מוזען האבען שטענדיג די ציצית פאר די אויגען, כדי צו דערמאנען זיך...

אובאראוו האט גאר גישט געקענט מאכען מיט ר' איצע־לען. פונקט ווי פריהער האט אלעקסאנדער דעם ערשטענס רע־גירונג נישט געקענט מאכען מיט זיין טאטען, ר' חיים'קען. די יודען האבען גע'טענה'ט זייערם: „זנאט ניע זנאיעם! שקאלעם ניע זשעלאיעם!" — מיר ווילען גאר נישט וויסען, מיר דאר־פען קיין שקאלעם ניט!

ר' איצעלע איז געווען א גרויסער דרשן און נאך א גרע־סערער חכם פון זיין טאטען ר' חיים'קען. זיין אויטאריטעט איז ביי יודען געווען נאך גרעסער ווי זיין פאטער'ס. דאס איז גע־ווען אז אמת'ער ניט געקרוינטער קעניג פון די ארטאדאקסישע יודען. דעם קאמפף געגען חסידות האט ער כמעט אויפגעגע־בען. ער איז בכלל געווען מעהר וועלטליכער מענש. האט געלע־זען און געשריבען רוסיש און פויליש. געגען השכלה, ווי מיר ווייסען, האט ער גאר גישט געהאט. אדער ער איז געווען צו קלוג צו פארשטעהן, אז קעמפפען געגען איהר איז נוצלאז. ער האט נאר איין זאך פערלאנגט: תורה מיט השכלה צוזאמען— דאס ניט! זאלען זיי זיין גוטע פריינד פון ווייטען...

און דעריבער האט ער געקעמפפט מיט אלע קרעפטען, אז די ישיבה זאל זיין א „מקום מקלט" פאר תורה אליין. ווער עס וויל „השכלה" זאל געהן אין שקאלע, אין גימנאזיע, אין אוני־ווערזיטעט. ווער עס וויל תורה זאל פאהרען צו איהם, אין וואָ־לאזשין.

ר' איצעלע, אזוי ווי זיין טאטע ר' חיים'קע, האט גאר נישט פערנומען פון פאלק. ער האט געלעבט פון א שטיקעל פאבריק. האט ניט אנגענומען קיין שום רבנישען טיטעל. און דערפאר איז ער פאר קיינעם ניט בעשטאנען, אפילו פאר'ן מי־ניסטער אובאראוו.

ער האט שוין אבער ניט איבערגעלאזען אזעלכע קינדער, וואס זאלען פעהיג זיין צו פערטרעטען זיין פלאץ. נאך ר' אי־צעלעס טויט האט זיך אנגעהויבען מחלוקת פאר דעם אמט און טיטעל פון מנהל (פיהרער). ניט פון פאלק — דערצו איז שוין

קיינער פון זיינע זיהן און איידימס ניט געווען פעהיג — נאָר פון דער ישיבה. די ישיבה איז בעטראַכט געוואָרען אי פון ר׳ חיים׳קעס און ר׳ איצעלעס יורשים, אי פון פאָלק, אלס זייער פאַמיליען־אייגענטום. אין דער מחלוקת האָבען זיך דעריבער אַנדערע רבנים אריינגעמישט, אויף וויפיל זיי אליין, די בעלי מחלוקת, האָבען דאָס פערלאַנגט. די צייטען האָבען זיך אַזוי שטאַרק געענדערט: פריהער איז ר׳ חיים׳קע געווען די לעצטע אינסטאַנץ פאַר יעדען סכסוך אין פאָלק. אפילו צווישען רבנים. יעצט האָבען די יורשים אליין געמוזט אַנקומען צו א פשרה פון רבנים.

אין דעם קאַמפף צווישען ר׳ איצעלעס צוויי איידעמס: ר׳ יוסף בער, בריסקער רב, און ר׳ הערש ליב׳ען, האָבען די רבנים צוגע׳פסק׳ענט די וואָלאָזשינער קאַטעדרע פאַר דעם לעצ־טען. און מ׳מוז זאָגען, אז זייער משפט איז געווען גערעכט.

ר׳ הערש ליב איז ניט געבאָרען געוואָרען ווי זיין שווער און עלטער־שווער צו זיין א לידער פון פאָלק. דערפאַר איז ער געווען א טאַלאַנטפולער פעדאַגאָג און טרייער ערציהער פון דער יוגענד. פערציג יאָהר איז ער געווען פיהרער פון דער וואָלאָזשי־נער ישיבה. און ער האָט זי אָוועקגעשטעלט אויף אַזאַ הויך, ווי זי איז קיינמאָל ניט געשטאַנען, ניט פאַר איהם, ניט נאָך איהם. דעם גרויסען שם, וואָס וואָלאָזשין האָט בעקומען אין דער וועלט, האָט זי נאָר געהאַט צו פערדאַנקען דער אונערמיעדליכער און אונערשעפּליכער ענערגיע און ליעבע פון אָט דעם מערק־ווירדיגען מענשען.

ר׳ הערש ליב איז געגאַנגען אין די וועגען פון ר׳ חיים־קען און דעם ווילנער גאון. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט ניט בלויז געפיהרט א מעכטיגען קאַמפף געגען דעם פּרוכט־לאָזען „פּלפּול“, נאָר האָט אָבגעשאַפט אלע שפּעטערדיגע „מפרשים“ און געפאָדערט די תלמידים זייגע זאָלען שעפּען דירעקט פון דעם ערשטען קוואַל, פון תלמוד גופא. צוליב דעם איז אָנגעגאַנגען א הייסער קאַמפף צווישען איהם און זיין שוואָ־גער ר׳ יוסף בער. נאָר דער גרעסערער טייל תלמידים און די רבנים זענען געווען אויף זיין זייט און — ער האָט געזיעגט.

פאר א י ה ם איז די וואלאזשינער ישיבה בעריהמט געווארען אין דער גאנצער וועלט. פריהער זענען געווען אין דער ישיבה הונדערט ישיבה־לייט; יעצט — פיער הונדערט. פריהער האט בעטראפען איהר בודזשעט פיער טויזענד רובל א יאהר. ר׳ הערש ליב האט איהם אויפגעהויבען ביז זעכצעהן טויזענד רובל. ער האט איינגעשטעלט פעסטע פערבינדונגען מיט אלע גרויסע אייראפעאישע לענדער און מיט אמעריקא. זיינע משולחים האבען געבראכט געלד פון אלע עקען וועלט. און פון אלע עקען וועלט איז מען געפאהרען לערנען קיין וואלאזשין.

די ישיבה האט בעזעסען כמעט פולע אויטאנאמיע. יעדער ישיבה־מאן איז געווען פריי צו לערנען וואסער מסיכתא ער האט געוואלט. אין דער ישיבה גופא איז געווען, נאטירליך, א געוויסער רעזשים (ארדנונג). אכט אין דער פריה האט מען געמוזט קומען דאווענען. פון ניין ביז צעהן אזייגער פלעגט דער ראש ישיבה זאגען א פרשה חומש פון דער וואך. פון צעהן ביז איינם האט מען געלערנט א יעדער פאר זיך, איינציגווייז אדער עטליכע צוזאמען. פון איינם ביז צוויי איז געווען דער שיעור, ד. ה. די לעקציע פון ר׳ הערש ליב׳ן אליין, אדער פון זיינע העלפער — דער זוהן ר׳ חיים בערלין און דער איידעם ר׳ חיים סאלאווייציג. פון צוויי ביז פיער איז געווען מיטאג; פון פיער ביז פינף — מנחה; פון פינף ביז צעהן אוונד וייטער געלערנט. צעהן איז מען געווען פריי אינגאנצען. נאר א סך מתמידים פלעגען גלייך נאך אוונד־ברויט קומען לערנען אין דער ישיבה ביז האלבע נאכט. אנדערע, פארקעהרט, פלעגען דורכשלאפען זיך ביז צוועלף אזייגער און לערנען דערנאך ביז דריי־פיער פאר טאג. בכלל איז געווען איינגעפיהרט פאר ר׳ הערש ליב׳ען, אז דער „בית המדרש“ איז קיינמאל ניט געווען לעדיג. עס זענען געווען „משמורים“ די גאנצע נאכט. איין „משמור“ (וואך) אראב — דער אנדערער ארויף. א שטארקען איינדרוק האט געמאכט די ישיבה אויף דעם, וואס האט זי בעזוכט אין מיטען נאכט. ארום איז שטיל. די גאנצע וועלט איז איינגעהילט אין טיפען שלאף. נאר דא וואכט דעם יודענס נשמה. דער גרויסער זאל פון דער ישיבה איז ליכטיג און צעהנד־

ר׳ איצעלע וואלאזשינער און ר׳ הערש ליב

ליגע, טרויעריג - צאַרטע און שמערצליך־בענקענדע קלאַנגען גיסען זיך אין דער לופט.

„אוי וועה, אמר רבא, אוי אמר אבייא...

צו דאַ איז דער וועבשטול פון׳ם יודענ׳ס נשמה?

דער קוואַל פון זיין גייסט, פון זיין אייביגען לעבען?

דער שטראַם, וועלכער גיסט אין איהם פייער און שטרעבען?

אוי, וועה, אמר רבא !... צי הערסטו צי פיהלסטו

די גייסטיגע שמאכטונג, די מעכטיגע ליעבע?

און האָסטו א קופערנע האַרץ, צי—פון אייזען,

די ווערטער וואָס שפּריצען מיט בלוט און מיט פייער,

זיי קענען א שטיינערנע האַרץ אויך צורייסען...

די וואָלאָזשינער ישיבה האָט געפונען אין ביאַליק׳ן איהר דיכטער. זיין „המתמיד" פון וואַנען די אויבערשטע פערזען זע־נען גענומען, איז די פּאָעמאַ פון וואָלאָזשין. און פערשטעהן, אָדער ריכטיגער, פיהלען די דאָזיגע פּאָעמע קען מען נאָר, ווען מען בעזוכט די ישיבה אין א שענעם זומער־טאָג.

אין זייער אינערליכען לעבען זענען די ישיבה־לייט זעהר געזעלשאפטליך. די גאנצע ישיבה איז איינגעטיילט אין פיער אָרגאַניזאַציעס : „גמילות חסד", „תומכי תורה", „עונג שבת" און „ועד המעונות" (קאָמיטעט צו בעזאָרגען וואוינונגען). די ערשטע דריי האָבען א אונטערשטיצונגס־כאַראַקטער. די לעצטע איז געגרינדעט געוואָרען שפּעטער פון יענע. דער גרעס־טער טייל פון די ישיבה־לייט זענען באַלעבאַטישע קינדער. די שטיצע, וואָס זיי בעקומען, מיט דעם וואָס מ׳שיקט זיי אונטער פון דער היים — איז פאר זיי פּאָלקאָם גענוג. פאַראַן צווישען זיי אפילו גאנץ רייכע. דערפאר איז אבער פאַראַן גאָר אָרימע בחורים, וואָס די שטיצע פון דער ישיבה קלעקט ניט פאר זיי. פאר זיי זענען געמאַכט געוואָרען די דרייערליי קאַסעס : אין „גמילת חסד" ווערט געליהען מזומן געלד פון א רובל ביז פופ־צעהן. דערין נויטיגען זיך אפילו די באַלעבאַטישע קינדער. גע־ליהען ווערט אויך א משכון פון ביכער, קליידער אדער אנדערע ווערט־זאכען. די ישיבה־לייט האָבען מיר געזאָגט, אז זינט דער

„גמילות חסד“ עקזיסטירט האט כמעט קיינמאל ניט געטראפען, אז א בחור זאל ניט אבגעבען א חוב. „תומכי תורה“ איז אן אונטערשטיצונג פאר די ארימערע, וואס די תמיכה פון דער ישיבה איז פאר זיי ווייניג. „עונג שבת“ איז א ספעציעלע קאסע, וואס גיט אן עקסטרא אונטערשטיצונג אויף שבת. דאס געלד ווערט געזאמעלט פון ישיבה־לייט אליין און אויך פון געסט, וואס בעזוכען די ישיבה. צעהן פון די ישיבה־לייט, בעל הבית׳לאך, וואס צייכענען זיך אויס מיט זייערע פעהיגקייטען און פלייסיגקייט אין לערנען, בעקומען פון ניין ביז צוועלף רובל א וואך פון א ספעציעלען פאנד, פון די בראדסקעס. דער קאמיטעט צו בעזארגען וואוינונגען האט זיין אויפגאבע צו בעשטעלען א צימער פאר יעדען קלויזניק, און אכטונג געבען, אז דער ישיבה־מאן זאל ווערען ארנטליך בעהאנדעלט.

געוועהנליך שטעהען די ישיבה־לייט צו צוויי און דריי אין א צימער. איך האב בעזוכט איינינע פון זיי. די צימערן זענען אנשטענדיג, ווערען אויפגעהאלטען אין ארדנונג און ריינליך. וואס אנבעלאנגט דער אויפפאסונג, בין איך זיכער, אז זעלטען וועלכער סטודענט ווערט אויפגעפאסט מיט אזוי פיעל ליבע און צערטליכקייט, ווי די ישיבה־לייט אין וואלאזשין. דער דורכשניטליכער פרייז פאר א וואוינונג איז אמאל געווען פון דרייסיג ביז פופציג קאפיקעס א וואך פאר איינעם. היינט — מיט צעהן, צוואנציג קאפיקעס טייערער. פאר אט די עטליכע גראשענס פארפליכטען זיך: די באלעבאסטע, דער באלעבאס און זייערע קינדער צו בעדינען דעם ישיבה־בחור. מ׳מאכט איהם טיי, מ׳קאכט איהם מיטאג, מ׳וואשט, מ׳רייניגט, מ׳פאלגט א גאנג. דער ישיבה־מאן דארף נאר א פיפס טאן — איז די גאנצע בעזינד גרייט צו לויפען טאן זיין פערלאנג. אז דער ישיבה־מאן שלאפט, געהט מען אויף די שפיצען פינגער. אז דער ישיבה־מאן רעדט — איז דאס א כבוד און מ׳הערט אויפמערקזאם יעדעסווארט. קיין שום געלד־אנגעלעגענהייטען האט דער קלויזניק ניט מיט דער ווירטין פון זיין וואוינונג. די באלעבאסטע געהט אלע וואך אין דער ישיבה און בעקומט פאר איהם זיינע וואכער. אפט לעגט זי אויס פאר איהם און ווארט וואכען,

מאנאטען־לאנג ביז זי בעקומט געצאהלט. עס טרעפט אויך, אז א ישיבה־מאן בלייבט שולדיג פאר א גאנצען זמן עסען און וואוינונג. פאר יעדען וואלאזשינער באלעבאס איז א כבוד צו האלטען א קלויזניק. און ווען מ׳זאל רעכענען די מיה און געלד, — לעגען, אהן א ספק, די וואלאזשינער באלעבאטים צו די ישיבה־לייט צו. נאר די באלעבאטים טראגען דאס מיט געדולד און קלאגען זיך קיינמאל ניט. א סך רעכענען פאר א כבוד און א גרויסע מצוה צו האלטען און בעדינען די ישיבה־לייט. אנ־דערע, וואס האבען טעכטער, טראגען, פילייכט, אין הארצען א בעהאלטענע כונה צו האבען מיט דער צייט אן איידעם אין דעם קווארטיראנט.

און ניט בלויז די יודען אין וואלאזשין האבען דרך ארץ פאר די ישיבה־לייט. אפילו די קריסטען אויך. אז ס׳טרעפט זיך א שרפה אין שטעדטעל ביי א קריסט, טרויט ער אן זיין פערמע־גען נאר די ישיבה־לייט, וועלכע קומען ראטעווען שטעדטעל אין יעדער צרה — פייער צי וואסער.

די ישיבה־לייט לעבען צווישען זיך פריינדליך. אז אימי־צער ווערט קראנק — וואכען ביי איהם חברים טאג און נאכט. מ׳גיט איהם אויך מאטעריעלע שטיצע, ווען ער האט נויטיג.

אויסערליך מאכען די ישיבה־לייט אן אנגענעהמען איינ־דרוק. זיי געהען קורץ געקליידט, אין געפרעסטע מאנישקעס און קראגענס. ביי א סך איז דער פנים ראזירט. די ישיבה־לייט פער־זיכערן, אז זיי גאלען זיך מיט א מאשינקע און ניט מיט א גאל־מעסער. פיזיש זעהען די בחורים אויס גאנץ פריש און מונטער. קראנקהייטען טרעפען צווישען זיי זעהר זעלטען. מ׳זאגט, אז אמאל, פאר ר׳ הערש לייבען, אין א עפידעמיע־צייט, זענען צוויי ישיבה־לייט קראנק געווארען און געשטארבען: רבי הערש ליב איז בייז געווארען אויף גאט. ער האט זיך אנגעטאן אין טלית און קיטעל, אריין אין דער ישיבה, געעפענט דעם ארון קודש, און געזאגט מיט א ביטערן פארוואורף: „רבונו של עולם! איך וועל ברינגען אהער קינדער און דו וועסט זיי צו־נעהמען?!..."

פון דעמאלט אן — זאגען וואלאזשינער יודען — האט

ניט געטראָפען, אַז א ישיבה־מאַן זאָל שטאַרבען אין וואָלאָ־זשין.

מ׳קען דאָס אָבער דערקלערען אָהן נסים. די לופט אין וואָלאָזשין איז זעהר א געזונטע. כאָטש אין שטעדטעל איז בלאָטע, אָבער ארום איז פעלד און וואלד. דער באַדען ארום שטעדטעל איז א זאמדיגער און א בערגיגער. בעזונדער איז שעהן די לאנדשאפט פון איין זייט, אויפ׳ן בארג, וואוהין די ישיבה־לייט האָבען ליעב צו געהן שפּאַצירען. זיי רופען אַט דעם אָרט: „די יארמולקע". זיי האָבען מיך געפיהרט אהין ווייזען דעם שענעם בארג אין די ערטער, וואו, לויט די לעגענדע, ביאַליק פלעגט ליעב האָבען צו געהן שפּאַצירען און פאַנטאַזירען. ווען אַט דער גרעסטער און לעצטער העברעאישער דיכטער איז ביי דער גאנצער נאַציאָנאַל־געשטימטער יידישער יוגענד געליבט, איז ער ביי די ישיבה־לייט ממש פערגעטערט, ווי א נביא.

אין פארגלייך מיט אנדערע ישיבות, זענען די וואָלאָזשי־נער ישיבה־לייט די ענטוויקעלטסטע. א סך פון זיי לע־זען רוסיש, דייטש, שרייבען העברעאיש אויסגעצייכענט. פאַ־ראַן פון זיי יונגע לייט מיט ליטעראַרישע פעהיגקייטען. אינ־טערעסאַנט איז, אַז דער איצטיגער עלעמענט, איז, כאָטש אוי־סערליך גאַנץ וועלטליך און היבש ענטוויקעלט, אבער א סך רע־ליגיעזער געשטימט, ווי דער אַמאָליגער. דאָס ערקלערט זיך פּי־לייכט מיט דער רעאַקציע; פּיליכט דערמיט, וואָס דער יונגער מאַן, וואָס זוכט אַלגעמיינע בילדונג, ווערט ניט געשטערט פון די היימישע און קען עס דערוייזען אויסער וואָלאָזשין. דערצו איז פאַראַן די לידער ישיבה, וואו עס ווערט שוין געלערנט אָפיציעל: רוסיש, העברעאיש, יודישע געשיכטע, ליטעראטור, אזוי אַז אין וואָלאָזשין פּאַהרען איצט די יונגע לייט, וואָס גריי־טען זיך אויפריכטיג צו דער קאַריערע פון א רב. אַלענפאַלס זענען די וואָלאָזשינער ישיבה־לייט א סך א ליכטיגערער עלע־מענט, ווי די קלויזניקעס פון אַלע אנדערע ישיבות אין תחום. דער גרעסטער טייל איז ציוניסטיש געשטימט און אינטערע־סירט זיך בכלל מיט׳ן נאַציאָנאַלען יודישען לעבען. לינקער פון ציוניזם איז ניטאָ.

דער פיהרער פון דער ישיבה, בשעת מיין וויזיט אין וואלאזשין, איז געווען ר׳ רפאל, ר׳ הערש ליב׳ס און איידעם. ער איז ניט עהנליך צו די פריהערדיגע גרויסע גייסטער, וואס האבען די ישיבה געגעבען א בעזונדער שטעמפעל און פיזיאנאמיע. דאס איז א יוד, כאטש א גרויסער למדן, אבער א גלאטער, א נאאיווער מענש. זינט ר׳ הערש ליב איז געשטארבען, האט די וואלאזשינער ישיבה פערלארען איהר געוועזענעם גלאנץ. אין די לעצטע יאהרען איז ר׳ הערש ליב׳ען אויסגעקומען פיהרען א פערצווייפעלטען קאמפף פאר זיין ישיבה, וואס האט ארויסגעלאזען פאר זיין צייט אליין צוואנציג טויזענד תלמידים. די צייטען האבען זיך שטארק געענדערט. ער אליין איז ניט געווען קיין פאנאטיקער. האט ערלויבט די תלמידים צו לעזען און צו לערנען אין זייער פרייער צייט, וואס זייער הארץ געלוסט. אבי אין דער ישיבה זאלען זיי לערנען גמרא. די יודישע בורזשואזיע האט אבער געדארפט אנדערע רבנים, ווי די וואס וואלאזשין האט ארויסגעלאזען. זי האט געוואלט האבען פרעדיגערס און ראבינערס נאכ׳ן דייטשען מוסטער. מיט א שענער שפראך און שענע מאנירען. זיי האבען שוין געהאט א מאכט. מ׳האט געוואלט מאכען א סעמינאר און פאבריצירען געשטודירטע רבנים, אזוי ווי אין איראפא. האט מען אבער מורא געהאט, אז זייער סעמינאר וועט ביים פאלק ניט האבען דעם אויטאריטעט, וואס וואלאזשין. מ׳האט דעם ארימען ר׳ הערש לייבען געשלעפט אין פעטערבורג צו פאליאקאוו׳ן אויף אסיפות, געצוואונגען איהם חתמ׳ענען, אז מ׳וועט אין דער ישיבה לערנען אויך רוסיש. פאקטיש איז אבער דער בעשלוס קיינמאל ניט אויסגעפיהרט געווארען. ס׳איז געקומען דערצו, אז די רעגירונג האט די ישיבה פערשלאסען און ר׳ הערש לייבען מיט זיינע איידעם׳ס געהייסען ארויספאהרען פון וואלאזשין. עטליכע יאהר האט נאך ר׳ הערש לייב אומגעוואנדערט, אבגעשלאגען די שוועלען ביי די יודישע „פני". ער האט אבער ביי די גבירים קיין אבקלאנג ניט געפונען און איז אין גיכען געשטארבען פון הארצוועהטאג, אין ווארשא, אז אלטער מאן פון אכט און זיבעציג יאהר.

מיט גרויס מיה האט זיך שפעטער אביסעל איינגעגעבען עפענען די ישיבה אלס פשוט'ן בית המדרש, מיט דעם בעדינג, אז קיין שיעור זאל דארט ניט געזאגט ווערען. ס'הייסט די ישיבה־לייט לערנען אליין.

די אלטע טראדיציעס ווערען אבער אויך איצט שטארק אבגעהיט פון די ישיבה־לייט. ווען דער משגיח, אונטער דעם איינפלוס פון נאוואגרודאק און, איבערהויפט, פון סלאבאדקע האט אנגעהויבען איינצופיהרען מוסר, האט זיך די גאנצע ישיבה געשטעלט ווי איין מאן: צוגענומען ביי איהם די ביכער, ניט געלאזען איהם אריינגעהן אין דער ישיבה, און געגעבען איהם אן אולטימאטום: אדער ער זאל זיך אבזאגען פון די מוסר, אדער זאל אראב פון זיין שטעל. דערוייל האט דער משגיח מיט'ן שווערבלינג דעם רב געמאכט פליטה. די לאגע איז נאך דאן געווען אונבעשטימט. די ישיבה־לייט, זענען אבער געווען פעסט אין זייער זיעג. וואלאזשינער ישיבה־לייט זענען אלטע קעמפפער. נאך גאר אמאל, אין די גרויסע מחלוקת'ן פאר און געגען דעם „פלפול", צווישען ר' הערש ליב און זיין שוואגער ר' יוסף בער, ווי אויך אין דעם קאמפף געגען ר' ישראל סאלאנטער, וואס האט געוואלט נאך מיט פערציג יאהר צוריק איינגעהמען די וואלאזשינער ישיבה פאר'ן מוסר, האבען די ישיבה־לייט גענומען א שטארקען אנטייל, און אויף וועמעס זייט די מערהייט זייערע איז געווען — יענער האט געזיגט. דערצו איז דער גייסט פון ר' חיים'קען, דער גרינדער פון ישיבה, פון ר' איצעלען, זיין זוהן און — איבערהויפט — פון ר' הערש לייבען, וועלכער איז געווען דער ליעבלינג פון די ישיבה־לייט העכער ווי פערציג יאהר נאכאנאנד געגוג שטארק. די גאנצע לייטונג פון דער ישיבה איז, ביי מיין זיין דארט, געלעגען אין גאנצען אין די הענד פון די ישיבה־לייט. כדי די מאכט זייערע זאל ניט שוואכער ווערען, האבען זיי בעשלאסען, אז קיינער זאל זיך ניט צופאהרען א היים. בשעת איך האב זיך מיט די פיהרער פון סטרייק געזעגענט, האבען זיי מיך מוטיג און פעסט פערזיכערט: מיר וועלען זיגען. וואלאזשין וועט קיינמאל ניט ווערען קיין נעסט פון די „מוסר'ניקעם".

די מירער ישיבה.

עס איז שוין אריבער הונדערט יאהר, זינט די מירער ישיבה עקזיסטירט. פאר א הונדערט יאהר איז מיר, צוזאמען מיט וואלאזשין, וואס איז געגרינדעט געווארען אונגעפעהר אין דערזעלבער צייט, געווען די גרעסטע תלמודישע אקאדעמיע אין דער גאנצער וועלט.

פארוואס האבען די גרינדער פון די ישיבות אויסגעקליבען דוקא מיר און וואלאזשין? דאס לאזט זיך ניט ערקלערען ניט מיט פאליטישע, ניט מיט געאגראפישע, ניט מיט עקאנאמישע סבות. יעדע ישיבה האט צו פערדאנקען די פערזענליכע אונטערנעהמונגס־קראפט פון אן איינצעלנעם מענשען. דער עיקר איז דער מענש און ניט דער ארט. די גרינדער פון די גרעסטע צוויי תלמודישע הויכשולען אין רוסלאנד האבען צופעליג געלעבט איינער אין דער מיר (ר׳ שמואל׳קע) און דער צווייטער אין וואלאזשין (ר׳ היים׳קע). זענען דא געבויט געווארען די ישיבות.

פונדעסטוועגען קען מען זיך ערקלערען, פארוואס עפעס זענען די גרעסטע צוויי ישיבות געגרינדעט געווארען אין דעם ווייס־רוסישען געביט, אין די גוברניעס מינסק און ווילנא. די אורזאכע איז, וואס אין די לעצטע צוויי יאהרהונדערטען איז דער קולטורעלער צושטאנד פון די ליטווישע יודען אין אט דעם געגענד געשטאנען העכער, ווי אומעטום אין רוסלאנד. דא האבען געלעבט די גרעסטע יודישע גדולים און גאונים, גבירים, שתדלנים און שטאדט־פיהרער.

דער קולטורעלער העכערער צושטאַנד איז געווען א פועל יוצא פון דעם עקאָנאָמישען וואוילשטאַנד, וועניגסטענס פון דעם גבירישען און באלעבאטישען קלאס. ארום די רייכע און בעריהמטע פויליש־ליטווישע מאגנאטען — די ראדזיווילס, די וויטהענשטיינס, די כרעבטאָוויטשעס און אַנדערע—האָבען יודען געלעבט ניט שלעכט. דער גרויסהאנדעל און קליינהאנדעל איז געווען ביי יודען אין די הענד. יודישע סוחרים זענען געפאָהרען אין לייפציג, אין גינספעריק (קעניגסבערג). זענען געווען די איינציגע פערשפרייטער פון שטאָדטיגער, איבערהויפט, פון דער אויסלענדישער קולטור צווישען די פריצים. אָהן דעם יודישען „ראנדאר" האָט זיך דער פריץ ניט א קעהר געטאָן. שפּעטער, אז רוסלאנד איז געוואָרען די באלעבאָסטע פון די דאָזיגע גע־בערניעס, איז די פּאָליטישע לאגע פון יודען געוואָרען ערגער. אָבער עקאָנאָמיש איז זי שלימער ניט געוואָרען. די רוסישע פריצים האָבען אויך אזוי וועניג געקענט אויסקומען אָהן דעם יודען, ווי די פוילישע שליאכטע. דער געביט פונ'ם יודישען האנדעל איז געוואָרען נאָך ברייטער. יודישע סוחרים האָבען זיך געלאָזען קיין מאסקווע, קיין פּעטערבורג און טיפער אין רוס־לאנד, אזש קיין סיביר.

די אינערליכע אויטאָנאָמיע פון דעם יודישען געמיינדע־לעבען, וואָס די פויליש־ליטווישע יודען האָבען גענאָסען פאר די פוילישע קעניגען און מאגנאטען, האָט שפּעטער די רוסי־שע רעגירונג ניט געוואגט אָנצוריהרען. אזוי האָבען זיך יודען געקענט לעבען אויף זייער אלטפרענקישען שטויגער אונגע־שטערט. בשעת אין בערלין האָט געקאָכט מיט השכלה, דאָס גאנצע אייראָפּייאישע יודענטום האָט ערוואכט צו א נייעם לעבען מיט נייע דרייסטע האָפנונגען, שטרעבונגען, אידעאלען, וואָס זענען פערבונדען מיט דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע, האָבען אָט די צוויי ישיבות—וואלאזשין און מיר ארויסגעבראָכט פון זיך גרויסע קאָפּ־מענשען, מורא'דיגע שטארקע פּערזענליכ־קייטען מיט געניאלע פעהיגקייטען און א קינדיש־אסקעטישער וועלט־אנשויאונג. די וועלט ארום האָט געשטורמט פון רעוואָלו־ציע אין אלע געביטען פון לעבען, נאָר דאָס יודישע וועלטעל אין

ליטא און פוילען האט זיך געמאכט פון קיין זאך ניט וויסענדיג. זיי האבען פערשפארט מיר און פענסטער פאר דער אייראפּי־אישער קולטור און געלעבט, ווי די פריצים ארום זיי אין זייע־רע אלטפרענקישע שלעסער, איינגעשלאסען אין זייער ענגען, שמאלען געטא אין א טרוקענער אבגעלעבטער וועלט פון וועלקע בלעטער, וואס די ישיבות האבען קאנסערווירט און מיט יעדען דור אלץ מעהר פערהייליגט.

ווען די השכלה איז ענדליך ארייגעדרונגען דורך שפאל־טען און לעכער אין רוסיש־יודישען געטא, האט וואלאזשין ניט אויסגעהאלטען איהר דראנג. אבער מ י ר איז געבליבען טריי די אלטע טראדיציעס. מ י ר האט ניט געוואוסט פון אזעלכע אפיקורסים, ווי זיי האט ארויסגעבראכט וואלאזשין. מ י ר האט טריי ערפילט איהר אויפגאבע: פאר די הונדערט יאהר פון איהר עקזיסטענץ האט זי פארזארגט דעם תחום מיט רבנים, ראשי ישיבות, פרושים, עלוים, וואוילע זיהן און שענע איידימס, פיינע יודען און מלמדים. אט די אלע האבען זיך געמיהט מיט אלע קרעפטען אויפצוהאלטען דעם מיטעלאלטער־ליכען בוי פון׳ם יודישען לעבען. האבען מורא׳דיג געקעמפפט געגען יעדען שטראהל ליכט, וואס איז פערבונדען מיט דרייסטע יוגענד־שטרעבונגען נאך עולם הזה.

דערפאר זענען דאס געווען מענשען פון א הויכער מאראַ־לישער פערזענליכקייט: זיי האבען אויפגעהאלטען ריין דעם יודי־שען קערפער און גייסט, האבען אונז געלאזען ירושה א געזונ־דען ארגאניזם, ניט צופוילט פון תאוות און ניט צופרעסען פון פעסעמיזם.

אין די מערקווירדיגע טעג פון דער רוסישער רעוואלוציע האט מיר ניט אויסגעהאלטען. די ישיבה האט זיך ניט געקענט איינשליסען אין איהרע פיער ווענט און לעבען איהר אבגעזונ־דערט לעבען, בשעת ארום האט געשטורמט. פון די ישיבה־לייט האבען זיך בעוויזען מיטינג־רעדנער, פארטיי־לייט. דער „בונד", די „ס. ס." די „פועלי ציון" האבען אויך אהער אריינגעדרונגען און געווארבען, ווי אומעטום, זיך אנהענגער. ניט איין צעהנדליג ישיבה־לייט זענען אוועק אין די פארטייען, געווארען עקסטרעמס.

אנגעקומען אין וועלטליכע שולען.

נאר די רעאקציע האט געהאט איהר פולען זיעג אין דער מיר. די „פערכאפטע" זענען טיילווייז אליין אוועק, א טייל האט מען ארויסגעטריבען. פון דעמאלט אן לעבט די מירער ישיבה נאך מעהר איינגעשלאסען, ווי אמאל. צו דער גמרא איז צוגעקומען דער מוסר־ספר. מ י ר איז געווארען א נעסט פון מוסר'ניקעס. נאר דער מוסר נעהמט דא ניט אן אזעלכע העסלי־כע פארמען, ווי אין נאוואגרודאק. אין אלגעמיין איז אבער דא אויך, ווי אומעטום, דאס לערנען געפאלען. אמאל האט מען אין דער מיר געלערנט פון גאט'ס וועגען, פון דער תורה וועגען. היינט איז דאס לערנען א קאריער. אמאליגער ישיבה־בחור האט זיך ניט געאיילט צו נעהמען סמיכה אויף רבנות. היינט נעה־מען כמעט אינגלאך פון 17־16 יאהר סמיכה. סמיכה פאר א מירער ישיבה־בחור איז דאס זעלבע, וואס א דיפלאם פאר א סטודענט. א מירער ישיבה־בחור איז נאך היינט אויך א גוטע סחורה אויפ'ן שדוכים־מארק. האט מען ניט קיין גוטע קאפ פאר א רב, איז א שמש, א משגיח, א ראש ישיבה, אויך א קאריער. אבער די קאריער איז דער עיקר.

פון אויסען מאכען די מירער ישיבה־לייט אן איינדרוק פון וועלטליכע בחורים. געהען קורץ געקליידעט; אויך מיט מאניש־קעס אין ווייסע קעלנער. אנדערע אין שווארצע העמדלאך. די מירער ישיבה ווערט אויסגעהאלטען, ווי אלע ישיבות, פון די געלדער, וואס משולחים פאהרען אי־בער דער גאנצער וועלט און ברינגען צוואנציג טויזענד רובל א יאהר. אמאל האט א ישיבה־בחור געהאט צוויי גילדען א חודש אונטערשטיצונג. היינט בעקומט א יעדער — פון פיער ביז זעקס רובל א מאנאט. דערצו האבען נאך א סך פון זיי אורא־קען אויף גמרא אין שטעדטיל אויף וואסערע פינף רובל א חודש. אביסעל שיקט מען אונטער פון דער היים. אט אזוי לעבט זיך א ישיבה־בחור דורך ניט גאר שלעכט. עס האבען געלערנט, ערב דער מלחמה, ביי א דריי הונדערט בחורים אין דער מירער ישיבה. די ישיבה אליין איז יעצט א נייע, א פרייע — די שענס־טע און די גרעסטע פון אלע ישיבות אין רוסלאנד.

די חסידישע אקאדעמיע אין ליבאוויטש.

די ליבאוויטשער ישיבה איז, לויט דער צאָהל פון איהרע תלמידים, לויט איהר רייכען בודזשעט, כמעט די גרעסטע פון אלע ישיבות. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין דעם מאָמענט, ווען די ארבייטער - בעוועגונג איז גע־ווען אין רעכטען ברען, אין רעכטען פלאַר. איך וויים ניט צו די ליבאוויטשער ישיבה איז געווען אן ענטפער פון די פרומע חסידים אויף דער „צולאָזענקייט" פון דער יודישער יוגענד. ס'איז מעגליך, אז אין איהר גרינדונג האָבען געשפילט א ראָלע אנדערע סבות. דער ליבאוויטשער רבי פיהלט, קען זיין, אז זיין טראָן טרייסעלט זיך, אז דער שיקזאל האָט איהם בע־שטימט צו זיין — דער לעצטער ליטווישער גוטער יוד. די גרינ־דונג פון דער ישיבה, די ערשטע און גרעסטע ישיבה פאר חסידות, איז געווען א וויטער און א ריכטיגער קוק. פון דעמאָלט אן ווערט זי אלץ מעהר פאָפולער צווישען דער חסידישער בעפעלקערונג. אין ליבאוויטש אליין לערנען ביז 400 יונגע לייט. א חוץ דעם האָט די ישיבה נאָך אן אבטיילונג מיט א הונדערט ישיבה־לייט אין שטשעדרין וואו אלע יודען זענען דעם ליבא־וויטשער'ס טרייע חסידים.

דער אויפזעהער און פיהרער פון דער ישיבה איז דעם רבינ'ס זוהן. אין ליבאוויטש, זאָגט מען, אז דער רבי האָט מיט דער ישיבה געמיינט פערזיכערן זיין זוהנס קאנדידאטור אויף יורש פון טראָן, נאָך איהם. אויב דאָס איז ריכטיג, ווייזט דאָס

איך, אז דער רבי האט א טיפען קוק. ווייל ביי דעם מאנגעל פון פערזענליכע טאלענטען, איז די ישיבה אן אויסגעצייכענטער עלעמענט צוצוקלעפען דעם עולם חסידים צו זיין יורש.

א חוץ דעם זוהן איז דא א גאנצער שטאב משגיחים און מלמדים מיט א קאמפליצירטער פערוואלטונג, מיט „יוצר משרתים" און „ואשר משרתים". דער למוד איז לויט א שטרענג אויסגעארבייטער סיסטעם. די גאנצע ישיבה איז צע־טיילט אויף 4 קורסען. די שטרעבונג איז דא, פונקט ווי אומע־טום, צוצונעהמען וואס קלענערע און ארויסשטופען די גרעסע־רע. פשוט דערפאר, ווייל די קלענערע קען מען מעהר ארייג־נעהמען אין די הענד, מאכען פון זיי וואס מ'וויל.

דער ערשטער קורס איז א מין פארבערייטונגס־קורס. ער בעשטעהט פון עטליכע חדרים מיט מלמדים. אהער ווערען אנ־גענומען קינדער פון צעהן, עלף יאהר. קיין חומש, קיין תנך, קיין לשון קודש בכלל, ווערט ניט געלערנט. עס ווערט אנגע־הויבען גלייך גמרא. אויך צו ביסלאכווייז חסידות, לויט דעם אלטען רבי'ס ווערק „תניא". דער צווייטער קורס איז די ישיבה נאך די חדרים. דארט ווערט געלערנט מעהר גמרא און מעהר חסידות, לויט דעם „תניא", דעם „צמח צדק" (ספר וועגען חסידות פונ'ם מיטעלען רבי'ן — ר' מענדעלען) ווי אויך גע־שריבענע תורה פונ'ם איצטיגען רבי'ן. א דריטער קורס איז אין שטשעדרין און פון דארט קומט מען אן צוריק אין ליבאוויטש אין גרויסען זאל. אט דער זאל מאכט א שטארקען איינדרוק בשעת'ן לערנען: ברייטע לאנגע טישען: דערביי פון ביידע זייטען לאנגע בענק. דערויף זיצען די בחורים איבערגעבויגען איבער די גרויסע גמרא'ס, משונה'דיג וואקלענדיג זיך אין אלע זייטען. און היסטעריש הזרנ'דיג נאכאנאנד א פראזע פונ'ם ספר. עס שיינט, אז די פראזע אליין, איהר פשוט'ער זין ארט זיי ניט. נאר זיי ברויכען איהר, ווי א געוועהר, מיט עפעס א אונזיכטבארען פיינד, וועמען זיי ווילען דערשלאגען, אדער פער־טרייבען מיט דעם קראמפהאפטיגען ווארפען זיך.

די פנים'ער פון די בחורים זענען אויסגעווייקט, די אויג־ען טארטשען ארויס, קוקענדיג האלב פערגליווערט און פער־

טעמפּט ערגעץ אין אַ ווינקעל. אייער זיין דאָ, די אַנוועזנהייט פון אַ זייטיגן מענשן, קימערט קיינעם ניט. מ׳איז אייך פּשוט מבטל. איהר מעגט אַנשטרענגען אויף זיי אייערע בליקן, שטעלן זיך לעבן איינעם — מ׳בעמערקט אייך ניט. זיי האָבן זייער אייגענע וועלט. פאַר זיי עקזיסטירט איהר ניט.

אין אַבטיילונג פון דער ישיבה, די אויסדערוועהלטע פון די עלטערע, וואָס זענען דערצו זוכה, (לויט דער בעשטימונג פון׳ם רבי׳ן אליין, וואָס מישט זיך ניט אין דער ישיבה, האָט אָבער אַן אויג אויף די געצעהלטע, געקליבענע, וואָס זענען, לויט זיין מיינונג מעהר מסוגל פאַר דער חסידישער תורה,) — ווערט אין גאַנצען פריי פון לערנען און קען זיך אָבגעבען דער „עבודה“. די „עבודה“ בעשטעהט אין דבקות, כונות, התבוננות, בשעת תפילה. זיי פערברענגען דעם גאַנצען טאָג כמעט נאָר אין דאַווענען. אין דאַווענען שטעלען זיי זיך אָב, אָפט שטונדען־לאַנג אויף איין פראַזע און סטאַרען זיך דורך פיעל טראַכטען צו דערגעהן די טיעפע כונה, וואָס ליגט בעהאַלטען אונטער די איינפאַכע ווערטער און אויף אָט די כונות בויען גאַנצע הימלישע טורעמס און פּאַלאַצען.

די אונטערשטיצונג ווערט געגעבען די ישיבה־לייט מיט דער נאַטור און מיט קוויטלאַך: דער גרעסטער טייל עסט „טעג“. כמעט יעדער ליבאַוויטשער יוד גיט „אַ טאָג“ צוויי אָדער דריי קלויזניקעס. מיט די טעג מאַכט מען „מסחר“. מען חלופט אַ „מאָגערן“ טאָג אויף אַ „פעטערן“. מ׳פערקויפט אַ „טאָג“, ווען אַ בחור פאַהרט אוועק. דער פּרייז פון אַ טאָג איז פון אַ רובל ביז — דריי. אַ 50 קלויזניקעס, בעסערע, עסען אין דער ישיבה־קוך. אָט די מיוחסים גיט מען אַ גאַנצען וואַרמעס: פליישׁ, זופּ מיט ברויט. אַ מאָן דרייסיג בעקומען אין דער קיך בלויז ברויט מיט קרופּניק. אין דער ישיבה איז אויך פאַראַן אַ „טשאַינע“, וואו יעדער בעקומט טיי און געקאָכטע וואַסער. די קוויטלאַך ווערען געגעבען אויף אַנדערע בעדערפניסען. אַ שטויגער אַ שוך פערריכטען, אַ בגד פערנייהען. אַנדערע, וואָס האָבען חן, בעקומען אַ קוויטעל אין קראָם, אָדער צום בעל מלאכה אויף אַ נייע פאַר שיך און אַ נייעם בגד. ארבע כנפות׳ען,

לאנגע מיט ציצית ביז דער ערד ווערט יעדען ארויסגעגעבען, אהן אן אויסנאם, צום דאקטאר, רופא, (אין פאל פון א קרענק), אין אפטייק, אין באד — אויף אלץ — קוויטלאך.

אין ליבאוויטש ווערט ארויסגעגעבען א וועכענטליכער חסידישער קינדער־זשורנאל „האח" („דער ברודער"). דער זשור־נאל האט דעם צוועק צו קעמפפען מיט די „אפיקורסישע" העב־רעאישע קינדער־זשורנאלען. אין זשורנאל קומען מעשיות וועגען קינדער, וואס זענען גוט און פרום, אנטלויפען פון די גימנאזיעס, פון די שקאלעס און לערנען בעסער גאט'ס תורה, וואו עס זיי־נען דא אלע חכמות און מעהר דארף מען ניט. דער זשורנאל קאסט ביליג — איין קאפיקע. ער ווערט שטארק פערשפרייט. איך האב געקויפט אין הויף עטליכע נומערן. די שפראך איז דארט גראד ניט קיין שלעכטע. ערטערוויז פעהלט ניט קיין טאלאנט, כאטש דער אינהאלט, בכלל, איז זעהר איינפארביג און ארים. דער רעדאקטאר, איינער פון די מקורבים צום הויף, בעקומט א פיינעם געהאלט — 100 רובל א מאנאט. אינטערע־סאנט איז, אז אט דעם רעדאקטאר'ס קינדער זענען דוקא גע־בילדעטע, פרייע, אלע שטודירען און דער טאטע אליין שיקט זיי דערויף געלד.

די קלויזניקעס גופא געפינען זיך אונטער א זעהר שטרענ־גער אויפזיכט. זיי טארען זיך ניט קנעפלען מיט די יונגע לייט פון'ם שטעדטעל; טארען ניט לייענען קיין שום העברעאיש בלאט, קיין שום בוך, א חוץ די הייליגע ספרים. אין די „פרייע טעג", ווען אפילו מירער ישיבה און נאוואגרודקער מוסר'ניקעס האבען ניט געקענט בייזשטעהן קעגען דעם דראנג פון דער רע־וואלוציע, האט מען דא „געכאפט" בלויז איין קלויזניק, וואס האט געהאט אין קעסטעל אן „אהבת ציון", אדער, אפשר, נאך אן ערגערן „טרייף־פסול." מ'האט געמאכט אויפ'ן טרייף־פסול אן עכטען „אויטא־דא־פע" און דעם „פערברעכער" האט מען געשמיסען. זיין פאס האט מען פערהאלטען. דעמאלט אבער, בעת דער „דיקטאטור פונ'ם פראלעטאריאט" האט זיך ארייג־געמישט די „פארטיי", אין ליבאוויטש איז די פארטיי בעשטע־

נען פון די „פועלי ציון." א קאמיטע פון דער ארגאניזאציע איז אריין אין „הויף" און פערלאנגט מ'זאל דעם יונגען מאן אבגעבען זיין דאקומענט. א ווארט פאר א ווארט — איינער פונ'ם קאמיטע, צו סטראשען די הויפלייט, האט אויסגעשאסען אין באלקען. דער „הויף" האט זיך שטארק איבערגעשראקען. מ'האט דעם ישיבה־בחור דעם פאס אבגעגעבען. אבער דערפאר האט מען גע'מסר'ט די יונגע לייט פון דער קאמיטע און מ'האט זיי ארעסטירט. איינעם, צי צוויי האט מען, זאגט מען, פערשיקט. נאך דעם אבער האט דער „הויף" געציטערט פאר דער נקמה פון די „אחדות'ניקעס" און האט איינגעצאהלט שטראף 2000 רובל.

צווישען די ישיבה־לייט איז מעהר ניטא ווי איין דרייסטער בחור, וואס וואגט צו נעהמען בעהאלטענערהייט אין ביבליאטעק פון דער שולע העברעאישע ביכער. איך האב זיך מיט איהם געטראפען אין דער ביבליאטעק. ער האט מיר גע־זאגט, אז צווישען די קלויזניקעס איז דא ניט וועניג, וואס וואל־טען, אזוי ווי ער, גערן געלעזען השכלה־ביכער. נאר זיי האבען מורא. דער רעזשים איז זעהר א שטרענגער. פאראן שפיאנען, און אפט ווערט געמאכט ביי די „פערדעכטיגע" רעוויזיעס. אנ־געלערנט פון „יענע טעג" וועט מען איצט ניט שמייסען פאר א „טרייף־פסול". אבער ביי דעם, וואס מ'כאפט, טרייבט מען איהם ארויס אהן א שום דבורים. דאן איז די קאריערע פער־לארען. ווארום ביי דריי פערטעל פון די ישיבה־לייט איז דער לערנען אזא קאריערע, פונקט, ווי ביי די יונגע לייט, וואס שטודירען אין די שקאלעס און אוניווערזיטעטען.

דער איינציגער ליכט־שטראהל אין ליבאוויטש איז די יודי־שע פאלקס־שול. זי, צוזאמען מיט דער ביבליאטעק, האלטען אויף אויף דעם „נר תמיד" פון שטעדטעל, לאזען איהר ניט אין גאנצען אונטערגעבען זיך דער דונקעלער מאכט פון הויף. דאס וויים טאקע דער „הויף" און גראבט זיך שטיל און טיעף אונטער דער איינציגער ליכט־פערשפרייטערין אין שטעדטעל.

די שולע געפינט זיך אין עק שטעדטעל, גלייך ווי זי וואלט זיך בעהאלטען פון מורא פאר די בייזע בליקען, וואס ווערען אויף איהר געווארפען פון הויף. אבער שטעדטעלדיגע קינדער האבען זעהר ליעב זייער שול. פרעסט, זאווייעס און געדיכטע בלאטעס, אין וועלכע ליבאוויטש טרינקט זיך א האלב יאהר נאכאנאנד, האלט זיי ניט אב פון בעזוכען די שולע. די שול האט א פרייען הויף מיט א זעהר גרויסען גארטען, וועלכען מ'האט זעהר גוט געקאנט אויסנוצען אייגפלאנצען דורך איהם אין די קינדער ליעבע צו דער נאטור. דאס איז איינע פון די זעהר ווינציגע שולען, וואס דערנעהענען זיך צום טיפ פון אן אמת'ער פאלקסשול. די קינדער ווערט געלערנט מאמע-לשון. א סך פון זיי שרייבען גאנץ שען יודיש. די לעהרער וועקען בכלל אין די יונגע נשמות פון זייערע שילער און שילערינען ליעבע צו די יודישע קולטור-אוצרות. אויפ'ן הויף פון דער שולע איז צוליב דעם צוועק דא א גרויסע געביידע, וואס די לעהרער האבען צוגעפאסט פאר א פאלקס-טהעאטער. די שילער טרעטען דא אפט ארויס אין לייכטע קינדער-פארשטעלונגען, וואס אמוזירען זעהר שטארק די קינדער און אויך זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער. א חוץ קינדער-פארשטעלונגען, מיהען זיך די לעהרער צו געבען פאר די עלטערן פון זייערע קינדער, ערנסטע פיעסען. די ליבע פון די שטעדטעלדיגע צו דעם דאזיגען שול-פאלקס-טעאטער איז אזוי גרויס, אז דער „הויף" וואגט ניט דירעקט אנצופיהרען א קאמפף נעגען בעזוכען דעם טעאטער. ער זוכט דעריבער מיטלען, אונטערצוגראבען די שול, וועט שוין דער טעאטער במילא פאלען צוזאמען מיט איהר.

די לעהרער ציטערן פאר דער צוקונפט פון זייער שולע. זיי האבען אנגעווענדט אלע מיטלען צו ראטעווען איהר עקזיסטענץ. אבער זייערע קרעפטען זענען צו שוואך. די ליבאוויטשער שולע איז איינע פון די זעהר ווינציגע, וואס דערנעהענען זיך צו דעם טיפ פון אן אמת'ער יודישער פאלקס-שול.

די לידער ישיבה.

דער אויפטוער און גרינדער פון דער לידער ישיבה איז גע־וועזן דער אומעטום בעוואוסטער, פערשטארבענער לידער רב ריינעס. די אידעע פון דער ישיבה איז געווען צו שאפען א מין יודישע אקאדעמיע, אדער רבנים־סעמינאר, ניט גאר אויפ'ן איי־ראפייאישען שטייגער, אבער ס'זאל זיין אביסעל נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער צייט.

ריינעס איז אין גרונד געווען א שטרענג ארטאדאקסישער רב. ער האט אויך געוואלט, אזוי ווי די רבנים פונ'ם אלטען שניט, אז די גמרא מיט די אלטע ספרים זאלען ניט פערגעסען ווערען פון דעם פאלק ישראל. ער האט אויך צוגעזעהן, מיט א ביטער הארץ, אז די אלטע תורה ווערט יא פערגעסען; אז לערנער אין די ישיבות און בתי מדרשים ווערען, וואס א יאהר, אלץ ווייניגער. ער איז אבער געווען וועלטליכער פון אנדערע רבנים. האט געהאט א ברייטערן קוק אויפ'ן לעבען, ווי צ. ב., ר' חיים סאלאווייטשיק, דער בריסקער רב. ער האט פערשטאנען, אז די אלטע ישיבה מיט איהרע „טעג", מיט איהר שטויב און שימעל קען שוין ניט מעהר צוציהען די יודישע יוגענד, אפילו די פרומע, וואס ווילען נאך לערנען תורה. און ער איז געגאנגען אויף א קאמפראמיס מיט דער צייט.

זיין ישיבה האט ריינעס געגרינדעט אין יאהר 1905, אין רעכטען קאך פון דער רוסישער רעוואלוציע, לויט ווי ריינעס

האט מיר פערזענליך ערקלערט, איז איהר ציעל געווען ניט אזוי ארויסצובררענגען רבנים, ווי צו ערציהען יודען־לומדים, וואס זאלען קענען גוט פערשטעהן א בלאט גמרא מיט תוספות, מיט אלע חדושים, און זאלען, צו דערזעלבער צייט, ניט זיין אונגוויסענד אין וועלטליכער בילדונג. צוליב דעם צוועק ווערט אין לידרא אויך געלערנט: רוסיש, אריפמעטיק, געאמעטריע, אלגעברא, רוסישע און אלגעמיינע היסטאריע און נאטור־וויסענשאפט. דאס אלץ, נאטירליך, ניט אין א גרויסער מאס. אונגעפעהר לויט דער פראגראם פון א העכערע פאלקסשולע. גרינדליכער אביסעל ווערט געלערנט: העברעאישע שפראך, ליטעראטור און היסטאריע, און ספעציעל תנ"ך.

די ישיבה ווערט איינגעטיילט אין פיער „מחלקות", ס'הייסט קלאסען. אין דער ערשטער „מחלקה" ווערט געלערנט א בלאט גמרא מיט תוספות. אין דער צווייטער — מיט אנדערע מפרשים. אין דער דריטער — א בלאט גמרא מיט פלפול. אין דער פערטער — ווערט שוין דער ישיבה בחור בעקאנט געמאכט מיט די פערשידענע מעטאדען און אנאליזען פונ'ם תלמוד. אויפ'ן תלמודישען לשון הייסט עס: „חדושי תורה", „לשיטתות" און „חלוקים". אין פינפטען און לעצטען קלאס ווערט שוין ערלויבט דעם „תלמוד מחדש צו זיין", ד. ה. בענוצענדיג זיך מיט די תלמוד'ישע מעטאדען, ארײנלעגען אין דאס געלערנטע אייגענע געדאנקען, ערקלערן די שווערע שטעלען נאך דעם אייגענעם שכל.

א חוץ אט די פינף קלאסען עקזיסטירט אין דער ישיבה א „מכינה", ס'הייסט — א פארבערייטונגס־קלאס. די „מכינה" איז א זעלבסטשטענדיגע פריוואטע אבטיילונג, וואס ווערט געפיהרט פונ'ם לידער רב'ס איידעם. דארט ווערט געלערנט אנהויב גמרא מיט א תוספות.

דער סדר פונ'ם טאג אין דער ישיבה איז אזוי: אין דער פריה מוז מען זיין אין דער ישיבה און מ'דאווענט בצבור. דערנאך ווערט עפעס איבערגעביסען און האלב צעהן אדער צעהן זעצט מען זיך לערנען. מ'לערנט אליין ביז האלב איינס. פון האלב איינס ביז האלב דריי דויערט דער „שיעור", ס'הייסט די לעק־

ציע פון די ראשי ישיבה'ס. פון האלב דריי ביז פיער איז וואר־מעס. פון פיער ביז זעקס, אדער זיבען (אום ווינטער) חזר'ט מען פאר זיך. פון זעקס גיהען וואכעדיגע למודים.

די לעהרער און פערוואלטונג פון דער ישיבה בעשטעהען פון פאלגענדע פערזאנען: דריי ראשי ישיבה'עס, דריי אלגע־מיינע לעהרער, צוויי לעהרער פון יודישע למודים, איין משגיח, (אויפזעהער), איין סעקרעטאר און צוויי שמשים. צו שאפען מיטלען פאר די ישיבות פאהרען ארום איבער דער גאנצער וועלט א צעהן, צוועלף משולחים, וועלכע ברענגען אריין צעהנדליגע טויזענדער רובל פאר דער ישיבה. א חוץ דעם האט די ישיבה איינציגע רייכע אונטערשטיצער, וואס גיבען איהר א היבשע שטיצע.

די ישיבה־לייט, וואס קומען אין לידא לערנען, זענען דאס רוב קינדער פון רבנים, שוחטים, מלמדים. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פון קליינע שטעדטלאך. ניט ווענינ קומען אבער אויך פון ווארשא, לאדז, ווילנא. מ'קומט פון קאווקאז, אפילו פון סיביר.

אין דער ישיבה צוזאמען מיט דער „מכינה" לערנען איבער דריי הונדערט בחורים. אין דער „מכינה" קאסט טייערער. דע־ריבער קומען אהער אן כמעט בלויז פערמעגענדע. אין דער ישיבה גופא זענען א העלפט ארימע קינדער.

די דורכשניטליכע אויסגאבען פון א ישיבה־בחור איז גע־ווען אין יאהר 1912, צעהן רובל א מאנאט. צוויי—דריי רובל א מאנאט קאסט דירה; נאך אמאל אזוי פיעל קאסט דעם ישיבה־מאן מיטאג, און דיזעלבע סומע אנבייסען און וועטשערע. צו־זאמען. די רייכערע גיבען אויס פון פופצעהן ביז פינף און צוואנ־ציג רובל א מאנאט. פאראן ארימע ישיבה־לייט, וואס לעבען מיט ניין קאפיקעס א טאג. עסען „טעג" איז אין לידא קיין מאדע ניט. נאר זעלטען, ווען ס'טרייבט איהם די אויסערסטע נויט, וועט זיך ערלויבען א לידער ישיבה־בחור צו עסען ביי א פרעמדען טיש. אזוינע זענען פיליכט אין דער גאנצער ישיבה דא ניט מעהר, ווי צוויי, דריי. איז דאס פון דער ערשטער מחלקה, פון די יונגערע קינדער. אנשטאט „טעג" בעקומען די

אָרימערע אונטערשטיצונג פון דער ישיבה. די שטיצע ווערט גע־געבען פון אנדערהאלבען ביז פינף רובל א מאָנאט. דאס איבערי־גע מוזען די ישיבה־לייט קריגען פון דער היים.

דער לידער ישיבה־בחור איז גאָר א נייער טיפ. ער איז פאר קיין פאל ניט גלייך צו דעם געוועהנליכען מין „קלויזני־ניקעס" לויט דעם בעגריף, וואס מיר האבען פון זיי. די קלויז־ניקעס פון דער לידער ישיבה געהען אנגעטאָן ריינליך, געפוצט די שיך, אהן פאות, אין שווארצע, אדער בלויע העמדלעך. ווען דער ישיבה־בחור איז פריי פון זיינע ספעציעלע למודים, מעג ער לערנען ביכער, יודישע, העברעאישע, רוסישע — וואסערע ער וויל. די ישיבה גופא האט אן אייגענע ביבליאָטעק. עס זע־נען דאָ אזעלכע ישיבה־לייט, וואס האבען געלעזען באקל, דרע־פער און אפילו אָטאָ וויינינגער.

לויט די ידיעות, וואס מענשען, וועלכע שטעהען נאָהענט צו דער ישיבה, האבען מיר געגעבען, איז ניטאָ קיין איין ישיבה־בחור, וואס זאל ניט לעזען ביכער, א חוץ די הייליגע ספרים, וואס ווערען געלערנט אין דער ישיבה. העברעאיש, נאטירליך, לעזען אלע. דאך לעזען כמעט א העלפט מעהר די רוסישע לי־טעראטור, ווי די העברעאישע. ביי אנדערע איז איינגעטיילט דאס לעזען רוסיש און העברעאיש אויפ'ן זמן. איין זמן לעזט מען נאָר רוסיש, דעם אנדערן נאָר העברעאיש.

זענען די ישיבה־לייט פרום?

אויף אט דער פראגע איז שווער צו ענטפערן גלאט. פאראן צווישען זיי א קליינע צאהל איבערצייגטע פרומע, וואס לערנען און דאווענען און טוען אנדערע מצוות „לשמה", ס'הייסט אויפ־ריכטיג. ניט וועניגער איז פאראן אבער צווישען די לידער ישיבה־לייט גאנץ פרייגעזאָנענע. ווי מאָדנע דאס זאל ניט קלינגען, ס'איז אבער א פאקט, אז צווישען די ישיבה־בחורים זע־נען אויך פאראן פארברענטע א ס י מ י ל א ט א ר ע ן. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס א געוויסער טייל שילער פון דער לידער ישיבה בעשטעהט פון געוועזענע „עקסטערניקעס" — יונגע לייט, וואס האבען זיך געגרייט אין אוניווערזיטעט. אין

דער ישיבה זענען זיי אַנגעקומען, ניט צוליב „רבנות“, און ניט צוליב „לומדות“, נאָר פשוט, ווייל מען דאַרף דאָך ערגעץ וואו לערנען. און ווייל מ׳לאָזט זיי ערגעץ ניט אַריין , קומען זיי אַהער.

דער גרעסטער טייל פון די ישיבה לייט זענען אָבער נאַציאָנאַל געשטימט. אין די פרייע טעג איז די ישיבה, ווי אַלעם אין די יודישע שטעדט געווען צוטיילט אין פּאַרטייען: „ס. ס.“, „פּועלי ציון“, סתם ציוניסטען, ניט ציוניסטען און אַנטי־ציוניסטען.

ווי בעציהען זיך די איבריגע רבנים און לומדים צו דער לידער ישיבה?

לויט די ידיעות, וואָס איך האָב בעקומען אין לידא גופא און אין אַנדערע ערטער, ווייזט אויס, אַז די אָרטאָדאָקסען קוקען זעהר קרום אויף דער דאָזיגער ישיבה. זיי פיהרען געגען איהר אַ אַ שטילען קאַמפף. זיי קענען אָבער גאָר ניט העלפען. דער הונגער אין שולען, די רעוואָלוציע אין גייסטיגען לעבען פון דער יודישער יוגענד, אפילו אין די אָבגעלעגענע און פערוואָרפענע פּוילישע שטעדטלאַך, די גזרות אויף די יודישע סטודענטען,— דאָס אַלעס פערזיכערט געגנוג שטאָף דער לידער ישיבה.

איך האָב געפרעגט דעם לידער רב, פאַרוואָס ער פיהרט ניט איבער זיין ישיבה אין ווילנא, וואו די שילער וואָלטען געהאַט אַ ברייטען באָדען פאַר זייער ענטוויקלונג, ווייל דאָרט איז לייכטער צו קריגען פּאַסענדע לעהרער אין אַלע געביטען פון דער ישיבה׳ס פּראָגראַם. האָט מיר ריינעס געענטפערט, אַז ער האָט וועגען דעם אויך געקלערט, נאָר ער האָט מורא. דער טומעל, די צושטרייאונג פון דער גרויסער שטאָדט קאָן זיי אָבציהען פון׳ם לערנען.

איך האָב געפרעגט ריינעס׳ן, פאַרוואָס ער סטאַרעט זיך ניט איינפיהרען אין זיין ישיבה וועלכע עס איז טעכנישע למודים, צ. ב. אַ פּראָפעסיאָנעלע אבטיילונג, צו אַ שולע פאַר גערטנערייי. אויב דער הויפט ציעל איז ניט צו מאַכען פון די שילער קיין רבנים, נאָר געבען זיי יודישע און אַלגעמיינע בילדונג, איז דאָך אויך וויכטיג צו געבען זיי אין האַנד אַ וועלכע

עס איז פּראָפּעסיע, זיי זאָלען קענען פערדינען זייער ברויט. דער רב האָט מיר דערויף אויך געענטפערט, אז ער ווייס זעהר גוט, אז „טובה תורה עם מלאכה", אז די טעאָרעטישע למודים איז נויטיג צו פערבינדען מיט אַ פּראַקטישער בעשעפטיגונג, וואָס זאָל געבען חיונה. ליידער זענען דאָ זעהר ווייניג מענשען, וואָס זאָלען דאָס פערשטעהען און העלפען איהם אוועקשטעלען די ישיבה ווי ער וואָלט עס געוואָלט.

אין דער קאראַאימישער מלוכה.

צו גאסט ביי די קאראאימער אין טראָק.

„טראָק" איז כמעט יעדען רוסישען יודען בעקאנט, און בעקאנט בלויז פון דעם בעוואוסטען ווערטעל: „איך הער דיך אין טראָק."

פון וואנען שטאַמט אַט דאָס ווערטעל? און וואָס בעשטעהט עס?

מיר איז דאָס געווען אינטערעסאנט צו וויסען. נאָר ביי וועמען איך האָב ניט געפרעגט אין ווילנא, האָט יעדער געקוועטשט מיט די פּלייצעס, אזוי ווי ער וואָלט זיך דאָס ערשטע מאָל געכאַפּט אויף דער רעטענים פון אַט דעם ווערטעל.

ערשט זייענדיג אין טראָק, האָב איך געקענט קריגען אַ שליסעל צו אַט דער רעטענים.

אייגענטליך איז דאָס געווען ניט איין שליסעל, נאָר עטליכע שליסלען, וועלכע איך לעג דאָ ארוים פאר דעם לעזער.

„טראָק איז גאָר אמאָל געווען אין פּאָליציייליכער הינזיכט, דער צענטער פון ווילנער גובערניע, און אפשר פון גאנץ ליטא. פון דאנען פלעגען געהן פעראָרדנונגען: אהער פלעגט מען פערזעצען אין טורמע אָדער אין דער אלטער פעסטונג פון די אמאָליגע ליטווישע פירסטען די יעניגע, וואָס פלעגען זיך פערזינדיגען. „וואַרט, וואַרט! וועסט מיך שוין הערען אין טראָק!" — פלעגט דער פּאָליציסט דראָהען דעם ווילנער שטאָלצען איינוואָהנער, און דאָס האָט געהייסען, ווי געדראָהעט מיט טורמע אָדער פעסטונג. יודען האָבען גענומען דאָס ווערטעל און אי־

בערגעקעהרט, ווי דאס איז אפט דער שטייגער ביי אונז, אויף דער לינקער זייט."

אזוי האט מיר איינער, א טראקער יוד, ערקלערט.

א צווייטער גיט אבער אן אנדער פירוש: טראק איז דער מיטעלפונקט פון די קאראיאמען פון ליטא, וואהלין און גאליציען. זינט די קאראימען האבען בעקומען פון דער רוסישער רעגיערונג רעכט און פריוועליגיעס, זענען די טראקער קאראאימען געווארען ביי זיך גרויסע יחסנים. „איך הער דיך אין טראק" הייסט אלזא: איך הער דיך ווי דער טראקער קאראאים הערט דעם טראקער קווארטאלנעם.

א דריטער גיט אזא מין היסטארישע ערקלערונג: דאס ווערטעל איז ענטשטאנען דאן, ווען די יודען פון רוסלאנד און גאליציען האבען בעזעסען פון די פוילישע מלכים א געוויסע זעלבסט־פערוואלטונג אין דער געשטאלט פון דעם בעריהמטען „ועד ארבע הארצות," רבנים־קאנגרעס פון פיער לענדער (פוילען, ליטא, וואהלין און גאליציען.) דער דאזיגער קאנגרעס האט געהאט צו זאגען איבער דאס אינערליכע יודישע לעבען און איז געווען דער יודישער פארשטעהער פאר דער קרוין. יעדע יודישע געמיינדע האט געמוזט פאלגען די בעשליסען און פעראָרדנונגען פון דעם „ועד ארבע הארצות", א חוץ — טראק. פאר וואס? ווייל טראק האט זיך גערעכענט פאר א קאראאימען־שטאדט. אפיציעל איז דארט קיין יודישע געמיינדע ניט געווען. א ביסעל יודען זענען אבער דארטען פארט געזעסען, האבען זיי געבילדעט אין בעציהונג צו דעם רבנים־קאמיטעט, אדער רבנים־קאנגרעס א מין פרייע רעפובליק. כל זמן א טראקער יוד האט פערוויילט ערגעץ אנדערס, האט אויף איהם דער „ועד ארבע הארצות" געהאט די מאכט. קוים אבער איז ער געקומען צו זיך א היים, האט ער געזאגט: איך הער דיך אין טראק! און דא האט שוין דאס ווערטעל א דירעקטען זין.

און טאמער איז אייך ווייניג, איז דא נאך א פירוש, וועלכער איז אין מיינע אויגען די סאמע וואהרשיינליכע ערקלערונג פון אט דעם זאנדערבארען ווערטעל. עס איז דא א לעגענדע — און יעדער ווילנער און טראקער יוד וועט זי אייך דער־

צעהלען — אז גאר אמאל, אין דער הערשאפט פון די ערשטע ליטווישע פירסטען, האט זיך געצויגען א הייל אונטער די אזע־רעם, אזש פון׳ם טראקער פירסטליכען שלאס ביז דעם ווילנער שלאס, אויפ׳ן בארג פון׳ם איצטיגען באטאנישען גארטען. אנ־דערע זאגען, אז די הייל האט זיך געצויגען ביז דער ווילנער גרויסער שוהל. דיזעלבע לעגענדע זאגט, אז בשעת מען האט גערעדט אין איין עק הייל, צום ביישפיעל אין ווילנא, האט מען געהערט אין דעם צווייטען עק, אין טראק. פון דאנען נעהמט זיך ביי ווילנער יודען דאס ווערטעל „איך הער דיך אין טראק", פערשטעהט זיך אין אז איבערגעקעהרטען זין. פון ווילנא איז דאס אוועק איבער גאנץ ליטא.

טראק געפינט זיך ניט ווייט פון ווילנא, א וויארסט זיע־בען און צוואנציג. דאס שטעדטעל ליגט אויף א שמאלען ענגען פאס צווישען צוויי גרויסע אזערעס, וואס ציהען זיך וויארסטען לאנג פוןביידע זייטען. טראק איז זעהר אן אלטע, איינע פון די מערקווירדיגסטע טיפישע שטעדטלאך אין ליטא. די לעגענדע דערצעהלט, אז טראק און ווילנא זענען געבויט געווארען אין איין צייט פון די צוויי ליטווישע פירסטען קייסטוט און העדי־מין. אין שטעדטעל געפינט זיך א שענער גארטען נאך פון יענע אלטע צייטען. פון׳ם גארטען, איבער וואסער, אויף איינעם פון די אינזלען, וואס ליגען אויף דער רעכטער אזערע, ווייזט מען אייך פאר פינף קאפיקעס די חורבות פון דעם אל־טען ליטווישען שלאס און דער פעסטונג. אז די הייל, וואס ציהט זיך אונטער דער אזערע פון טראק ביז ווילנא, איז מעהר ווי א לעגענדע, בעווייזט דער פאקט, וואס מיט איינינע יאהר צוריק האבען ארכעאלאגען געגראבען אין פערשיעדענע ער־טער, זוכענדיג די הייל, נאר זיי האבען ניט געפונען קיין שפור פון דער עפענונג. צו איז איהר שפור ווירקליך פערפאלען גע־ווארען, אדער עס זענען דא אזעלכע, וואס ווייסען דעם סוד, נאר זיי ווילען ניט אויסזאגען, איז אונבעשטימט. כאראקטע־ריסטיש איז די בייקע צווישען יודען, אז די הייל האט זיך גע־צויגען ביז׳ן יודישען שול־הויף. פיליכט איז דא ווירקליך גע־

גאנגען א בעזונדער צווייג אום צו פערשלאגען דעם שפור אדער אום צו האבען א זיכערען אויסגאנג אין פאל פון א נויט, אדער צוליעב אנדערע פאליטישע צוועקען פון יענער צייט? אויף דאס אלעם איז יעצט שווער צו קריגען אן ענטפער. די אזערע איז זעהר טיעף, ביז דרייסיג קלאפטער, און די מלאכה פון גראַבען אונטער איהר א הייל דערמאהנט אייך אן די ריזיגע ארבייט פון די אלטע עגיפטישע פיראמידען. אלענפאלס ברייגנט דאס אויפ'ן געדאנק, אז דאס ליטווישע פאלק האט אמאל בעזעסען א היבשע שטופע פון קולטור.

ווען זשע זענען געקומען אהין, קיין טראק די קאראאימען? ווי אזוי קומען זיי אהער? דאס גענוי איז מיר געווען שווער צו דערגעהן. דער חאכאם (חכם, רב) פון די טראקער קאראאימער האט מיר אנגעגעבען די צייט פון מעהר ווי 500 יאהר צוריק. ער האט מיר זאגאר געגעבען די דאטע — 1385, אדער 1386 נאך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג. געקומען זענען די היגע קאראאימען אהער פון קרים. ווי אזוי? דערויף איז פאראן צוויי דעות. איין דעה זאגט, אז בשעת די ליטווישע פירסטען האבען געפיהרט קריעג מיט די קרימער טאטארען, האבען זיי געבראכט אהער געפאנגען עטליכע הונדערט קאראאימען. די קאראאימען אליין אבער שטעהט ניט אן אזוי צו ערקלערען זייער יחוס. דער חאכאם האט זיך געמיהט אבצולייקענען מיר אט די מיינונג און אנגעבען אן אנדערע, וואס איז פאר זיי אנשטענדיגער. א שטויגער: די קאראאימען זענען, ווי די יודען, פרייוויליג אהער געקומען און האבען זיך אין איין צייט בעזעצט אין ליטא, וואהלין און גאליטש (גאליציען), אזוי ווי די יודען ביי די פוילישע מלכים, האבען די קאראאימען אויסגענומען ביי די ליטווישע פירסטען געוויסע תנאים, רעכט און פריווילעגיעס. טראק איז געווארען זייער הויפט־שטאדט אין דער געגענד. דער טראקער חאכאם רעכענט זיך צו דער זעלבער צייט דער חאכאם פון אלע ליטווישע קאראאימען.

איך בין געווען אין א סך יודישע שטעדטלאך און קיינע פון זיי האט ניט געמאכט אויף מיר אזא טרויעריגען איינדרוק,

ווי טראָק. עפּעס דאכט זיך אייך, אַז דאָס שטעדטעל איז אזוי ווי געבונדען אין קייטען און קען ניט אויסציהען די גליעדער, ניט רעכטס און ניט לינקס. דאָס שטעדטעל, ווי אויבען איז שוין געזאָגט, איז אויסגעשטרעקט אויף א שמאָלען פּאַס, ווי א מין ווייספּע... קוים וואָס עס קלעקט פּלאַץ אויף דער לאַנגער שמאָלער איינציגער שטעדטעל־גאַס מיט דיביידע רייהען הייזער פון ביידע זייטען. ארום די הייזער — קליינצינקע הויפּעלעך, ערטערווייז גערטלעך, און אָט דערביי וואסער. וואסער רעכטס, וואסער לינקס, וואו איהר גיט א וואָרף מיט'ן אויג. „פּאַ סטאַראָנאַם וואָדאַ, א פּאַ סערעדיניע ביעדאַ",*) האָט מיר ערקלערט אין א רוסיש ווערטעל דער קאראאימישער חאכאם, די לאַגע פון טראָק.

א חוץ דעם שטאָדטיגען סאַד, איז זעלטען דאָ צו געפינען א בוים, א בלום. דאָס וואסער דריקט ווי א וויסטע, איינטאָניג און טרויעריג. אפילו אין פיש איז די שטעדטעל זשעדנע פון זייער אייגענער אזערע. די שטאָדטיגע פערוואַלטונג (די אזערעס בעלאַנגען צו דער שטאָדט) פערדינגט דאָס פיש־כאַפּען רעכט צו א פּאַליאַק; דער פּאַליאַק פיהרט אוועק די פיש אין ווילנא; שטעדטעל איז גערן, אז עס קריגט א פונט פיש און צאָהלט טייערער, ווי ווילנער בעלי בתים צאָהלען פאר די זעלבע פיש.

די הייזער, ווי די יודישע, אזוי אויך די קאראאימישע, זענען אָרעם און פול מיט אומעט. י ו ד ע ן זענען דאָ אונגעפעהר אין א צאָהל פון הונדערט מיט צוואנציג פאמיליען. כמעט אלע זענען קרעמער און הענדלער. מען האָט צו טאָן מעהרסטענס מיט'ן אָרימען גוי, ווייל דער פערמעגענדער קריסט קויפט און פארקויפט אלעס אין ווילנא. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט מען דאָ געמאכט א שאָסיי, און דער שאָסיי, ווי דער שטויגער איז אָפט, האָט געבראכט מעהר שאדען ווי נוצען. העלפט פון פון די שטעדטעלדיגע גופא קויפען זיך און נייהען זיך אלעס אין ווילנא. בעלי מלאכות יודישע זענען פאראַן דאָ זעהר ווינציג:

*) ביי די זייטען וואסער און אין מיטען צרות.

עטליכע אינגאנצען*). און — דאָך האָט מיר ערקלערט א שטער־טעלדיגע בעל הבית — לעבט מען זיך ווי עס איז דורך. אלע האָבען כמעט די אויסקומענעס, און אָרימע לייט, אזוינע וואָס דאַרפען אָנקומען צו יענעם, זענען דאָ כמעט ניטאָ. אָט מען דרעהט זיך אהער, אהין, ווילנא נעהמט צו, ווילנא גיט אבער עפּעס אויך. מ'דרעהט זיך ארום ווילנא.

די קאַראַאימען געפינען זיך כמעט אין א דאָפּעלטער צאָהל, ווי די יודען. זיי בעשעפטיגען זיך מיט אלע יודישע פּרנסות: האַלטען קראָמען, האנדלען מיט'ן גוי, האלטען ביער־האַלען און שענקען, ניט ווי די יודען, אויף א פרעמדען נאָמען, נאָר אויף זייער אייגענעם נאָמען, ווייל זיי האָבען אלע רעכט צוגלייך מיט די רוסען.

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף די אלע רעכט, לעבט דאָס רוב קאַראַאימישע בעפעלקערונג נאָך אָרימער, ווי די יודישע.

פאַר וואָס?

איינפאך דערפאַר, ווייל די יודישע בעפעלקערונג איז ריה־רעוודיגער, קולטורעלער, האָט מעהר אונטערנעהמונגס־גייסט, ווי די קאַראַאימער. דער גרעסטער טייל פון זיי בעשעפטיגט זיך מיט גערטנעריי. פון אמאָליגע צייטען אָן איז זיי געבליבען די ליעבע צו דער נאַטור, ווי די ציגיינער, ווי די טאטארען, וועמעס שפּראַך זיי האָבען ערהאַלטען אין זייער הייזליכען אומגאנג ביז היינטיגען טאָג.

און די טראָקער קאַראַאימען רעכנען זיך און ווערען גע־רעכענט פון זייערע ברידער ארום אלס די סאַמע ענטוויקעלטע און געלערנטע. די איבריגע קאַראַאימען אין זאַמוט, וואָהלין און גאַליטש, ליגען פערוואָרפען אין די דערפער, בעשעפטיגען זיך ווי די ארומיגע פויערים, פון וועלכע זיי אונטערשיידען זיך קנאַפּ וואָס אין זייער עקאָנאָמישען, ווי אויך אין זייער גייסטיגען לעבען.

*) די לעצטע צייט איז דאָ געוואָרען א פּאָר שוך־פאַבריקען, וואו עס אַרבייטען די זעלבע געוועזענע שוסטער.

טראָק איז אַלזאָ ביי אַט די אַלע קאַראַאימען דער „רבי“. דאָס איז אַ מין ירושלים, צו וועלכער אַלע הויבען זייערע אויגען נאָך קאַראַאימישער תורה.

אבער די טראָקער קאַראַאימען אליין פיהלען זיך ניט זעהר גוט אין זייער „ירושלים“. די לאַנגע פון טראָק ווערט שלימער פון יאָהר צו יאָהר. טראָק פלעגט פריהער, אין זומער־צייט, ווערען בעלעבט פון ווילנער שפּאַציער־פאַהרער, וועלכע פלעגען קומען אהער אַפט, אין אַ שענעם וועטער, אום צו שיפען זיך אויף די ברייטע אַזערעס. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט גראַף טישקעוויטש, צו וועלכען עס בעלאַנגט לאַנדוואַראָוואָ*) דאָרט איינגעאָרדענט אַ שענעם פּאַרק מיט מוזיק ביי דער דאָרטיגער אַזערע. פון דעמאָלט אָן בלייבען די זומער־געסט אין לאַנדוואַראָוואָ, און טראָקער קוקען אויף זיי אויס די אויגען אומזיסט.

איך האָב מיך צוגעקוקט צו די קאַראַאימישע קינדער, אויפ׳ן בליק — קליינע טאַטערליך, ניטאָ די לעבעדיגקייט, די מונטערקייט, וואָס איהר בעמערקט גלייך אין די אויגלעך פון די יודישע קינדער. דערפאַר אבער ליעגט אויף דעם גאַנצען בוי פון דעם אויסערליכען קאַראַאימישען לעבען עטוואָס טיעף פּאַטריאַרכאַלעס.

איך בין געווען אין הויז ביי דעם יודישען רב און ביי דעם קאַראַאימישען חאַכאַם. דער חאַכאַם לעבט פיעל שענער, אייראָפּעאישער. דאָך זיין געהאַלט איז ניט פיעל גרעסער ווי דעם רב׳ס. זיין הויז איז איהם געבליעבען בירושה פון זיין פערמעגענדען פאָטער. אין דער יוגענד איז ער געווען אַ לעהרער אין אַ גימנאַזיום. דערנאָך אַן אקציז־בעאַמטער. צו די עלטערע יאָהרען האָט ער זיך אַנגענעבען אין דימיסיע, און בעקומט פון דער רעגיערונג אַ פּענסיע. דער חאַכאַם האָט מיר געוויזען

*) די נעכסטע סטאַנציע פון ווילנא אויפ׳ן וועג נאָך גראָדנא, ביאַליסטאָק און וואַרשא.

זיין ביבליאָטעק. זעהר אָרעם אנטקעגען א רב'ס ביבליאָטעק! עטליכע סדורים, מחזורים, תנכ'ן און — דאָס גאָר. פון א כאכאם פאָדערט זיך ניט קיין גרויסע למדנות. ער דאַרף קענען ערקלע־רען תורה, תפילה אין פשוט'ן זין. דארף קענען האלטען א רעדע, אין דער לאנדס־שפראך; א ביסעל לשון קודש.

אַן איבערראשונג איז פאר מיר געווען די ערקלערונג פונ'ם חאכאם, אז די קאראאימישע געלעהרטע שעצען זעהר הויך די יודישע פילאָזאָפען פון מיטעלאלטער. מאנכע פון זיי זענען אויך בעקאנט מיט „משנה". דער „רמבם" איז ביי זיי די העכסטע שטופע פון געלעהרטקייט. דער אבגרונד צווישען זיי און די תלמודישע יודען איז אלזאָ גאָר ניט אזוי טיעף.

דער חאכאם איז געווען זעהר צופרידען מיט מיין וויזיט; האָט מיך צוגענומען העפליך. זיין פרוי האָט מיך מכבד געווען מיט טיי. אין געשפרעך האָט ער זיך פאר מיר געקלאָגט, וואָס א קאָרעספאנדענט האָט אויף זיי גערעדט שלעכטס אין א צייטונג. זיי לעבען — האָט ער זיך פאר מיר פארענטפערט — גאָר ניט שלעכט מיט די יודען, און זיי ווייסען, אז „אנשים אחים אנחנו" — מיר זענען דאָך ברידער. א פאקט האָט ער מיר געבראכט: זיין פאָטער האָט געהאט אייגענע הייזער אין טראָק; האָבען דאָרט געוואָהנט יודען תלמודיסטען און ער איז אויפגעוואקסען אין איינעם מיט זייערע קינדער. קיינמאָל האָבען זיי א וואָרט אויף א וואָרט ניט פערביטען! פאראן ביי זיי א פאָר רעדעל־פיהרער, ווילט זיך זיי זיין אין איין וואהל־צעטעל מיט די רו־סען, אבער די קאראאימישע מאַסע, דאָס פאָלק, וויים גאָר ניט פון וואָס צו זאגען.

דאָך, פון דעם חאכאם'ס אייגענע רייד, האָב איך פערשטאַ־נען, אז די קאראאימען האָבען גאר ווייניג חשק צו ווערען וויע־דער מחותנים מיט די יודען. זייער לאגע איז עפעס ניט זעהר קיין בעקוועמע. דאָס ברייטע רוסישע פובליקום האָט א קנאַ־פען בעגריף אין דעם אונטערשיעד צווישען די קאראאימען און די יודען. אמאָליגע יאהרען האָט געגאלטען זייער טענה, אז דער תלמוד מאכט דעם יודען אונוויסענד און פאנאטיש, הייסט איהם האסען אלע אנדערע פעלקער און האלטען זיך פאר דעם

„אתה בחרתנו". היינטיגע צייטען אבער, ווען די יודען שפּיעלען אזא ראָלע אין אַלע פּראָגרעסיווע פּארטייען, האָבען זייערע טאָ־לאַנטפולע פּאַרשטעהער אין אַלע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, איז שוין זייער טענה, מיט וועלכער זיי איז געלונגען ביי יעקאַטערינען אויסצובעטען פאר זיך „פּראַוועס", אוים מאָדע. פערקעהרט: ניט אין דער ליטעראַטור, ניט אין דער פּרעסע, ניט אין געזעלשאַפט־ליכען און פּאָליטישען לעבען הערט מען א קאַראַאימישען נאָ־מען. זיי זענען געבליעבען ווי פערגליווערט אין זייער אַלטען סעקטאַנטישען פאַנאַטיזם.

טראָק איז יעצט נאָר א שאָטען פון זייער אמאָליגען יחוס. דאָס לעבען איז דאָ אזוי לאַנגווייליג און אומעטיג. די יודישע יוגענד אנטלויפט, וואוהין די אויגען טראָגען. ווי וועניג ריה־רעוודיג די היגע קאַראַאימישע בעפעלקערונג איז, אנטלויפען אויך זייערע יונגע לייט פון דאַנען. נאָר ווער ניט ווער קומט, שוין צו די עלטערע יאָהרען, צוריק אהער, דערלעבען דאָ אין דעם אַלטען פּאַטריארכאַלישען קרייז און פערגליווערטער רו־היגקייט דעם רעשט פון זיין לעבען. פּונקט אזוי ווי פרומע יודען וואַנדלען קיין ארץ ישראל, דערלעבען זייערע לעצטע יאָהרען אין ירושלים.

דער אונטערגאַנג פון די קאַראַאימען.

אַ מאָדנער געפיהל נעהמט אייך דורך, ווען איהר בעקומט די געלעגענהייט צוצוקוקען זיך נעהענטער צו אַט דעם הייפעל פון דער איינציגער יודישער סעקטע, וואָס איז געבליבען ווי אַ מיספערשטענדניס, ווי אַ טרויעריגער זכר פון אמאָליגע רעליגיעזע קאמפּפען אין יודישען פאָלק.

קוקט איהר אָן די גייסטלאָזיגקייט און אָבגעשטאַנענקייט פונ'ם ארטאָדאָקסישען יודענטום אין איצטיגען מאָמענט, ווילט זיך אייך זוכען מיט ליכט ערגעץ אַ שפּאַרע, אַ קליין שפּעלטעלע אין דער דאָזיגער שטיקענעס, פון וואַנען ס'איז ארויסגעטריבען יעדע שפּור פון אמת'ער הארציגער רעליגיעזיטעט. עס פערדריסט, פאר וואָס איז ביי אונז, ווי ביי אנדערע פעלקער, ניטאָ קיין סעקטען, ניטאָ צום אָנגענומענעם גלויבענס-שטויגער קיין שום ערנסטע אָפּאָזיציע, וואָס לופטערט דורך דעם אלטען שימעל, פרישט אָב הארץ און מוח, בעלעבט און וועקט דעם געדאַנק.

קוקט איהר זיך אבער צו צו דעם איינציגען פּראָטעסטאַנטיזם אין דעם תלמודישען יודענטום — דעם חסידיזם, און — נאָך מעהר — צו דער איינציגער אָפּאָזיציע צום תלמודישען יודענטום — צום קאַראַאימערטום, ווערט איהר דורכגעדרונגען נאָך מיט אַ מעהר טרויעריגער שטימונג.

דער חסידיזם, אין זיין איצטיגער אויסגעוואַקסענער געשטאַלט, שטעלט פאר צומעהרסט אַ מין פערגליווערט שטיק

געצענדינעריי, געמישט מיט גראָבן אבסאָלוטיזם און צבועאָט'סטווע. נאָך אבשטויסענדער און טרויעריגער איז דער איצטיגער קאַראַאימערטום.

די דאָזיגע שורות זענען געשריבן נאָך דעם, ווי איך האָב טראָק א צווייטן מאָל בעזוכט. די ווילנער רוסי־שע ציימונגען האָבן געמעלדעט וועגן א וויכטיגען צו־זאמענפאָהר פון די קאַראַאימען דאָרטען; א צוזאמענפאָהר, וואָס האָט דעם צוועק אויסצוזוכען מיטלען, ווי אזוי אויפצולעבען אָט די אַלטע יודישע סעקטע. דאָס האָט מיך שטאַרק פעראינטערעסירט און איך האָב מיך א לאָז גע־טאָן אין טראָק.

ווי פערוואונדערט בין איך אָבער געוואָרען, אז קומענדיג אין טראָק, האָב איך פאַר קיין פאַל ניט געקענט דערגעהן, וואו איז דער קאָנגרעס. יודען, וועמען איך האָב געפרעגט, האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט געוואוסט פון וואָס צו זאָגען. נאָר איינער האָט מיר געענטפערט, אז ער וויים, אזוי ווי איך, נאָר פון דער צייטונג.

איך האָב געמיינט, אז פון האָס צו יודען, האָבען די קאַ־ראַאימער ארומגערינגעלט זייער קאָנגרעס מיט א טיפע „קאָנס־פּירייישאָן", און האָב גענומען קלערען און זוכען פערשיידענע וועגען, ווי צו דערגעהן עפּעס.

איך האָב געלאָזען דעם יודישען קווארטאַל פון טראָק און האָב מיך געלאָזט שפּאַצירען הין און צוריק ארום דעם קאַראַ־אימישען „מעדרעס", ד. ה. דעם „בית המדרש", וואו, נאָך מיין השערה, האָט געדאַרפט פּאַרקומען דער צוזאמענפאָהר.

אָבער אומזיסט האָב איך אין קאַראַאימישען קוואַרטאַל געזוכט עפּעס א שפּור פון א בעוועגונג צו געפינען. ווי אויסגע־שטאָרבען איז געווען דער גאַנצער קוואַרטאַל. ס'איז גראָד גע־ווען א שענער זוניגער פריהלינגס־פריהמאָרגען. איך האָב גע־מיינט, אז אויב ניט פון די גרויסע וועט זיך מיר איינגעבען צו דערוויסען זיך עפּעס פון די קליינע, פון די קאַראַאימישע קינדער, וואָס דאַרפען געווים אין אזא וואַרימען דופּטיגען מאַי־טאָג שפּילען זיך אויפ'ן גאַס און אין די הויפען.

אַבער אומזיסט האָב איך אַ קינד געזוכט אין דער גאַנצער קאַראַאימישער געגענד. פּוסט און וויסט איז געווען אַרום.

זאָל איך אַריינגעהן פּשוט אין דער ערסטער בעסטער קאַראַאימער שטוב און פרעגן? איז מיר אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק.

ווי משונה׳דיג און אומפּראַקטיש דער דאָזיגער געדאַנק איז ניט געווען, האָב איך אַבער דאָך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. נאָר פּלוצלונג, האָב איך צו מיין פרייד דערזעהן אַ שוסטער־שילד מיט אַ קאַראַאימישען נאָמען דערויף. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיינע קאָמאַשען: צום אונגליק האָבען זיי זיך אין אַ שוסטער ניט גענויטיגט. איך האָב געמוזט העלפען מיט אַ מעסעריל, העלפען מיט דער האַנד אַבריייסען אַ בלעטעל פון אַבזאַץ, און האָב מיך געלאָזט דרייסט צום שוסטער — קאַראַאים, ער זאָל מיר צוקלאַפּען אַ נייעם. דער קאַראַאים האָט מיך פון אָנהויב אָנגעקוקט איבערראַשט. עס טרעפט, אַפּנים, זעהר זעלטען אַ יוד זאָל אַריינקומען צו איהם אין הויז. ענדליך אַבער האָט זיך מיר איינגעגעבען צו געווינען זיין צוטרוי. ער האָט ניט בלויז גענומען מאַכען די „פּאַטשינקע“, פון וועלכער ער האָט זיך פריהער געוועזט אַנטזאָגט, נאָר האָט, עוסקענדיג זיך אַרום מיין אַבזאַץ, זיך גערן געלאָזט מיט מיר אין אַ שמועס. זיין ווייב און צוויי זיהן, בחורים, האָבען אונטערגעהאָלפען. אַט אַזוי האָב איך פערבראַכט ביי די קאַראַאימען ביי אַ שטונדע צייט און האָב זיך דערוואוסט אַלץ, וואָס מיך האָט אינטערעסירט און — נאָך מעהר.

פריהער פאַר אַלץ — וועגען קאָנגרעס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער גאַנצער „קאָנגרעס“ איז אַ בלאָף. די קאַראַאימען דאַרפען האָבען לויט זייער אייגענעם דין און רוסישען געזעץ אַ „חאַכאַם“. דער חאַכאַם דאַרף זיין אי אַ פיהרער פון דער געמיינדע אין איהרע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, אי אַ פאָרשטעהער פאַר דער רעגירונגס־מאַכט. געוועהנליך האָבען די רוסלענדישע קאַראַאימען צוויי „חאַכאַמען“. איינער פאַר די קרימער קאַראַאימען, און אַ צווייטער, בעזונדער, פאַר די ליטווישע קאַראַאימען. אין ליטא געפינען זיך קאַראַאימען בלויז אין פיער

שטעדט: אין טראק, ווילנא, פאניעוויעזש און לוצק. וועהרענד די קלענסטע ליטווישע שטעדטעל האט פאר זיך בעזונדער א רב, און גאנץ אפט, אפילו צוויי, האבען די פיער קאראאימישע געמיינדעס פון ליטא אלע אין איינעם, בלויז איין „חכם". די אורזאכע איז די ארימקייט און דונקעלהייט פון די קאראאימען. נאר ווען זיי וואלטען אפילו פערמאגט, איז ניטא וועמען צו קלויבען. ניטא ביי זיי קיין געלערנטע מענשען, וואס זאלען בעזיצען דעם נויטיגען אויטאריטעט פון גייסטיגע לעהרער און געמיינדע־פיהרער. דער „חאכאם" האט זיך אויסגעוועבט ביי זיי אין א מין „קאזיאני ראבין". ער שטעהט נאך א סך נידעריגער אין זיין גייסטיגער ענטוויקלונג פון אונזער ראבינער־מעטריקעס־שרייבער. געוועהנליך איז דאס א געוועזענער טשינאווניק — א בעאמטער ביי דער רעגירונג. צו די עלטערע יאהרען, ווען ער טויג שוין ניט צו זיין אמט, לאזט ער זיך קלייבען פאר א „חאכאם". אזא „חאכאם" איז געווען צ. ב. דער לעצטער, פער־שטארבענער טראקער קאראאימישער געמיינדע־פיהרער. ער איז געווען אין דער יוגענד אן אקציז־בעאמטער. נאר אפילו אזא איז אויך אונמעגליך צו קריגען. ניט בלויז פאר די ליטווישע, נאר אויך פאר די קרימער קאראאימען. ביי דעם גאנצען קאראאימערטום איז די חאכאם־פראגע א פראגע פון לעבען און טויט. עס קומט פאר דעריבער ביי די קאראאימער א מורא'דיגער קריזיס. און מיט וואס דער קריזיס וועט זיך ענדיגען איז ניט שווער פאראויס־צוזעהן. ער וועט און מוז זיך ענדיגען נאר גיך מיט דעם פאל־קאמענעם אונטערגאנג פון דער דאזיגער איינציגער יודישער סעקטע.

די דאזיגע סעקטע איז שוין לאנג לעער פון יעדען גייסטי־גען אינהאלט. וויסט און טרוקען פון אינווענדיג, שטרעבט זי אונטערצוהאלטען איהר עקזיסטענץ דורך „פראוועס" און פריי־ווילעגיעס געגען די תלמודישע יודען. נאר דאס העלפט איהר וועניג. דער הייפעל קאראאימען ווערט אלץ קלענער. די לאגע פון בחורים און מיידלאך ביי זיי איז א פערצווייפעלטע. ניטא

מיט וועמען צו טאָן שדוכים. — קלאָגט זיך מיר דער שוסטער און זיין ווייב, קוקענדיג מיט צער אויף די צוויי אויסגעוואקסענע בחורים און אויף דער מיידעל, וואָס איז שוין אויך ניט קיין יונגע. מ׳טוט שדוכים צווישען זיך. דערפון ווערט יעדער נייער דור פיזיש און גייסטיג אַלץ מעהר פערקריפּעלט. אין לוצק, וואו די קאַראַאימישע בעפעלקערונג איז קלענער און אָרימער, איז ניטאָ קיין איין שטוב, וואָס דאַרטען זאָל ניט זיין קיין קאַליקער, קיין הויקער, קיין טויב־שטומער, קיין אידיאָט. דאָסזעלבע בעמערקט זיך אַלץ מעהר אין אנדערע ערטער. די יוגענד ראטעוועט זיך אין אסימילאציע. האָבען חתונה מיט רוסישע שיקסעס און שקצים. דאָס גופא פיהרט נאָך גיכער צו זייער אויסראָטונג און פערשווינדונג. לויט ווי דער שוסטער־קאַראַאים האָט מיך פערזיכערט וואָלטען די קאַראַאימער שטארק חשק געהאט חתונה צו האָבען מיט יודישע מיידלאַך. נאָר די קאַראַאימישע בחורים קענען ניט, ניט דורך זייער קערפּערליכען אויסזעהן, ניט דורך זייער גייסטיגער ענטוויקלונג, צוציהען צו זיך שטאַרק א יודיש מיידעל. אַ יודישער בחור איז אי קליגער, אי שטארקער, אי שענער. אַז אנדער מיידעל וואָלט זיך אפילו קוואפּען צוליב „פּראוועס“. גיט אבער די רעגירונג שטארק אכטונג אויף די קאַראַאימישע שדוכים. מיט גרויס מיה, דערצעהלט מיר מיין שוסטער, האָט זיך ניט לאנג איינגעגעבען אַ קאַראַאים צו שרייבען צו דער קאַראַאימישער געמיינדע אַ יודיש מיידעל, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאָט.

צווישען די עלטערע און פרימערע קאַראַאימען קומט פאָר איצט אַ שטיקעל בעוועגונג אבצופרישען זייער סעקטע און אויסזוכען מיטלען, ווי אזוי צו ראטעווען איהר פון אונטערגאנג. זיי זעהען צו מיט טיעפען שמערץ דעם אונטערגאנג, וואָס שטעהט זיי פאָר. די יוגענד איז פאָלקאָם אונוויסענד. ביי מיר אויפ׳ן הויף, דערצעהלט מיר אַ טראָקער יוד, וואוינט אַ קאַראַאים. מיינע קינדער מיט זיינע קינדער שפּילען זיך אויפ׳ן הויף (אזוי לאנג ווי די קאַראַאימער זענען נאָך יונג אנטלויפען זיי ניט פון יודען). מיין איינגעל איז אַלט 9 יאָהר, קען ער שוין דערצעהלען אַלע מעשיות פון חומש, פון תנך און שפּעטערדי־

גער יודישער היסטאָריע. דער קאַראַאימישער אינגעל ווייס גאָר נישט, ווען מ׳פרעגט איהם. אין בעסטען פאַל לערנט מען זיי דאַווענען און שרייבען העברעאיש. אפילו פשוט דעם אלף בית. קען זעלטען ווער פון דעם קאַראַאימישען יונגען דור. ווענען אַ מעשה עפּעס פון דער פערגאַנגענהייט פון׳ם יודישען פאָלק איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען. קוים גיט זיך איין אַ קאַראַאימישען אינגעל צו ענדיגען אַ נידריגע שולע, זוכט ער אויף גיך אויסצונוצען זיינע פּראָווּעס: קריגען ערגעץ אַ קאַנצעלאַריע און ווערען דאָרט אַ שרייבערל. איין ווילנער קאַראַאים איז אַן „אַקאַלאַדאַטשנער", אַ צווייטער אַן אויבער־אויפזעהער אין דער טורמע; אַ דריטער איז אַ צענזאָר פון העברעאישע ביכער. דאָס איז דער העכסטער שטאַפּעל צו וואָס אַ קאַראַאים, מיט זיינע פעהיגקייטען קען זיך דערשלאָגען.

דער צענזור, וואָס קען אביסעל העברעאיש, איז אייגענטליך דער נאַטירליכסטער קאַנדידאַט אויף „חכם". נאָר אַזוי ווי דער „חכם", לויט׳ן מנהג, דאַרף זיצען אין טראָק און דעם צענזאָר לוינט זיך ניט צו לאָזען די שטעלע אין ווילנא, איז גאָר ניטאָ קיין קאַנדידאַט אויף אַ „חכם". נאָר ניט בלויז קיין „געוועהלטע", אפילו קיין וועהלער זענען ניטאָ. אויפ׳ן „קאָנגרעס" איז אין גאַנצען געקומען איין קאַראַאים — דער ווילנער טורמע־אויפזעהער. דער „קאָנגרעס" איז אלזאָ אבגעלעגט געוואָרען, ווייל עס זענען ניט געווען ניט קיין קאַנדידאַטען, ניט קיין וועהלער. ס׳איז אויך קיין האָפנונג ניטאָ, אַז זיי וועלען ווען עס איז זיין.

די קאַראַאימישע מאַסע דאַגה׳ט ווענען דעם גאַנץ ווינציג. מיין שוסטער, וועלכער איז אויך אַ שוחט און ער קען אביסעל פון די „שוואַרצע פינטלאַך" זאָגט, אַז פאַר איהם און די איבריגע פון זיין גלייכען, מעג אפילו גאָר קיין „חכם" ניט געבאָרען ווערען. קיין שאלות, זאָגט ער צו מיר, דאַרפען מיר ניט געהן צו איהם פרעגען, אַזוי ווי ביי אייך געהט מען צום רב. און אַז מ׳זאָל זיך פערגלייכען אין פרומקייט און לערנען קען איך בעסער פון „חכם".

נאָך גלייכגילטיגער צו דער „חכם"־פראַגע איז די קאַראַ־

אימישע אינטעליגענץ, וועלכע איז אין גאנצען רוסיפיצירט. איצט זענען זיי זיך משתדל — קלאָגט זיך פאר מיר דער שוסטער —אז מ'זאָל אין די קאַראַאימישע פּאַספּאָרטען אויסמעקען דעם וואָרט „יעווריי־קאַראַאים“ און אנשטאָט דעם שרייבען: „רוס־קי־קאַראַאים“. דערמיט, ווילען זיי אָבשאפען דעם לעצטען שטער צו דער אסימילאציע און אָברייסען אין גאנצען דעם שוואכען פעדימעל וואָס האָט אמאָל געוויזען אויף זייער שייכות צום יודישען פאָלק.

קלימקע בורלאק.

קלימקע בורלאק איז א לעגענדארע פערזאן. מיט וועמעס נאמען עם קלינגט צעהנדליגע מיילען ארום יאנאווע, קאוונער גוב. נאך אין קאוונא האט מען מיר דערצעהלט וועגען קלימקעס בעריהמטע שטוקעס.

קלימקע בורלאק איז געווען א גוי, א פאניע. זיין טאטע איז געקומען אהער פון ראסיי, בשעת דער באהן האט זיך דא אמאל געבויט, און איז געבליבען מיט אנדערע גוים—באהן־ארבייטער — וואוינען אין שטעדטעל. קלימקע האט זיך געהאדעוועט אויפ'ן שול־הויף, צווישען יודישע קינדער. א קעפיל האט ער געהאט א פלינקע, און האט זיך גיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבען יודיש, דאוונען, ברכה זאגען, בענשען. יודיש האט ער גערעדט נאך בעסער ווי א יודיש קינד. אויסגעוואקסען א שייגעץ, איז ער געווען א שבת־גוי, א שליחות־גוי, האט זיך שטענדיג גע־דרעהט נאר אין יודישע הייזער, געפיהרט בעקאנטשאפט מיט יודישע בחורים, געפיהרט ראמאנען מיט יודישע מיידלאך (ער איז געווען א העלד א שייגעץ). נאר מעהר פון אלץ האט ער ליב געהאט דאס פריי־לעבען אויפ'ן גאס, אין פעלד, ווי א פויגעל.

אז מ'האט קלימקען אבגעגעבען פאר א זעלנער, האט ער ניט געקענט פארטראגען די קאזארמעס און איז באלד געקומען צוריק אין יאנאווע.

אפען אין שטעדטעל איז אבער געווען געפעהרליך צו זיין.

קלימקע איז אוועק אין וואלד. און באלד האָט אָנגעהויבן קלינ־גען די וועלט מיט זיינע „מעשים."

צו דערצעהלען אלע לעגענדעס פון קלימקעס רויבער־מעשים וועט ניט קלעקען קיין פּאַפּיר. איך וועל נאָר איבערגעבען אַ פּאָר מעהר כאַראַקטעריסטישע.

קלימקע איז ניט געווען קיין פּשוטער באַנדיט, נאָר אַ מין „קאַרל־מאָאָר" פון שילער'ס „רויבער". ער האָט געשוואָרען פאַר יאַנאַוועך יודען, אז ער האָט קיין מאָל אין זיין לעבען קיין בלוט ניט פאַרגאָסען. ער האָט „געאַרבייט" נאָר אויף פּריצים, גלחים, רייכע יודישע סוחרים. אָרימע פּויערן און יודען האָט ער קיין מאָל ניט אָנגעריהרט. פּערקעהרט: ער איז נאָך געווען אַ גרוי־סער בעל צדקה. האָט געשטיצט אָרימע קריסטען און יודען אָהן אַ שום אונטערשייד.

נאָר דער עיקר פון קלימקעס מעשים איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען אַ קינסטלער, אַן ארטיסט אין זיין פאַך. קיין זאַך — דערצעהלט מיר אַ יאַנאַוועך יוד איז ביי איהם ניט געשעהן אָהן אַ „שטוקע", אַ געשיידטען שפּיצעל.

אַמ קומט ער אַן ערב שבת אין אַ שטעדטעל. געהט אַריין אין שוהל צו מעריב, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ קאַפּע־לוש, מיט אַ גאַרטעל און לאַנגע פּאות; נעהמט אַ סדור, דאַווענט הויך, שאָקעלט זיך, דבק'עט זיך, מעשה רב'ל, אָדער אָרימער בעל דרש'ער. אַזוי שטעלט ער זיך טאַקע פאַר דעם שמש און בעט ער זאָל איהם בעשטעלען שבת. אַזא חשוב'ער אורח קומט אַן נאַטירליך, צום גביר פון שטעדטעל. ער בעקומט דעם שענס־טען אָרט, דעם בעסטען חלק. מ'איז איהם מכבד מיט מזומן. ער בענשט אויפ'ן קול. נאָר אין בענשען פעהלט, איהם פּלוצלונג אויס אַן „אב הרחמן" (פּאַרט אַ גוי'אישע קאָפּ!), שלעכט.. נאָר קלימקע גיט זיך אַן עצה. פּערשטעלט מיט'ן האַנד דעם פּנים, הויבט אָן צו פּראַווען „בכיות" און „דבקות". ביין פרומען קליינ־שטעדטעלדיגען נגיד און זיין געזינד בלייבט ניט אַנדערס, אַז דאָס איז אַ „למדן־וואָוניק."

אויף מאָרגען פריה איילט ער, דער בעל הבית, צו טיילען זיך מיט דער נייעס מיט די שוהל־לייט, און זעהן, אַז דער וואונ־

דערליבער רב זאָל זאָגען אין שוהל. נאָר איידער ער עפענט דעם מויל איבערראשט איהם א מעהר וואונדערליכע נייעס: דער „למד־וואָווניק“ איז פערשוואונדען געוואָרען, און מיט איהם, ביי האלב שטעדטעל, זילבערנע לעפעל מיט גאָפלען און אנדערע טייערע חפצים.

אין אן אנדער שטעדטעל קומט קלימקע צו א רייכען יו־דען אויף שבת. עסט אב וועטשערע — פיש, צימעס, ווי גאָט האָט געבאָטען. אבגעזונגען זמירות, אבגעבענשט. הויבט זיך אויף, דאנקט אָב דעם בעל הבית און — בעט עפּעס אויפ׳ן וועג. דער בעל הבית, די בעל הבית׳טע שטעלען אוים א פּאָר אויגען: וואס הייסט!.. סטייטש!... ר׳ קלמן (מיט דעם נאָ־מען פלעגט ער זיך פאַרשטעלען פאר יודען) שבת!...

— נו, זאָגט קלימקע, — עס העלפט ניט... איך האָב זעקס קינדער...

און נעהמט ארוים א רעוואָלווער אנגעלאָדען מיט זעקס קוילען.

אַט דאָס זענען מיינע קינדער — מעלדעט ער — פאר יע־דעם קינד מוז איך האָבען א הונדערטער.

דער בעל הבית האָט געמוזט ארויסנעהמען און אבצעהלען זעקס הונדערט רובל.

קלימקע איז געקומען אמאָל אין א שטעדטעל. דאָרט איז איהם געפעלען געוואָרען א יודישע מיידעל. שטעלט ער זיך איהר פאר פאר א סוחר און שיקט אונטער שדכנים, ריידען איהר מיט זיך א שדוך. קלימקע האָט געקענט געפעלען. דערצו האָט ער געגעבען רייכע מתנות און — דער שדוך איז מיט מזל געוואָרען געשלאָסען. מ׳זאָגט, אז קלימקע האָט געשפּילט יאָה־רען־לאנג אזוי קונציג זיין ראָליע, אז זיין ווייב און מחותנים האָבען זיך קיין מאָל ניט געכאפּט. ער פלעגט זיין זעלטען אין „דער היים“. פלעגט קומען ווען אויף א יום־טוב. איז אבער געווען א געטרייער מאן און טאטע און האָט זיינע קינדער דער־צויגען אין גוט יודישקייט.

דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר 20 צוריק. יאַנאָווער יודען פעדזיבערען. אַז קלימקע לעבט נאָך איצט ערגעץ אַרום ריגא. האָט שוין לאַנג געלאָזען יענע „געשעפטען", איז רייך און פיהרט אַ פיינעם יודישען שטאַט.

א מאדנער פאליצמייסטער.

„מאהילעוו איז א ציכטיגער דלות“, — אזוי דריקען זיך אוים די מאהילעווער יודען אליין וועגען זייער שטאדט. קיין שטאדט אין יודישען תחום איז ניט אזוי זויבער און צוגעקליעבען, ווי מאהילעוו. די גאסען זענען ריין, ציכטיג, — כאטש „קאשע ווארף“, ווי מען זאגט. אין די הויפען זאגאר פון די סאמע גערדיכטע יודישע געסלאך, מעגט איהר זוכען אביסעל מיסט אויף א רפואה און וועט ניט געפינען. מאהילעווער יודען קוקען אויף זיך אליין או זוואונדערען זיך: ווי קומט דאס צו זיי? ווי קומט דאס צו יודען בכלל?

די מעשה דערפון איז טאקע, אז יודען אליין זענען אין דעם ווענוג שולדיג. שולדיג איז דער פאליצמייסטער. אזא מאדנעם פאליצמייסטער פערמאגט ניט קיין שום יודישע שטאדט. (איך האב מורא, אז קיין ניט־יודישע אויך ניט). דאס איז א הויכער געזונטער קריסט, א גוי — א דעמב. געווען איז ער אן אפיציער. וואלט ער אין די אפיצירישע עפאלעטען (אקסעלבאנדען) אריינגעלעגט אזוי פיעל כחות, ווי אין די מאהילעווער יודישע הויפען, פערזיכער איך אייך, אז ער וואלט שוין לאנג געווען פאלקאווניק, און אפשר נאך העכער. נאר אט דעם משונה'דיגען גוי איז פלוצלונג לאנגווייליג געווארען אין זיינע אפיצירסקע קליידער און ער האט דערלאנגט א ביטע פאר א פאליצייסקע שטעלע.

די ערשטע זאך, ווי ער איז נאר געווארען פאליצמייסטער האט ער איינגעפיהרט: אוים כאבאר! ווי יודען האבען דאס

דערהערט, איז געווארען תשעה באב אין שטאדט. מ'האט שוין געוואלט גוזר תענית זיין... וואס הייסט א פאליציסט, וואס נעהמט קיין מטבע ניט?.. מסתמא שמעקט שוין מיט נייע גזרות...

און טאקע אמת! דער פאליצמייסטער האט נאך ניט צייט געהאט איבערצונעכטיגען אויף זיין נייעם אמט, איז ער אנגע־לאפען צו א יודישען בעקער מיט א גאנצע מחנה פאליצייאישע אונטער־משרתים און פערנומען אלעמען, וועמען ער האט נאר געפונען אין שטוב און אין דער בעקעריי. עס איז געווארען אן אויפגעלאף, א יללה אין גאס. דעם פאליצמייסטער זאל דאס ארען א האר. ער געהט אפריהער: די פאליציסטען — משרתים נאך איהם. אין מיטען, ארומגערינגעלט מיט שווערדען און ביק־סען, שלעפען זיך נעבעך ביי א מנין פערשלומפערטע, ברודיגע יודישע בעקער־ארבייטער. זיי געהען. דער עולם געהט נאך, די גאנצע גאס, ווי ביי א לויה. אלע זענען איבערגעשראקען. מ'מיינט, אז מ'וועט זיי פיהרען אין טורמע, מ'וועט זיי ווער ווייס וואס טאן..

אבער אנשטאט צו פיהרען זיי אין טורמע, צי אין צירקעל, (סטיישאן הויז), זעהט דער עולם ערשטוינט, ווי מ'האט אט די ארימע בעקער מיט דער גאנצער קאפעלע אריינגעפיהרט אין... באד. זיי זענען אריין אינעווייניג און דער גאנצער עולם בעקלאגער און בעגלייטער זענען געבליבען פון דרויסען. אלע ווארטען ערשטוינט: וואס וועט דא זיין?...

אין א שעה ארום — די זעלבע קאפעלע צוריק. אבער... וואס איז דאס געווארען מיט די יענקלאך, בערלאך, און חא־טשעס?... מאהילעווער יודען וואלטען שווערען, אז דאס זענען ניט זיי. מ'האט זיי פערביטען, צו וואס?.. אנשטאט די פער־חושכ'טע, צעווייקטע פנים'ער און ברודיגע שמאטעס, געהען העלדישע יונגען — אויסגעוואשענע, קורץ געשווירען, פער־קעמט, מיט נייע קיטלען און נייע היטלען, ממש ווי „בני מלכים"; זיי געהען און שמייכלען, פונקט ווי זיי וואלטען געהען אבריכ־טען א סדר.

דער קלאנג האט זיך פערוואנדעלט אין א געלעכטער. דער

פאליצמייסטער האט אבער זיי צוגעפיהרט צוריק צו דער בע־
קעריי און האט געזאגט ניט שטרענג, אבער גאנץ ערנסט:
„אט אזוי זאלט איהר זיין שטענדיג געקליידעט און פער־
פוצט ביי דער ארביים. ווער עס וועט ניט געהן אליין אין
באד, וועט מען איהם פיהרען...“
דערנאך האט זיך דער פאליצמייסטער גענומען ארייג־
קוקען אין די הויפען, טאקע גאר אין די סאמע אינעווענינסטע,
און האט אנגעזאגט די יודישע באלעבאטים: עס זאל ווערען
ריין! עס פערשטעהט זיך, אז א יודישער בעל־הבית קען זיך ניט
ענדערען אין איין טאג, אין איין שענעם פריהמארגען. אויף
מארגען איז געקומען דער פאליצמייסטער, אליין, בכבודו
ובעצמו, ניט געשיקט חלילה, קיין משרת, קיין אונטערפאלי־
ציסט. ער גיט א קוק: די זעלבע מיסט. דער יוד שטעהט אנט־
קעגען איהם מיט צושראקענע אויגען... דער פאליצמייסטער
מאכט ניט געגען איהם קיין קלאגע, שרייט ניט, ליארעמט ניט,
און זאגט נאך אמאל: „עס זאל זיין ריין! איך וועל קומען
מארגען!
ווער, מיינט איהר, האט זיך איינגעמיהט? — ניט דער
פאליצמייסטער, נאר די יודען! זיי האבען פשוט אויף איהם
רחמנות געקראגען און סוף כל סוף זיך גענומען ראמען די איי־
גענע סמיעטניקעס. געענדיגט מיט די הינטער־הויפען, האט ער,
דער פאליצמייסטער, זיך גענומען צו די קעלערם מיט די „הינ־
קעדיגע“ צובראכענע טרעפלעך צום דרויסען, איבער וועלכע
ניט איינער האט פים געלונקען און נעזער צושלאגען. אין איי־
ניגע מאנאטען איז, אויף'ן זעלבען שטויגער, געווארען אוים
מיט די קעלערם. דערנאך האט ער זיך גענומען צום מארק; דער־
נאך — צו די קראמען. מיט איין ווארט: מאהילעוו זעהט
אויס, ווי א בולוואר. וואו נאר א שטיקעל פרייער פלאץ —
פערפלאנצט און פערפוצט. סוף כל סוף האבען זיך יודען ארומ־
געזעהן, אז פון דעם פאליצמייסטערס „גזרות“ קען מען לע־
בען, און בּיסלעכווייז האבען אלע געקראגען א מיינונג, אז ער
איז א „פראווילנער גוי“ (ד. ה. ער היט דעם געזעץ ריכטיג)
און די יודישע גאס האט צו איהם געקראגען גרוים דרך־ארץ.

„נחמן“ און „טאָרבע“.

(וואגאָן־בילדער)

אין אידישען תחום פון רוסלאנד איז דאָ א ווינקעל, וואו יודען געניסען כמעט אלע רעכט. ווענינסטענס פיהלען זיי זיך דאָרט בעקוועמליך, פריי, אזוי פריי, כמעט ווי... אין שוהל. דאָס איז דער — וואגאָן פון דריטען קלאס.

אין וואגאָן פיהלט זיך דער רוסישער איד פיעל בעסער, ווי אין דער היים. עס שיינט, אז דער אייביגער וואנדרער, אריינפאלענדיג מיט זיינע פעק און זעק אין וואגאָן, פיהלט זיך ערשט דאָ אין זיין ריכטיגער ספערע. איהר וועט קיינמאָל ניט בעמערקען, א איד פון דריטען־קלאס־וואגאָן זאָל זיצען פאַר זיך, אָדער זאָל אָבליגען א גאנצע נאכט אויף זיין באנק. עס דויערט ניט קיין פאָר מינוטען — ווערט ער שוין בעקאנט מיט זיין שכן נעבען איהם, אנטקעגען איהם, און אפילו פון יענע בענק, וואָס הינטער זיין רוקען.

אמאָל פלעגט די בעקאנטשאפט צוגעהן איינפאך און קורץ: שלום עליכם! פון וואנען, וואוהין פאָהרט א איד? אבער זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען די „בעוועגונג“ מיט איהרע קאָנספיראציעס, און דער פשוט’ער עלטערער איד האָט אויף זיין תמימות’דיגער פראגע: וואוהין פאָהרט א איד? ניט איין מאָל בעקומען א קרומען פערדעכטיגען בליק מיט אן ענט־פער: וואָס איז אייער דאגה, וואוהין איך פאָהר? — איז דער שלום־עליכם־איד געוואָרען איינגעהאלטענער. פריהער בעקוקט ער זיין וואגאָן־שכן. אויב יענער איז א יונגערמאן, פאָהרט ער ניט אריין גלייך מיט’ן „וואוהין פאָהרט א איד?“ נאָר הויבט אָן פון א זייט. און אז ער זעהט, אז יענער לאָזט זיך ריידען, ווערט ער מיט איהם א מחותן, און קומט ביסלעכווייז צו צום אָנהויב.

וועלכער איז אויך דער עיקר פונ׳ם געשפרעך: פון וואנען און וואוהין פאָהרט מען? מיט וואָס בעשעפטיגט מען זיך? און דאָס גלייכען.

ווען אייער וואגאָן־שכן אינטערעסירט זיך מיט אייערע געשעפטען, דערפאר אבער בעהאלט ער ניט פון אייך זיינע „ביזנעס“. ענטפערט אייך אָהן קונצען און זייטיגע פניות אויף אלץ, וואָס איהר פרעגט איהם, און זאָגט אייך דעם אמת.

אין וואגאָן־דריטען־קלאַס פאלען אראָב די רעליגיעזע און נאציאָנאלע ווענטלאך. אין וועג ווערט דער איד מיט׳ן גוי א סך גיכער אויפגעטראָגען און זאָגאר בעפריינדעט, ווי אין דערהיים. אז עס טרעפט אמאָל אז איבעררייד צוליעב א פלאַץ, אריינזעצענדיג זיך אין וואגאָן, דארף מען נאָר אָבפאָהרען עטליכע סטאַנציעס, פערגעסט מען וואָס איז געווען, און מען לאָזט זיך אריין אין א פריינדליכען שמועס.

אָט די גענענזייטיגע טאלעראנץ, פשוט גערעדט — דאָס לייכטע פערטראָגען און דולדען איינע די אנדערע, צווישען אידען און קריסטען אין דריטען קלאַס וואגאָן, איז בעזונדערס צו בעמערקען אין דעם פערהאלטען זיך צו א „האָז“. א האָז, ווי בעוואוסט, הייסט דער, וואָס פאָהרט אָהן א בילעט, אויף אידיש — בל״מ (בלי מעות — אָהן געלד.) צום „האָז“ האָט יעדערער מיטלייד און מען לאָזט איהם פריי קריכען אונטערן באנק. קיינמאָל האָט ניט געטראָפען, אז עמיצער זאָל ארויסגעבען דעם „האָז“. צי א איד צי א קריסט.

א חוץ די „גאנצע האָזען“ וואָס קריכען אונטערן באנק, און פאָהרען גאָר אינגאנצען „בל״מ“, זענען דאָ אין דריטען קלאַס־וואגאָן „האלבע האָזען“, וואָס פאָהרען א מאָל מיט׳ן קאָנדוקטאָר. דאָס „האלב האָזעריי“ איז ענטוויקעלט פון די גרעסערע צענטרעס צו די נאָהענטעסטע סטאנציעס און צוריק; זעלטען וואגט מען צו מאכען אָהן א בילעט א גרעסערע נסיעה.

ניט קוקענדיג, וואָס דער בילעט קאָסט פערהעלטניסמעסיג אין רוסלאנד נישט טייער, נאָר פאר דעם אָרימען יודי־

שען קרעמעריל, וואָס וואוינט אַ פּאָר סטאַנציעס פון דער גרויסער שטאָדט, וואָס מוז זיין טעגליך אין הורט־געשעפט, אום צו האַלטען אין אָרדנונג זיין קרעמעל; אָדער פּאר׳ן ארבייטער, וואָס פאָהרט זוכען ארבייט אין דער גרויסער שטאָדט, אָדער פּאר׳ן פּויער, וואָס פאָהרט צום דאָקטאר, אָדער אין אַ קאַנצעליאריע, איז 20—30 קאָפּיקעס אַ טאָג שוין אויך אַזאַ גרויסע הוצאה, וואָס זיין ביודזשעט איז ניט אין שטאנד אויסצוהאַלטען. דער יודישער פּראָלעטאריער, ווי דער רוסישער אָדער פּוילישער פּויער, וואָס מוז אויך פיהרען די מילכיקס אין שטאָדט, אום צו האָבען פּארוואָס צו קויפען מעהל, זייף, זאַלץ און קעראָסין, קענען ניט תמיד פאָהרען „כשר" און זענען אָפט געצוואונגען פון דער נויט צו מאכען אַזאַ נסיעה „בל"מ"...

ווערט איהר פרעגען: וואָס טוט מען בשעת עס געהט אַ קאָנטראָליאָר? איז דערויף שוין פארהאַן אַן עצה. ערשטענס האָבען די קאָנדוקטאָרען שוין ידיעות פון ריכטיגע קוועלען, צו דער „טייוועל" האָט זיך געזעצט אויפ׳ן צוג; צווייטענס, איז אין צוג גופא פארהאַן אַזוינע בעהעלטעניסען, וואָס אין פאַל פון אַ צרה, קען מען דאָרט ארייַנשפּארען דעם „האָז". צו דער לעצטער צייט אבער איז געוואָרען אויף דער באהן זעהר שטרענג. מען לאָזט ניט ארוים אָהן אַ בילעט אויף דער פּלאַטפאָרם. דער „רוח" טראָגט אַן אַ קאָנטראָליאָר פּלוצלונג, ווי אַ שד, ניט קוקענדיג אויף אַלע סימנים און ידיעות.

די גרעסטע „שרעקען" פון די אייזענבאהנען אין יודישען תחום זענען מיט אַ קורצע צייט צוריק געווען צוויי קאָנטראָליאָרען, וועלכע זענען בעקאַנט געווען מיט די נעמען „נחמן" און „טאָרבע". עס איז געווען געגוג, אַז דער קאָנדוקטאָר זאָל מעלדען דעם „קאנדידאט אויף אַ האָז": „נחמן" יעדיעט!"— נחמן פאָהרט! אָדער „טאָרבא" יעדיעט — אַז דער האָז זאָל לויפען אַ פּארציטערטער צו דער קאַסע — נעהמען אַ בילעט.

„נחמן" — אַזוי פלעגען איהם רופען אויך אפילו די קאָנדוקטאָרען — איז אַ הויכער, געזונטער גוי, מיט ברייטע פּליי־

צעס, ווי אַ דעמב. זיין ברייטער בייזער פּנים, מיט דער ברייטער באָרד, וואָס בעדעקט דריי פיערטעל פון זיין פּנים און זיין גאַנצע ברייטע ברוסט, פלעגען וואַרפען אַן אימה אויף די פּאַסאַזשירען, און אפילו די, וואָס האָבען געהאַט בילעטען, פלעגען זיי בודק זיין, אום צו זיין זיכער פאַר אַט דעם „גזלן“. „נחמן“ פלעגט ניט אריין אין וואַגאָן שטיל, בנעימות'דיג, ווי אַלע קאָנטראָליאָרען. ער פלעגט אריינפאַלען פלוצלונג, אַזוי ווי אַ שטורם־ווינד וואָלט איהם אריינגעוואָרפען, אריינפאַלען מיט אימפּעט: „דאַוואַיטע בילעטי!“ — גיט אַהער די בילעטען! ער פלעגט דאָס אויסשרייען מיט אַזאַ אימה'דיגען קול, אַז אייך פלעגט זיך דוכטען, דאָס שרייט צו אייך אַ „גזלן“: גיב געלד! דעם בילעט פלעגט ער ניט צונעהמען ביי אייך, ווי אַ געוועהנליכער קאָנטראָליאָר, נאָר ער פלעגט אַ ריס טהאָן, קוקענדיג בשעת מעשה שוין אויף אַן אַנדערען און מאַכענדיג ווידער ציטערען די ווענד פון וואַגאָן מיט זיין אייזערנעם קול: דאַוואַיטע בילעטי!

און ווי גרויס די שרעק איז ניט געווען פאַר „נחמן'ען“, פלעגט דאָך תמיד טרעפען, אַז ער פלעגט כאַפּען „האָזען“. די סצענע, ווי אַזוי ער פלעגט כאַפּען דעם האָז איז אַזוי געווען אינטערעסאַנט, אַז דער גאַנצער וואַגאָן פלעגט אויפשפּרינגען פון די ערטער צו קוקען דערויף. זיין פּנים פלעגט ווערען קעסעל־רויט, זיינע אויגען ווילד, זיין גאַנצע פיגור ענליך צו אַ הונגעריגען וואָלף, בשעת ער פאַלט אָן אויף זיין קרבן. עס פלעגט זיך אייך דאַכטען — אַט־אַט שלינגט ער איין דעם „האָז“. עס העלפט נישט קיין שום טענות און מען מוז גלייך, אויפ'ן פּלאַץ בעצאָהלען אין צווייען. דאַמאָלסט ווערט ער בערוהיגט אויף אַ מינוט און מאַכט ווייטער זיין אָנגעלאָף.

ניט ווייניגער אינטערעסאַנט איז געווען „טאַרבע“. די צווייטע שרעק פון דער תחום־אייזענבאַהן. „טאַרבע“ איז בלויז געווען אָבער־קאָנדוקטאָר, וועלכער פערטרעט אָפט די שטעלע פון אַ קאָנטראָליאָר. צום געגענזאַץ פון „נחמנ'ען“ איז טאַרבע

געווען אַז אמת'ער „שונא בצע". דאָס איז געווען אַ „טשינאָווניק", וואָס קען טאַקע באמת ניט נעהמען קיין „לאַפּקע". ער האָט אָבער אויך געוואָלט שטעלען די וועלט אויפ'ן „אמת" און דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. אין אַ קורצער צייט אַרום, נאָכדעם, ווי „טאָרבע" איז אָנגעקומען אויף זיין שטעל — דער־צעהלט מען — האָט זיך אויף זיין באַהן־שטרעקע ניט גע־טאָרט געפינען קיין איין „האָז". די קאָנדוקטאָרען, וואָס אונ־טער איהם, האָבען זיך געפּרובט אָנווינקען, געבען איהם אָנצו־הערעניש, אַז ער וועט „די וועלט ניט איבערמאַכען", אַז אַזוי איז שוין ביי זיי פון „ששת ימי בראשית". נור „טאָרבע" האָט געזאָגט, אַז ער וועט יאָ איבערמאַכען. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַ מלחמה. די מלחמה איז געווען זעהר אַ קונציגע, אַ מערק־ווירדיגע, אויף אַזאַ שטייגער: „טאָרבע" פער'גנב'עט זיך ערגיץ אין אַ וואַגאָן און לייגט זיך שלאָפען אויפ'ן באַנק אין דער זיסער און געוויסער האָפנונג, אַז ביי דער נאָהענטסטער ענד־ע־סטאַנציע פּאַקט ער „העכט". אין מיטען חלום פליהט איהם — מ'ווייסט ניט פון וואַנען — עפּעס אין קאָפּ. „טאָרבע" שפּרינגט אויף ניט טויט, ניט לעבעדיג, האַלטענדיג זיך פאַר'ן נאָז, צי פאַר'ן אויער. נור קיין נפש איז ניטאָ. ער מאַכט אַ שטרענגע אונטערזוכונג, אָבער קיינער ווייסט ניט, פון וואָס צו זאָגען. אָדער עס טרעפט, אַז מען גנב'עט צו ביי איהם דאָס היטעל, אַ פּאָאַר שטיוועל. „טאָרבע" לויפט ווי אַ משוגע'נער איבער'ן וואַגאָן, קען אָבער גאָר ניט אַרויס קאָנטראָלירען. די „האָזען" פאָהרען דורך בשלום און צוזאַמען מיט די קאָנדוקטאָרען מאַכען זיי חוזק פון טאָרבען".

נאָך אַ לאַנגען קאַמפף האָט זיך — זאָגט מען — „טאָרבע" געמוזט אונטערגעבען און אָנערקענען, אַז ער וועט „די וועלט ניט איבערמאַכען..."

דער וואַגאָן — דריטער קלאַס — האָט זיך זיינע ספּעציע־לע אידישע שנאָרער און בעטלער.

אַט איז אַ בלינדער בחור, וואָס קומט תמיד מיט דעם

זעלבען נוסח און דעם זעלבען ניגון. פריהער רוסיש, דערנאך אידיש, און קעהרט אוים די ברעמען צו איבערצייגען אייך, אז ער איז באמת בלינד אויףביידע אויגען. נור בשעת דער צוג האלט ביים אבשטעלען זיך, אדער הויבט שוין אן צו געהן, שפרינגט ער ארויף און אראב און לויפט צווישען די וואגאנעס מיט אזא געשווינדקייט, פיעל געשיקטער פאר א זעהענדיגען.

אט קומט אריין א משוגע'נער בחור — אן „אגיטאטאר“. ער האלט א היים־הארציגע רעדע וועגען פראלעטאריאט און קאפיטאל, פלוכט היינטיגע ארדנונג, אין וועלכער די קאנקורענטען זענען אזוי „גרויזאם“, אין וועלכער אזוינע ארימע, ווי ער, ווארפט מען ארוים פון וואגאן, און גבירים, גראבע בייכער, פאהרען ווי פריצים אין ערשטען קלאס. ער אגיטירט וועמען ער כאפט, א פאליציאנט, א זשאנדארם און דעם גרויזאמען קאנדוקטאר אליין. נאך דער לאנגער, פייערדיגער אגיטאציע, וועלכע ער האלט אי אין אידיש, אי אין רוסיש — בעט ער ערשט א קאפיקע...

אט לויפט אריין אין וואגאן א ווייבעל, אויפגעקארטשעט אין דרייען, האלט זיך פאר'ן באק און פערגעהט זיך פון געוויין. איהר האט, לא עליכם, אנגעכאפט די צייהנער. איהר יאמער הערט אויף א מינוט אויף נור דאן, ווען איהר גיט איהר א קאפיקע.

אבער אט די שיינט נאך צו זיין „גרין“ אין די „ביזנעס“. ווארום צאהן־וועהטאג איז א געוועהנליכע זאך און וועקט ניט קיין רחמנות. אט קומט אריין אין וואגאן אן אנדערע. זי איז שוין מעהר ספעציאליסטין אין איהר פאך. זי קומט אריין מיט א שלוקערץ, א כראנישען, וואס וויל גאר ניט אויפהערען. דעם עולם פאסאזשירען כאפט אזש אן א סקרוך פון דעם שלוקערץ און מען איילט זיך צו צוואווארפען איהר די קאפיקע, אבי לויז צו ווערען פון דער מוזיק...

אט אזוי זעהט אוים דער וואגאן־דריטער־קלאס אין יודישען תחום.

ליטווישע גוטע ידען.

אין שטעדטעל פונ'ם „אלטען רבי'ן".

דאס שטעדטעלע לאדי, מאהילעווער גוב., איז בעריהמט אלס צענטער פון ליטווישער חסידות. עס איז געווען א צייט מיט הונדערט יאהר צוריק, ווען לאדי האט קאנקורירט אין גייסטיגע הערשאפט מיט ווילנא. אין ווילנא האט געוואוינט „דער גאון", אין לאדי — ר' שניאור זלמן, אדער דער אלטער רבי, ווי מען רופט איהם געוועהנליך ביי חסידים.

דער אלטער רבי איז, אייגענטליך, געווען דער ערשטער רבי אין ליטא. ר' שניאור זלמן איז געווען ר' בער מעזעריטשער'ס א תלמיד, און ר' בער מעזעריטשער איז געווען א תלמיד פון בעל שם.

ר' שניאור זלמן איז געווען דער ערשטער, וואס האט פערפלאנצט דעם בעל שם טוב'ס תורה אין ליטא. דעם מורא'דיגען קאמפף, צווישען איהם און דעם ווילנער גאון; די מסירות וואס זענען דורך דעם ברענענדען קאמפף ענטשטאנען; די שרעקליכע רדיפות פוןביידע צדדים; דאס זיצען פון ר' שניאור זלמן'ען אין פעטערבורגער פעסטונג, צוויי מאל; זיין אנטלויפען פאר נאפאלעאנען — זיין רעדען מיט'ן קייסער אלעקסאנדער דעם ערשטען, — דאס אלץ איז שוין לאנג פערשריעבען אין דער געשיכטע פון חסידיזם. דא איז ניט דער פלאץ איבערצוחזר'ן די אלע לעגענדעס, וואס געהען ארום וועגען דער מערקווירדיגער פערזענליכקייט פונ'ם אלטען רבי'ן, ווי אויך די סבות, וואס האבען ארויסגערופען די תורה פון חסידיזם און צופלאקערט

דעם קאמפף צווישען חסידים און מתנגדים כמעט א האלבען יאהרהונדערט. אויף דאס דער טעמע איז שוין איצט פאראן בי־כער, און דער לעזער, וואס וויל בעקאנט ווערען מיט דער גע־שיכטע פון דער דאזיגער בעוועגונג, קען שוין בעקומען צו לע־זען וועגען דעם אפילו אין יודיש.

איך בין, פארשטעהט זיך, ניט געפאהרען קיין לאדי צו קלייבען מאטעריאל פאר דער געשיכטע פון חסידיזם. מיין אויפ־גאבע איז געווען פשוט׳ער. איך האב געוואלט וויסען, אויף וויפיעל דער גייסט פון חסידות האט זיך נאך דערהאלטען אין זיין אמאליגער ריינקייט און תמימות אין זיין אלטער היים, אין דעם דאזיגען נעסט, פון וואנען ער האט צוערשט פערשפרייט זיינע פליגלען איבער ליטא און האט ארויסגערופען די ערשטע גייסטיגע רעוואלוציע אין דעם לעבען פון די רוסישע יודען.

און לאדי האט מיר נאך שטארקער בעשטעטיגט די פאק־טען, וואס איך האב געפונען אין אנדערע נעסטען פון חסידיזם. די פאקטען, וואס ווייזען אונז בעשיינפערליך, אז דער חסידיזם דערלעבט, דא, ווי אומעטום זיינע לעצטע טעג.

אין לאדי דערלעבט איצט זיינע אלטע יאהרען איינער פון די לעצטע צווייגען פון דעם אלטען רבי׳ס „גזע" (שטאם). ר׳ שכנא הייסט ער. שוין זיין טאטע, אן אייניקעל פון ר׳ מענ־דעלע, (דער „מיטעלער רבי" אדער דער „צמח צדק", ווי מען רופט איהם געוועהנליך, נאך דעם נאמען פון זיין חבור איבער חסידות), האט אליין געגראבען א קבר פאר די חסידות. דאס איז געווען א גראבער געלד־גייציגער קאריעריסט. ער האט געריסען פון לעבעדיגע און פון טויטע. ארימע חסידים, וואס האבען געקענט געבען א גראשענעם פדיון, האבען זיך געמוזט וואלגע־רען וואכען־לאנג און מאנאטען־לאנג אין שטעדטעל און האבען ניט געקענט צוקומען צום „רבי׳ן". דערפאר האבען רייכע חסידים לייכט געהאט א צוטריט צום רבי׳ס טיש. און ער, ר׳ בער, האט טאקע געלאזען נאך זיין טויט 60 טויזענד קארבען מזומנים, א חוץ, מאיאנטקעט, גאלד און זילבער און בריליאנטען.

שוין ביים ענדע פון ר׳ בער׳ס לעבען איז אבגעפאלען דער גרעסטער טייל פון זיינע חסידים. א טייל איז אוועק אין ליבא־

וויטש, א טייל אין קאפוסט, ער האט געלאזען דריי זיהן: איינער איז א האלבער משכיל און א וואלד־סוחר. דער אינגערער איז א חסידישער רב אין וויטעבסק. לאדיער זאגען, אז ער איז עהר־ליכער און מעהר למדן פאר דעם עלטערן. חסידים וואלטען ניט געוועזען דאגעגען איהם צו זעצען אויף זיין טאטענס שטוהל, נאר ער וויל ניט פיהרען קיין קאמפף מיט'ן עלטערען, ר' שכנא'ן, וועלכער האט פערכאפט דעם „טראן" און טענה'ט אז איהם קומט די „הערשאפט".

ער איז אבער געבליעבען א קיסר אהן חיל. קיין איין חסיד שמעקט ניט אריין אין לאדי. ר' שכנא האט שוין קינדער גע־האט, זיי אויסגעגעבען, איז אלט געווארען אוןווארט נאך: טאמער וועלען פארט די חסידים קומען און „זאלבען" איהם פאר א רבי'ן, און לאדי וועט גלאנצען ווי אמאל.

אבער קיינער קומט ניט.

ניין, איך האב א טעות. איין מאל, דערצעהלען לאדיער יודען, זענען יא געקומען אין „הויף" א פאר חסידים. ד. ה., אייגענטליך, ניט קיין פשוט'ע אין לאנגע קאפאטעס, נאר „דייט־שען". נאר דאס איז קיין וואונדער ניט געוועזען. דאס פלעגט טרעפען ניט זעלטען, אפילו פאר זיין טאטען און זיידען, אז עס פלעגען זיך אראבלאזען פון אויסלאנד ערגעץ, דייטשען, גע־גאלטע, אין קורצע רעק מיט צילינדערס. אבער דאס זענען אין די „פנימיות", אינעווייניג הייסט עס, געוועזען כשר'ע חסידים און פלעגען ברענגען שענע פדיונות.

ר' שכנא האט זיך זעהר דערפרעהט. האט אנגעטאן די יום־טוב'דיגע אטלעסענע קאפאטע, דעם טאטענס שטריימעלע און גארטעל, געהייסען אנצינדען ליכט און מיט גרויס כבוד אריינגעבעטען די טייערע געסט אין זאאל אריין. הינטער טיר איז געבליבען שטעהן דער בעל עגלה אין דער ראלע פון א משרת. דעם אלטען'ס אויגען האבען געשטראהלט פון שמחה, אז כאטש צום סוף פון זיין לעבען האט איהם א שיין געטאן די האפנונג.

נאך א לאנגען געשפרעך, האט ער בעגלייט די טייערע אורחים און האט זיי געבענשט. פערדראסען האט איהם אמת, וואס קיין פדיון האבען די חסידים ניט געלאזען. אבער ווי א

פערשטיינערטער איז ער געבליבן, ווען ער האט דערהערט, ווי די דייטשען האבען אויף יענער זייט טיר זיך צולאכט: כא־כא־כא! עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס זענען געווען „לצים", אז די גאנצע מעשה איז געווען אן אנשטעל.

ר' שכנא האט קיין נחת ניט פון קינדער. איך האב אויבען געזאגט, אז ער האט זיינע קינדער שוין לאנג אויסגעגעבען. עס איז אבער ניט גאנץ ריכטיג. אייגענטליך האבען זיי זיך אליין אויסגעגעבען. זיינע קינדער זענען אלע היינטיגע, געשטודירטע. אין די פרייע טעג האבען זיי א שטארקען אנטייל גענומען אין דער בעוועגונג. איין מיידעל איז מיט עטליכע יאהר צוריק אנטלאפען פון טאטענס הויז אום שבת. מען האט זי געוואלט מיט געוואלט חתונה מאכען מיט א „צאציק". זי האט אבער געוואלט שטודירען. מיט דער הילף פון איהר פעטער דעם וואלד־סוחר און אנדערע גוטע פריינד איז זי אוועק אין בערלין. דארט האט זי חתונה געהאט מיט א בעוואוסטען יודיש־דייטשען שריפטשטעלער.

דער אלטער ר' שכנא האט שוין אויך פערלארען זיין ווייב און דערלעבט איינזאם זיינע יאהרען אין „הויף". בשעת איך האב איהם בעזוכט, איז ער געווען אין זיין סאד. איך האב געוואלט אריין צו איהם, נאר מען האט מיר געזאגט, אז א חוץ איהם טאר קיין לעבעדיגער מענש ניט אריינשטעקען דעם נאז אין סאד. אפילו די קעכין, ווען זי קומט רופען וואָרעמעס עסען, מוז זי אנקלאפען פון יענער זייט פארקאן. ווארום ער פערשליסט די טירען פון אינעווייניג, כדי קיינער זאל חלילה ניט גנב'ענען א קארש, צי אן אגרעס.

ר' שכנא איז מורא'דיג קארג און האט ליעב געלד — א געוואלד. דאס האט געבראכט דערצו, אז אין די הויפישע „פאקאיעס" האט זיך אריינגעכאפט איצט „אפיקורסות" און אפילו די „טומאה" אליין. ווארום ער, דער קאנדידאט אויף רבי האט אליין פערדונגען איין שטוב פאר דער יודישער ביבליאטעק און די צווייטע אין הויף — פאר א שטאדטיגע שולע. אין דעם הויף, וואו עס רוהט דער גייסט פונ'ם אלטען רבי'ן, איז ניט לאנג געקומען דער גלח בעשפריצען די שולע מיט „הייליגע" וואסער.

און נאך מעהר: ניט לאנג, בשעת דער שמחה פון דעם דרייהונ־דערט־יעהריגען ראמאנאוו־יובילעאום, האט ער, ר׳ שבנא, די „היילינגע" צווייג פון דער היילינגער „גזע", צוזאמען מיט׳ן גלח און דעם פריסטאוו געטאנצט טאקע אין דערזעלביגער „שולע", אין זיין אייגענעם הויף, און געזונגען פאר גוים דעם אלטען רבי׳ס נגון.

נפלה, נפלה, לאדי, ולא תוסיף קום! געפאלען, געפאלען לאדי און וועט שוין מעהר ניט אויפשטעהן! האבען צוזעהענדיג דאס געזיפצט.

אין לאדי האט איהר די מעגליכקייט בעשיינפערליך צו זעהען, ניט בלויז דעם אונטערגאנג פון דעם רבייאישען גייסט און די רבייאישע פיהרונגען, נאר אויך דעם חורבן פון רבנות. אין לאדי איז דא א „שענער" יוד, וואס וויל זיין א רב מיט געוואלט אין שטעדטעל. געלד פארלאנגט ער ניט. ער דארף נאר כבוד. אליין איז ער, אמת, א למדן, קען זיין א שוחט אויך. האנד־לען האנדעלט ער מיט פראצענט און צייטענווייז, זאגט מען, אויך מיט „לינקע" זאכען. זיין געלד פערלייהט ער דוקא אין די ארימסטע לעבער און מאכט אלערליי דריידלעך, כדי ער זאל קע־נען אבשרייבען ביי זיין בעל־חוב די לעצטע בעבעכעס. דער שוחט נעהמט פון הינער 5 קאפ. פאר שחיטה. מאכט ער איהם קאנקורענץ און נעהמט 2 קאפ. שטעדטעל, נאטירליך, קען איהם צו גוט און וויל איהם ניט פאר א רב. וואס־זשע טוט ער? מאכט ער אש און בלאטע פון יעדען רב, וואס שטעדטעל נעהמט. אז עס העלפט ניט, לאזט ער אין גאנג אנדערע מיטלען. וואו דער רב דינגט א דירה, רעדט ער איין דעם בעל־הבית, ער זאל איהם ניט פערדינגען, ווארום — דערצעהלט ער כלומרשט בסוד — ער וועט זיך לאנג ניט האלטען. א געוויסער משולח פאהרט ארום פון דאנען איבער דער וועלט קלייבען געלד אויף לאדיער ישיבת, וואס האט קיינמאל אויף דער וועלט ניט עקזיסטירט. ער פאהרט ארום מיט א ביכעל, גע׳חתמ׳עט פון דעם דאזיגען שענעם יודען, אלס רב פון לאדי. מיט דעם געלד, נאטירליך, טיילט מען זיך ביינאנד. און מען זאגט, אז דער משולח מאכט גלענצענדע גע־שעפטען.

אין שטעדטעל האט מען שרעקליך מורא פאר דעם „שעגעם“ יודען. ווארום ער האט א זוהן, קען ער שרייבען רוסיש. איז — ווער עס טשעפעט זיך מיט זיין טאטען, אויף יענעם איז גלייך א „פאפירעל“ אהין, וואו מען דארף....

נאר געגוג וועגען לאדיער „הייליגע“ און „שענע“ יודען. די שטעדטעל לאדי אליין איז אויך ווערטה מען זאל עפעס וועגען איהר זאגען. לאדי האט גאר א בעזונדער פנים, וואס מאכט איהר אויסקוקען ניט גלייך צו אנדערע שטעדטלעך. פריהער פון אלץ ליעגט לאדי אויפ'ן גרעניץ פון תחום. א שמאל שמוציג טייבעלע מיט אן אלטען, האלב־צופוילטען בריקעל דארויף, טיילט איהר אב פון סמאלענסקער גובערניע. גאר וואונדערליכע געדאנקען קריכען אייך אין קאפ, בשעת איהר שטעהט דא אויפ'ן בריקעל. אט זייט איהר א „כשר'ער“ יוד, א טריי שטיפקינד פון רוסלאנד'ס מלוכה, האלט אייך עהרליך איינגעצאהמט אין די „פיער איילען“, וואס דאס רוסישע געזעץ האט אייך בעזארגט. אין א מינוט ארום, איהר זייט נאר אריבער דעם בריקעל, — זייט איהר א פארברעכער: איהר שטעהט אויף פערבאטענע ערד. איך האב ניט געקענטביישטעהן דעם נסיון און, צווישען אונז זאל דאס בלייבען, בין אריבער דעם בריקעל מיט מיין יודישען פאספארט און האב אומגעשפאצירט אין סמאלענסקער גוברניע אינ'ם פערבאטענעם לאנד, גאנצע צוואנציג מינוטען. א גליק, וואס פאר דער גאנצער צייט איז ניט דורכגעפאהרען קיין „קנעפעל“, וואס האט מיך געקענט אננעהמען פאר'ן קאלנער און אריינשליידערען צוריק אין תחום אריין.

אויף מיין קורצען בעזוך אין סמאלענסקער גובערניע האב איך נאר איין מערקווירדיגקייט געזעהן: א דענקמאל, געשטעלט מיט איינגע מאנאטען צוריק צום אנדענקען פון דעם פראנצויזישען קריעג, ווען נאפאלעאן איז דא דורכגעגאנגען איבער'ן טייכעל מיט זיין ארמיי קיין מאסקווא און צוריק פון מאסקווא. לאדיער יודען זאגען, אז נאפאלעאן האט דא גענעכטיגט אין רבינ'ס הויף. דער רבי אליין — דאס איז געווען דער אלטער רבי, ר' שניאור זלמן, איז אנטלאפען, ווארום ער האט געהאלטען מיט'ן רוס. אין „בית רבי“ (לעגענדען און פאקטען

ווענגן אלטען רבי'ן, ווענגן גרויסען קאמפף פאר און געגען חסידיזם, געזאמעלט פון א חסיד). אין אט דעם ספר שטעהט אויך דער טעם, פאר וואס דער אלטער רבי איז געווען ג ע־ג ע ן נאפאלעאנען, בשעת א סך רבנים און א גרויסער טייל פונ'ם יודישען פאלק האבען סימפאטיזירט מיט'ן „פראנצויז".
דער טעם, — אזוי ווערט דארט ערקלערט — איז דער, וואס דער רבי האט מורא געהאט, אז ווען נאפאלעאן וועט גובר זיין און וועט געבען די רוסישע יודען אלע רעכט, ווי ער האט געגעבען די פראנצויזישע יודען, וועלען די רוסישע יודען, חלילה וחס, אראב פון וועג, ווי זייערע פראנצויזישע ברידער. אז רוסלאנד אבער וועט איינגעהמען, וועלען יודען, באמת, גאר ניט געווינען, דער־פאר אבער וועלען זיי ניט צולאזען־ווערען און די תורה וועט ניט פערגעסען ווערען.
דער אלטער רבי האט שוין ביי זיין לעבען געהאט אן אונ־געהויערע ווירקונג אויף הונדערטער טויזענדער אנהענגער־חסידים, וועלכע האבען זיך געהאלטען אן דעם זעלבען שטאנד־פונקט, ווי זייער רבי. נאפאלעאנען האט ניט גוט געשמעקט, וואס א גרויסער טייל פון דער גרענעץ־געגענד, ביי סמאלענסקער גובערניע, איז געגען איהם. ר' שניאור זלמן האט אלזא, ווי נא־פאלעאן איז געקומען נעהענטער צו לאדי, געמוזט אנטלויפען אונטער דעם שוץ פון א רוסישען גענעראל. אין וועג איז ער גע־שטארבען, עפעס אין א שטעדטעל פון זיד־רוסלאנד.
לאדי, אלס רעזידענץ פונ'ם אלטען רבי'ן, אלס דער פונקט, פון וואנען עס האט זיך צופלאקערט די ערשטע גייסטיגע רע־וואלוציע אין'ם לעבען פון די רוסישע יודען, איז ביז היינטיגען טאג בעריהמט און כמעט פערהייליגט אין יודישען תחום. פאר וואס איז עפעס אט דער שטעדטעל אויסגעפאלען צו שפיעלען א היסטארישע ראלע אין'ם גייסטיגען לעבען פון די רוסישע יודען? — אויף דעם איז שווער צו קריגען אן ענטפער.
לאדי איז א פערפויערטע שטעדטעל, איינע פון די רייכס־טע אין יודישען תחום און איינע פון די גרעבסטע. דא איז ניטא קיין מארק, ניטא קיין פריצים, ניטא קיין פאבריקאציע, ניטא קיין וואלד־מסחר וואס שאפען דאס רוב פרנסות פון אנ־

דערע יודישע שטעדט און שטעדטלאך. ליין, זוימען, פענקע, פעלכלעך, חזיר־האר, שוואימען, אייער, פערד — אט דאס זענען די ארטיקלען פון לאדיער מסחר. די דאזיגע ארטיקלען זענען „ראסייער" און דער היגער יודישער הענדלער געפינט זיך דעם גרעסטען טייל פון יאהר אין די רוסישע גובערניעס. פערדיענען פערדיענט מען גוט, אבער אזוי ווי אלע האנדלען מיט די אר־טיקלען, ענטשטעהט א מורא'דיגע קאנקורענץ, און גאנץ שטעד־טעל איז איינער דעם אנדערען דם שונאים, אפילו אייגענע צווי־שען זיך. דאריבער קען זיך דא ניט ענטוויקלען קיין שום געזעלשאפטליכע, קיין שום גייסטיגע ארבייט. די שטעדטעל טרינקט זיך אין בלאטע איצט, ווי אין דער צייט פון אלטען רבי'ן. פאלט אריין א אינטעליגענט, א דאקטאר א שטייגער, וואס וויל אריינברייינגען עטוואס ליכט אין געזעלשאפטליכען לעבען, ווערט ער פערשפייט און פערשאלטען. פון דער שמוצי־גער טייכעל, וואו מען באדט פערד און וואוהין עס פאלען אריין אלע רינשטאקען פון שטעדטעל נעהמט מען וואסער צו טרינ־קען. די עפידעמיעס בושעווען אקוראט צוויי מאל א יאהר און נעהמען צו א סך קרבנות, איבערהויפט קינדער.

איין ליכטיגער מאמענט איז געווען אין לאדי. דאס איז גע־ווען אין יענע פרייע טעג. אין אט דעם נעסט פון בלאטע, פינסטערניש, שימעל, רייסעניש און קאנקורענץ האט זיך אריינ־געריסען א שטראהל. גרויסארטיגע מיטינגען זענען פארגעקומען אין מיטען מארק; פייערדיגע רעדעס האבען געקלונגען; נאך די מיטינגען האבען פויערטעס פון די ארומיגע דערפער זיך ארומ־גענומען מיט יודישע פרויען און מיידלאך, געארעמט מאניפעס־טירט איבער די גאסען און פרייהייטס־ליעדער געזונגען.

נאר יענער מאמענט איז שוין לאנג פערשוואונדען און די פינסטערניש איז נאך דיקער געווארען. בלויז איין פונק גליהט נאך — די ביבליאטעק, דער „נר תמיד" פון דער יודיש־שטעד־טעל. און דא לעבט נאך א האפנונג, אז עס וועלען קומען אמאל בעסערע צייטען פאר רוסלאנד, פאר די רוסישע יודען, און לאדי וועט זיך נאך אמאל וויעדער א צוכע טאן פון איהר פער־פויערטען מגושם'דיגען דרעמעל.

דער לעצטער ליטווישער גוטער יוד.

פון חיסלאָוויטש
קיין ליבאוויטש
אוי, וואָס דאַרף איך אייך ?!...
פון ליבאוויטש
קיין חיסלאָוויטש
אוי, וואָס הער איך אייך ?!...
(פון אַ חסידיש פאָלקס-ליעדעל).

ליבאוויטש האָט שוין לאנג פערטונקעלט מיט איהר גלאַנץ — לאדי, און דער מיטעלער רבי (ר' מענדעלע, אָדער דער „צמח צדק" — נאָך זיין ספר וועגען חסידות, וואָס ער האָט געשריעבען), האָט אוועקגערוקט אין הינטערגרונד דעם אלטען רבי'ן. ר' מענדעלע ווערט ניט גרעסער געהאלטען פאר ר' שניאור זלמנ'ען. דער אלטער רבי ווערט נאָך אלץ געשעצט פאר דעם גרעסטען, פאר דעם הייליגסטען פון אלע חסיד'ישע רביים אין ליטא. נאָר דער אלטער רבי איז געווען א מענש פון קאמפף. זיין לעבענס-בעשרייבונג איז מעהר געשיכטע ווי לעגענדע. פאר איהם איז די חסידות ערשט בעשאפען געוואָרען. צופיעל פשוט'ער לעבענסקאמפף איז דאַ אין די מעשיות, וואָס זענען פערבונדען מיט זיין שטארקער פערזענליכקייט.

דערצו איז אין דעם אלטען רבי'ס לעבען פאָרגעקומען א טראגעדיע. איינער פון זיינע צוויי זיהן האָט זיך גע'שמד'ט.

אליין איז ער געשטאָרבען ווייט פון זיין שטעדטעל. זיין צווייטער זוהן ר' בער איז געווען אַ ליבאוויטשער איידעם און נאָך זיין פאָטער'ס טויט האָט ער געגרינדעט ליבאוויטשער טהראָן.

פאר ר' בער'ס זוהן, ר' מענדעלע, האָט זיך דער קאמפף שוין געענדיגט. דער חסידיזם האָט געזיגט. ער איז געוואָרען אַ מאכט. ר' מענדעלע איז ניט געווען קיין שאפענדע פערזענליכ־קייט, ווי זיין זיידע ר' שניאור זלמן. דערפאר האָט ער פערשטאַ־נען ארומצורינגלען זיין טהראָן מיט אזא גלאַנץ און היילינקייט, אַז ליבאוויטש איז פאר איהם געוואָרען אַ מין ירושלים, אָדער מעקא פון די ליטווישע חסידים. זיין איינגסטער זוהן, ר' שמואל־קע, וועמען דער „טהראָן" איז אָנגעקומען נאָך זיין פטירה, האָט אויך פערשטאַנען אזוי צו האלטען זיך, אַז דער רעספעקט צו דער „גזע", ד. ה. צום שטאַם פונ'ם אלטען רבי'ן איז ניט אָב־געשוואכט געוואָרען, און דער איצטיגער רבי, ר' שלום בער, דער איינגסטער זוהן פון ר' שמואל'קען, איז אויך פעהיג צו האלטען הויך די פאָהן פון זיין טאַטענס, זיידענס און עלטערזיידענס לעהרע, און דער רעספעקט פאר ליבאוויטש איז דערזעלבער ווי געווען. פערקעהרט, עס זעהט זיך אָן, אַז נאָך מעהר ווי אַלע מאָל. ווארום מיט דרייצעהן יאָהר צוריק איז אין ליבאוויטש געגרינדעט געוואָרען אַ ישיבה און דערמיט איז אַ נייע עפּאָכע ענטשטאַנען אין דער חסידישער לעהרע. אנשטאָט אייגצעלנע פערזאָנען און געשריעבענע ספרים, וואָס האָבען איהר געגעהרט און אונטערגעהאלטען איהר עקזיסטענץ, איז מיט דער ישיבה— אַ שולע געבויט געוואָרען פאר'ן חסידיזם. די שולע לאָזט ארויס הונדערטער קעמפפער און פערפלאנצער פון חסידות אין דער וועלט.

און דאָך קען מען זיכער זאָגען, אַז די חסידות דערלעבט אין ליטא, אזוי ווי אין פוילען, איהרע לעצטע טעג. די ישיבה וועט איהר וועניג העלפען. ווארום דער תוך פון חסידות, איהר פונדאמענט, איז געבויט ניט אזוי אויף טהעאָרעטישע לעהרען און געשריעבענע ספרים, ווי אויף דער פערזענליכקייט פון דעם רבי'ן. דער חסיד נויטיגט זיך מעהר אינ'ם רבי'ן ווי אינ'ם רבי'נס תורה. ביי איהם איז די חסידישע תורה הייליג, ווייל זי

נעהט ארויס פונ׳ם רבינ׳ס הייליגען מויל. דער חסיד איז זעהר געזעלשאפטליך. ער פאהרט צום רבי׳ן, ווייל דארט בעגעגענט ער זיך מיט א סך חברים, ווייל דארט, אין דעם גרויסען צוזאמענ־דראנג פון גלייכגעשטימטע און גלייכדענקענדע מענשען, פיהלט ער זיך גוט. דארט קען ער פערגעסען זיינע מאטעריעלע זארגען, ארבוואורפען כאטש אויף א ווײלע די שווערע לאסט פון די אלטעגליכע קאפ־דרעהעניש. דער עיקר אבער איז איהם נויטיג אווארם ווארט, א טרייסט־ווארט פונ׳ם רבי׳ן אליין. דעם רבינ׳ס אפטע ווארמע, פריינדליכע ווערטער זענען פאר׳ן חסיד א קוואל פון האפנונג און טרייסט, וואס נעהרט איהם פון איין יום טוב צום אנדערען. ווייל א חוץ דעם, וואס דער רבי איז א קלוגער יוד, וואס האבענדיג צו טאן מיט טויזענדער חסידים, ווייס ער גוט די וועלט און קען געבען א ריכטיגע עצה, גלויבט דער חסיד, אז דער רבי פערנעהמט א גרויסען ארט אין די „עולמות העליונים“, אין די הויכע וועלטען, און „וואס דער צדיק איז גוזר, איז השם יתברך מקיים“. און דעריבער איז דעם רבינ׳ס ברכה דער שטארקסטער צעמענט, וואס האלט אויף די חסידים צווישען זיך און פערקניפט זיי אלעמען מיט׳ן רבי׳ן.

אבער דערצו איז נויטיג, אז דער רבי זאל ווירקליך זיין א הויכע פערזענליכקייט, סיי אין לערנען, סיי אין זיין אויפפיה־רונג. ווי דונקעל דער חסיד זאל ניט זיין, לאנג אבנארען קען מען איהם ניט. דער לעצטער קאפוסטער, ווי אויך דער לעצטער לאדיער רבי, האבען געקענט זעהר געשיקט פיהרען „טיש“, זא־גען חסידות, אבער זייער גייציגקייט צו געלד, זייער מאראלישע קליינקייט בכלל האט אבגעשטויסען פון זיי די חסידישע מא־סען. און קאפוסטער און לאדיער „הויפען“ זענען אין א קורצע צייט חורבות געווארען.

דאס זעלבע וועט, אהן א ספק אויך זיין מיט ליבאוויטש, אט דעם לעצטען נעסט פון ליטווישע חסידות. דער איצטיגער רבי ר׳ שלום בער איז נאך פאלקאם אין שטאנד אויפצוהאלטען דעם רבייאישען אויטאריטעט. ער איז — ווי ראדיקאלע ליבא־וויטשער יונגע לייט אפילו האבען מיר איהם געשילדערט,— אן אויפריכטיגער מענש, זעהר אן איידעלער און א גוטער. ער

איז אמת פרום, האָט ליעב צו טאָן א טובה. זיין פיגור איז א הויכע און א שלאנקע. האָט פייערדיגע, שעהנע אויגען, א געלע, געקרייזעלטע באָרד, די ירושה פונ׳ם טאַטען, זיידען און עלטער־זיידע, דריקט אוים ענערגיע און זעלבסטווירדע. א רויטער פנים, א ברייטער קארק, א גרויסער שטערן — גיבען אייך קענטיגע סמנים, אז ער איז פון דער „גזע" פונ׳ם אלטען רבי׳ן. ער געהט אָנגעטאָן פיין — ווינטער אין א טייערען פוטער, זומער אין אָן אטלעסענער זופּעצע. בעזיצט פאָלקאָם דעם טאלענט פון א פיהרער. איז מיט קיינעם ניט פאמיליאר, ווי דער שטייגער פון א רבי׳ן, זאָגט ער צו אלעמען „דו". רעדט קורץ און שטארק. אָפטמאָל צווויידייטיג. ער האָט אן אָנהעגנערשאפט פון א 50־טויזענד חסידים. אנדערע שעצען אפילו די צאָהל ליבאוויטשער חסידים א סך מעהר: ביז 100־טויזענד. די פיהרונג איז א פאָל־קאָם פירסטליכע. דער דראנג פון חסידים, וואָס דורשטען נאָכ׳ן רבינ׳ס א וואָרט, א בליק איז אונגעהויער גרויס. אמאָל פלעגען זיך חסידים אָבוואלגערען חדשים־לאנג און ניט קענען צוקומען צום רבי׳ן. איצט זענען איינגעפיהרט צעטלעך און מען נעהמט אָן צוויי מאָל א וואָך לויט׳ן אלף־בית־אָרדער. נאטירליך בין איך ניט ערב, אז דער גבאי מאכט ניט קיין מאכעריי, ווי דער שוויי־צער, להבדיל, ביי גרויסע פראָפעסאָרען אָדער אדוואקאטען. און א חסיד א גביר קומט נאטירליך צו גיכער.

פאר׳ן אויפנאהם פון חסידים איז בעשטימט צוויי טעג אין וואָך: זונטאג און דאָנערשטאג. פדיונות ווערט גענומען. צו זיין א גבאי ביים ליבאוויטשער איז כמעט בעסער ווי צו זיין אן אסיסטענט ביי א בערלינער פראָפעסאָר. נאָר אפילו דער משרת, וואָס שטעהט ביים טהיר פלעגט „פערדיענען" ניט ווע־ניגער ווי דריי ביז פיער הונדערט רובעל א חודש. די לעצטע יאָהרען איז די רבי׳צין, וואָס האָט זעהר ליב געלד און פוצען זיך, קליגער געוואָרען. די געלד, וואָס די משרתים בעקומען, ווערט געוואָרפען אין א פושקע וואָס מוז געבראכט ווערען צו איהר און זי טיילט שוין זיי אוים וועכענטליכע קארגע שכירות. א משרת ביים רבי׳ן, א חוץ דעם טהיר־משרת, איז א קאטאָרזשנער דיענסט. ער שטעהט אויף די פים און האָט קיין רוה ניט בייטאָג און

ביינאכט. אזא משרת בעקומט 25 רובעל א חודש געהאלט. פאר
אט דעם לוין האט איינער אבגעדיענט 25 יאהר. איצט בעט ער
א הוספה 5 רובעל א מאנאט, ווייל די רביצין ניט געבען. אין
שטעדטעל האט מען די רבי'צין ניט ליב. זי איז א קארגע,
צעהלט און וועגט יעדע זאך, וואס א קרעמער ברענגט איהר.
פאר זיך אליין האט זי אבער ליב צו לעבען א גוטען טאג. מען
האט א טייערע פאר פערד און א פיינעם פאעטאן, און די
רבי'צין מיט די אייניקלעך פאהרען זעהר אפט שפאציערען.

אין שטוב ביים רבי'ן איז זעהר שעהן. דער פיהרונג איז
אייראפעאיש. עס לעבט נאך די אלטע רבי'צין, ר' שמואל'קעס
ווייב, דעם איצטיגען רבי'ס מוטער. איך בין געווען ביי איהר
אין וואוינונג. זי פערנעהמט א בעזונדער הויז. שבת — איז א
מנהג, אז דעם רבי'ס גאנצע פאמיליע עסט ביי איהר ווארמעס.
צו טיי קומט די אלטע רבי'צין צום זוהן, צום רבי'ן, און ער,
דער רבי אליין, גיסט איהר אן טיי. דער רבי בעציהט זיך בכלל
צו דער מוטער מיט גרוים דרך ארץ. אז זי געהט אריין צו איהם,
שטעלט ער זיך. ווען ער איז ביי איהר און דארף ארויס, געהט
ער מיט הינטער־טריט, דער פנים צו דער מוטער. דער דאזיגער
כבוד, וואס דער ליבאוויטשער רבי גיט אב דער מאמען זעהט
זיך אן צו זיין א פערדיענטער. די אלטע רבי'צין ריהמט מען אין
שטעדטעל פאר א קלוגע אידענע מיט זעהר א גוט הארץ. זי אינ־
טערעסירט זיך שטארק מיט דער לאגע פון שטעדטעלדיגע ארימע
לייט און טוט אפט טובות געדריקטע מענשען. פונקט א קאנט־
ראסט צו איהר איז איהר שנור — די איצטיגע רבי'צין, וועמעס
מעלות זענען צום טייל שוין אויסגערעכענטע אויבען. דער
שנור'ס שנור, דאס הייסט, דעם רבינ'ס זוהנ'ס ווייב, איז שוין
גאר א היינטיגע דאמע. לעזט ראמאנען דוקא פון די סענסאצי־
אנעלע און דוקא נאר רוסיש. צו די קינדער, ד. ה. דעם רבינ'ס
אייניקלעך, האלט מען א מלמד אויף לשון קודש, א לעהרער
אויף רוסיש און דוקא א גוי'שען. ביי נעהמען דעם רוסישען
לעהרער איז פארגעקומען א אינטערעסאנטע געשיכטע. דער
שליח, וואס מען האט געשיקט נאכ'ן לעהרער, האט געמיינט,
אז דאס מיינט מען דעם יודישען, און האט גערופען דעם לעה־

רער פון דער יודישער שולע, פארבייגעהענדיג, באמערקט, א ווארעמער יוד און א הייסער אידישיסט. אז דער לעהרער איז געקומען אין הויף, האט מען איהם געבעטען מחילה און ערקלערט, אז עס איז געווען א טעות. דער יודישער לעהרער איז אוועק א מבוישׁדיגער און באלד נאך זיין אוועקגעהן האט מען טאקע געשיקט רופען דעם גוי'ישען...

דעם לעזער דארף דאס קיין וואונדער נים זיין. א פרומער יוד האלט, אז א יודישער לעהרער וועט זיין קינד גיכער אראבפיהרען פון וועג, ווי א גוי; און דעריבער האלט מען טאקי אין א סך ארטאדאקסישע הייזער גוי'שע לעהרער און גוברנאנטינס. דער מיין איז, אז דאס קינד ווייס דאך, אז דער גוי איז א גוי, צי די גוי'ע איז א גוי'ע, און וועט זיך פון זיי נים אראבנעהמען קיין ביישפיעל. אין אמת אבער האבען זיי א ביטערען טעות. די גוי'שע לעהרער און גוברנאנטינס סטארען זיך צו האבען יא אן איינפלוס אויף דער נשמה פונ'ם קינד. אזוי ווי אט דער מין פעדאגאגען זענען דאס רוב מענשען נים אינטעליגענטע, מיט א געמיינעם כאראקטער, געהען ארוים זייערע יודישע שילער און שילערינען פון זייער ערציהונג פרעמד און זאגאר פיינדליך דעם יודישען פאלק, געניינט צו אסימילאציע און אפילו צום שמד.

און די הייליגע „גזע" צעהלט נים איין משומד צו איהר משפחה. די לעזער ווייסען שוין, אז אפילו דער אלטער רבי האט שוין געהאט א זוהן א גע'שמד'טען. פון דער אנדער זייט זענען פון דערזעלבער גזע ארוים נים ווייניג דענקענדע און טאלענטפולע מענשען, אפילו רעוואלוציאנערען. אלס כלל איז איינער פון יעדען רבי'ס געזינד פריינעזאנען און געשטימט אפאזיציאנעל צו דער אנגענומענער חסידות. דעם איצטיגען ליבאוויטשער רבי'ס עלטערער ברודער, ר' זלמן אהרן, האט זיך אליין אבגעזאגט פונ'ם „טראן", ערקלערענדיג דערביי: „ווי איך'ל וועלען פיהרען, וועלען די חסידים נים וועלען, און ווי זיי געפעלט, וויל איך נים". ער איז, זאגט מען, זעהר א קלוגער, שטארק בעלעזען אין דער העברעאישער ליטעראטור, און אייבערציינגטער וועגעטאריאנער. ער איז שוואך אין געזונד. האבען

איהם דאָקטוירים געהייסען נעהרען זיך גוט, עסען פלייש א סך. הערט ער זיי ניט. הויבט מען אָן מיט איהם צו טענה'ן, האָט ער איין ענטפער: „רעכט, אָבער וואָס איז שולדיג דער בייק...“ דער דאָזיגער געוועזענער רבי (אָ יאָהר צייט בלויז) האָט זיך גענומען צום מסחר, געהאט א זייף־פאבריק, געהאנדעלט מיט וואלד. נאָר זייענדיג צו אידעאל, תמימות'דיג, האָט ער, נאַטירליך, גע'פטר'ט זיין געלד. אַ ענהליכען שיקזאל האָט געהאט דעם איצטיגען רבי'ס אינגסטער ברודער, וועלכער האָט זיך אויך גענומען צו מסחר. משולחים האָבען איהם בע'גנב'עט און ער האָט געמוזט באנקראָטירען און אנטלויפען פון רוסלאנד. איצט וואוינט ער אין פאריז. אלע זיינע קינדער זענען געבילדעטע, געשטודירטע.

א שוועסטער האָט דער ליבאוויטשער רבי אין וויטעבסק (איהר מאן — א באנקיר, גינזבורג, איז איינער פון די גרעסטע וויטעבסקער גבירים) איז זי, די שוועסטער, א וועלטליכע דאמע, קען גוט העברעאיש. איהרע קינדער זענען געבילדעטע, ריינע נשמות, העכסט ליבקע. איין זוהן האָט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, פערשיקט אויף קאטאָרגע און איז, דאכט זיך, פון דאָרטען אנטלאָפען קיין אויסלאנד.

וואָס אנבעלאַנגט דעם רבינ'ס איינציגען זוהן, דער יורש פון „טראָן“, איז ער ווייניג אינטעליגענט, ניט קיין למדן און סיי זיין גייסטיגע, סיי מאָראלישע פיזיאָנאָמיע גיבען ניט קיין האָפנונג, אז ער וועט זיין אימשטאַנד אויפצוהאלטען די ליבאוויטשער מלוכה מיט אזא גלאנץ, ווי זיין טאַטע, זיידע און עלטער־זיידע האָבען זי געפיהרט. די „לעצטע קייט“ פון ליבאוויטש איז, ווי איהר זעהט, שטארק „געשעדיגט“. און מיר האָבען דעריבער גענוג גרונד צו דענקען, אז דער איצטיגער ליבאוויטשער רבי איז דער לעצטער, און אז דאָס ליכט פון לאדיער און ליבאוויטשער חסידות האַלט ביים פערלעשען...

אַן אונגעהויערען איינדרוק מאכט דער „אוהל“, ד. ה. די

שטיבעל, וואו עס ליגען די פערשטארבענע „גוטע יודען" פון ליבאוויטש.

אויף בעזוכען דעם „אוהל" דארף מען האבען א ספעציעלע ערלויבניש פון „הויף". דורך פערשיעדענע פראטעקציעס און שתדלנות, איז מיר סוף כל סוף, מיט גרויס שוועריגקייט געלונגען צוצוקומען צו איהם. דער וואס וויל בעזוכען די קברים פון די פערשטארבענע גוטע יודען, מוז געהען פריהער טבילה. איך האב יוצא געווען דערמיט, וואס איך האב ערקלערט, אז איך האב זיך אין דער פריה געבאדען און האב געהאט טבילה אין כונה. ביז וואנען מען קומט צו צום אוהל מוז מען דורכשפרייזען א היבשע ביסעל זומפען און קלעצער. אסיען־צייט איז דאס ממש פערבונדען מיט מסירת נפש. ביים אוהל איז אויסגעבויט א שוהל, וואו מען דאווענט אלע שבת. פון שוהל פיהרט גלייך א טהיר אין אוהל אריין. אין שיך און שטיוועל טאר מען אין אוהל ניט אריין, ווארים די ערד איז דארט היילig. די שיך מוז מען אויסטון פון פארענט אין שוהל, און אריין אין אוהל אין זאקען, אדער אין קורצע וואליקעס, וואס זענען דא אנגעגרייט פאר די בעזוכער. דערצו זענען נויטיג נאך א רייהע צערעמאניעס. מיט מיר צוזאמען זענען אריין נאך צוויי: א חסיד, אן אורח, וואס איז געקומען מתפלל זיין אויף די הייליגע קברים פאר אן אייגענעם חולה; און א ישיבה־בחור, וואס איז געקומען תפילה־טאן פאר א פרעמדען חולה. עס איז אנגעקומען, האט מען געזאגט אין שטעדטעל, עפעס א טעלעגראמע, נאטירליך, מיט א נדבה דערביי, פון א חסיד — א דייטש, אפילו א געשטודירטע זאגט מען, מתפלל צו זיין פאר א חולה אויף די הייליגע קברים, און פאר אימיצען אט פון דעם חסידישען דייטש'ס פאמיליע איז געקומען דער קלויזניק אויספיהרען דעם טעלעגראפישען אויפטראג. אין אוהל, אין רעכטען מיטען, ליעגען: דער מיטעלער רבי — ר' מענדעלע און זיין זוהן — ר' שמואל'קע. ארום ליעגען 4 אדער 5 זיהן, איידעמס — ניט רביים. דער הויפט־ציעל פון די בעזוכען איז, פערשטעהט זיך, די צוויי רביים. די איבריגע קברים זענען ניט בעדעקט, אויף זיי איז פשוט אנגעשאטען ערד און זיי זענען בעוואקסען מיט

חויכע פאפאראטניק־קוסטעם. דער גאנצער אוהל (ער איז א פשוט׳ער, א הילצערנער) איז מיט א דעכעל בערעקט. בלויז אי־בער די צוויי מיטעלע קברים פון די רביים איז קיין דאך ניטא און אויף די קברים פאלט רעגען און שנעע. די מצבות פון די גוטע יודען שטעהען בעזונדער, אין פראנט. אן א זייט, אין ווינקעל, שטעהט א טיש פערשטעלט אין גאנצען מיט לעמפע־לעך, אנגעפילט מיט אייל, און א קנייטעל אין מיטען. דער וואס קומט מתפלל זיין אויף די היילינע קברים איז זיך נוהג אנצוציג־דען א לעמפעל פאר דער נשמה פון די גוטע יודען און זאגען דערביי א תפילה. נאך דער תפילה מעסט מען אוים די קברים פון די גוטע יודען, ד. ה., מען וויקעלט ארום עטליכע מאל מיט פאדים די פיער שטעקלעך, וואס זענען אנגעשטעקט אין די קברים. דערנאך נעהמט מען פארזיכטיג אראב די פאדים פון די שטעקלעך, מען לעגט זיי אויף און — דאס טראגט דער קראנקער פאר א סגולה.

ארויסגעהענדיג פון „אוהל“ נעהמט אייך דורך א מאדנער געפיהל. דאס וואס איהר האט צוגעזעהען שמעקט געווים מיט א מין געצענדינעריי. נאר, פון דער אנדער זייט: דער מענש איז אזוי אונבעהאלפען, שוואך און שוצלאז אין א קריטישען מא־מענט. און אין דער ברוסט פון דעם אונגעקינסטעלטען פאלק גארט עפעם און איהם ציהט צו דאס, וואס מ׳קען אנרופען היי־ליג.

יעדער דור בייט זיינע פארמען פון הייליגקייט. דער תוך איז אבער דערזעלבער ביי אלע מענשען און אין אלע צייטען. צו בעדויערען איז דער, וואס פערהייליגט אן איינגעבילדעטע זאך, נאר אונגליקליכער טויזענד מאל איז דער, וואס לעבט מיט א פוסטער נשמה און איהם איז קיין זאך ניט הייליג.

ר׳ יעקב מאיר.

זוי קומט אין א מינסק א גוטער יוד?

אין אלגעמיין איז די גרויסע שטאדט ניט מסוגל צו פראדוצירען א למדן־וואווניק, א חסידישען רבין, א „בעל שם" די גרויס־שטאדט איז שוין לאנג אפיקורסיש. האט אויפגעהערט צו גלויבען אין מופתים. דער גרעסטער „בעל מופת" וועט דא ווערען וואכעדיג, ווען ער וועט זיין צו נאהענט אויף די אויגען.

די שטעדטעל האט נאך בעהאלטען איהר תמימות, איהר פאעזיע און — אויף איהר קינדישען אבערגלויבען. דארט איז נאך א באדען פאר א גוטען יודען, נאר אפילו דארטען דערלעבט ער זיינע לעצטע טעג.

איז טאקע א וואונדער: ווי קומט אין מינסק א גוטער יוד?

איז טאקע דער אמת, אז מינסק בעריהמט זיך ניט שטארק מיט איהר „גוטען יודען". נאך מעהר: עס זעהט אויס אזוי ווי זי וואלט זיך שעמען מיט׳ן „גוטען יודען", בעהאלט איהם פון אויג, עפעס, ווי א מין קאנטראבאנדע. כאטש, אין תוך, איז מינסק, צווישען אונז גערעדט, צופרידען.

ווארום אין מינסק, ברוך השם, ווי אין יעדער געבענשטער יודישער קהילה, פעהלען ניט קיין ביטערע הערצער, קיין עגונות, קיין עקרות, קורץ קיין ארימע עלענדע ווייבער, וואס נויטיגען זיך שטארק אין א ברכה און טאקע אין א מופת אויך.

אז ר׳ יעקב מאיר איז „נתגלה" געווארען, וועט זיין, זאגט

מען, א יאָהר עטליכע און צוואנציג. צום ערשטען מאָל איז ער אנטפּלעקט געוואָרען ערב שבת צווישען די קראָמען. יודען האָבען, זאָגען, יאָגען זיך נאָך פּרנסה. ערב שבת פאַרזיצט מען זיך אין די קראָמען: מ'פערגעסט זיך אויף דער שענסטער מתנה, וואָס גאָט האָט געגעבען די יודען, אויף דעם הייליגען שבת.

האָט אויף זיך גענומען ר' יעקב מאיר צו זיין דער וועכטער פון שבת. נאָך גרויסער טאָג — וואשט ער זיך איין, צוואָגט אוים מחיה'דיג, באָרד און פּאות, פּוצט זיך אוים אין זיין שבת־דיגער קאַפּאָטע, רוקט אראָב די אַלטע אויסגעריבענע, אָבער דאָך סאַמעטענע היטעל נידעריג איבער די אויגען, כדי ער זאָל חלילה ניט געשטרויכעלט ווערען מיט א קוק אויף ווייבער, און לאָזט זיך א שעה פאַר ליכט בענשען שווימען אין זיינע שיף און זאַקען צווישען די קראָמען. ריידען רעדט ער גאָר נישט, נאָר ער רוקט אריין דעם קאָפּ אין יעדער קראָם און קוקענדיג צו דער ערד, וואַרפט ער אריין אין יעדער קראָם נאָר איין וואָרט:

— ברידער !...

דאָס וואָרט ווירקט ווי אן עלעקטרישע שטראָם. אלעס אין קראָם, וואו דאָס וואָרט פאַלט אריין, ווערט דורכגעדרונגען מיט א ציטער. און כאָטש מינסק איז ניט אזוי פרום, צו פאָלגען באַלד אויפ'ן וואָרט, דאָך בעמערקט זיך א בעוועגונג, א בראַזש־געריי מיט די טירען. א סך, אמת, טוען עס אויף צו כלומרשט. דער יצר הרע פון פרנסה איז בעוונותינו הרבים, גרויס. מ'האַלט שוין ביי פערשליסען, מ'שטעהט שוין אַנגעטהאָן, ווילט זיך אריינכאַפּען נאָך א גראָשען „פּדיון".

רבי יעקב מאיר וויים, כאָטש ער קוקט אין דער ערד, וועמעס בראַזשג מיט דער קראָם־טיר איז אן אמת'ער, וועמעס — א פאַלשער. און ווען עס ווירקט ניט דאָס ערשטע מאָל „ברי־דער", איז ער ניט פויל אומצוקעהרען זיך — און אריינוואַרפען א צווייטען מאָל: — „ברידער !"...

נאָר דאָס טרעפט זעלטען. אפילו די יונגע היינטוועלטיגע קרעמער און קרעמערקעס דערשרעקען זיך, ווי נאָר זיי בעמער־קען, ווי ר' יעקב מאיר פאַרקירעוועט די פּאָלעס און לאָזט זיך צוריק. דעם צווייטען מאָל „ברידער" זאָגט ר' יעקב מאיר

אויף אזוי שטיל, געלאסען און אהן כעס, ווי דעם ערשטען מאל. נאר זיין טריט איז שנעלער, די פאלעס פון זיין קאפאטע וואר־פען זיך האסטיגער. עס זעהט אויס, ווי די ציציות פון זיין לאנ־גען טלית קטן וואלטען זיך בייזערן.

דעמאלט הערט זיך אן אמת'ע בראזשגעריי: עס ווערט אן איילענעס, א געלאף, און די קראמען ווערען צוגעשלאסען.

ר' יעקב מאיר איז איינער פון די ווינציגע פרומע יודען, וואס ווייסען כמעט ניט פון א צורת המטבע. דערצו איז ער א גרויסער „תמים". ער גלויבט ניט ביז היינטיגען טאג, אז ס'זענען דא יודען וואס קענען ביי זיך פועל'ן צו טראגען אום שבת, אדער עסען אהן געוואשען.

דאס אלעס האט איהם שוין לאנג געמאכט בעליבט ביי די ארימע פראסטע יודען, איבערהויפט ביי די ארימע ווייבער, און שוין צעהנדליגע יאהרען, אז מ'געהט און מ'פאהרט צו איהם, מיט ביטערע, קלאגעדיגע הערצער און ר' יעקב מאיר האט פאר יעדען א גוט ווארט.

ר' יעקב מאיר ווייס ווייניג וואס ס'טוט זיך אויף דער וועלט. פונדעסטוועגען גיט ער עצות אין די פערשיידענסטע פערלעגענהייטען און דאס פאלק האלט שטארק פון זיינע עצות. א פשוט'ער יוד צו א יודענע וועט זיך ניט לאזען אין אמעריקא, בכלל אין וועג, וועט ניט מאן קיין שדוך, וועט ניט מאכען קיין געשעפט, ניט האלטענדיג זיך פריהער אן עצה מיט ר' יעקב מאיר'ן. נאר מעהר נאך ווי פון ר' יעקב מאיר'ס עצה האלט מען פון זיין ברכה. ר' יעקב מאיר'ס ברכה איז גאר קיין קאטא־וועס, זאגען ווייבער. (ר' יעקב מאיר, אזוי ווי דער „אשמינער" איז דערהויפט, א ווייבערשער רבי).

ר' יעקב מאיר אליין איז, פערשטעהט זיך, א גרויסער און א „ירא־שמים" און איז, אהן א שום ספק, מקיים אלע מצוות פון דער תורה ביז דער קלענסטער פינטעלע.

דאך זענען פאראן צוויי מצוות, וואס זענען ביי איהם די ליבסטע, די טייערסטע.

דאס זענען די מצוה פון ציצית און די מצוה צו בעגלייטען א יודען.

ווער עס זאָל ניט קומען צו איהם: אַ יוד, אַ יודענע, אַ וויבעל, אַ מיידעל, אַלעמען מוז ער בעגלייטען ווענינסטענס דריי טריט.

נאָר גרויס אונבעשרייבליך איז זיין נחת און הנאה, ווען איהם קומט אויס צו זיין אויפ'ן באהן. עמיצען בעגלייטען. דאַן מוז ער וואַרטען ביז דער צוג ריהרט זיך און מוז דעם צוג בעגלייטען עטליכע טריט. דער רעכנונג, פערשטעהט איהר מיך, איז אַ פּראָסטער. מיט עטליכע טריט כאַפּט ער אריין אַ גאַנצען פּאַק מצוות. אַזוי צו זאָגען, אין האָלסייל. (אַגולנע).

ווארום, פערשטעהט איהר מיך, ווען איין יודען צו בעגלייטען איז אַזאַ טייערע מצוה, היינט ווי איז — עטליכע הונדערט מיט אַמאָל!

וואָס אַנבעלאַנגט די מצוה פון ציצית רעכענט ר' יעקב מאיר, אַז ווען יודען היטען אָב אַט די איין מצוה ווי עס דאַרף צו זיין, מוז קומען משיח.

די מצוה פון ציצית פערשאַפט אַפּט ר' יעקב מאיר'ן עגמת נפש. ניט וואָס ער איז, חלילה, חושד, אַז עס זענען דאָ יודען, וואָס טראָגען ניט קיין ארבע כנפות. ער איז זיכער, אַז מ'זאָל אפילו די היינטיגע, אַ שטויגער, אַ כאַפּ טאָן אַזוי פּלוצלונג און פרעגען: אנו, ר' קרוב, ווייזט נאָר אייערע ציצית, וועט ער ארויסנעהמען אַלע פיער ציצית, אַלע כשר'ע, עס פעהלט ניט קיין פעדים'ל, און ווייזען: נאַט פעטער, אַט זענען מיינע ציצית...

ר' יעקב מאיר אַליין איז, פערשטעהט זיך, אַ גרויסער צדיק היינטיגע רעק, סורדוטען, רחמנא לצלן, וואָס האָבען שפּיציגע קליאַפּען און נאָך אַ לעבעלע אין יעדער קליאַפּ. אויף דעם אופן איז דאָס ניט קיין וואָכעדיגער בגד, נאָר אַן „ארבע כנפות", און מ'מוז האָבען ציצית אי אין די קליאַפּען, אי אין די שפּיצען פּאָלעס...

ר' יעקב מאיר וויים, אַז ער קען די היינטיגע וועלט ניט איבערמאַכען: דער יצר הרע פון דער מאָדע איז ביי היינטיגע יונגע לייט, בעוונותינו הרבים, זעהר שטאַרק, און אַז ער וועט פּאָדערן

מ'זאל אויסטאן די רעק און אנטאן קאפאטעס, וועט מען איהם נים פאלגען. בעט ער זיך, מ'זאל כאטש מאכען א „שנוי" אין די קליאפעס, ס'זאל ניט האבען קיין פנים פון א „כנפה" (קאנפע).

מיינער א בעקאנטער ציוניסט, א שכן ר' יעקב מאיר'ס, דערצעהלט מיר, אז ער איז פאר־א־יאהרען זומער געפאהרען אין פאלעסטינע. פאר'ן פאהרען איז ער אריין זיך זעגענען מיט ר' יעקב מאיר'ן.

איך האב געמיינט, זאגט מיין בעקאנטער, — אז ר' יעקב מאיר, דערהערענדיג, אז איך קלויב מיך קיין ארץ ישראל, וועט מיך פערוואַרפען מיט בקשות, מיט שאלות וועגען דעם לעבען פון די יודען אין ארץ ישראל. ערשט ד א ס אלץ האט איהם ווענינ געקימערט. נאר איין בקשה האט ער געהאט צו מיר.

— הערט, זאגט ער, ר' יהודה, אט איהר פאהרט אין ארץ ישראל, בעט איך אייך, אז איהר זאלט זעהן מכוח די היינטיגע סורדוטען... די שפיציגע קליאפעס... דארטען, פערשטעהט איהר מיך, דארטען, איז דער „לאו" נאך א הארבערער און איז געווים „מעכב די גאולה"...

ר' יעקב מאיר'ן האבען שוין לאנג די ווייבער געקויפט א סאמעטענע זופעצע מיט א פיינע שטריימעל, ווי עס פאסט פאר א גוטען יודען. ר' יעקב מאיר האט זיך דערפון ניט ענטזאגט, נאר קיין פדיונות נעהמט ער ניט. אמאל — דערצעהלט מיר מיין בעקאנטער מינסקער ציוניסט — האט איהם „יוסופקע" דער גוי, דער בעל הבית פון הויף געגעבען א מתנה א פונט טאבאק. ר' יעקב מאיר האט געפרעגט: ווי פיעל ס'קאסט?

— צעהן גילדען! — האט איהם יוסופקע געלאזט זאגען.

— צעהן גילדען! — האט ר' יעקב מאיר א שמוצער געטאן מיט די ליפען. — אזוינע טייערע טאבאק פאסט נים פאר מיין לולקע. יוסופקע האט געבראכט אנדערע טאבאק, וואס קאסט פינף גילדען א פונט.

ר' יעקב מאיר האט גענומען די טאבאק אין האנד, האט ארומגעקוקט דעם פעקיל און אבגעגעבען צוריק.

— ניטא, זאגט ער, קיין באנדעראל... מ'טאר ניט... „דינא דמלכותא"...

אין „דינא דמלכותא" איז ר' יעקב מאיר זעהר שטרענג.

אמאל, דערצעהלט מיר זיין שכן, דער ציוניסט, איז ער געפאהרען ערגעץ מיט זיינעם אן אייניקעל, א קליינעם אינגעל. דער קאסיר האט א קוק געטאן אויפ'ן אינגעל און געגעבען פאר איהם א פערטעל בילעט. ר' יעקב מאיר האט א קוק געטאן אויפ'ן בילעט. איז איהם קשה געווארען: למאי איהם האט מען גע־געבען א גאנצען בילעט און פאר דעם אייניקעל עפעס א קליי־ניקען, א שמאלען. און קאסט נאך דערצו זעהר ביליג.

— וואס איז דאס פאר א מין בילעט? — האט ער גע־פרעגט זיינע בעגלייטער.

— דאס איז א פערטעל בילעט, — האט מען איהם ער־קלערט. — פאר א קינד ביז 10 יאהר צאהלט מען בלויז פאר א פערטעל בילעט.

— זאג איהם, אז ס'איז א ליגען, — האט ר' יעקב מאיר מיט רוגז געזאגט. — דער יונגעל איז אלט 11 יאהר. זאל ער געבען אן אנדער בילעט.

נאר דער קאסיר איז געווען שטארק פערנומען און האט געענטפערט: זאל שוין זיין!

— הייס איהם געבען א גרעסערן בילעט, — האט זיך ר' יעקב מאיר געבייזערט... אז ער איז א פוילער זאל איך דעריבער זיין א מורד במלכות!

און ניט נאר דעם „קיסר'ס א קאפיקע" איז ביי ר' יעקב מאיר'ן אסור, אפילו גלאט יענעמס א גראשען איז ביי איהם טריפ, ווי חזיר.

אז יוסופקע, — דערצעהלט מיר דערזעלבער שכן זיינער, האט פערקויפט זיין הויף א יודען, האט דער יוד געמאכט א צעטעל פון אלע חובות, וואס די שכנים זענען שולדיג און אויפ־געמאהנט דירה־געלד. ביי ר' יעקב מאיר'ן האט מען ניט גע־מאהנט. ענטוועדער מ'האט אויסגעפונען, אז ער איז ניט שול־דיג, אדער גלאט מ'האט ניט געוואלט ביי איהם מאהנען.

ס׳זענען [redacted] עטליכע וואכען האט ר׳ יעקב מאיר ארויי־ געטראגען עטליכע און דרייסיג רובל מיט קאפיקעס און האט זיך שטארק בעליידיגט, למאי מ׳מאהנט ביי איהם קיין דירה־ געלד ניט. וויפיעל מ׳האט ניט געמיהט זיך אויפצואווייזען, אז פון איהם קומט ניט, האט ער ניט געוואלט הערען.

אין זיין ביכעל איז פערשריבען.

דער לעצטער „גוטער יוד."

צווישען אלע רבנים און גוטע יודען פון איצטיגער צייט אין פוילען, גאליציען און ליטא, איז „דער סלאנימער", אהן א שום ספק, דער מערקווירדיגסטער. דער קולט (פערגעטערונג) פון „בעלי מופתים" און „גוטע יודען" געהט בעשיינפערליך אונ־טער. די קולטור פונ'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט דרינגט אריין ביסלעכווייז אין די סאמע פערלעגענע ווינקלאך פון יודי־שען תחום. צוזאמען מיט דעם גראמאפאן, וועליסאפעדען און קי־נעמאטאגראף קומען אויך עלעקטרישע לאנטערנעס און מיט דעם שענערן אנגענעהמערען ליכט פון די עלעקטרישע לאמפען קומט אויך מעהר גייסטיגע בעלייכטונג אין די קעפ פון דעם יונגען דור. אין א סך פערווארפענע שטעדטלאך האט די רעוואלוציע, נאך פריהער פון די „אילוזיאנען" און עלעקטרישע לאמטערנעס, אריינגעבראכט ליכט. פון דער אנדער זייט ציהען די שווערע בעדינגונגען פונ'ם עקאנאמישען יודישען לעבען אלץ טיפער ארונטער דעם מיטעלען און קלענערן באלעבאס אין ווערקשטאט און פאבריק. דער גאנצער ארימער יודישער באַ־לעבאטישער מיטעלשטאנד ווערט האסטיג פראלעטאריזירט און, אריינקומענדיג אין פאבריק, צי אין שאפ, מוז שוין נאטירלי־כערווייזע די חסידישע און בכלל פאנאטישע יוגענד אננעהמען די פראלעטארישע פסיכאלאגיע. ביי אונז איז דערווייל נאך ניטא קיין ח ס י ד י ש ע ר ס א צ י א ל י ז ם, ווי ביי די גוים איז פאראן א קריסטליכער סאציאליזם, ניטא קיין יודישע

„נאראדנאווע [illegible]קראטיע". אריינקומענדיק אין שאפ, צו אין פאבריק, מוז דער יודישער ארבייטער אריינפאלען, ניט ווילענדיג, צום „בונד", צו די ס. ס., אדער צו די „פועלי ציון". ביי אט די דריי נאציאנאלע סאציאליסטישע פארטייען איז, פערשטעהט זיך, די פאליטישע און נאציאנאלע פראגראם אין א סך פונקטען פערשידען. אין „אפיקורסות" זענען אבער, „ברוך השם", אלע גלייך. און צו וועמען פון זיי עס זאל ניט אריינפאלען דער יודישער ארבייטער — פאר'ן רבי'ן איז ער פערפאלען...

און דעריבער איז כאראקטעריסטיש, אז גראד, אין איצטיגען מאמענט, ווען דאס ליכט פון חסידות און גוטע יודישקייט ווערט פערלאשען; ווען אי די „גלויביגע", אי זייערע „געטער" ווייזען אונז אין א גלייכער מאס א טרויעריגע בילד פון חורבן און אונטערגאנג, האט זיך גראד דעם שיקזאל פארוועלט אין דעם „סלאנימער" — אין דעם לעצטען „גוטע־יודען" — שאפען אונז א מוסטער פון א „גוטען יודען" אין זיין נאאיווסטער און שענסטער געשטאלט.

„נתגלה" געווארען איז „דער סלאנימער" שוין לאנג, מיט א יאהר פערציג צוריק. דעמאלט האט ער געהייסען ניט „דער סלאנימער", נאר „דער ביטענער" נאך דער קליין שטעדטעל ב י ט ע ן, גראדנער גובערניע, וואו ער איז געווען רב.

מ'דערצעהלט, אז ער איז דאן ארומגעגאנגען אין פראסטע לייווענטענע בגדים, האט געפאסט תעניתים, געגעבען א סך צדקה. ער האט זיך געהאלטען זעהר פראסט, א מין „למד־וואוניק", ניט גע'חבר'ט זיך מיט רבנים און לומדים. דער קלאנג וועגען דעם אונגעוועהנליכען רב האט זיך באלד פערשפרייט אלץ ווייטער, קלאגעדיגע הערצער און פערביטערטע נשמות, בעזונדערס ווייבערשע, זענען תמיד, ברוך השם, דא אין יודישען תחום. פון אלע זייטען האט מען זיך גענומען ציהען צו איהם, און ביטען איז געווארען א מין „מעקא" אדער „ירושלים", האט שטארק קאנקורירט מיט קאידאנאוו, מיט ליבאוויטש און אפילו מיט גער.

אז א „גוטער יוד" ווערט „נתגלה" איז א טובה פאר א שטעדטעל. עס קומען אורחים. יודען האבען דערווייל פרנסה.

איז אבער אויך פאראן קנאה אויף דער וועלט. האט זי מתקנא געווען „קארעליטש" אין ביטען. אין גיכען האט מען צום ביטענער גוטען יודען אנגעהויבען צו פאהרען קיין קארעליטש און פון „ביטענער" איז ער געווארען דער „קארעליטשער". פון „קארעליטשער" איז ער עטליכע יאהר שפעטער געווארען „אשמינער" און צולעצט „סלאנימער". בשעת מיין וויזיט אין סלאנים, איז דער „סלאנימער" געוועזן שוין איבער „שמונים". עס איז אבער געגאנגען א שטארקער קלאנג, אז ווילנא וויל איהם צונעהמען פון סלאנים — פאר א שטאדט־מגיד. מ'האט געזאגט, אז א רייכער ווילנער חסיד דעם סלאנימער'ס, וויל זיך לאזען קאסטען טויזענדער, אבי צו דערווייזען אראפברייננגען איהם קיין ווילנא.

אט אזוי האט געהאלטען גאר נאהענט, אז ווילנא, די שטאדט פון ניכטערנעם פלפול, די וויגעלע פון השכלה, פון יעדער גייסטיגער און סאציאלער בעוועגונג ביי יודען, זאל ווערען צו דער עלטער די רעזידענץ פון א „גוטען יודען" און דער רוהם פון'ם „ווילנער גאון" זאל פערדונקעלט ווערען דורך דעם רוהם פון דעם „ווילנער גוטען יודען".

דער סלאנימער גיט ניט קיין קמעות, קיין סגולות. ער היילט מעהרסטענטיילס מיט א ברכה און מיט פסוקים. ער נעהמט ניט קיין געלד און — דאס איז די הויפט אורזאכע, וואס ער איז שטארק בעליבט ביי דער פרומער יודישער מאסע. ער האט ניט קיין גבאים, נאר א משרת האט ער, וואס איז איבערגעגאנגען צו איהם בירושה פון דעם פערשטארבענעם רב — ר' יאסעלע'ן. דער משרת נעהמט יא די מטבע און מ'זאגט, אז ער האט שוין געלד אין די בענק און אייגענע הייזער. נאר דערין איז דער רב אליין ווייניג שולדיג. דער סלאנימער נעהמט אויך ניט קיין שכירות פון שטאדט פאר זיך. ער גיט אוועק די שכירות אויף צדקה־זאכען און אליין לעבט ער אויף זיין ווייב'ס רעכנונג.

זיין ווייב איז ביי איהם די צווייטע. ער האט מיט איהר חתונה געהאט שוין אויף דער עלטער. זי איז א נגידה. האט

מויערן אין סלאָנים. בשעת מ׳האָט איהם דעם שדוך גערעדט, האָט ער אויסגענומען אַ תנאי, אז זי, די צווייטע ווייב, זאָל שטיצען זיינע קינדער פון דער ערשטער: זאָל העלפען אויסגע־בען זיינע אייניקלעך. זי האָט אויף אַלע מסכים געווען. פאַר זיך אליין דאַרף דער סלאָנימער ווייניג.

דערפאַר האָט ער שטאַרק חן ביי סלאָנים. ווארום וואס פאַר אַ שטאָדט האָט דאָס אַזאַ גליק, אז אַ רב זאָל איהר אַ גראַ־שען ניט קאָסטען און זי זאָל נאָך, פערקעהרט, פון איהם פער־דינען?

דער סלאָנימער „העלפט“ צו די פערשידענסטע קרענק: צו בויך־ווענהטאָג, צו נערוועז. פאַר זיין ספעציאַליטעט איז — אַ „פוקד עקרות“. אז אַ יודישע ווייבעל האָט קיין קינדער ניט, אָדער קינדער האַלטען זיך ניט — פאָהרט מען צו איהם. מ׳פאָהרט צו איהם פון אַלע עקען וועלט.

דער סלאָנימער איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער „גוטער יוד“. עס פאָהרען צו איהם יודען און קריסטען פון אַלע קלאַסען, פון אַלע ראַנגען: פריצים, פויערן, גלחים, אָפיצירען, פּאָלקאָווני־קעס, גענעראַלשעס. דעם ווילנער גובערנאַטאָר׳ס ווייב איז אין איהם געווען בעזונדערס איינגעגלויבט.

עס קומען צו איהם אַלטע און יונגע, פרומע און פרייע. יודישע גימנאַזיסטקעס, אין אַ קריטישען מאָמענט, ד. ה. פאַר די עקזאַמענס, קומען צו איהם אויסבעטען־אַ גוטען „באַל“. דער סלאָנימער ווערט ניט אין כעס, חלילה, אויף די גימנאַזיסטקעס, כאָטש ער איז „פרינציפּיעל“ געגען גימנאַזיעס און שטראָפט פאַר זיי דעם עולם אין זיינע דרשות. ער פערלאַנגט נאָר: זיי, די גימנאַזיסטקעס, זאָלען ניט שרייבען אום שבת. ער הייסט זיי זאָגען „תהילים“ און זאָגט זיי צו אז ס׳וועט זיין רעכט.

צום „סלאָנימער“ קומט מען פון אַלע עקען וועלט. ס׳קומען אַלע סאָרטען מענשען. עס קומען אויך געזונטע אַן עצה פרעגען אין פערשידענע שווערע אַנגעלעגענהייטען, בעטען הצלחה אין ביזנעס, אויסבעטען פרנסה און חיונה. עס קומען אויך זינדיגע נשמות אַרויסנעהמען אַ תשובה. דער רבי ענטזאָגט קיינעם ניט.

נעחם אריין אין יעדענ'ס אנגעלעגענהייט, גיט עצות, גיט ארויס א תשובה.

מ'זאגט, אז דער סלאנימער זידעלט שטארק און גיט זעל־טען שלאגט ער אפילו די ווייבער, וואס קומען צו איהם. נאר איהר דארפט דאס ניט אויסטייטשען שלעכט. דער רבי מיינט גוט. און די ווייבער, וואס ער שלאגט זיי, געהען אוועק פון איהם מיט א פארגרינגערט הארץ. ווארום, פערשטעהט איהר מיך, דער סלאנימער זידעלט און שלאגט ניט חלילה פון בייז־קייט נאר פון ליבשאפט.

א יודינע האט קיין קינדער ניט. הויבט זי אן צו קלייבען אין איהר נשמה די עברות, וואס זי האט געטאן, וואס פאר זיי האט איהר גאט געשטראפט. אז מ'זוכט, פערשטעהט זיך, געפינט מען. יעדער מענש איז דאך זינדיג. בפרט א נארישע יודענע. אמאל ליכט־בענשען ניט אזוי אבגעהיט, אמאל די מקוה ניט אזוי מדקדק געווען. קומט זי צום סלאנימער און איז זיך מתודה. דער רבי הערט אויס איהר צעטעל „חטאים" און ווערט שרעקליך אין כעס. הויבט אן צו זידלען די יודענע: הולטאיקע! חצופה! הויבט אפילו זיין כשר'ע האנד אויף און שלאגט איהר.

נאר איך זאג אייך נאך אמאל: איהר זאלט ניט האבען קיין שלעכטע מחשבות ווענען רבי'ן. א, דער סלאנימער איז זעהר ביטרע... איהר מיינט, אז ער איז באמת בייז, אז זיין זידלען, זיין שלאגען איז א זידלען און שלאגען פון א פשוט'ען מענש? ס'הויבט זיך גאר ניט אן!

די גאנצע סצענע איז א צובלומרשטע. דאס איז א מין „סגולה". דעם „סלאנימער'ס" זידלען און שימפפען איז פאר דער יודענע די בעסטע ברכה. ער נעהמט דערמיט אראב פון איהר די עברות און זי געהט אוועק פון איהם א ריינע, אן אויסגע־לייטערטע נשמה. מיט די יסורים פון בעליידיגונגען איז זי אב־געקומען פאר איהרע „חטאים". איצט קען שוין אויף איהר שולט זיין דעם רבינ'ס ברכה.

און טאקע באלד נאך די קלעפ בענשט איהר דער סלאני־מער, בענשט איהר ניט הויך, נאר ביי זיך אין הארצען. די יודע־

נע ווייס דעם אַנשטעל, און וואָס מעהר עס האָט איהר וועה געטאָן פון׳ם רבי׳ם מויל אָדער הענד, אַלץ מעהר דאַנקבאַר איז זי איהם, אַלץ גליקליכער געהט זי פון איהם אוועק.

דער סלאָנימער, איז אין עיקר, אַ ווייבערשער „גוטער יוד". בשעת ער איז געווען יונגער, איז זיין הויז געווען בעלאַ־גערט פון ווייבער. און ווייבער, ווי איהר ווייסט, האָבען ליעב אַ סך צו רעדען. בפרט אז מ׳קומט צום צדיק. און מ׳קומט גאָט ווייס פון וואַנען. וויפיעל יסורים קומט עס אָן אַן אָרימער יודע־נע, ביז זי איז זוכה אַנצוקומען צום רבי׳ן. וויפיעל האָט זיך דאָס אנגעקליבען אויף איהר הארצען, און איהר שווער געמיט, ווילט זיך איהר אַלץ, אַלץ אויסגיסען פאַר׳ן רבי׳ן. און דער רבי האָט טאַקע מיט זיי, מיט די ווייבער, אַ סך, אַ סך געדולד. מעהר פאַר דער רבי׳צין. נאַטירליך איז זי, די רבי׳צין, ניט מעהר ווי אַ יודענע, כאָטש אַ חשוב׳ע יודענע, דעם צדיק׳ס אַ ווייב. זו־מער, צום ביישפּיעל, דער רבי איז שוואַך. מוז ארויספאָהרען אויף אַ דאַטשע. דאָקטוירים האָבען געהייסען. קומען זיי אָן, די ווייבער, הונדערטער, הונדערטער ווייז. טרעפען איהם ניט אין שטאָדט, בעלאַגערן זיי די דאַטשע. אַ פרייטאָג; ס׳איז ערב שבת, מ׳דאַרף שוין בענשען ליכט. און ער, דער רבי, איז נאָך ניט פאַרטיג מיט די ווייבער. ווערט זי בייז, די רבי׳צין; טרייבט זי איהם, דעם רבי׳ן מיט די ווייבער ארוים אויפ׳ן גאַניק. ס׳איז אַ רעגען. די ווייבער אַנטלויפען נעבעך... דער רבי נאָך זיי... אויסגעשפּרייט אויף זיי די הענד און בענשט זיי, און בענשט זיי...

פאָהרענדיג אין סלאָנים און פון סלאָנים האָב איך זיך גע־טראָפען מיט סלאָנימער ווייבער. ווייזט זיך ארוים, אַז דער פאָלקס־ווערטעל: „קיין נביא גילט ניט ביי זיך אין שטאָדט", איז דאָ אויך אמת. די סלאָנימער ווייבער זענען במעט גלייכ־גילטיג צו זייער צדיק.

— וואָס איז דאָ אַזוי די לויפענעס, — קריטיקירט אַ קרע־מערקע די אַנגעפאָהרענע ווייבער. מיר, סלאָנימער, ווערען נאָר ניט אַזוי נתפעל. אַן עהרליכער יוד! פאַראַן גענוג עהרליכע יודען!

— אי, וואס רעדט איהר, וואס רעדט איהר! ענטפערט איהר א יודינע, ניט קיין סלאנימער, פון דער אנטקעגענדינגער באנק. אייך איז אזוי גוט און אזוי וואויל! אז „ער" געהט דורך, מיט זיין ליכטיגען פנים, פערביי אייך, איז דאך שוין גענוג... וואס דארפט איהר מעהר... אבער מיר, ווען האבען מיר די זכיה...

איבערדערצעהלען די וואונדער, וואס מ'דערצעהלט זיך אז אין המון פונ'ם „סלאנימער" וואלט ניט קלעקען קיין בוך. אט איז איינער פון די מופתים.

געקומען צום רבי'ן א פריזיוואניק פון זשעלודאק. א קליין שטעדטעלע נעבען סלאנים. ער איז שוין געווען פריהער ביים זשעלודאקער רב, פרעגען אן עצה. האט איהם דער זשעלודאקער געהייסען זאגען תהילים. אזא „רעצעפט" האט זיך אויסגעוויזען דעם זשעלודקער פריזיוואניק צו ביליג. תהילים! — אויף אזא עצה האט ער דאך אליין געקענט פאלען. רעכענט ער, אז „ער" אליין, דער סלאנימער, וועט מן הסתם געבען א וויכטיגערע סגולה. קומט ער און דערצעהלט איהם גאר ניט, אז ער איז שוין געווען ביי א „גוטען יודען".

אבער פאר'ן סלאנימער איז ניטא קיין פערבארגענע זא־כען. „מ'ט דיר געהייסען זאגען תהילים", — ווענדעט ער זיך מיט'ן ערשטען „שלום עליכם" צום בחור.

— ניטא קיין צייט, — ענטפערט דער בחור. — איך דארף זיך היינט שטעלען. מ'וועט מיך אויסרופען „צום פריאם".

— מ'וועט דיר ניט אויסרופען, — מעלדעט דער רבי, — געה.

אויף מארגען קומט דערזעלבער בחור מיט א פרעהליכע בשורה: מ'האט איהם ארויסגעלאזען — ער זאל זיך פעררינ־טען, ביז איבער א יאהר. דער רבי האט איהם געבענשט. דער בחור געהט ארויס. דער רבי הייסט איהם צוריק רופען.

— האסט געלד? — פרעגט דער רבי מיט א שטים פון געוויסהייט.

דער בחור קוועטשט זיך, קווינקעלט זיך: אויף וואס דארף דער רבי דאס געלד. ער וואגט אבער ניט צו זאגען א ליגען.

— איך האב — שטאמעלט ער.

— גיב אהער! — בעפעהלט דער רבי.

דער בחור האט ביי זיך געהאט זעקס הונדערט רובל. נעהמט ער ארויס דעם פאליארוס, וויל אבצעהלען דעם רבי'ן עטליכע רובל.

— גיב אהער, אין גאנצען! — הייסט דער צדיק.

דער בחור קראצט זיך און שטאמעלט:

— איך... איך... האב ניט מיט וואס צו פאהרען אהיים.

דער רבי נעהמט ארויס ביי איהם פון האנד דעם פאליא־רוס און גיט איהם צוריק פינף רובל אויף דער רייזע אהיים.

איז וואס מיינט איהר איז געווען?

דער בחור איז געפאהרען מיט א גאנצע קאפאניע יודען. אויפ'ן וועג זענען זיי בעפאלען גזלנים און מ'האט זיי באַ־רויבט. ביי דעם בחור האט מען ניט געהאט וואס צו נעהמען.

אויף מארגען איז ער געקומען צום סלאנימער. דער רבי האט גאר נישט גערעדט, ארויסגענומען דעם פאליארום מיט די זעקס הונדערט רובל און אבגעגעבען דעם בחור מיט די ווערטער: „געה לשלום".

עס טרעפט אבער אויך, אז דער רבי קען ניט פערהיטען פון א גנב אפילו... זיך אליין.

אט קומט צו איהם א שטויגער א ביטער הארץ... אן ארי־מאן נעבעך... קלאגט זיך אויף פרנסה. דער רבי, ווי זיין שטויגער איז, הערט איהם אויס, בענשט איהם: גאט זאל אייך מצליח זיין, וואו איהר וועט זיך קעהרען...

דעם רבינ'ס ברכה ווירקט אויפ'ן ארט: דער אורח קעהרט זיך טאקי צו דער רבי'צינ'ס קאמאד, נעהמט ארויס דריי הונ־דערט רובל און — ניטא!...

אז א יוד האט צו טאן מיט א שלעכטען „בעל דבר", ס'הייסט מיט א גוי, א שונא ישראל, ווענדעט מען זיך צום סלאנימער. מ'זאגט, אז דערין איז אויך דער סלאנימער א „ספע־ציאליסט". ער הייסט זאגען א פסוק און מיט'ן פסוק אליין מוז מען ווערען געהאלפען. און טאמער העלפט ניט, ווייס שוין דער רבי קלאר, אז דער „בעל דבר" איז ניט קיין פשוט'ער. ער איז

פון די „עמלקים". און ... די „עמלקים". זאגט ער, העלפט קיין שום פסוק ניט. „כל זמן" יודען זענען אין גלות, מוזען זיי, די עמלקים, האבען די אויבערהאנד. דא מוז מען האבען א ראדי־קאלען מיטעל, וואו דער פרט שפיעלט שוין קיין ראלע ניט, וואו די ישועה מוז קומען פאר'ן כלל. איהר שטויסט זיך מסתמא אן אליין, אז דא האנדעלט זיך וועגען אראפּברייגנגען משיח'ן.

און אט מיט עטליכע יאהר צוריק, בשעת רוסלאנד האט געשטורעמט פון בראונינגס, באמבעס און פּאגראמען, האט זיך דער „סלאנימער" טאקע וועגען דעם ענין שטארק פער־טראכט. ער האט געזעהן בעשיינפערליך, אז „כלו כל הקצין". אלע „קצין" זענען אויס, „באו מים עד נפש". דאס וואסער האט דערגרייכט ביז צום האלז. ניין, אפנים אז ס'האלט שוין גאר נאהענט, גאר נאהענט...

און דער „סלאנימער" איז געווען אזוי זיכער, אז עס האלט שוין גאר נאהענט, אז אמאל, א פורים — דער איינציגער טאג, ווען א פרומער יוד מעג נעהמען אן איבריג ביסעל בראנפען, האט זיך דער „סלאנימער" שטארק פרעהליך געמאכט מיט די שטאדטישע לומדים־באלעבאטים, און זייענדיג היבש „בגילופנד־דיג" האט ער אנגעהויבען שילטען:

— פערכאפּט זאל ער ווערען!... א כפרה זאל ער ווערען!..

די קאמפּאניע, וואס האט צוזאמען גענומען אביסעל משקה מיט'ן רבי'ן, האט זיך שטארק פערוואונדערט. נאך קיינמאל, קיינמאל האט דעם רבינ'ס הייליג מויל ניט ארויסגעבראכט קיין קללה. דער עולם האט זיך מורא'דיג פעראינטערעסירט:

— ווער? ווער? — האט געקלונגען פון אלע זייטען.

— דער „בעל דבר"! — האט דער רבי געשריען — דער „בעל דבר"!... די „סטרא אחרא", וואס לאזט איהם ניט... משיח'ן...

דערמיט האט זיך דער „סלאנימער" ניט בענוגענט. איהר דארפט וויסען, אז מעהר פון זיינע חסידים גלויבט ער, דער „סלאנימער", אליין אין זיך. ער האלט זיך פאר א „בן יקיר" ביי דעם „רבוני של עולם". וואס דער צדיק זאגט, מוז דער אויבערשטער טאן.

נו, און ווי אזוי, ... ס'זאל זיך, ס'הייסט, אז ער, דער צדיק, זאל זיך טאקע נעהמען צו דעם „כביכול“ מיט תקיפות? ניט אב־טרעטען פון ארט: דאוואי קאנצא! עס מוז נעהמען אן עק...

ניכטערערהייט וואלט זיך עס אפשר דער סלאנימער ניט ער־לויבט, וואלט ניט געוואגט, נאר אונטערגעווארעמט פון די משקה, איז ער ביי זיך געווארען אלץ האפערדיגער, דרייסטער, און צום ערשטוינען פונ'ם גאנצען עולם, האט ער פלוצלונג א זאג געטאן:

— איך גיב אייך א האנד אויף מיין חלק עולם הבא, אז היינטיגעם יאהר קומט ער... קומט משיח...

איהר פערשטעהט, וואס נאך דעם האט זיך געטאן אין שטאדט, צווישען פרומע יודען און ווייבער?

עס איז אוועקגעגאנגען א יאהר און צוויי און דריי און — משיח איז ניט געקומען. אבער דאס גלויבען אין צדיק איז פונ־דעסטוועגען ניט אבגעשוואכט געווארען. קיינער דערמאנט ניט דעם רבי'ן זיין שבועה, קיינער מאכט איהם קיין פארוואורף ניט.

און מיר וועלען איהם אויך קיין פארוואורף ניט מאכען. ניט לאכען פון איהם. ווארים ווער, פון די סאמע פער'עקשנ'טע, פערביסענע אפיקורסים אפילו, איז דאן, אין „יענע טעג“, ניט געווען גרייט צו שווערען אויף זיין „חלק עולם הבא“, אז די גאולה איז שוין גאר נ א ה ע נ ט....

איך האב גערעדט אין סלאנים מיט יודישע אינטעליגענטע יונגע לייט, מיט בעוואוסטזיניגע ארבייטער, געוואלט וויסען: ווי קוקען זיי אויפ'ן רבי'ן? און איך האב זיך איבערצייגט, דא, שוין ניט צום ערשטען מאל, אז אונזער מאסען־יוגענד, ניט קו־קענדיג אויף איהר ווינציגע בילדונג, איז אין איהר גייסטיגער ענטוויקלונג אהן אן ערך ווייטער אוועק פון דער אמאליגער משכילישער אפיקורסישער יוגענד. זי נעהמט ארום די ערשיי־נונגען פון לעבען טיעפער, ברייטער, זאגאר פון געוויסע אווי־טאריטעטנע געלעהרטע....

קיינער פון זיי שרייט ניט: פאנאטיזם! פינסטערנים!

קיינער פון דער יוגנט האט ניט געפרובט פיהרען א דירעקטען קאמף מיט דער אבערגלויבישער פערגעטערונג פונ׳ם צדיק.

— ע ר שטעהט ביי מיר פיעל העכער פון א דאקטאר, א קאריערעסט, וואס זוכט אויס זיין פאציענט, ניט גלויבענדיג א האר אין דער מאכט פון זיינע מיקסטורען — ערקלערט מיר איינער פון זיי, אן אינטעליגענטער יונגער מאן — ער וועניגס־טענס איז אויפריכטיג, גלויבט אין זיך, ליעבט דאס פאלק, וויל איהם העלפען אויף זיין שטויגער.

און אנדערער געהט ווייטער:

— פראפעסאר אויגוסט פארעל (דער פערפאסער פון דעם בעריהמטען בוך „געשלעכט־פראגע") בעהויפטעט, אז געוויסע געשלעכטליכע קראנקהייטען און קינדערלאזיגקייט קען מען היי־לען דורך היפנאטיזם. פאר וואס זאל מען ניט צוגעבען, אז דער „סלאנימער" בעזיצט א היפנאטישע קראפט און קען אין גע־וויסע פאלען דורך איהר ווירקען?

אז דער „סלאנימער" בעזיצט אין זיין בליק א געוויסע היפנאטישע קראפט איז קיין שום ספק ניט. ער האט א מערק־ווירדיג שארפע, דורכדרינגענדע אויג. ער האט דערצו אין זיין לאנגען לעבען געהאט צו טאן מיט אזוי פיעל מענשען, אז ער קען זעהר גוט זייער פסיכאלאגיע. ער דארף נאר א קוק טון אויף א יודענע, ווייס ער וואס איהר פעהלט, וואס זי האט איהם און וואס ער האט איהר צו זאגען. זיין היפנאטיזירענדער ווירקונג העלפט א סך מיט דער בלינדער גלויבען אין איהם פון די דונ־קעלע מאסען — און ניט בלויז מענשען פון דער מאסע—און זיין אייגענער גלויבען אין זיך זעלבסט. דער „סלאנימער" איז ניט קיין שווינדלער. ער איז א העכסט אויפריכטיגער מענש. ער גלויבט אין זיין בערוף, אין זיין ווארט, אין זיין ברכה. דערצו — און דאס איז דער עיקר — איז ער דער איינציגער פון אלע „גוטע יודען", וואס נעהמט קיין געלד ניט. פון אזא טיפ, און אביסעל א העכערע מדרגה, ווערט אין געוויסע מאמענטען בע־שאפען א קריסטוס, אדער אן אפאסטאל.

אין דער שטורעמדיגער צייט פון דער רעוואלוציע, האט ער, דער „סלאנימער", פונקט ווי דער בריסקער רב, רבי חיים סא־

לאוויטשיק, געמוזט ניט ווילענדיג, ארויסטרעטען און זאגען זיין ווארט. מ׳האט גע׳הרג׳עט א סטראזשניק. די בחורים, וואס האבען איהם געשאסען, זענען שוין לאנג אויף יענער זייט גרענעץ געווען. האט מען געכאפט צוויי אונשולדיגע סופרים און מ׳האט זיי פער׳משפט צו דער תליה. דער רבי און די „פני" פון דער שטאדט האבען אבגעגעבען א שבועה, אז זיי זענען אונשולדיג. די שבועה האט געווירקט און מ׳האט די צום טויט פערמשפטע דאס לעבען געשענקט.

פון דעמאלט אן פערהאלט זיך צו איהם די סלאנימער מאסען־יוגענד מיט רעספעקט.

„איך האב געהאט ביי איהם א משפט — דערצעהלט מיר א יונגערמאן, א ציוניסט־סאציאליסט, וואס האט גענומען א שטארקען אנטייל אין דער בעוועגונג — „וועגען א וואלד איז געווען ביי אונז א סכסוך מיט א שותף. איך האב ביי איהם דעם משפט פערשפיעלט. עס האט מיר געקאסט א שענע פאר רובל. נאר איך האב אויף איהם ניט קיין פערדרוס. פון מיין שטאנדפונקט בין איך געווען גערעכט. ביי זיין שטאנדפונקט אבער האט ער אנדערש ניט געקענט פסק׳נען".

דער „סלאנימער" האט פיינט צו זיין א „יושב אהל", א באנק־קוועטשער. ער מישט זיך אין לעבען, איז א היציגער כלל־טוער. דאס וואלט געווען א גרויסער חסרון פאר סלאנים, ווארים ער, דער רבי, האט אויפ׳ן לעבען זיין קוק, דעם קוק פון א „גוטען יודען". ער האט ליעב אפט צו דרש׳ענען. דעמאלט קענט איהר הערען אין שוהל עכטע „מיליטערישע" רעדעס. דער „סלאנימער" האט ליעב צו נעהמען משלים פון „עסטרייך מיט׳ן פריים", פון „באטארייען און הארמאטען", פון א בן מלך מיט א בת מלכה". און דאס איז אלץ כדי צו דערווייזען, וואס פאר א גרויסע עברה עס איז אבצוגעבען קינדער אין די גימנאזיעס, צו געהן מיט די איינענע האר, ניט צו האלטען פון דער מקוה. דער דאזיגער „הארמאטען"־ און „באטארייען"־קאמפף געהט צום גליק ניט ארויס פון שוהל און דער יונגער „אפיקורסישער" עולם ווערט ניט שטארק איבערגעשראקען.

נאר איינמאל האט זיך געטראפען, אז דער רבי האט זיך

ניט בענוגענט מיט די דרשות און האָט אויסגערופען א חרם אויף א יודישען פאָטאָגראַף, וואָס האָט געארבייט אום שבת. דאָס איז געווען גראָד אין יענע „הייסע טעג“. אבער דער רבי האָט אָנגעטראָפען אויף א ביטערן יונג. דער פאָטאָגראַף האָט גענומען א בראונינג און איז אוועק צום רבי'ן: מ'וויים ניט,צו ער האָט אין רבי'ן געשאָסען און ניט געטראָפען, צו ער האָט נאָר געדראָהט. מ'האָט איהם אבער געפאקט, אבגענומען דעם בראונינג און פערפיהרט געגען איהם א פּראָצעס. אין געריכט איז דער רבי געקומען אליין און האָט איהם פערטיידינט, און דער פאָטאגראַף איז ארויס פריי.

די לעצטע יאָהרען, זאָגט מען, נעהמט דער „סלאָנימער“ נאָר ניט צו קיין ווייבער. ער איז שוואַך אין געזונד און מיט ווייבער האָבען צו טאָן דארף מען זיין שטארק, ווי אייזען. וואָרים די יודישע פרוי אליין איז געווים נאָך שטארקער ווי אייזען. ווען זי קען טראָגען די פ י ע ר שווערע מזלות, וואָס דער שיקזאל האָט איהר בעשערט: צו זיין די טאָכטער, די מוטער, די ווייב פון א שקלאַף, טראָגען זייער אלעמענס יאָך און איהר אייגענעם, דעם שווערסטען: צו זיין א שקלאפין ביי א שקלאַף...

פון אָט דער זייט איז זעהר אינטערעסאנט די כאראקטעריסטיק פון דעם „ווייבערשען רבי'ן“. ער ווארפט אונז א ליכט אויף דעם טרויעריגען, האָפנונגסלאָזען, פינסטערן שיקזאל פון דער יודישער פרוי, בעזונדערם פון דער מאסען־פרוי, וועגען וועלכע מען קימערט זיך ביי אונז זעהר ווייניג. אינדעסען איז דאָס אונזער שוועסטער, אונזער מוטער. עס וועט קומען, נאַטירליך, א צייט, און די צייט איז אפשר ניט ווייט, ווען די יודישע פרוי וועט בעקומען איהרע רעכטע, וועט זיין פריי און גליקליך. דאן וועט זי זוכען א טרייסט אין זיך אליין; דאן וועט דער גלויבען אין רבי'ן פערוואנדעלט ווערען אין אן אנדער גלויבען — א גלויבען אין איהרע אייגענע קרעפטען. אבער דערווייל, דערווייל איז איהר שיקזאל אונערטרעגליך. און עס איז שווער בנאמנות, צו זאָגען: צו דארף מען זיך פרעהען, וואָס דער

קולט פון „גוטע יודען“, דער אבערגלויבען ביי דער יודישער פרוי, וועט יעצט ווערען שוואכער, צו מען דארף בעדויערן, וואס אין איהר שווערער, אונערטרעגליכער לאגע וועט זי יעצט ניט האבען קיין פריינד, פאר וועמען זי וואלט איהר שווערען גע־מיט אויסזיפצען קענען, און א טרייסט באטש און א פריינדלי־כען ווארט געפינען...

דער בייקיער בחור-„בעל שם"

איך האב שוין לאנג פון איהם געהערט. אבער נאר יעצט, אויף מיין לעצטער רייזע איבער ליטא און פאלעסיע, האט זיך מיר איינגעגעבען צו בעקומען וועגען איהם מעהר, אדער וועניגער, גענויע ידיעות.

דאס איז געווען א בחור — א גוטער יוד. פיליכט דער מערקווירדיגסטער פון אלע גוטע יודען. דאס איז געווען א לעבענס-טראגעדיע, פאר וועלכער קיין קינסטלער און קיין היסטאריקער איז נאך ניט געבארען געווארען.

ווער ווייסט וויפיעל טראגעדיעס אזעלכע, פון יודישע נשמות, האבען זיך אבגעשפילט און שפילען זיך נאך איצט אב אין די פערלעגענע בלאטעס פון פאלעסיע און אין די פערווארפענע ווינקלעך פון ליטא?

דער בייקיער בחור איז ניט געווען בעריהמט, ווי דער סלאנימער, איבער'ן גאנצען תחום. דאך, איז קיין גוטער יוד ניט געווען פערגעטערט, אזוי ווי ער, אין גראדנער גובערניע, אויף צעהנדליגע מיילען ארום זיין שטעדטעל בייקי.

און ווען דער ברייטער עולם האט אנדערש וואו פון איהם ניט געוואוסט, דערפאר איז ער געווען בעריהמט ווייט איבער די גרענעצען פון זיין גובערניע, ביי איינצעלנע מענשען. און דוקא ניט קיין פשוט'ע. מ'זאגט, אז יוריסטען פלעגען צו איהם קומען האלטען זיך עצות וועגען פראצעסען. דער גענעראל, צו וועמען דאס שטעדטעל בייקי בעלאנגט, האט אהן איהם קיין

טרים נישט געטאָן. איבעריגענס פלעגן קומען צו איהם מענשען אַזש פון אפריקא און פון אמעריקא. דער „סלאָנימער“ אַליין פלעגט אבשיקען צו איהם. ער, דער בייקיער בחור, פלעגט פיה־רען קאָרעספּאָנדענצען מיט פראָפעסאָרען.

מ׳זאָגט, ער האָט בעזעסען אַ גרויסע ידיעה אין מעדיצין. האָט געהאַט אַ שטאַרקען בעגריף אין אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַ־טיק. האָט געקענט כמעט אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכען און איז דערצו געווען אַ שאַרפער העברעער. אין סלאָנים איז ער קיינ־מאָל אויף זיין לעבען ניט געווען און, ווי מ׳דערציילט, איז ער קלאָר געווען אין סלאָנים, אַז ער האָט יעדע גאַס און געסעל געוואוסט, ווי זיינע פינף פינגער.

דער „בייקיער“ איז, אָהן אַ שום ספק, געבאָרען געוואָרען מיט געניאַלע פעהיגקייטען. נאָר ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַן אַרימער יודישער אונוויסענדער ספערע, אין אַ פערלעגענעם דאָרף, צווישען מענשען, וואָס האָבען ניט געוואוסט: וואָס טוט מען מיט אַזאַ נפש.

און דער בייקיער, נאָך אַלס קינד, האָט זיך אַליין געמוזט העלפען. ער איז געווען פול מיט בעוועגונג, פול מיט לעבען: איז געווען אַ גרויסער קונדס און געקראָכען אויף פאַרקענס, אויף בוימער. איינע פון אַזעלכע עקסקורסיעס אויף בוימער האָט זיך פאַר איהם געענדיגט ניט גוט: עס איז אַראָבגעפאַלען פון דער הויך און געבליבען אַ קאַליקע אויף זיין גאַנצען לעבען.

בעקומענדיג אויסגעדרעהטע פיס און צוויי האָרבעס, פון פאָרענט און פון הינטען, האָט דער „בייקיער“ זיין גאַנצען דורשט צו לעבען אריינגעטאָן אין לערנען. ער האָט געלערנט גאַנצע נעכט, האַלטענדיג די פיס אין קאַלטע וואַסער. דערפון האָט ער זיך פערקיהלט און פון אַ מענשען איז ער געוואָרען בלויז אַ שאָטען פון אַ מענשען, געוואָרען אַ לעבעדיגער סקע־לעט, מיט אַ גרויסען קאָפּ, מיט טיפע וואונדערליכע אויגען און בלויז מיט עטליכע האָר אויפ׳ן קאָפּ.

נאָר די אויגען זיינע האָבען מאָדנע געלויכטען און צוגע־געבען זיין גאַנצער פיגור עפּיס ניט ערדישעס. ווער עס האָט

איהם איינמאל געזעהען, האט איהם, דעם בייקיער, קיינמאל ניט געקענט פערגעסען.

ער האט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט. אפילו זיצען ניט געקאנט. ער איז געלעגען אין א זיצענדער פאזע, בעפעס־טיגט מיט צוויי קישענס פון פארענט און פון הינטען. אט אזוי האט ער פערלעבט זיין קינדהייט, זיין יוגענד; אזוי האט ער ש"ס און פוסקים געלערענט און פערשידענע וועלטליכע וויסענ־שאפטען און שפראכען ערווארבען, און ספרים און ביכער געקרא־גען, אבשפארענדיג פון עסען און טרינקען. ביי איהם איז גע־ווען, זאגט מען, איינע פון די רייכסטע ביבליאטעקען.

די ערשטע צייט איז ער געווען א דארף־מלמד. האט בע־קומען פופצעהן רובל א זמן. ער פלעגט אויפשטעהן פינף אזייגער אין דער פריה. זיינע תלמידים האבען געשלאפען אויפ'ן בוידעם, פלעגט ער מיט דער קוליע אין סופיט קלאפען און וועקען זיי לערנען.

יאהרען האט ער זיך אזוי אבגעמאטערט א מלמד. ענדליך האבען זיך מענשען דערבארעמט. מ'האט איהם אויפגעמאכט געלד און געשיקט קיין אויסלאנד קורירען זיך. היילענדיג זיך, האט ער אין אויסלאנד פלייסיג געלערענט: שפראכען, וויסענ־שאפטען, איבערהויפט — מעדיצין. מיט מעדיצין האט ער זיך נאך פריהער בעשעפטיגט. א קראנקער, א ליידענדער זיין גאנ־צען לעבען, האט ער געזוכט צו דערגעהן מיטלען, ווי אזוי זיך אליין צו העלפען, צו מאכען לינדער זיינע ליידען. זיין אייגע־נער קראנקער קערפער איז זיין לעהרער געווען. דערפאר האט ער דורך זיין ארגאניזם, דעם מענשענס ארגאניזם בכלל קענען געלערנט.

אויסלאנד האט איהם ווייניג געהאלפען. דערפאר האט ער בעשלאסען, קומענדיג אהיים, אנדערע צו העלפען. ער האט זיך גענומען צוקוקען צו מענשליכע ליידען און געהאלטען פאר זיין פליכט זיי צו העלפען. ער פלעגט היילען מיט מעדיצינישע און היגיענישע מיטלען, פיליכט אויך מיט היפנאטיזם. ער איז געווען, — דערצעהלען מיר סלאנימער, — זעהר א קלוגער, און האט זיך געמיהט זיין נוצליך ניט בלויז קראנקע, נאר אויך

געזונדע מיט זיין ראט. מ׳האט דעריבער אנגעהויבן פאהרען צו איהם פון נאהענט און פון ווייט. עס האבען זיך אנגעהויבען פערשפרייטען װעגען איהם לעגענדען, װעלכע האבען, ווי אי־מער אין אזא פאל, געטראגען א װאונדערליכען כאראקטער. מ׳דערצעהלט, צום ביישפיעל אז מ׳האט געבראכט צו איהם א מיידעל וואס האט געמעקט, ווי א קאלב, און ער האט איהר געהאלפען. קריסטען פלעגען אויך פאהרען צו איהם. קיין געלד האט ער ניט גענומען. נאר די מענשען, וואס פלעגען קומען צו איהם, פלעגען איינשטעהן ביי זיין טאטען אין קרעטשמע און צאהלען פאר עסען און טרינקען. דערפון האט זיין טאטע גע־האט חיונה און האט איהם געקענט האלטען ביי זיך.

אליין איז געוועז דער בייקיער בחור גוואלדיג פרום, נאר ער האט זיך ניט געקימערט, צו יענער איז פרום. ביסלעכווייז האט זיך פערשפרייט וועגען איהם דער קלאנג ברייט און ווייט, ווי וועגען א גוטען יודען, און מ׳פלעגט קומען צו איהם פשוט נאך ברכות.

אינטערעסאנט איז, אז אפילו דאן, ווען הונדערטער מענ־שען פלעגען צו איהם טעגליך פאהרען, האט דער „בייקיער בחור" זיך ניט בעזעצט אין א שטאדט, צו אין א שטעדטעל. ער איז געזעסען אין זיין דארף. אהין זענען צו איהם געקומען זיינע לייט. דארט אין דארף, ווייט פון א ישוב איז ער געשטארבען צו פיער און דרייסיג יאהר, אוועקטראגענדיג מיט זיך אין קבר די טרויעריגע געשיכטע פון זיין לעבען און ליידען.

מ׳דערצעהלט, אז ניט בלויז ער אליין, נאר אויך זיין פא־מיליע האט ניט געוואלט עקספלאאטירען זיין נאמען. נאך זיין טויט איז געקומען איינער פון זיינע פערעהרער, ערגעץ פון ווייט, און האט געוואלט שטעלען א מויערל אויף זיין קבר. דער ברודער האט ניט געוואלט און זיי האבען געשטעלט די מצבה בשותפות.

איך האב גערעדט וועגען דעם „בייקיער בחור" מיט פער־שידענע מענשען, מיט עלטערע און מיט יונגערע. און איך האב זיך איבערצייגט, אז אפילו יונגע מענשען, גאנץ פרייגעזאנענע, בעציהען זיך צו זיין אנדענקען מיט רעספעקט. זיי לייקנען,

נאטירליך, די מופתים און ברכות און אלע לעגענדעס וועגן דעם בייקיער, אלס „גוטער יוד". נאר צווייפלען ניט, אז ער האט ווירקליך איין א סך פאלען געהאלפען דורך ׳ ׳נע ברייטע מעדיצינישע ידיעות און טיפען דורכדרינגענדען פערשטאנד.

נאכ׳ן „בייקיער", זאגט מען, זענען געבליבען אינטערעסאנטע כתבים, וועלכע ווארפען געווים א שיין אויף אט דער מערקווירדיגער רעטזעלהאפטער פערזענליכקייט. נאר צו די כתבים איז שווער צוצוקומען און עס איז א ספק צו וועלען זיי ווען עס איז זעהן דאס ליכט.

דער „בייקיער" האט בעלאנגט צו די לעצטע פאלקס־פריינד־אידעאליסטען פונ׳ם אלטען טיפ. נאר דער „בייקיער" איז געווען דערצו א טיעפע פילזייטיגע נאטור, איז בכלל געווען א געבילדעטער מענש. דערצו איז ער געווען א מארטירער. ווער ווייסט וואס דאס יודישע פאלק האט אין איהם פערלארען, און וואס פון אט דער מערקווירדיגער פערזענליכקייט וואלט ארויס, ווען די אומשטענדען, וואלטען זיך ניט אויפגעלעגט פאר איהם אזוי טראגיש.